ש. בר – עוזי

# מיין יסורים-וועג



[שמשון ליוועראנט]

ש. בר־עוזי

☆

# מיין יסורים־וועג

„ווען די פילצאָליקע אומשולדיקע קרבנות אומגעבראַכטע אין סטאַלינס מאָרד־תקופה וואָלטן געגעבן שפּראַ־צונגען — וואָלטן פון זיי אויסגע־וואַקסן ריזיקע וועלדער און באַדעקט די רחבותדיקע שטחים פון סאָוועטן־רוסלאַנד".

ש. ב.

ש. בר־עוזי
[שמשון ליוועראנט]

# מיין יסורים־וועג

(זכרונות פון די טורמע און לאַגער־יאָרן אין סאָוועט־רוסלאַנד)

ערשטער טייל

פאָרוואָרט און רעדאַקציע
פון
יוסף קערלער

פאַרלאַג „ניי־לעבן"
תל־אביב 1983 תשמ"ד

Digitized by Project Zikaron
Touro University-NY Libraries
www.zikaron.tourolib.org
2026

SH. BAR-UZI

# MEIN YESSURIM-WEG

ש. בר־עוזי / בדרך היסורים

# ש. בר־עוזי / מיין יסורים־וועג

COVER BY
M. ORBACH

טאָוול געצייכנט פון מ. אורבך

כל הזכויות שמורות למחבר

Copyright
©
Sh. BAR-UZI

Printed in Israel 1983

נדפס בישראל תשמ"ד

דפוס „אור" בע"מ, שד' הר־ציון 104, טל. 822481, תל־אביב, ישראל

# מיין טיפסטן דאַנק אַלע אָרגאַניזאַציעס, קרובים און פריינד מיט וועמעס הילף עס דערשיינט דאָס דאָזיקע בוך:

פאָנד פון בית הנשיא איפן נאָמען פון זלמן שזר ז״ל.
מעמאָריאַל־פאָנד פאַר יידישער קולטור אין ניו־יאָרק.
אירגון יוצאי שדליץ.
פאָנד אויפן נאָמען פון עדית פאָליאַק ז״ל.
משפחה פונעם פאַרשטאָרבענעם פריינד ר׳ אהרן ריבקינד ז״ל.
משפחה פונעם פאַרשטאָרבענעם פריינד יצחק רוטשטיין ז״ל.
משפחה פון דער פאַרשטאָרבענער פריינדין רחל שמעלצינגער ז״ל.
קינדער פון מיין פאַרשטאָרבענער קוזינע שרה מור ז״ל — שמוליק און משה.
פריינדין חיה ערליך צום אָנדענק פון איר פאַרשטאָרבענעם מאַן שאול ז״ל.
חיים גאָטהעלף און פרוי גילה.
חדר־חבר פון ראַדזימין יצחק עפלבוים און פרוי חנה.
פריינדין פון די קינדעריאָרן דבורה יאַניש (פון ראַדזימין).
יוסף וואָלף און פרוי גאָלדע פון אַמעריקע.
יוסף קאָרן און פרוי ליליאַן פון אַמעריקע.
ד״ר זשורקאָווסקי פּאַוועל און פרוי אירענע.
ד״ר ירון נפתלי און פרוי פרידה.
בילעצקי פראַנעק און פרוי רות.
מעץ רפואל און פרוי שרה.
ליבנה אורי און פרוי רחל.
נחמה און יצחק יונגשטיין.
מנחם בן אריה צום אָנדענק פון זיין פרוי זהבה ז״ל.
יששכר בן עוזיאל צום אָנדענק פון זיין פרוי פרידה ז״ל.
אַרונסון ליאָן און פרוי הדסה.
באַרנבוים שבתאי און פרוי וואַליאַ.
אַנטיפּקה משה און פרוי מאַראַ.
קאַמינסקי אלישע און פרוי נינאַ.
רביבי עזריה און פרוי טובה.
דינה און משה קראַקאָווסקי — קינדער פון מיין פריינד חיים חפץ ז״ל.
משפחה פון יצחק קעניגשטיין ז״ל.
באַרנבוים שבתאי און פרוי וואַליאַ (אַמעריקע).
יצחק און פעניע גרינשטיין.
קינדער פון מיין חדר־חבר נח און מלכה צוקערמאַן ז״ל.
פערעלע און דוד (מאָנטעווידעאָ) צום פאַטערס אָנדענק.
גרשון שפירא און פרוי עלענאַ.

**מיין פרוי קלאַראַ**
**געווידמעט מיט ליבשאַפט**

צום הייליקן אָנדענק פון
מיין פאָטער עוזיאל ז״ל
מיין מוטער מלכה ז״ל
מיין שוועסטער גיטעלע ז״ל
מיין ברודער נטע ז״ל און זייערע משפּחות
אומגעבראַכטע אין נאַציסטישן טויט־לאַגער טרעבלינקע.
און
פון מיינע פּילצאָליקע פרײַנד און חברים אומגעבראַכטע אין די סטאַלינישע טויט־לאַגערן.

# הקדמה

א יאָר נאָך דער אָקטאָבער־איבערקערעניש, אין 1918, האָט לענין, פאַרעפנטלעכט אַ בראָשור אונטערן נאָמען „די פּראָלעטאַרישע רעוואָלוציע און דער רענעגאַט קאַרל קאַוטסקי".

די דאָזיקע אַרבעט איז אויסגעהאַלטן געווען, ווי געוויינלעך, אינעם „קלאַסישן לעניניסטישן סטיל" פון בייזוויליקער און שאַרפער זידלעריי קעגן אַפּאָנענט. אָבער נישט דאָס בין איך אויסן. מיך אינטערעסירט בעיקר איינע פון די אַרויסגעבראַכטע אין יענער בראָשור לענינס דעפיניציעס:

„פּראָלעטאַרישע דיקטאַטור — ווערט דאָרט געזאָגט — באַטייט אַ מלוכישע מאַכט, וואָס פירט אויס אירע דעקרעטן מיט דער הילף פון צוואַנג און טעראָר, וועלכע באַגרענעצן זיך נישט מיט קיינע געזעצן".

שפּעטער האָבן זיינע נאָכפאָלגער זיך אויסגעלערנט רעדן נישט אַזוי אָפנהאַרציק ווי זיי טראַכטן און דאָך ענלעכע „פּערל", מער אָדער ווייניקער טראַנספאָרמירטע אַרויסזאָגעכצן, קען מען אָנטרעפן ביי די „קלאַסיקער פון מאַרקסיזם־לעניניזם שוין אָפגערעדט פון סטאַלינען, וועמען מען האָט מיט רעכט געקרוינט אַלס דעם סאַמע קאָנסעקווענטן יורש, פאַרזעצער און פאַרווירקלעכער פון לענינס „גוניאַלע אידייען".

צוואַנג און טעראָר, וועלכע זענען נישט באַגרענעצט מיט קיינע געזעצן, האָט מען געטייטשט, ווי אַ צייטווייליק מיטל, כדי אויסצוהיטן און באַשיצן די „רעוואָלוציע פון אַרבעטער און פויערים". אָבער דאָס בלוטיקע מיטל איז נאָך בעת לענינען פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ ציל פאַר זיך, אין אַ פּערמאַנענטן בלוטיקן ציל — פאַרפעסטיקן אויף אייביק די איין־פּאַרטייִשע קאָרופּציע איבער די קאָלאָסאַלע שטחים פון דער געוועזענער גרויס־רוסישער אימפּעריע, אַז די 200 מיליאָניקע באַפעלקערונג אירע זאָל געצווונגען זיין אויספילן געהאָרכזאַם און אַפילו מיט „באַגייסטערונג" און „ענטוזיאַזם" די סאַמע ווילדסטע אַנטיהומאַנע „דעקרעטן" פון די מאַכט־האָבער.

סטאַלין, ווי געזאָגט, איז געווען קאָנסעקווענט אין זיין לעניניסטישער פּראַקטיק — ליקווידירט די „פּאַראַזיטאַרע" קלאַסן, האָט ער נישט אויפ־

געהערט צו פֿרײדיקן „פֿאַרשטאַרקטן קלאַסנקאַמף“ אויך אין דער „קלאַסנ-לאָזער סאָציאַליסטישער געזעלשאַפֿט“. די לעצטע 7‑8 יאָר פֿון זײַן זעלבסט-הערשונג איז ער שוין צוגעטראָטן אויך צו ... פֿעלקער-ליקווידאַציע.

פֿריִער לעניִן, דערנאָך סטאַלין מיט זײַן פּאַרטײ-אַפּאַראַט האָבן פּאַר-מירט און אַרויסגערופֿן צום לעבן דעם שרעקלעכן, מגושמדיקן גולם פֿון מאַסן-מאָרד. אַט דער מוראדיקער מאָנסטער שפּאַצירט זיך, אָנהויבנדיק, פֿון 1917, איבערן לאַנד און אויסערן לאַנד, שפּרײטנדיק פּחד, אומגליק און טויט. די סאָוועטישע מנהיגים קענען אים צײַטנווײַז צוימען, אָבער אָפּשטעלן אים זענען זײ ניט בכוח, ווײַל דאָס וואָלט באַטײַט זעלבסטמאָרד פֿון רעזשים גופֿא.

צוואַנג און טעראָר — דאָס איז די צווייטע, אויב נישט די ערשטע נאַטור פֿון דער סאָוועטישער מלוכה-סיסטעם. אָן דעם אָנשפּאַר-פּונקט, וואָלט די קאָמוניסטישע פּאַרטאָקראַטיע שוין לאַנג אויסגערינען ווי אײנע פֿון די סאַמע וויסטע פֿינצטערע חלומות פֿון מענטשלעכער געשיכטע.

*

פֿאַראַן שוין אַ היפּשע ליטעראַטור — ראָמאַנען, דערציילונגען און בעיקר מעמואַרן, אין וועלכע די, על פּי נס, געראַטעוועטע קרבנות באַמיִען זיך אָנטפּלעקן פֿאַר דער שטוינענדיקער וועלט די סאָוועטיש-קאָמוניסטישע פֿאַרברעכנס קעגן מענטשלעכן מין — קנעכטשאַפֿט, רעפּרעסיעס און אָרגאַ-ניזירטער מאַסן-מאָרד, וועלכע זענען אָנגעווענדט געוואָרן פֿיל פֿריִער איידער נאָך ס'האָט זיך באַוויזן אויפֿן שוין פֿאַרבלוטיקטן האָריזאָנט היטלער מיט זײַן מענטשן-פֿרעסערישן נאַציזם.

זכרונות וועגן די איבערלעבענישן אין דער סאָוועטישער לאַגער-אימ-פּעריע זענען דערשינען אויך ביז צו דעם מעכטיקן דעמאַסקירער אַלעקסאַנ-דער סאָלזשעניצין. ס'לוינט זיך דאָ פֿאַרצייכענען צוויי ביז גאָר דערשי-טערנדיקע ווערק אין דײַטש — די מעמואַרן פֿון עלעאָנאָר ליפּפּער (1950) און מאַרגאַריטאַ בובער-נוימען (1958), דאָס בוך אין רוסיש פֿון יולי מאַרגאָלין „נסיעה אין אַרעסטאַנטן-לאַגער“ (אין לאַנד פֿון די „זע-קאַ“), אַ בוך וואָס צייכנט זיך אויס מיט גרויס טאַלאַנט, שאַרפֿזין און לײַדנשאַפֿט (דערשינען אין אַן אַמעריקאַנער רוסישן טשעכאָוו-פֿאַרלאַג, אין יאָר 1952). אַזעלכע ביכער האָט מען דאָן אויף מערב נישט געבאַלעוועט מיט קיין רעצענזיעס און אָפּרופֿן... נאָך גוט וואָס מען פֿלעגט אָפּקומען מיט אַ טרו-קענער אינפֿאָרמאַציע, פֿאַרשטופּט ערגעץ אויף די לעצטע פּעטיט-זײַטלעך

פון דער פּעריאָדיק. אויך נישט אַזוי שלעכט — ווען מען פלעגט בכלל פאַרשווייגן אַזעלכע „רעאַקציאָנערע" פובליקאַציעס.

ביי אונדז אין ישראל, למשל, ווו נישט נאָר דער לינקער לאַגער האָט דאָן געקרענקט מיטן פסיכאָז פון פּראָסאָוועטיזם, האָט יולי מאַרגאָלין — דער איבערצייגטער ציוניסט, גלענצנדיקער זשורנאַליסט, עסעיסט און אינ־טערפּרעטאַטאָר פון דער ייִדישער געשיכטע — פאַר זיינע אַנטפּלעקונגען געהאַט אויסצושטיין געבראָטענע צרות...

אַצינד, שוין אַ צייט נאָך כרושטשאָווס אָפענע דיבורים וועגן מאַסן־טעראָר „אינעם פעריאָד פון פערזאָנען־קולט *) און נאָכן געוואַגטן דורכ־ברוך אויף מערב פון סאָלזשעניצינס „אַרכיפּלאַג־גולאַג" איז שוין נישט קיין חידוש, וואָס אויך אין דער ייִדישער שפּראַך האָט זיך באַוויזן און דערשינען אַלץ מער און מער מעמואַרן־ווערק אויף אָט דער בלוטיק־טראַ־גישער טעמע. אַלע אַזעלכע ביכער איז שוין נישט אויסצורעכענען. וועל איך קודם אָנרופן דאָס אויסנאַמלעכע ווערק פון אַלזייטיק־באַגאַבטן יחיאל האָפער ז״ל — „אין ווייסער פאַרפאַלנקייט", דאָס בוך „און מ'האָט מיך רעהאַביליטירט" פון אַמאַליקן קאָמוניסט משה זאַלצמאַן (פּאַריז) און פון דעם אַסיר ציון אַהרן ראַזינס בוך „מיין וועג אַהיים", שמולעוויטשעס „צוריק פון יענער וועלט" און די פיר בענדיקע עפּאָפּייע פון יואל פערעל „דער מאָרגנשטערן"... דעם דיכטער מאָלטינסקיס „בירא־בידזשאַנער ענין" ווי אויך „אונטער סטאַלינס יאָך" פון דעם קאַנאַדער א. באַש. יעדער אַזאַ בוך דערגאַנצט און פאַרברייטערט אונדזער פאַרשטעלונג וועגן די טעראָר־מגפות, וואָס חזרן זיך פעריאָדיש איבער אינעם סאָוועטישן אַרעסטאַנטן־לאַנד.

*

באַזונדערע קאַפּיטלעך און אויסצוגן פון ש. בר־עוזיס בוך „מיין יסורים־וועג" האָבן זיך געדרוקט אין פאַרשידענע ייִדישע צייטונגען, וואָכנבלעטער און אין אַנדערע פעריאָדישע אויסגאַבן, דערין אויך אין דער ליטעראַריש־קינסטלערישער צייטשריפט „ירושלימער אַלמאַנאַך". די דאָזיקע פובלי־קאַציעס האָבן זוכה געווען צו פיל פּאָזיטיווע אָפּרופן פון ייִדישע לייענער

---

*) אגב, דער זעלבער כרושטשאָוו, כאָטש נישט אין די מאַסשטאַבן פון סטאַלינען, האָט אויך אָנגעווענדעט געגנוג רעפּרעסיעס און טעראָר־מיטלען קעגן שרייבער, קינסטלער און אַנדערש־דענקנדיקע סאָוועטישע בירגער. זע למשל דאָס בוך אין רוסיש פון אַנאַטאָלי מאַרטשענקאָ „מיינע באַווייזן" — פּאָסיעוו־פאַרלאַג, 1973. דייטשלאַנד.

און ליטעראַטן. ס'איז געגוג צו דערמאָנען די הויכע אָפּשאַצונג, וועלכע ס'האָט אין זיין צייט געגעבן דער באַוווסטער שרייבער און פובליציסט משה גראָס־צימערמאַן ז"ל וואָס האָט געווידמעט בר־עוזיס מעמואַרן איינע פון זיינע גלענצנדיקע ראַדיאָ־אודיציעס פון „קול ישראל".

ש. בר־עוזי איז נישט קיין שרייבער. ער איז ווייט נישט קיין סאָל־זשעניצין. ער דערמאָנט מיר אָבער גאַנץ אָפּט איינעם פון סאָלזשעניצינס קרעפטיקע געשטאַלטן — איוואַן דעניסאָוויטשן. ס'איז גלייך ווי סאָלזשע־ניצינס העלד וואָלט אַליין באַקומען לשון און אָנגעהויבן באַשרייבן נישט נאָר איין טאָג, איין גרעסטער טאָג פון זיין לאַגער־לעבן, נאָר טאָקע דעם גאַנצן יסורים־וועג זיינעם — שעה נאָך שעה, טאָג נאָך טאָג, יאָר נאָך יאָר, יאָרן. אמת, אונדזער בן עוזין פעלט אויס אַ ביסל דער פּראַק־טישער עגאָיזם פונעם כיטרע און המצאותדיקן פויערל איוואַן דעניסאָוויטש. דערפאַר אָבער צייכנט זיך אויס אָט דער געזונטער פאַלקס־מענטש מיט עכט יידישן אינטעלעקט און אין וואָס פאַר אַ געפלאָגטן מצב ער זאָל זיך נישט געפינען — צי בעת די מערדערישע פייניקונגען מצד די אויס־פאָרשער, צי אין די שטיקנדיקע טורמע־צעלן, צי אויף די שווערע עטאַפּן, דערנאָך אויף קנעכטישע קאַטאָרגע־אַרבעטן און שפּעטער שוין, אַפילו, ביים סאַמע ראַנד — צווישן די אויסשטאַרבנדיקע דיסטראָפּיקער (אין די דייטשישע לאַגערן פלעגט מען זיי רופן „מוזולמענער"...) אויך דאָרט און אומעטום בלייבט ער נישט קיין פאַריאָגטער איינזאַמער וואָלף, נאָר שטענדיק איז ער צוזאַמען מיט ניי־דערוואָרבענע חברים און פריינד, פונקט אַזעלכע געיאָגטע און געדרודפטע ווי ער אַליין. פריינד וואָס טיילן צווישן זיך מיטלייד און טרייסט, דעם לעצטן ביסן ברויט און דאָס לעצטע ביסל אָטעם ביים אונטערשטעלן איינס דעם אַנדערן אַ ברידערלעכע פּלייצע. ער, בר עוזי, זוכט און געפינט שטענדיק דאָס ליכטיקע אינדזועלע פון צוטרוי און פריינדשאַפט אין יעדער נייעם יאַמערטאַל, ווו די אַרעס־טאַנטסקע דאָליע זיינע פאַרוואַרפט אים. ער געשטאַלטיקט נישט זיינע אחים בצרה מיט קיין שום קינסטלערישע מיטלען. ער פאַרקירצט פשוט אין זיין אוניקאַלן זכרון אויף שטענדיק זייערע נעמען, אַדרעסן, באַשעפטי־קונגען פאַר און נאָכן אַרעסט, יעדעמענס יסורים־וועג... פיל שפּעטער, נאָך זיין באַפרייאונג, געפינענדיק זיך אַליין אין אַ האַלב־לעגאַלן מצב, וועט ער לויט די פאַרגעדענקטע אַדרעסן זוכן און געפינען די צעלאָמטע און פאַריתומטע משפּחות, כדי איבערגעבן אַ לעבעדיקן גרוס און עפּעס דערוויסן זיך וועגן ווייטערדיקן גורל פון זיינע ברידער־קרבנות.

אין יענער צייט ווען די שפּירהינט פון סטאַלינס געהיים־דינסט האָבן

בלוטדורשטיק געגישטערט איבער אַלע וועגן פון לאַנד, איז אַט די טעטי־קייט זיינע געווען טויט־געפּערלעך סיי פאַר אים און סיי פאַר זיינע נאָענטע. ווייס איך נישט קיין גרעסערע העלדישקייט, קיין ליכטיקערע מסירות נפש ביים אויספילן, כמעט אַ בלינדער, די הייליקע שליחות פון חברשאַפט.

דער מחבר דערציילט פּרטימדיק, כמעט ווי פּראַטאָקאָלירט אין זיין זכרון, אַלץ וואָס מיט אים און אַרום אים איז געשען, זינט ער, אַ פּראָסט ידיש ייִנגל פון אַ ייִדיש־פּויליש שטעטל (ראַדזימין־שעדלעץ) איז געלאָפן זוכן אַרבעט און פרייהייט אינעם לאַנד פון די סאָוועטן. אָנגעקומען אין ער אַהין אין יאָר 1923, ד. ה. דאַן, ווען ס'האָבן נאָך אין לאַנד געהערשט די, אַזוי צו זאָגן, „לעניניש נאָרמעס פון סאָציאַליסטישער גערעכטיקייט".

די ערשטע חדשים אַרעסט בשעתן אָנקומען אין לאַנד פון הונדערטער און טויזנטער ייִדישע יוגנטלעכע פון פּוילן, וואָס האָבן געגנבעט די גרענעץ ריזיקירנדיק דאָס לעבן און געקומען קיין רוסלאַנד מיט אָפענע פאַרגלויבטע הערצער — זענען באַשריבן פּריש, ווי ערשט נעכטן וואָלט דאָס געשען, זענען פאַקטיש געווען אַ בלוטיקער פאַרשפּיל, אַ מין לענין־פּרעלודיע צו דער טאַטאַלער פאָלקס־טראַגעדיע, וואָס רופט זיך „סטאַליניזם".

14 יאָר האָט בר עוזי געגאָסן פון דער סאָוועטישער „פּריי", געאַרבעט געוויסנהאַפט און טריי, פּונקט ווי די טויזנטער אַנדערע אַנטלאָפענע פון פּוילן, זיך איינגעשאַפט אַ משפחה, געלערנט זיך אין הויכשול און ספּע־ציאַליזירט זיך אַלס זאָאָטעכניקער, צוגעוווינט זיך צום סאָוועטישן שטייגער, צו באַשטענדיקער דחקות, אָדער ווי די פּאַרטיי האָט געלערנט: צו „צייט־ווייליקע שוועריקייטן פון ווּוקס" און אויך צו די „רעזולטאַטן פון שעדי־קעריי מצד די קלאַסן־שונאים, וועלכע מען מוז ליקווידירן". ביי די 14 יאָר האָט ער, ווי מיליאָנען אַנדערע סאָוועטישע בירגער, זיך געלאָזט באַווירקן דורך דער סאָוועטישער שקרים־פּראָפּאַגאַנדע, זיך אויסגעלערנט „האַלטן ס'מויל" און געווען, קען מען זאָגן, צופרידן, אַפילו גליקלעך...
ביז געקומען איז דאָס יאָר 1937, דאָס יאָר פון שטעכלער־נאַרקאָם יעזשאָוו, דאָס יאָר ווען סטאַלינס מאָרד־אַגרעגאַט האָט געשניטן און געדראָשן מיליאָנען סאָוועטישע בירגער — פאַרשטייער פון אַלע פעלקער, פאַר־שטייער פון אַלע שיכטן — פּויערים, אַרבעטער, וויסנשאַפטלער, שרייבער, מילטערלייט פון העכסטן ביזן נידעריקסטן ראַנג, גייסטלעכע און אַלטע באָלשעוויקעס, פּאָליט־עמיגראַנטן און... ווּעמען נישט?

אויך אונדזער בר־עוזי איז אַריינגעשלעפּט געוואָרן צווישן די ציינ־רעדער פון יענעם „אַגרעגאַט" און פון דאַן, בעיקר פון דעמאָלט אָן, הויבט ער אָן פיקסירן דעטאַל און אויף אויסנווייניק נישט נאָר זיין אייגענעם

יסורים־וועג, נאָר אַלץ וואָס אַרום אים געשעט. פון דאַן אָן ביז איצט קען ער זיך נאָך אַלץ נישט באַפרייען פון כסדרדיקער שטוינונג! „ס׳טייטש ווי קען דאָס געמאָלט זיין?״, „גאָט מיינער, וואָס טוט זיך דאָ? און פיל ענלעכע פראַגע־אויסרופן זענען צעוואָרפן איבער די צוויי בענדער פון בר־עוזיס זכרונות. און באמת טאַקע איז דאָס נישט קיין נאַיִווע קלאָץ־קשיות, ווייל ווער איז דאָס מסוגל צו באַגרייפן דעם אַרכי־טייוולאַנישן אומזין פון פאַרפייניקן און אויסהרגענען אַזוי פיל אַבסאָלוט אומשולדיקע מענטשן? צוזעענדיק דאָס טאָג טעגלעך, וואָלט אַזאַ פילבאַרע נאַטור ווי אונדזער בר־עוזי געוויס געריירט זיך פון זינען, נאָך ביז ער אַליין וואָלט געפאַלן צווישן די קרבנות... דאָס איז אָבער נישט געשען, נאָר אַ דאַנק דער אייזערנער דיסציפּלין פון זיין זכרון, וואָס האָט זיך פאַרפליכטעט פאַרגעדענקען אַלץ ביז צו דעם מינדסטן פּרט.

דער סאָוועטישער רעזשים ציט אויף זיך נאָך אַנאַנד די מאַסקע פון מענטשלעכקייט, אַלע ערלעכע באַגריפן פּרווון זיי זיך צואייגענען, אין דער ערשטער ריי — אינטערנאַציאָנאַליזם. אינטערנאַציאָנאַליזם האָט שוין לאַנג אַפילו נישט געגעכטיקט ביי זיי, וואָס פירן אַ קאָנסעקוועטע גענאָסיד און אויסראָטונגס־פּאָליטיק בנוגע אייגענע און פרעמדע פעלקער, שוין אָפּגערעדט פון זייערע קולטורן.

דער ייד בר־עוזי איז בתוך און בטבע אַן עכטער אינטערנאַציאָנאַ־ליסט. צווישן זיינע נאָענטע חברים און פריינד וועט איר געפינען רוסן, אוקראַינער, אוזבעקן, טאָטערן, יידן, פאַרשטייט זיך אויך.

צווישן די תלינים און פייניקער פון דער נ.ק.וו.ד. דערמאָנט ער אויך מיט גרויס צער און צאָרן יידן (געוויס האָבן מיר דאָס צווייפלהאַפטע רעכט אויך אויף אייגענע אויסוווּרפן. צו פיל אָבער וואַרפן זיי זיך אין די אויגן...).

ש. בר־עוזיס „יסורים־וועג״ איז דורכגעדרונגען מיט שרפהנדיקער ליידנשאַפט — דערטראָגן צו דער פרייער עפנטלעכקייט זיין שטוינונג און דערשיטערונג, דערטראָגן זיין באַשולדיקונגס־אַקט קעגן דער סיסטעם פון באַוווּסטזיניקן אומברענגען מיליאָנען אומשולדיקע מענטשן.

צי וועט פון דעם די וועלט אַ ביסל קליגער ווערן? דאָס איז שוין אַן אַנדער פראַגע.

**יוסף קערלער**

# פּערעביעשטשיקעס

## (איבערלויפער)

דאָס יידישע וואַרשע האָט אַלע מאָל געהאַט אַ צוציונגס־כוח פאַר יוגנטלעכע פון דער פּראָווינץ, ווו אַ סך האָבן זייער אָרט נישט געקענט געפינען, סיי ביים אויסלערנען זיך אַ פאַך און סיי אין זייער דראַנג צו בילדונג. זיי זענען אַרויס פון דער ענגשאַפט אין קליינעם שטעטל. אין וואַרשע האָט כמעט יעדער זיין פּלאַץ געפונען ביי פאַרשידענע אַרבעטן — צוערשט ווי אַ לערניינגל און שפּעטער שוין ווי פאַכלייט, גלייכצייטיק שטודירט אויף פאַרשידענע קורסן, אַ טייל אין אַנדערע בילדונגס־אַנ־שטאַלטן. אַזוי האָבן זיי זיך צוגעפּאַסט צום לעבן ,אריינגעצויגן געוואָרן אין פּראָפעסיאָנעלע און אין אַנדערע פאַרשידענע פּאַרטייִש־פּאָליטישע באַוועגונגען.

אין אָנהויב פון די צוואַנציקער יאָרן, ווען עס האָט זיך אין פּוילן אָנגעהויבן אַ ווירטשאַפטלעכער קריזיס, ווען פיל אונטערנעמונגען האָבן אָנגעהויבן באַשרענקען זייער פּראָדוקציע אָדער אַפילו זיך אין גאַנצן צוגעשלאָסן — האָט זיך פון טאָג צו טאָג אָנגעהויבן פאַרגרעסערן די צאָל אַרבעטסלאָזע, ביז זי האָט דערגרייכט אַ געוואַלדיקן פאַרנעם.

די ערשטע צייט האָבן די אַרבעטסלאָזע באַקומען הילף פון די פּראָ־פעסיאָנעלע פאַראיינען, אָבער בהדרגהדיק האָבן זיך די קאַרגע פאָנדן אַלץ מער און מער פאַרקלענערט, ביז מען האָט אויפגעהערט באַקומען שטיצע.

פיל פון די אַפּשטאַמיקע פון דער פּראָווינץ אַרבעטסלאָזע אין וואַרשע און אין אַנדערע גרעסערע שטעט פון פּוילן, נישט קענענדיק מער עקזיס־טירן און נישט האָבנדיק מיט וואָס צו צאָלן דירה־געלט — האָבן געמוזט ביסלעכווייז פאַרלאָזן די שטעט און פאָרן צוריק אַ היים צו זייערע משפּחות קלערנדיק, אַז אַט דער צושטאַנד איז אַ צייטווייליקער. אָבער אויך דאָרט אין די היים־שטעטעלעך האָט אויף זיי קיין גוטס נישט געוואַרט. צו דעם אַזוי אויך בצימצומדיקן לעבן פון דער משפּחה, זענען צוגעקומען נאָך „מיילער״.

קיין שום אויסזיכטן אויף אַרבעט זענען אין דער היים נישט געווען. וועגן גיין זיך לערנען — שוין אָפּגערעדט, ווייל דאָס איז דאָך בכלל נישט

געווען צוטריטלעך פֿאַרן געוויינלעכן אַרבעטער, חוץ דעם האָט זיך אין יענער צייט נאָך מער אַנטוויקלט דער שוין עקזיסטירנדיקער אַנטיסעמיטיזם אין פּוילן, ווו עס זענען אַקטיוו טעטיק געווען פֿאַרשידענע ספּעציעלע אַנטיסעמיטישע אָרגאַניזאַציעס. עס האָבן זיך אָנגעהויבן עקסצעסן און באַיקאָטן קעגן יידן. באַזונדערס ווייטיקלעך איז געווען די סיטואַציע פֿאַר יידישע זעלנער אין דער פּוילישער אַרמיי, ווו מען האָט זיך איבער זיי איזדיעקעוועט ווער נאָר ס'האָט געוואָלט.

אַט דעמאָלט האָט זיך אָנגעהויבן ממש אַ מאַסן-עמיגראַציע פֿון יוגנט-לעכע קיין ראַטנפֿאַרבאַנד — סיי לעגאַל און סיי אומלעגאַל, דורך וועגן און אומוועגן, ריזיקירנדיק מיטן לעבן און טראָץ דער געפֿאַר פֿון דער-שאָסן צו ווערן דורך די גרענעץ-וואַכן — אָבי זיך דערשלאָגן אין לאַנד ווו עס הערשן די אַרבעטער און פּויערים. זיי האָבן געוווּסט און פֿאַר-שטאַנען, אַז נאָר אין דעם לאַנד קען יוגנט געפֿינען אַרבעט, זיין פֿאַרזי-כערט און נישט וויסן פֿון קיין שום אונטערדריקונג, עקספּלואַטאַציע און דערנידערונג מצד די מאַכט-אָרגאַנען אין לאַנד, ווו קיין אַנטיסעמיטיזם האָט נישט עקזיסטירט.

די מאַסע אימיגראַנטן, וואָס זענען געקומען פֿון פּוילן דורך פֿאַרשי-דענע פּונקטן לענגאויס דער פּויליש-סאָוועטישער גרענעץ זענען צוערשט אויפֿגענומען געוואָרן וואַרעם דורך די גרענעץ-אָרגאַנען, וועלכע האָבן זיי מקבל פּנים געווען מיט פֿריינדלעכקייט און נישט אַזוי שטרענג און טאַקע זיי געהאָלפֿן אויך.

די ערשטע צייט האָבן זיך די דאָזיקע „פּערעביעשטשיקעס" זיך געפֿונען אין ספּעציעלע לאַגערן אונטער אַ וואַך נישט ווייט פֿון די גרענעצן, ווו זיי זענען געפֿאַרשט און דער נאָך פֿונאַנדערגעשיקט גע-וואָרן (אַ טייל אין ערטער לויטן אייגענעם אויסוואַל) אין פֿאַרשידענע שטעט פֿונעם גרויסן לאַנד, ווו יעדער האָט געפֿונען אַ שטיקל היים.

מען דאַרף אויך צוגעבן, אַז צווישן די „פּערעביעשטשיקעס" האָט זיך געפֿונען אויך אַ טייל „קאָמיוגיסטן" (קאָמוניסטישע יוגנט-אָרגאַניזאַציע) און קאָמוניסטן, וועלכע האָבן געקעמפּט אין די רייען פֿון דער פּוילישער אַרבעטער-באַוועגונג אין שווערע און אויך אומלעגאַלע באַדינגונגען, נישט איין מאָל זייענדיק פֿאַרפֿאָלגט דורך דער פּוילישער דעפֿענסיווע, וועלכע האָט אויף זיי געלויערט ווי וועלף אויף שעפּסן.

אַ טייל פֿון די „פּערעביעשטשיקעס" זענען, קומענדיק אויפֿן אָרט, געשטעלט געוואָרן פֿאַר אַ געריכט פֿאַר אומלעגאַל אַריבערגיין די גרענעץ, פֿאַר וועלכן דאָס געזעץ האָט פֿאָרויסגעזען ביז 6 חדשי תּפֿיסה — אָבער דאָס איז דאָן געווען מער פֿאָרמעל, ווייל דאָס געריכט פֿלעגט נעמען אין

אַכט די מאַטיוון, וועלכע האָבן געצווונגען די מענטשן צו פאַרלאָזן פּוילן, ריזיקירנדיק מיטן לעבן ביים דורכגיין די גרענעץ. מייסטנס פלעגן אַרויס־געטראָגן ווערן באַרעכטיקונגס־אורטיילן, אַ טייל פלעגן באַשטראָפט ווערן מיט געלט, און אַ קליינער טייל — אַפילו מיט אַ סימבאָלישן אָפּצאָל.

אין דער נייער היים האָבן זיך די „פּערביעשטשיקעס" אָנגעהויבן פילן פריי, זיך איינגעשלאָסן אין אַ ניי לעבן, מיט מסירת־נפש אָנטייל גענומען אין דער סאָציאַליסטישער בויונג פון לאַנד אָן מורא פאַרן מאַרגן און פאַר אַרבעטסלאָזיקייט, געוואָרן אָרגאַניזירט אין פּראָפּסאַראיינען, קלובן, אַריינ־געצויגן געוואָרן אין געזעלשאַפטלעכער און קולטורעלער אַרבעט, געשאַפן זיך אייגענע פאַמיליעס און אין גאַנצן זיך פאַרהיימישט.

אַ טייל האָבן אָנגעהויבן לערנען (אין פּוילן האָבן זיי אַזאַ מעגלעכ־קייט נישט געהאַט), אַ טייל האָבן אַפילו פאַרענדיקט מיטלשולן און הויכ־שולן.

אַזוי זענען זיי אין משך פון איבער אַ צענדליק יאָר איינגעוואָרצלט געוואָרן אין אַלגעמיינעם לעבן פון ראַטנפאַרבנד, אָפּמעקנדיק ביסלעכווייז די ספּעציפיש „פּוילישע" אייגנשאַפטן.

צום מערסטן זענען די „פּערעביעשטשיקעס" געווען קאָנצענטרירט אין די גרעסערע שטעט און אין די אינדוסטריעלע ערטער, ווו זיי זענען באַשעפטיקט געווען לויט זייער אייגענעם אָדער אויסגעלערנטן פאַך, געגעסן פון לעבן צו גלייך מיט אַלעמען, זיך אַליין געלערנט און אויך זייערע קינדער, געוואָרן „שלאַגלערס" און סטאַכאַנאָווצעס, אָנפירערס פון בריגאַדעס, צעכן און אַפילו פון קלענערע אונטערנעמונגען.

אָט אין דעם שיינעם, שוין איינגעאָרדנטן לעבן פון די „פּערעביעש־טשיקעס", פון דער גרופּע צוגעקומענע בירגער ,וועלכע זענען געוואָרן אַקטיווע מיטגלידער אין דער געזעלשאַפט פון דעם, אַזוי גערופענעם, איינהייטלעכן סאָוועטישן פאָלק און וועלכע האָבן שוין אויך אַליין דעם נאָמען „פּערעביעשטשיק" פאַרגעסן — האָט זיך אַריינגעכאַפּט אַ בייזער גייסט מיטן אָנהויב פון די סטאַליניסטישע „רייניקונגען", וועלכע האָבן זיך פאַרוואַנדלט אין אַ בלוטיקן טעראָר. די „פּערעביעשטשיקעס" זענען באַקרוינט געוואָרן מיט אַ נייעם נאָמען — פאָלקס־פיינט, וואָס האָט מיט אַ מאָל צוגענומען ביי זיי דאָס רעכט צו אַרבעטן, צו פּראָדוצירן לטובת, אַ ניי סאָציאַליסטיש און גליקלעך לעבן.

דאָס שרעקלעכע נייעס איז אַראָפּגעפאַלן ווי אַ דונער פון הימל אין מיטן העלן טאָג, ווען אין איינער פון די אַרויסטרעטונגען, בקול רם, אין מאָסקווער ראַדיאָ אין אויגוסט 1937, האָט די אַלטע רעוואָלוציאָנערן — סטאַסאָוואַ יעלענע דמיטריעוונאַ, אַ מיטגליד פון צענטראַל־קאָמיטעט פון

דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי און פּאַרזיצערן פון דער אינטערנאַציאָנאַלער אָרגאַניזאַציע „מאַפּר״ — געגעבן אַן „אויספירלעכע כאַראַקטעריסטיק״ און האָט „פּאַרטייטשט״ וואָס עס איז אַזוינס „פּערעביעשטשיק״:

זי האָט בפירוש דערקלערט, אַז „פּערעביעשטשיקעס״ זענען די, וועלכע די אויסלענדישע קאַפּיטאַליסטישע מלוכות האָבן ספּעציעל וועבירט און אַריינגעשיקט אין סאָציאַליסטישן לאַנד מיט דער אויפגאַבע צו שעדיקן, אויפרייסן, מאָרדן, צו פאַרנעמען זיך מיט שפּיאָנאַזש, ציוניזם און מיט אַנדערע קאָנטררעוואָלוציאָנערע טעטיקייטן. זי האָט אויך נישט פאַרגעסן צו דערמאָנען וועגן דעם אומבארחמנותדיקן קאַמף וועלכן מען דאַרף פירן קעגן די דאָזיקע שעדלעכע עלעמענטן.

און דער טאַקע אומבארחמנותדיקער קאַמף האָט נישט לאַנג געלאָזט אויף זיך וואַרטן. נאָך דעם דאָזיקן סיגנאַל, האָט דער בייזער טעראָר־ווינט זיך צעווילדעוועט איבער די קעפּ פון די מסירת־נפשדיקע „פּערע־ביעשטשיקעס״ וועלכע זענען געקומען אַהער מיטן תמימותדיקן גלויבן, אַז דאָ ווערט פאַרווירקלעכט זייער העכסטער און שענסטער אידעאַל.

כמעט אַלע „פּערעביעשטשיקעס״ — אויסער אפשר איינציקע, וועמען דער טראַגישער גורל האָט אויסגעמיטן על פּי צופאַל — האָט מען אַרויס־גענומען פון די שטובן (און ווו זיי זאָלן זיך נישט געפינען) און זיי במחילה פאַרשפּאַרט אין חד גדיא ווי די אמתע „שונאים פון פאָלק״, אַזוי ווי עס האָט זיי כאַראַקטעריזירט די „פּאַרדינסטפולע רעוואָלוציאָנערן און „כאַ־ווערטע סטאַסאָווא״, די מיטאַרבעטערין פון לענינען — די זעלבע סטאַ־סאָווא, וועלכע האָט ביז דאַן זייער אַ סך געהאָלפן די „פּערעביעשטשיקעס״ און זיך געמיט פאַר זיי, ווערנדיק באַצייכנט ווי די „מוטער פון די קרבנות פון פּאָליטישע רדיפות״... מע האָט די „פּערביעשטשיקעס״ אויסגעזווכט פון אומעטום. קיין רעטונג איז פאַר זיי נישט געווען. קיינער האָט זיך פאַר זיי נישט איינגעשטעלט. קיין שום רעוואָלוציאָנערע פאַרדינסטן זענען נישט גענומען געוואָרן אין באַטראַכט.

צווישן די ווענט פון די פייניקונגס־קעלערן פון דער נ. ק. וו. ד., אין די קאַשמאַרפולע תפיסות און אויספאַרשונגס־קאַמערן, אין די אומצאָליקע פאַרשיקונגס און קאַטאָרגע־לאַגערן אין צפון, דרום און אין מזרח פון דער ריזיקער מדינה, האָבן די פאַרפייניקטע „פּערעביעשטשיקעס״ — וואָס די גרעסטע מערהייט פון זיי זענען געווען יונגע ידישע אידעאַליסטן, אַנט־לאָפענע פון דעם האַלב־פאַשיסטישן און אַנטיסעמיטישן רעזשים אין פוילן — אויסגעהויכט זייערע נשמות און אָפּגעגעבן זייערע לעבנס נישט ווייסנדיק פאַר וואָס, פונקט ווי עס האָבן נישט געוווסט זייערע פרויען און פאַריתומטע קינדער, פון וועלכע זיי זענען אומבארחמנותדיק אָוועקגעריסן

געוואָרן אין די בליִענדיקע יאָרן פון זייער לעבן. די דאָזיקע מענטשן זענען געפאַלן אומשולדיק און זינלאָז אַ קרבן אויפן מזבח פון דעם ווילדן און אכזריותדיקן שגעון פון דער פאַרברעכערישער סטאַלין־דיקטאַטור.

פון 150 יידישע פערעביעשטשיקעס, וואָס זענען צוגענומען געוואָרן בלויז אין דער שטאָט יעקאַטערינאָסלאַוו (איצטער דניעפּראָפּעטראָווסק), זענען לעבן געבליבן נאָר זיבן, און צווישן זיי — דער מחבר.

# מײַן נסיעה

סע זענען שוין פֿאַרבײַ גוטע עטלעכע חדשים זינט כ׳בין, מחמת מײַן אַרבעטסלאָזיקייט, געקומען פֿון וואַרשע אַהיים — קיין שעדלעץ, און איך האָב זיך נאָך נישט דערוואַרט ביז מען וועט מיך אַרויסרופֿן צוריק — ווי מען האָט מיר צוגעזאָגט אין פּראָפּאַראַיין אויף פֿאַוויע גאַס, — ווען זיי וועלן געפֿינען פֿאַר מיר אַ באַשעפֿטיקונג... און דאָ דערנענטערט זיך שוין דער פּריזיוו. איך האָב שוין דעמאָלט באַקומען אַ שטיקל פֿאַר־שטעלונג וועגן דעם, וואָס די ייִדישע זעלנער האָבן אויסצושטיין אין דער אַנטיסעמיטישער פּוילישער אַרמיי בעת׳ן באַזוך בײַ מײַנע חברים און קרו־בים אין די קאַזאַרמעס פֿון מינסק־מאַזאָוויעצק און יאַבלאָננע — הערשל צוקערמאַן און שמואל קאַמינסקי. דאָס געזעענע און געהערטע האָט אויף מיר אָנגעוואָרפֿן אַ פּחד.

איך בין געוואָרן אַ באַשטענדיקער אַרײַנגייער אין דעם שעדלעצער פּראָפּאַראַיין־קלוב אויף פּיענקנע גאַס. דאָרט האָב איך זיך דערנענטערט מיט אייניקע חברים, וועלכע האָבן זיך געפֿונען אין אַן ענלעכער לאַגע ווי איך. מיר האָבן זיך אָנגעהויבן אַלץ אָפֿטער צו טרעפֿן און אַרומריידן אונדזער מצב. אין יענער צײַט האָבן יוגנטלעכע מאַסנווײַז אָנגעהויבן פֿאַרלאָזן זייערע היימען און פֿאַרן, לויפֿן וווּהין די אויגן האָבן געטראָגן.

מײַן היים איז פֿאַר מיר געוואָרן „ענג״. די קאַרגע פּרנסה פֿון מײַן טאַטן האָט נישט געסטייעט אויף אָנזעטיקן זעקס מײַלער (פֿריִער האָב איך אַליין פֿון וואַרשע אַביסל מיטגעהאָלפֿן). איך האָב אויך געוואַרט אויף אַן אַרויסרוף פֿון מײַנע, פֿריִער אַוועקגעפֿאָרענע קרובים קיין ארץ ישׂראל, אָבער זיי האָבן זיך נישט צוגעאײַלט מיטן אַרויסרוף צוליב דעם, וואָס זיי אַליין האָבן איבערגעלעבט ביטערע צײַטן און האָבן באַשלאָסן צו וואַרטן מיטן אַרויסרוף.

אַ טייל פֿון די יוגנטלעכע, וואָס האָבן פֿאַרלאָזט זייערע היימען, האָבן זיך אַוועקגעלאָזט קיין רוסלאַנד אומלעגאַל און געשריבן פֿון דאָרט, אַז זיי האָבן זיך אײַנגעאָרדנט אויף אַרבעט און זענען צופֿרידן. אָט די ידיעות זענען כּסדר קאָמענטירט געוואָרן צווישן דער יוגנט און געפֿונען אַן אָפּ־קלאַנג. מ׳האָט אָנגעהויבן פֿאַרלאָזן די היימען אויך אין דער ריכטונג קיין

רוסלאַנד ווו „ס׳גנוועלטיקן אַרבעטער און פויערים און ס׳איז נישטאָ קיין אַנטיסעמיטיזם״.

כמעט יעדן טאָג זענען מיר געוווּיר געוואָרן אַז דער אָדער יענער האָט שטיל פאַרלאָזט די היים, נישט טיילנדיק זיך מיט קיינעם, וווהין. שפּעטער איז מען געוווּיר געוואָרן אַז ער איז שוין אין רוסלאַנד און האָט גליַיך באַקומען אַרבעט. אוודאי האָבן מיר אים מקנא געווען.

אָט די מגפה פון לויפן זוכן אַן אויסוועג, האָט אויך פאַרכאַפּט אונדז, אַ גרופּע פון 5 חברים, און מיר האָבן באַשלאָסן מאַכן אַזאַ נסיעה אין דעם „פריַיען סאָציאַליסטישן לאַנד״ אומלעגאַל, נאָך נישט וויסנדיק דורך וועלכן וועג און מיט וואָס פאַר אַ געלט־מיטלען (קיינער פון אונדז האָט דאָרט נישט געאַרבעט און קיין געלט נישט געהאַט).

איך האָב גליַיך פאַרקויפט מיַינע אָנגעזאַמלטע ביכער פאַר דער צייט פון מיַין אַרבעט אין וואַרשע. זיי פאַרקויפט דער שטאָטישער ביבליאָטעק פאַר האַלב געלט. אויך אַנדערע האָבן צונויפגעקליבן אַ ביסל געלט אויף באַן־בילעטן ביז דער גרענעץ מיט רוסלאַנד. מיר האָבן זיך צונויפגע־רעדט פאָרן מיט דער באַן קיין לונינעץ און — דאָרט אין אַ גרענעץ־שטעטל ביַי דאַווידגאָראַדאָק און פון דאָרטן... אויף גאָטס באַראָט.

איך האָב פאַרלאָזט די שטוב אין דראַמאַטישע אומשטענדן ווען מיַינע עלטערן זענען געווען קאַטעגאָריש קעגן מיַין פאָרן. די מאַמע האָט געוויינט, געשטעלט זיך צו דער טיר, איבערחזרנדיק כסדר, אַז זי וועט מיך פון שטוב נישט אַרויסלאָזן צום זיכערן טויט. דער טאַטע האָט מיט מיר גע־שמועסט מיט מער איַינגעהאַלטנקייט און געפּרוּווט מיך איבערציַיגן אַז איך באַגיי אַ גרויסן פעלער, ער האָט אויך דערציילט וועגן די רוסישע „מעשׂים טובים״ גליַיך נאָך דער רעוואָלוציע, ווען זיי האָבן צעשאָסן אַן אַ שיער אומשולדיקע מענטשן אָן אַ פאַרוואָס און אָן אַ פאַר ווען, אַז זיי פאַרלייקענען גאָט און וואָס האָט ער אַלץ מיר נישט דערציילט, פּרוּוונדיק מיך אָפּהאַלטן פון דער געפערלעכער נסיעה. ער האָט אויך געזאָגט אַז מענטשלעך בלוט האָט ביַי די באַלשעוויקעס קיין שום ווערט נישט. ער האָט אויך דערציילט אַז איצטער זענען אויך דאָ פאַלן פון דערשיסן אויפן אָרט יענע, וועלכע מע פאַקט אומלעגאַל דורכגיין די גרענעץ, אָבער ווער פאָלגט עס טאַטע־מאַמע, בפרט, ווען מיר שטייט פאַר אַזאַ גליק — אַרבעטן, פאַרדינען, העלפן מאַטעריעל די עלטערן און נישט גיין צו די פּאַליאַקן דינען אין דער אַנטיסעמיטישער אַרמיי?

אָט ווערט שוין 12 ביַי נאַכט און איך וועל דערהערן דעם פיַיף פון דער חברה ביַי אונדז אין הויף. זיי דאַרפן קומען מיך רופן, אַזוי ווי מיר האָבן זיך אָפּגערעדט.

ווען די עלטערן האָבן זיך איבערצייגט אַז אַלע זייערע באַמיִונגען וועלן נישט העלפן — האָבן זיי אַ מאַך געטאָן מיט די הענט און באַגנוגנט זיך מיט געבן אייניקע עצות ווי אַזוי דאַרף מען זיך אויפפירן, און ווי אַזוי דאַרף מען לעבן אין דער פרעמד: — „נישט שוועבן אין די הימלען און שטענדיק דאַרף מען קוקן אַראָפּ, פאַרגלייכנדיק זיך צו יענע, וואָס לעבן אָרעמער פון דיר, און דעריבער וועט דיר שטענדיק זיין בעסער פון אַנדערע".

מיר האָבן זיך צעקושט. טרערן האָבן מיך געשטיקט ווען כ'האָב איבערגעלאָזט די שלאָפנדיקע 2 יינגערע ברידערלעך מיינע און מיין קליין שוועסטערל, וועלכע האָבן נישט געוווּסט וועגן מיין פּלאַן.

ווען דער פייף האָט זיך דערהערט, בין איך אַרויס פון שטוב אין דער באַגלייטונג פון דער מאַמעס אויסגעשריי, ווי זי וואָלט שוין מיך באַוויינט אַ טויטן.

זעלבסטפאַרשטענדלעך אַז אַלע צוגרייטונגען זענען געווען שטרענג אין געהיים, כדי ס'זאָל חלילה, וועגן דעם נישט איבערגעגעבן ווערן דער פּאָליציי.

ס'זענען געווען פאַלן ווען מ'האָט אייניקע אַראָפּגענומען פון דער באַן און אַרעסטירט, ביז צום דערפאָרן צו דער גרענעץ.

# מיר גנבנען די גרענעץ

## (פינף זענען מיר געווען)

צוליב פאַרזיכטיקייט האָבן מיר זיך געלאָזט צום וואָקזאַל איינציקווייז און געשטעלט זיך אין דער קאַסע נאָך בילעטן (פריִער קיין בריסק, ווייל לונינעץ איז אַ גרענעץ־שטעטל און דאָס קען אַרויסרופן אַ חשד). שטייענדיק ביי דער קאַסע, האָב איך נישט באַמערקט ווי פּלוצעם איז „אויסגעוואַקסן" מיין מאַמע אַ פּאַרוויינטע און נישט אַראָפּגעלאָזט איר אויג פון מיר.

אַט דאָ — האָב איך געטראַכט — וועט זי מיט איר אויפפירונג אונדז אויסגעבן און ס'וועט באַלד זיין אַ סוף צו אונדזער נסיעה.

איך בין אַרויס פון דער ריי, זי אָפּגערופן אין אַ זייט און באַרויקט. זי האָט מיך געפאָלגט און שטיל פאַרלאָזט דעם וואָקזאַל. איך האָב איר נאָכגעקוקט און זי איז באמת אַוועק אין דער ריכטונג אַ היים.

אין בריסק האָבן מיר איבערגעוואַרט אַ פּאָר שעה און ווייטער אָפּגעפאָרן קיין לונינעץ, ווּהין מיר זענען אָנגעקומען שפּעט אין אָוונט און געלאָזט זיך מיט אַ בעל עגלה אין אויבן דערמאָנטן שטעטל דאַווידגאָראַדאָק, דורכשווימענדיק מיט אַ פּאַראָם אַ טייך אין מיטן וועג.

מיר האָבן געגעכטיקט ביי אַ יידן, וואָס האָט אונדז אויפגעקלערט אַז אין דעם אָנגעמערקטן אָרט קען מען איצטער די גרענעץ נישט דערגרייכן, ווייל דער טייך איז אַרויס פון זיינע ברעגן און דער גאַנצער דורכגאַנג איז פאַרפלייצט. ער האָט געראָטן פאָרן צוריק קיין לונינעץ און פון דאָרט צו דער סטאַציע מיקאַשעוויטש (סוף פון דער באַן) און ווייטער — צום שטעטל לענינאָ, וואָס ביי דער סאַמע גרענעץ, ווו מיר וועלן דאַרפן צונויפרעדן זיך וועגן אַדורכפירן אונדז. ער האָט אונדז גלייך געוואָרנט צו זיין דאָרטן פאָרזיכטיק, ווייל מ'קען, חלילה, ביי אונדז צונעמען דאָס געלט, און אָנשטאָט צו דער גרענעץ — אונדז אָפּפירן צו דער פּאָליציי.

אָנגעקומען קיין מיקאַשעוויטש שפּעט ביי נאַכט. געמוזט איבערנעכטיקן אין וואָקזאַל. די פּאָליציסטן קוקן אויף אונדז מיט חשד, אָבער טשעפּען נישט. פון דאָרט קענען מיר צופאָרן אין שטעטל לענינאָ מיט

אַ בעל עגלה, אָבער צוליבן מאַנגל אין געלט, האָבן מיר באַשלאָסן לאָזן זיך צופוס.

פרייטיק. שוין שפּעט אין אָוונט (דאָך פאַר ליכט־צינדן) זענען מיר אָנגעקומען אין שטעטל און אַריין אין אַ טיי־הויז. פאַרשידענע פּערזאָנען האָבן אונדז אַרומגערינגלט און אויסגעפרעגט ווער, ווי, ווען און אַזוי ווייטער. דער בעל הבית, אַ ייִד, האָט אונדז געראָטן מיט קיינעם נישט פאַרבינדן זיך און אַז ער אַליין וועט אונדז „העלפן", און באַלד טאַקע איז אַריינגעקומען אַ צווייטער ייִד נעמען אונדז צו זיך אַ היים „אויף שבת, און זונטיק וועלן מיר גיין זוכן אַרבעט פאַר אייך" — אַזוי האָט ער אונדז געזאָגט.

אין דער היים ביי אים האָבן שוין געברענט שבת־ליכט. ער האָט אונדז מכבד געווען מיט טיי, פרישער חלה און געמאַכט אונדז מער „היימיש". אויף אונדזער פראַגע פאַר וואָס האָט אונדז אויפן לאַנגן וועג אַהער, קיינער פון די פּאָליציאַנטן נישט אָפּגעשטעלט און גאָרנישט גע־פרעגט? — איז געקומען דער ענטפער: „זיי ווייסן, אַז פון יעדן ביי־אָנגעקומענעם אין שטעטל — פאַלט פאַר זיי אויך עפּעס אַריין אין קעשענע און זיי האָבן דערפון מער נוצן, ווי פון אָפּפירן זיי אין דער פּאָליציי, וועלכע פאַרטרייבן זיי גלייך פונעם שטעטל מיט וואָרעניש.

אָפּגעטרונקען די טיי, איז דער „מכניס אורח" גלייך איבערגעגאַנגען צום עיקר — אָנגעבנדיק דעם פּרייז, וועלכן מיר וועלן דאַרפן באַצאָלן פאַר דער „באַדינונג" פון אַריבערפירן אונדז דורך דער גרענעץ (זיין הויז איז געשטאַנען אין עק שטעטל, ביי דער סאַמע גרענעץ). מיר האָבן זיך דערשראָקן, ווייל דאָס גאַנצע געלט, וואָס ביי אונדז איז געווען, סטייעט נישט אָפּילו פאַר איינעם אַריבערצופירן. נישטאָ קיין אויסוועג. ער וואָרנט אונדז אַז „צוליב מורא" קען ער אונדז ביי זיך נישט האַלטן, און אויב מיר האָבן נישט אַזאַ סומע געלט — דאַרפן מיר תיכף פאַרלאָזן זיין שטוב. מיר פילן אַז מיר זענען אַריין אין אַ פּאַסטקע און ווער ווייסט מיט וואָס עס וועט זיך היינט ענדיקן פאַר אונדז?

סע קלאַפּט אַ צאָן אין אַ צאָן און מיר ווייסן נישט וואָס צו טאָן ווייטער. וווּהין גיין איצטער ביינאַכט? דער בעל הבית איז אָוועק „מיט עמעצן פאַרהאַנדלען וועגן אונדז". ס'האָט זיך נישט געוואָלט גלויבן, אַז ער איז אָוועק אונדז מסרן און ער וועט קומען צוריק מיט אַ פּאָליציאַנט. וואָס וועט עס אים געבן?

ער איז געקומען מיט נאָך איינעם אַ „שכן" זיינעם. זיי האָבן פאַר־געלייגט אַרויסלייגן דאָס גאַנצע געלט אויפן טיש. ווען מיר האָבן דאָס געטאָן, האָבן זיי זיך ביידע צעלאַכט און געזאָגט, אַז דאָס געלט וועט

נישט סטייען צו באַצאָלן אַפילו דעם פּאַליציאַנט אַליין פאַרן אַריבערפירן אונדז און ווי — פרעגט ער — איז זייער ריווח? ווען זיי האָבן געזען אַז זיי האָבן טאַקע צו טאָן מיט קבצנים און קיין געלט איז טאַקע נישטאָ — האָט דער „שכן" פאַרגעלייגט אַז דאָס איבעריקע זאָלן מיר באַצאָלן מיט אונדזערע אויבער־מלבושים. מיר האָבן קיין אַנדער אויסוועג נישט געהאַט און מסכּים געווען, נישט קוקנדיק אויף דעם, וואָס דעמאָלט זענען שוין געשטאַנען קאַלטע און אַפילו פראָסטיקע נעכט.

מ'האָט באַדאַרפט וואַרטן אין שטוב ביז 12 ביי נאַכט (איצטער האָט ער שוין קיין מורא נישט געהאַט אונדז האַלטן) און דאַן וועט דער פּאַליציסט אונדז קומען נעמען, כדי דורכפירן דורך דער גרענעץ. ס'קלאַפּט ווייטער אַ צאָן אין אַ צאָן. מיר זענען אָנגעשטרענגט און פול מיט פּחד און פּלוצעם האָט איינער פון אונדז (הערשל בראַנד — פּלימעניק פון באַוווּסטן פּועלי־ציוניסטישן טוער חיים בראַנד — „מיטעק") זיך צע־וויינט אויפן קול ווי אַ קליין קינד. ער וויל צוריק אַהיים. מיר האָבן איבערגעלעבט שרעקלעכע מינוטן, ביז אַ צווייטער פון אונדז — פּינקוס זילבערשטיין (אויך אַ שעדלעצער) האָט אים איינגעשטילט מיט אַ פּאָר פיינע פּעטש.

די גרענעץ אויף דעם אָרט איז באַשטאַנען פון אַ שמאָל טייכל (אין גאַנצן עטלעכע מעטער) איבער וועלכן ס'איז געווען אַ בריקל, ווו אין מיטן, איבערן וואַסער, זענען אָפּגעריסן געווען עטלעכע ברעטער אין דער לענג פון אַנדערטהאַלבן ביז 2 מעטער. אויף דעם אָפּענעם אָרט האָט מען באַדאַרפט זיך איבעררוקן „רייטנדיק" אויף דער זייטיקער באַלקע אין דער פינצטער, צוהאַלטנדיק זיך מיט די הענט ביי אַ צווייטער באַלקע, כדי נישט אַרונטערפאַלן.

דער פּאַליציי־מאַן איז צו דער צייט געקומען און באַפוילן מען זאָל נאָך אים נאָכגיין, דירעקט איינער נאָכן אַנדערן, נישט אַרויסרוקנדיק זיך. ער האָט אויך אָנגעזאָגט, אַז ווען מע וועט אונדז אויף דער צווייטער זייט פרעגן, ווי אַזוי מיר זענען צו זיי אָנגעקומען? — זאָלן מיר ענטפערן אַז אַ פויער האָט אונדז דורכן טייכל איבערגעשיפט, און אויך, אַז אַריבער־גייענדיק דאָס בריקל זאָלן מיר זיך פאַרנעמען לינקס, און בשום אופן נישט גיין גלייך מיטן וועג. מיר האָבן אים אַלץ צוגעזאָגט.

אויפן בריקל איז געשטאַנען אַ וואַך־בודקע. צוגעפירט צו דעם אָרט, האָט ער אונדז אַריינגעפירט אַהין און געפאָדערט אַרויסלייגן דאָס גאַנצע פאַרבליבענע געלט. איר דאַרפט דאָרט קיין געלט נישט — האָט ער גע־זאָגט — דאָרט האָט אייער געלט במילא נישט קיין שום ווערט. ווען מיר האָבן דערקלערט אַז אַלץ איז שוין אָפּגעגעבן געוואָרן און אַפילו

די אויבערשטע מלבושים אויך (ער האָט דאָס אַליין דאָך געזען) — האָט ער אונדז לייכט באַטאַפּט און באַפוילן דורכרוקן זיך שטיל אין אַפּענעם אַרט אויפן בריקל און פאַרנעמען זיך „נאָר לינקס און בשום אופן נישט מיטן גלייכן וועג".

אַפּגייענדיק ביי אַ 100—150 מעטער האָבן מיר דערזען אַ גרעסערע הילצערנע געביידע אוןביים הויז איז געשטאַנען אַ פעלד־קיך. מיר האָבן פאַרשטאַנען אַז דאָס איז געווען די גרענעץ־וואַך פון דער סאָוועטישער זייט, אָבער מיר האָבן קיינעם נישט געזען. צוליב דער פינצטערניש זענען מיר אויף לינקס נישט געגאַנגען און געשלאָגן זיך מיט דער דעה — אַנטלאָפן אָדער גיין ווייטער מיטן וועג גלייך, וועלכער קען אונדז נאָך, חלילה, צוריק אַריינברענגען צו די פּאָליאַקן אין די הענט. עמעצער האָט אַ הויכן הוסט געגעבן, און גלייך זענען פונעם הויז אַרויס עטלעכע רויטאַרמייער מיט אָנגעשטעלטע ביקסן און אונדז „פאַרבעטן" אינעווייניק אין קאַזאַרמע.

דאָ האָט מען אונדז געמאָלדן, אַז מיר זענען אַרעסטירט און וועלן דורך זיי איבערגעגעבן ווערן אויף אויספאַרשונג אין די ווייטערדיקע אינסטאַנצן פון ג. פּ. או.

# די ערשטע טריט אויף דער נייער ערד

מ׳האָט אונדז געפרעגט ווי אַזוי מיר זענען צו זיי אָנגעקומען. ווען מיר האָבן געענטפערט אַז „אַ פויער האָט אונדז פאַר געלט איבערגע־שיפט״, האָבן אַלע אין קאַזאַרמע אויסגעשאָסן אַ געלעכטער.

— אַזוי טוען זיי — האָט דער עלטסטער פון דער גרענעץ־וואַך אונדז געזאָגט אויף פויליש — פריִער באַרויבן זיי, נעמען צו אַלצדינג, פירן דורך און הייסן אַזוי אונדז דערציילן. ער איז ממשיך: — געדענקט, אַז איר וועט מוזן בעת די ווייטערדיקע אויספאָרשונגען זאָגן דעם אמת און נישט לייקענען. דאָס איז צוליב אייער טובה וועגן.

מע האָט אונדז געגעבן אַ „ציגל״ ברויט מיט אַ פענדעלע בוימאייל צום איינטינקען דאָס ברויט, געגעבן פאַרטרינקען מיט טיי, צוגעטיילט אַ ווינקל מיט פריטשעס (נאַרעס) און געהייסן זיך אָפּרוען ביז אין דער פרי.

מ׳האָט אונדז פאַר טאָג אויפגעוועקט און באַפוילן גרייטן זיך אין וועג, וועלכער וועט דויערן אַ גאַנצן טאָג. מ׳האָט אונדז געגעבן אָפּעסן, מיט־געגעבן ברויט מיט זיך, אויך פלעשער מיט וואַסער און מיר האָבן זיך אַוועקגעלאָזט צו פוס דורך אַ וואַלד אין דער באַגלייטונג פון אַ באַוואָפנטן גרענעץ־וועכטער.

דער סאָלדאַט האָט עטלעכע מאָל זיך געווענדעט צו אונדז אין דער רוסישער שפּראַך, אָבער מיר האָבן אים נישט פאַרשטאַנען.

ערשט אין אָוונט זענען מיר אָנגעקומען אין אַ קליין ווייסרוסיש שטעטל מיטן נאָמען לודענעוויטש, וווּ מ׳האָט אונדז פאַרשפּאַרט אין אַן, אַזוי גע־רופענעם אַרעסט־הויז אין אַ ליידיקן באַוואַכטן צימער, וווּ מיר האָבן מידע פונעם וועג אַוועקגעלייגט זיך אויף דער הוילער פּאָדלאָגע און געמאַטערט זיך די גאַנצע נאַכט, ציטערנדיק פון קעלט (גאַרנישט אונטערגעלייגט און נישט צוגעדעקט זיך מיט עפּעס אין דער שוין, פראָסטיקער נאַכט). פאַר־שידענע מחשבות האָבן נישט געלאָזט רוען: געקלערט האָב איך אַז איך בין טאַקע אַריינגעפאַלן צו די זעלבע טשעקיסטן וועגן וועלכע דער טאַטע האָט מיר דערציילט, און אַז זיי שיסן אויס מענטשן אַן אַ וועלכער ס׳איז זינד. (אין דעם פאַל איז דאָך אונדזער זינד געווען דאָס אומלעגאַלע גנבענען די גרענעץ). יעדער שאָרך פון דער וואַך ביים עפענען די טירן פון אַ

װעלכן ס'איז צימער, האָט אַרויסגערופן שרעק און ציטערנישט. מיר האָבן זיך צוגעטוליעט איינער צום צװייטן, װער נישט װער האָט אויך געפּרוּװט אַ װיין טאָן אין דער שטיל, דערמאָנענדיק זיך אין דער מאַמעס װאַרעם װינקל אין דער היים, װאָס מיר האָבן אַזוי לייכטזיניק פאַרלאָזט.

אין דער פרי איז מען אַריינגעקומען נאָך אונדז און ס'האָט זיך אָנגעהויבן די אויספאָרשונג פון יעדן באַזונדער.

מיין אויספאָרשער האָט גערעדט יידיש, געװען אַנגענעם־העפלעך און נישט אַרויסגעװיזן קיין סימן פון אַ װעלכער ס'איז רשעות. בעתן אויספרעגן מיך, האָט ער אויך דערקלערט װי אַזוי ס'װעט אויסזען אונדזער לעבן, װען מיר װעלן פריי װערן און קריגן אַרבעט. ער האָט מיר געװיזן אַ נייעם סאָװעטישן באַנקנאָט (טשערװאָניעץ) און דערקלערט װיפל מען דאַרף פאַר אים אַרבעטן און װאָס מ'קען פאַר אים קויפן און אויך אַנדערע פּרטים פון סאָװעטישן שטייגער.

נאָך זיין אויפנאַמע איז פאַרשװוּנדן פון מיר די בייזאַקטיקע שרעק.

אין דער צייט פון איבערייס האָט ער אונדז פאַרגעלייגט אַרויסגיין, מיט אַ באַגלייטער, פאַרשטייט זיך, אין גאַס עפּעס קויפן עסן (ס'איז דאַן געװען אַ זונטיקדיקער מאַרק־טאָג). עמעצער פון אונדז האָט נאָך געהאַט עפּעס געלט איבערגעלאָזט פאַר אַן אויסערגעװיינלעכן פאַל.

אין צװייען מיט אַ באַגלייטער, „אויסגעשטאַט" מיט אַ רעװאָלװער־שיידל ביי דער זייט (אַ סימפּאַטישער יונגער װייסרוס), כאָטש מיר האָבן װייניק פאַרשטאַנען װאָס ער האָט צו אונדז גערעדט — זענען מיר אַריינגעגאַנגען אין אַ פאַר געװועלבער עפּעס קויפן, אָבער געבליבן אַנטוישט צוליב דעם ,װאָס מ'האָט זיך אָפּגעזאָגט פאַרקויפן אויף פּוילישע מאַרקעס. מיר זענען גענויט געװען צוריקקערן זיך אין אַרעסט־הויז אָן עסן.

אין שטעטל זענען גלייך פאַרשפּרייט געװאָרן קלאַנגען אַז ס'זענען אָנגעקומען אַ גרופּע יידישע גרענעץ־איבערלויפער, װאָס זענען געגאַנגען אונטער אַ װאָך עפּעס איינקויפן עסן און געמוזט זיך צוריקקערן מיט ליידיקן אין אַרעסט־הויז.

נישט שפּעטער װי אין אַ שעה־צװיי אַרום האָט מען פון אַלע זייטן אָנגעהויבן אונדז טראָגן פאַרשידן עסנװאַרג אין קוישעלעך, זעקעלעך און אין טעפּעלעך. מ'איז אויך געקומען מיט קינדערלעך און איבערגעגעבן דאָס געבראַכטע. מיר האָבן אָפילו נישט געהאַט װוהין אַהינטאָן דאָס אַלץ.

דער אומגעריכטער קבלת פּנים פון די שטעטלדיקע איינװוינער האָט אונדז זייער דערמוטיקט און פאַרטויבט די איבערלעבונגען, װאָס מיר האָבן געהאַט. מיין אויספאָרשער האָט מיר געזאָגט, אַז ס'װעט אונדז נאָך אויסקומען איבערנעכטיקן איין נאַכט אין זעלבן אַרעסט־הויז און אַז

מאָרגן וועט מען אונדז אָפּשיקן ווייטער, נישט זאָגנדיק וווהין. מ׳האָט אונדז אַריינגעבראַכט אַ פּאָר קאַלדרעס מיט שטרוי און מיר האָבן זיך זאַטע און צופרידענע אָוועקגעלייגט שלאָפן.

אין דער פרי האָט מען אויפגעוועקט, און נאָכן געבן טיי — האָט מען אונדז אָפּגעפירט אין אַ דערבייַיק שטעטל מיטן נאָמען זשיטקעוויטש, וווּ מ׳האָט אונדז אַריינגעפירט אין אַ תּפיסה. דאָרט זענען שוין געווען אַ סך אַרעסטאַנטן און נישט נאָר יידן. דאָרט זענען געווען אַ חוץ גרענעץ־איבערלויפער (פּערעביעשטשיקעס) אויך אונטערוועלטניקעס־גנבים, פּאַג־ראַמשטשיקעס פון פאַרשידענע באַנדעס, פּריַערדיקע ווייסגוואַרדייער, וועלכע זענען געכאַפּט געוואָרן אין פאַרשידענע ערטער ביי דער פּויליש־רוסישער גרענעץ.

ס׳איז גראָד געווען די צייט פון די אָקטאָבער־פייערונגען פון 7־טן נאָוועמבער 1923 און מ׳האָט אונדז, אַרעסטאַנטן, אויסגענוצט אויף פאַר־שידענע אַרבעטן ביים קערן און רייניקן די גאַסן און פּלעצער צוליב דער פייערונג. אַ פעלד־קיך אין דרויסן, ביי דער תּפיסה, האָט געקאָכט פאַר אונדז עסן. מיר האָבן נאָך געהאַט אַ ביסל פון דעם געשאָנקענעם עסנוואַרג.

אין זשיטקעוויטשער תּפיסה (פריִער אַ בית הכּנסת־געביידע) האָבן מיר זיך באַקענט מיט אַנדערע יידישע פּערעביעשטשיקעס, וואָס זענען אַריבער דעם גבול אין אַנדערע ראַיאָנען פון דער סאָוועטיש־פּוילישער גרענעץ, יונגעלייט פון לאָדזש, וואַרשע, ביאַליסטאָק און אַנד. מיר האָבן אויך באַגעגנט אונדזער לאַנדסמאַן יאַבלאָנסקי פון שטעטעלע מאָרד (אַ בעקער) ביי שעדלעץ. ביי אַלעמען איז געווען איין ציל — איינ־אָרדענען זיך אויף אַרבעט נאָכן באַפרייען זיך, לערנען, העלפן בויען דאָס סאָציאַליסטישע לאַנד און טאָקע בויען אַן אייגן לעבן אויך. אונדזער גרופּע האָט דאָ מער קיין אויספאַרשונגען נישט געהאַט. ווייזט אויס, אַז מ׳האָט באַדאַרפט אונדז ווייטער ערגעץ אָפּפירן מיט דער באַן, וועלכע האָט זיך געפונען נאָענט פון אונדזער תּפיסה.

בעת די אָקטאָבער־פייערונגען אין שטעטל האָט מען נאָך מער פאַר־שטאַרקט די שמירה און קיינעם אַפילו פון הויף נישט אַרויסגעלאָזט. מיר האָבן געהערט ערגעץ־ווו שפּילן אָרקעסטער־מוזיק און קולות פון די רעדנער, וואָס זענען דערגאַנגען צו אונדז און אָפּגעהילכט פון דער ווייטנס.

אָוודאי האָבן אַ סך פון אונדז באַדויערט, וואָס מיר קענען נישט זען אַזאַ פייערונג פון וועלכע מיר האָבן קיין מאָל נישט געוווסט.

# ס׳הויבט זיך אָן מיט עטאַפּן

נאָך מער ווי אַ וואָך צייט וואָס מיר זענען געווען אין זשיטקעוויטשער תפיסה האָט מען אונדז 10—12 אַרעסטאַנטן (איבערלויפער) אָפּגעפירט צו דער באַן און אַריינגעשטופּט אין אַן אַרעסטאַנטן־וואַגאָן „סטאָליפּין", וועלכער איז געווען צוגעטשעפּעט צו אַ פאַרבייפאָרנדיקער באַן אויף דער סטאַציע זשיטקעוויטש. ס׳איז אין וואַגאָן נישט געווען קיין אָרט אַפילו פאַר איינעם, נישט צום זיצן און נישט צום שטיין. דאָרט זענען געווען פּלעצער נאָר צום ליגן — ספּעציעלע ברייטע „פּאָלקעס", וועלכע זענען שוין אויך געווען פאַרנומען. אין ענגשאַפט, אין שטיקנדיקן געשטאַנק, זענען מיר פאָרנדיק אַ גאַנצע נאַכט, אָפּגעשטאַנען אין די דורכגענג.

אין אָנהויב האָב איך נישט פאַרשטאַנען וואָס דאָס איז פאַר אַ וואַגאָן, אָבער נאָכן דערקלערן, אַז דאָס זענען ספּעציעלע וואַגאָנען נאָך פון סטאָליפּינס צייטן, אין וועלכע מ׳האָט געפירט קאַטאָרזשניקעס קיין סיביר — האָב איך זיך דערמאָנט, אַז כ׳האָב דאָס וואָרט „סטאָליפּין־וואַגאָן" באַגעגנט אין אייניקע איבערגעלייענטע ביכער, אָבער זיך נישט פאָרגעשטעלט ווי ער זעט אויס. איצט ווייס איך שוין: אַן ענגע שטייג פאַר חיות.

אַ גאַנצע נאַכט איז מען געפאָרן און קיינער האָט נישט געוווּסט ווי מיר זענען און אין וועלכער ריכטונג מיר פאָרן. ווי לעמער זענען מיר געווען. מיר האָבן זיך צוגעקוקט צום קאָנטינגענט פונעם וואַגאָן. די מערהייט איז געווען פון דער אונטערוועלט. מיר האָבן זיך צוגעהערט צו זייער גנבישן זשאַרגאָן, וועלכן מיר האָבן נישט פאַרשטאַנען. ס׳זענען צווישן זיי געווען פויליש־רעדנדיקע. זיי האָבן מיר גראָד גוט פאַרשטאַנען.

אין דער פרי האָט זיך דער צוג אָפּגעשטעלט. מ׳האָט אַ גרעסערע גרופּע אַרעסטאַנטן אַרויסגענומען פון וואַגאָן און צווישן זיי די גרענעץ־איבערלויפער, און אונדז, באַוואַכטע מיט קאָנוואָי, אָפּגעפירט אין דער שטאָטישער תפיסה דורך דער שטאָט. מיר האָבן באַמערקט ווי מענטשן קוקן זיך צו מיט צעשראָקענע אויגן ווי אַזוי מען פירט פאַרברעכער.

דאָס איז געווען אין דער שטאָט האָמעל (ווייסרוסלאַנד). מ׳האָט אונדז פונאַנדער געשטופּט אין פאַרשידענע קאַמערן צעשיידנדיק אונדז. די צעשיידונג האָט אונדז שווער געטראָפן. צוליבן נישט קענען די שפּראַך,

האָבן מיר זיך נישט געקאָנט בעטן מ׳זאָל אונדז נישט צעשיידן. צי וואָלטן זיי אין אַכט גענומען אונדזער ביטע? דאָ האָבן מיר זיך שוין באַדאַרפט צוגעוווינען צו אַ נייעם רעזשים.

אין מיין קאַמער זענען געווען אַ גרעסערע צאָל יידן און דעריבער איז מיר געווען לייכטער. הערשל בראַנד איז געווען מיט מיר אין איין קאַמער. די איבעריקע אין שכנותדיקע קאַמערן.

דאָ האָבן אונדז די יידן דערציילט וועגן לעבן אין רוסלאַנד. מיר האָבן אין זיך יעדעס וואָרט איינגעזאַפּט און באַמיט זיך אַלץ פאַרגעדענקען. דאָ האָבן מיר שוין אָנגעהויבן שפּירן הונגער, אָבער די האַמעלער יידן האָבן אונדז אונטערגעהאַלטן מיט דעם, וואָס מ׳האָט זיי געבראַכט פון דער היים.

אומגעפער אין אַ וואָך אַרום האָט מען אונדז צונויפגענומען אין איינער פון די תפיסה־קאַמערן, און אַלע פון אונדזער גרופּע אָפּגעפירט צו דער באַן נאָך אַמאָל מיטן עטאַפּ אין אַן אַרעסטאַנטן־וואַגאָן. מאָרגן ביי נאַכט זענען מיר אָנגעקומען קיין מינסק. דאָרטן זענען מיר אָפּגעפירט געוואָרן אין אַן איבערגאַנגס־תפיסה, נישט וייט פונעם וואָקזאַל.

דאָ פלעגט מען אונדז שוין טרייבן אויף פאַרשידענע שווערע אַרבעטן, נישט ווייט פון דער תפיסה. דאָ האָבן מיר זיך באַקענט מיטן טעם פון הונגער. דער אַרעמער „פּאַיאָק" האָט לחלוטין נישט געזעטיקט.

ווען גוטע מענטשן האָבן געזען ווי מען טרייבט אונדז טעגלעך אויף אַרבעט, האָבן זיי אונדז צום אַרבעטס־אָרט אָנגעהויבן טראָגן שפּייז. בעיקר — די יידישע באַפעלקערונג, אָבער דער קאָנוואָי האָט זיי נישט צוגעלאָזט. דאָס איז פאַר אונדז, נייע, געווען נישט פאַרשטענדלעך.

איין מאָל אין אַ שבתדיקן טאָג האָט מען צו אונדז אין קאַמער אַריינגעטראָגן אַ פולן זאַק מיט פאַרשידן עסנוואַרג. דער נאַדזיראַטעל האָט דערקלערט (און מ׳האָט אונדז דאָס איבערגעזעצט אויף פּויליש) אַז דאָס איז דורך די יידן צונויפגענומען געוואָרן נאָר פאַר יידישע אַרעסטאַנטן, אָבער די תפיסה־אַדמינסטראַציע האָט זיך אָפּגעזאָגט דאָס צו נעמען נאָר פאַר יידן, און געשטעלט אַ באַדינג אַז אויב די ברענגער וועלן מסכים זיין דאָס צעטיילן פאַר אַלעמען (אויך פאַר נישט יידן) — וועט דאָס צעטיילט ווערן. די ברענגער האָבן געגעבן זייער הסכמה.

דער עלטסטער פון קאַמער איז געווען איינער פון די נידעריקסטע אונטערוועלט־טיפּן. ער איז געווען דער צעטיילער. דאָס, וואָס איז צו אונדז אַריינגעפאַלן האָט, פאַרשטייט זיך, נישט אָנגעזעטיקט. מיר האָבן קיין ברירה נישט געהאַט און געשוויגן מיט ביטערניש. אונדז איז געווען נאָך ערגער מיט דעם, וואָס מיר האָבן נישט פאַרשטאַנען אַז אַ שיסעלע,

אַ טעפּל מיט אַ „טיפּערן" לעפל איז פאַר דעם אַרעסטאַנט דאָס וויכטיקסטע אין זיין לעבן. מיר האָבן די „מכשירים" נישט געהאַט און אַן דעם קען מען נישט לעבן (בפרט אַזעלכע ווי מיר זענען געווען) און טאַקע צוליב דעם געליטן מער הונגער. דער „באַטשאַק" קאַשע איז פאַר 5 מענטשן, צווישן וועלכע ס'זענען פאַראַן הונגעריקע אונטערוועלטניקעס, וואָס נוצן אויס אונדזער נישט באַהאָוונטקייט אין די טורמע־אומשטענדן. אונדז איז אויך ביטער געווען ווייל מיר האָבן נאָך נישט פאַרשטאַנען די שפּראַך.

אויך אונדזערע נעכט זענען געווען אומרויקע, ווייל זיי, די בלאַטע יונגען, האָבן זיך צו אונדז צוגערוקט, באַטאַפּט, מיינענדיק אַז מיר האָבן ערגעץ־ווו „פאַרנאַטשעט" (טיף באַהאַלטן) עפּעס. ווען אָבער זיי געפינען גאָרנישט — ווערן זיי מערדעריש אויפגערעגט און זוכן אָנצוטאָן צרות ביי יעדער געלעגנהייט.

מיר, יידישע גרענעץ־איבערלויפער, האָבן זיך פעסט געהאַלטן צו־זאַמען. מיר האָבן געלעבט נישט וויסנדיק, וואָס פאַר אַ מאָרגן ס'דער־וואַרט אונדז, און ס'האָט זיך געדאַכט אַז קיין ערגערס איז שוין נישט פאַראַן.

נישט ביי איינעם פון אונדז איז געווען גרויס די אַנטוישונג און ס'האָט זיך אַ טראַכט געטאָן: צי איז אונדזער „לויפן" כדאַי געווען ? צי דערוואַרט אונדז טאַקע אַזאַ גליק אין סאָציאַליסטישן לאַנד ווי מיר האָבן זיך פאַר־געשטעלט, ווען פון די ערשטע טריט אָן, האָט זיך אַלץ אָנגעהויבן מיט תפיסה, וואָס קיינער פון אונדז האָט דאָס נישט פאַרזוכט ? וואָלט די פּלאָג, וועלכע מיר האָבן פון אונדזערע בלאָטע שכנים־מיטזיצערס אונדז נישט געמאַכט אַזוי שווער דאָס לעבן — וואָלט מען נאָך אפשר געקענט ווי ס'איז ליידן. אין דעם פּרט זענען מיר אומבאַהאָלפן מיט עפּעס פאַר־לייכטערן זיך. מיר האָבן געדאַנקט גאָט, וואָס ביז איצטער האָט נאָך קיינער פון אונדז נישט באַקומען קיין קלעפּ, כאָטש צווישן זיך זענען שוין ביי זיי געווען געשלעגן נישט איין מאָל.

אויך צו אונדזערע ליידן איז (דערווייל ?) געקומען אַ סוף. אין איינעם אַן אָוונט האָט מען אונדז געמאָלדן מיר זאָלן גרייט זיין צו אַן עטאַפּ אין דער פרי. מען האָט אויסגערעכנט כמעט האַלב מענטשן פון אונדזער קאַמער און בתוכם — אונדזער גרופּע (מער פון 20 מאַן).

מ'האָט אונדז צוגעפירט צו דער סטאַציע, ווידער אַריינגעפּאַקט אין וואַגאָן פאַר אַרעסטאַנטן און פאַר עטלעכע שעה פאַרעכץ, געבראַכט אונדז קיין באַריסאָוו (מינסקער געגענט).

פון באַריסאָוו זענען מיר אָפּגעפירט געוואָרן אין אַ ספּעציעלן לאַגער, נישט ווייט פון שטאָט. דאָרט האָט זיך אָנגעהויבן אַ ביי לאַגער־לעבן.

# דער באַריסאָווער לאַגער

אין סוף יאָר 1923, האָט זיך דער לאַגער אין באַריסאָוו אויסערלעך נישט אויסגעטיילט פון אַנדערע לאַגערן, וועלכע האָבן אין די שפּעטערדיקע יאָרן זיך צעשפּרייט איבערן גאַנצן לאַנד.

דאָס איז געווען אַ זאָנע, אַרומגערינגלט מיט שטעכל־דראָט, אינע־ווייניק — גרויסע הילצערנע באַראַקן (פּאַר מענער און פרויען), אויס־געשטאַטע מיט איין־צוויי־שטאָקיקע נאַרעס.

אין איינעם פון די באַראַקן האָט זיך געפונען דער לאַגער־שטאַב פון ג.פּ.או. מיט זיין אויספאָרשונגס־אַפּאַראַט.

דער לאַגער האָט דעמאָלט קיין גרויסן פּחד נישט אַנגעוואָרפן אויף אונדז. די וואַך־טורעמס (בודקעס) זענען נאָך דאַן נישט באַשטאַט געווען מיט קיין קוילנוואַרפערס און פּראָזשעקטאָרן און אויך, דאַכט זיך, נישט מיט אַזעלכע שטרענגע און גרויזאַמע לאַגער־וועכטער.

אַנשטאָט איצטיקע מאָדערנע פּראָזשעקטאָרן, האָבן דעמאָלט געברענט געוויינלעכע עלעקטרישע לעמפּלעך אויף די שיטערע סלופּעס אַרום דער זאָנע. קיין ביינאַכטיקע שיסעריי האָט זיך נישט געהערט. אין שטאַב פלעגט מען נישט פירן אונטער אַ וואַך אויספאָרשן, נאָר פּשוט אַרויס־גערופן און דער אַרעסטאַנט איז אַליין געגאַנגען.

קיין קאַטאָרגע־אַרבעטן זענען דאָרט נישט געווען. „ראַזוואָדן" (דאָס אַרויספירן אויף אַרבעט) מיט האַרצרייסנדיקע אויסגעשרייען און זידלע־רייען פון די באַגלייטער, ביים טויער — נישט געהערט. ס' זענען דעמאָלט אויך נישט געווען קיין שרעקלעכע און בייזע וואָלף־הינט, שטענדיק גרייטע זיך אַרויפוואַרפן אויפן קרבן לויטן וווּנק פון פאַרהאַסטן און אָנגערייצטן (נישט הונט, נאָר קאָנוואָי). מיט איין וואָרט — אַן אמתער גן עדן אין פאַרגלייך מיט די שפּעטערדיקע יעזשאָוו־בעריע־לאַגערן.

איין מאָל אין דער וואָך, אין אַ באַשטימטן טאָג, פלעגט מען ברענגען און אַרויסשיקן עטאַפּן מיט אַרעסטירטע. די וואָס מ'פלעגט באַפרייען — האָבן זיך אין קיין עטאַפּן נישט געניטיקט. מען פלעגט זיי אַרויסגעבן פּאַפּירן אויף דער האַנט און די באַפרייטע פלעגן שוין אַליין אַרויספאָרן אין דעם אָנגעוויזענעם וווינאָרט.

אין לאַגער, אונטער דער אָנפירונג פונעם קאָמענדאַנט באַגדאַנאָוו האָט זיך געפילט אַ דיסציפּלין. קיין אומרועז, אויסערגעוויינלעכע מיס־פאַרשטייעניש אָדער אַנטיסעמיטישע דערשיינונגען זענען כמעט נישט געווען, כאָטש די גרעסטע טייל לאַגערניקעס זענען געווען מענטשן פון דער אונטערוועלט, פּאַגראָמשטשיקעס פון פאַרשידענע באַנדעס, וועלכע האָבן דעמאָלט אָפּערירט אין ווייסרוסלאַנד און אין אוקראַיִנע — אַנטלאָפענע קיין אויסלאַנד, איצטער צוריקגעקומענע אומלעגאַל און געכאַפּטע ביי די גרענעצן. ס׳איז דאָרטן געווען אַ קאָרצער וווהין מע פלעגט איינזעצן פאַר פאַרשידענע עבירות.

דאָס לעבן אין לאַגער איז געווען מער־ווייניקער פריי און קען בשום אופן נישט פאַרגלייכט ווערן מיטן לעבן פון די שפּעטערדיקע, וועלכע זענען ערטערווייז פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אמתע טויט־לאַגערן.

אין די אָונטן פלעגן זיך צונויפנעמען פאַרשידענע גרופּעס מענטשן מיט אייגן שפּראַך, שטייגער און מנהגים, שמועסן, לייענען, שפּילן שאַך־מאַט אָדער קאָרטן ביז צו דער צייט פון „אָטבוי״ (צייט פון גיין שלאָפן).

מיר, ייִדישע גרענעץ־איבערלויפער, האָבן זיך געהאַלטן באַזונדער אין די באַראַקן. אונדזער שפּראַך איז געווען מער ייִדיש ווי פויליש. ס׳איז דאָרט אויך געווען אַ ביבליאָטעק, ווו מ׳האָט געקענט נעמען פאַרשידענע ביכער און אויך אין ייִדיש (טויזנט מאָל להבדיל צו די שפּעטערדיקע לאַגערן). דאָס אַלץ האָט פאַרטריבן דעם אומעט און לאַנגווייליקייט פון אונדזער זיצן דאָרט.

פון צייט צו צייט פלעגט מען אונדז אַרויסרופן צום אויספאַרשער, וועמען מיר האָבן באַדאַרפט געבן דערקלערונגען וועגן די סיבות פון אונדזער אַנטלויפן פון פוילן און גנבענען די גרענעץ. מ׳האָט מיט אונדז שטרענג און גראָב, מיט אינקוויזיטאָרישע פּייניקונגען די אויספאַרשונג דעמאָלט נישט געפירט, די באַציונג פון אויספאַרשער איז אָפּט געווען זייער און זייער אַן אידעלע (איך מוז אונטערשטרייכן נאָך אַ מאָל: טויזנט מאָל להבדיל צו דעם, וואָס איז פאַרגעקומען שפּעטער, אין מאָרד־פּעריאָד פון סטאַלינען). אפשר זענען געווען באַזונדערע פאַלן פון אַ גרעבערער באַציונג ביים אויספאַרשן די באַנדיטן, פּאַגראָמשטשיקעס און קאָנטראַבאַנדיסטן? אָבער דאָס איז אונדז נישט באַוווּסט געווען. איך האָב נאָך אויך דערווייל נישט געזען די גרויליקע מעשים וועגן וועלכע דער טאַטע האָט מיר דערציילט בעתן פאַרלאָזן די היים.

אין אונדזער לאַגער זענען געווען (געזעסן) עטלעכע הונדערט ייִדישע גרענעץ־איבערלויפער פון פאַרשידענע שטעט אין פוילן, צונויפגענומענע ביי פאַרשידענע גרענעץ־פּונקטן פון דער פויליש־רוסישער גרענעץ.

פון די שעדלעצער האָבן זיך אין באַראַק געפונען דער קליינטשיקער און זייער באַוועגלעכער ראַזען אָדער ראַזנבוים, אַרזשעך און דער הויכער צוקער, ווי מען האָט אים גערופן „רבונו של עולם" (זייער געוועלב איז געווען אויף סטאַרי רינעק 8).

אונדזער קאָמענדאַנט באַגדאַנאָוו איז געווען נישט קיין שלעכטער גוי. יעדן אָוונט פלעגט ער זיך באַווייזן און איבערגעבן פאַרשידענע אינ־סטרוקציעס, מעלדונגען און אויך ווער פון די לאַגערניקעס ס'וועט אויף מאָרגן אַרויסגערופן צום אויספאַרשער אין שטאַב. ער פלעגט אויך מעלדן וועגן צוגרייטונגען צו די עטאַפּן. מיר הערן אים שטענדיק אויס מיט אינטערעס.

איין זאַך איז פאַר אונדז נישט קלאָר: פאַר וואָס האַלט מען אונדז אַזוי לאַנג און מע פאַרגיכערט נישט אונדזער אויספאַרשונג? מיר האָבן שוין געוווּסט, אַז אונדזער פאַרברעכן ווערט קוואַליפיצירט לויטן פּאַראַ־גראַף 98 פאַר דורכגיין אומלעגאַל די גרענעץ און פאַר דעם איז פאַרויס־געזען ביז 6 חדשים תפיסה. מיר זענען גרייט דערצו (מיר זענען שוין מער ווי אַ האַלב אָפּגעזעסן) אַבי שוין זיין אויף דער פריי און געניסן פון אַלץ צו וואָס מיר שטרעבן. פאַר וואָס האַלט מען אונדז דאָ, ווען מיר זענען אַרבעטספעיִק און פול מיט חשק צו אַרבעטן, איינאָרדענען זיך און אפשר טאַקע אויך מיט עפּעס העלפן די איבערגעלאָזטע עלטערן אין פּוילן.

ווען עמעצער פון אונדז האָט אַזעלכעס געפרעגטביים אויספאַרשער, איז שטענדיק געווען דער ענטפער: „די ריי וועט צו אייך אויך דערגיין, איר זענט נאָך יונג און איר וועט נאָך באַווייזן צו געניסן פון דער סאָוועטישער פרייהייט".

פון צייט צו צייט פלעגט אין באַראַק פאַרגעלייענט ווערן פאַר אונדז לעקציעס אויף פאַרשידענע טעמעס פונעם סדר היום, און דער עיקר — וועגן דער סאָציאַליסטישער אויפבויונג, אָבער דאָס אַלץ איז פאַר אונדז נישט געווען אַזוי פאַרשטענדלעך צוליבן נישט קענען די רוסישע שפּראַך.

אין איינעם אַ טאָג איז באַגדאַנאָוו אַריין אין די באַראַקן און אויפן קול געמאָלדן תיכף זיך צונויפנעמען אין אונדזער באַראַק. מיר האָבן פאַרשטאַנען אַז עפּעס איז געשען אויסערגעוויינלעכס. אין געציילטע מינוטן איז אונדזער באַראַק אָנגעפילט געוואָרן מיט מענטשן. מיר האָבן געוואַרט מיט אומגעדולד. און אָט איז באַגדאַנאָוו אָנגעקומען און מיט געוויין געמאָלדן פאַר אַלעמען וועגן לענינס טויט, וואָס איז פאַר אַלעמען געווען אַן איבעראַשונג און, פאַרשטייט זיך, אויך אַן איבערלעבונג פאַר אַ סך. ער האָט פאַרגעלייגט אָנהויבן זינגען אַ טרויער־ליד און געהייסן

אַלעמען מיטזינגען. ער האָט אַ ביסל דערציילט וועגן לענינס לעבנסוועג און רעוואָלוציאָנערער טעטיקייט. אַלץ איז פּאַר אונדז נאָך ווייניק געווען פאַרשטענדלעך.

עס האָבן זיך דעמאָלט אויך פאַרשפּרייט קלאַנגען אַז לענין אַליין האָט באַפוילן צו שאַפן קאָנצלאַגערן פאַר פאַרשידענע פאַרברעכערס, אָבער די גרעסטע טייל האָבן אין אַזאַ זאַך נישט געגלויבט. ס'זענען דאָך פאַראַן תּפיסות — האָט מען געזאָגט — איז צו וואָס קאָנצלאַגערן?

די נאַכט זענען מיר שוין נישט געשלאָפן. מיר האָבן געטראַכט אַז דאָס איז שוין אַ סוף צו אונדזער דערוואַרטער פרייהייט און ווער ווייסט צי עס וועלן נאָך זיין אַזעלכע לענינס? מיט דער צייט האָבן מיר ווידער אָנגעהויבן צו הונגערן. מיר האָבן נישט געהאַט מיט וואָס צו צוקויפן עסנוואַרג. דער „פּאַיאָק" וואָס מיר האָבן באַקומען איז נישט געווען גענוג צו זיין זאַט. מיר האָבן אויך נישט געהאַט וואָס צו פאַרקויפן פון אונדזער אָרעמער קליידונג. די עטלעכע העמדער, וואָס די מאַמע האָט נעבעך מיטגעגעבן זענען שוין לאַנג אויספאַרקויפט געוואָרן.

אין די באַראַקן האָבן זיך באַוויזן „הענדלער", וואָס האָבן געקויפט און פאַרקויפט שטיקלעך ברויט, חזיר־פעטס, מאַכאָרקע, פּאַפּיראָסן, צוקערלעך און וואָס נישט? יעדער „סוחר" האָט זיך צעשפּרייט אויף דער אייגענער נאָרע מיט זיין „סחורה", וועלכע ער האָט ערגעץ־ווו דערגאַנגען אין שטעטל באַריסאָוו, אָדער עמעצער האָט אים פון דאָרט אַריינגעשמוגלט, ווען ער האָט זיך געבעטן אין שטאָט צום דאָקטער און שפּעטער ביים קאָנוואָיִרער, אַז ער זאָל אים דערלויבן אַריינלויפן אין אַ געוועלבל. אָט דער „מאַרק" האָט אין אַ געוויסער מאָס געלייזט דאָס הונגער־פּראָבלעם נאָר ביי די, וואָס האָבן געהאַט וואָס צו פאַרקויפן פון די זאַכן, וועלכע זענען אים נאָך איבערגעבליבן.

די וואָס האָבן געאַרבעט אין קיך, אָדער ביי אַנדערע דרויסנדיקע אַרבעטן — האָבן טייל מאָל עפּעס געבראַכט און פאַרקויפט. יענע „גליק־לעכע" זענען שוין פון דאָרטן קיין הונגעריקע נישט צוריקגעקומען.

מיר זענען געווען שטאַרק באַזאָרגט פון דעם, וואָס בשעת דעם פאַר־ענדיקן די אויספאַרשונגען ווען ס'ווערט באַשטימט אין וועלכן אָרט יעדער מעג פאָרן אויף דער פריי — ווערט ער נישט אָפּגעלאָזט צום פאָרן אַליין (סיידן קרובים קומען אים נעמען), נאָר ווערט אָפּגעשיקט מיט די עטאַפּן צום ווינאָרט. אָבער אויך דאָס זענען מיר גרייט געווען אויסצושטיין, אַבי וואָס גיכער באַפרייט ווערן און אָנהויבן דאָס נייע און פרייע לעבן. קודם כל — זיין זאַט...

מיר האָבן כסדר מקנא געווען יעדן פון די „פערעביעשטשיקעס",

ווען די אויספאָרשער האָבן געמאָלדן, אַז דער ענין איז געענדיקט און זיי קענען אַליין אויסקלייבן דאָס וווינאָרט, חוץ די פאַרבאָטענע שטעט: מאָסקווע, פעטראָגראַד, קיִעוו און עטלעכע אַנדערע.

ווען קרובים קומען אָפּנעמען דעם „פּערעביעשטשיק", שרייבן זיי זיך אונטער, אַז זיי נעמען אים מיט זיך, און דער אַרעסטאַנט ווערט באַפרייט פונעם עטאַפּ, וועלכער וואָלט אים געבראַכט צום פּלאַץ פיל שפּעטער און דערצו מיט גרויס מאַטערנישן דורך די וועג־תפיסות.

כמעט 3 חדשים האָבן מיר זיך געפונען אין באַריסאָווער לאַגער און סוף־סוף דערוואַרט זיך די גליקלעכע מינוט ביזן ענדיקן די אויס־פאָרשונג (בלויז נאָר 3 מאָל אַרויסגערופן געוואָרן פאַר דער צייט) און מיר, אַ פּאַרטיע פון העכער 30 גרענעץ־איבערלויפער, זענען אָפּגעשיקט געוואָרן מיטן עטאַפּ אין איין ריכטונג.

צום באַדויערן, זענען מיר, אונדזערע 5 חברים, צעשיידט געוואָרן. איך מיט בערל פּיעקאַרזש האָבן באַקומען אַ מאַרשרוט קיין יעקאַטערי־נאָסלאַוו (איצטער דניעפּראָפּעטראָווסק), הערשל בראַנד קיין וויטעבסק און ווילק מיט זילבערשטיין — קיין טאַשקענט (מיטל־אַזיע).

צי האָבן מיר געטראַכט אַז ערשט איצט וועט זיך אָנהויבן דער וועג פון שפּאָגל־נייע מאַטערנישן און ליידן?...

# נאָך איין עטאַפּ צו דער „פרייהייט"

איך בין געשטאַנען אין אַנגעפּאַקטן אַרעסטאַנטן־וואַגאָן אַ צופרידענער מיט דער סוף־סוף, פאַרענדיקטער אויספאַרשונג און מיט מיין דערנענטערן זיך צו דער פרייהייט, וועגן וועלכער איך האָב אַפּילו אויף קיין מינוט נישט אויפגעהערט צו חלומען. געקלערט האָב איך וועגן די עלטערן, וואָס לעבן איבער, נישט באַקומענדיק קיין בריוו פון מיר און אויך קיין גרוס וועגן קיינעם פון אונדזער גרופּע. וויפל טרערן האָט מיין געטרייע מאַמע שוין פאַרגאָסן פאַר דער צייט? געוויס האָבן זיי שוין געמיינט אַז מ'האָט אונדז אַלעמען דערשאָסן אויף דער גרענעץ און שוין לאַנג אונדז באַוויינט.

ווי דערשטוינט בין איך געוואָרן, ווען איך האָב זיך איבערצייגט אַז אונדזער עטאַפּ איז צוריק געבראַכט געוואָרן אין מינסקער תפיסה, פון וואַנען מיר זענען אַרויסגעפאָרן אין באַריסאָווער לאַגער. וואָס איז דאָס? ס'איז דאָך נישט צום באַגרייפן!

אָבער, שרעקט אייך נישט — נאָר איין מעת לעת איז אונדז אויס־געקומען דאָרט זיין און מ'האָט אונדז ווייטער אָפּגעשיקט מיטן עטאַפּ, און... נאָך אַ מאָל אין דער שטאָט האָמעל, ווו איך בין שוין פריִער געוועזן. מ'האָט אונדז אָפּגעפירט אין טורמע און אַריינגעשטופּט אין אַן איבער־געפולטער קאַמער מיט אַרעסטאַנטן. די ענגשאַפט און דאָס שטופּעניש איז געווען אין לשער. נישט געווען קיין פּלאַץ אַפּילו אויף דער פּאַדלאָגע, נישט נאָר צום ליגן, נאָר אויך צום זיצן און שטיין. דאָ האָבן מיר זיך באַדאַרפט געפינען ביז ס'וועט אָפּגיין אונדזער עטאַפּ ווייטער, נענטער צו יעקאַטערינאָסלאַוו.

אין עטלעכע טעג אַרום בין איך קראַנק געוואָרן, באַקומען היץ. מ'האָט מיך אָפּגעטראָגן אויף אַ טראָג־בעטל, אַן איבערגעדעקטן אין תפיסה־שפּיטעלעכל (אַן איינשטאָקיק הייזל), וואָס האָט זיך געפונען איבערן וועג, נישט ווייט פון תפיסה.

דאָ בין איך אַריינגעפאַלן אין אויסערגעוויינלעכע גוטע באַדינגונגען — אַ וואַרעמע באַציונג מצד דעם שפּיטאָל־פּערסאָנאַל. איך געדענק נישט וויפל טעג איך בין דאָרט געלעגן (אַ וואָך צי מער?). ווען מיין צושטאַנד האָט זיך פאַרבעסערט — האָט מען מיך צוריק איבערגעגעבן דער טורמע־

אַדמיניסטראַציע, פון וואַנען מ'איז געקומען מיך אָפּנעמען. צוריק בין איך שוין אַליין געגאַנגען. דער שפּיטאָל־פּערסאָנאַל האָט מיך באַגלייט מיט גוטע ווינטשן און אויך מיטגעגעבן עסן מיר אויפן וועג. איך בין נאָך דעמאָלט געווען גאַנץ אָפּגעשוואַכט, אָבער ווי ס'האָט זיך אַרויסגעוויזן, האָט באַדאַרפט אָפּגיין מיין עטאַפּ און דעריבער האָט מען מיך פאַר דער צייט אויסגעשריבן פון שפּיטאָל.

איך בין צוריק אַריינגעפאַלן אין דער זעלבער קאַמער פון וואַנען מע האָט מיך גענומען. מיינע מיטזיצער האָבן זיך מיט מיר דערפרייט. די ענגשאַפט איז געווען גרויס ווי פריִער, אָבער מיר האָבן געמוזט ליידן.

אָט, די ענגשאַפט און שטופעניש אין קאַמער האָט גורם געווען, אַז עמעצער זאָל געבן אַ שטופּ מיין קלימעקל און צעברעכן אויף פּיצלעך מיין ערדענע שיסל, וואָס איך האָב געקויפט ביי די באַריסאָווער באַראַק־„הענדלער" פאַר אַ צוויי פּייקעס ברויט, וואָס איך האָב אָפּגעשפּאָרט אויפן חשבון פון נישט דערעסן. שווערער נאָך ווערן די הונגער־ליידן ביים אַרעסטאַנט, וואָס פאַרמאָגט נישט קיין שיסעלע, קיין קעסעלע, קיין בלעכענע פּושקע, אָדער אַנדערע מין כלי, וועלכע מע קען אונטערשטעלן בעת מע צעגיסט די „באַלאַנדע" — דאָס ביסל שיטער געקעכץ, מ'שטיינס געזאָגט. איך בין אַזוי אויך אָפּגעשוואַכט. שווער געווען צו באַרויקן זיך. די חברים־אַרעסטאַנטן קענען מיך נאָר מיטפילן, אָבער קיינער פון זיי קען מיר קיין נייע שיסל נישט געבן.

נאָר איין מעת לעת איז דאָ אויסגעקומען צו זיין. מ'האָט אונדז ווייטער גענומען אויף אַן עטאַפּ אין דער ריכטונג קיין קיִעוו. עטלעכע פון אונדזער גרופּע האָבן „פאַרכאַפּט" אַ באַקוועם ווינקל אין „טעפּלושקע" (אַ וואַגאָן אין וועלכן מען פירט איבער פי און אויך אַרעסטאַנטן, און מיר האָבן זיך צונויפגעקוועטשט אויף דער פּאָדלאָגע האַרט איינער צום צווייטן, גוט וואָס דער וועג־„פּאַיאָק" איז געווען אַ טרוקענער, אַ פּיסנער און קיין שיסל דערצו האָט מען נישט באַדאַרפט.

גאָר נישט אַנגענעם איז געווען דאָס, וואָס אונדזער ווינקל איז געווען נאָענט צו דעם פּאָדלאָגע־לאָך פאַר נאַטירלעכער באַדערפעניש. צו וואָס ווערט מען נישט צוגעוווינט?

אויך צו דער „רוסישער שפּראַך" פון קאָנוואָיִ האָבן מיר זיך שוין אַ ביסל צוגעוווינט און מער פאַרשטאַנען. ביי נאַכט האָט זיך אונדזער צוג אָפּגעשטעלט און... געשטאַנען. עפּעס אַ „קוקושקע" (קליינער אַלט־מאָדישער לאָקאָמאָטיוו) האָט אונדזער וואַגאָן כסדר אַרומגעפירט אַהין און צוריק, און ווייטער אים אָוועקגעשטעלט. דער לאָמטערן איז שוין לאַנג אויסגעלאָשן געוואָרן און אין וואַגאָן האָט געהערשט אַ געדיכטע

פינצטערניש. דאָס ליגן ביים פּאַדלאָגע־לאָך פּאָר נאַטירלעכע באַדערפֿע־נישן פונעם וואַגאָן־עולם אין דער נאַכט־פינצטערניש, האָט אויך אונדז נישט ווייניק אומאַנגענעמלעכקייטן פאַרשאַפט. וואָס האָבן מיר געקענט טאָן ?

ווען ס׳האָט אָנגעהויבן טאָגן, האָבן זיך אַלע געלאָזט צו די פאַר־קראַטעוועטע פענצטערלעך אַ בליק טאָן ווו מיר געפינען זיך. מיר שטייען ערגעץ אין אַ ווינקל ביי אַ פלאַנטער פון באַן־ליניעס. ווען מיר האָבן געפרעגט ביי אַ פאַרבייגייער פון דערווייטנס, ווו מיר געפינען זיך — איז געקומען דער ענטפער : באַכמאַטש. ווער ווייסט צי וועלן מיר אַ מאָל ווייטער פאָרן... מיר שטייען. דאָס געשטאַנק אין וואַגאָן איז מער נישט אויסצוהאַלטן. מיר ווערן פשוט פאַרסמט. די צווייטאָגיקע פייקע ברויט מיטן הערינג אויפן וועג איז שוין לאַנג „ליקווידירט" געוואָרן. אין דער זעלבער צייט איז דאָס פעסעלע מיט וואַסער אויך אויסגעשעפּט געוואָרן. טרוקן ביז צום דעק. מיר ווילן טרינקען. סע טרוקנט אין האַלדז און מיר שטייען אַלץ. שוין האַלבער טאָג און ווידער ביי נאַכט (דאָס איז שוין אַ ביסל ענלעך צו די שפּעטערדיקע עטאַפּן פון בימי סטאַלין־יעזשאָוו).

אָפּגעשטאַנען אַנדערטהאַלבן מעת לעת, האָט מען אונדזער וואַגאָן ענדלעך צוגעטשעפּעט צו אַ פּאַסאַזשירן־צוג און מיר זענען אָנגעקומען קיין קיִעוו, נאָך נישט וויסנדיק ווי אַזוי ס׳וועט אויסזען אונדזער וועג. (וועגן דער שטאָט קיִעוו האָב איך געוווּסט אַז דאָרט איז פאָרגעקומען ביילִיסעס פּראָצעס).

מיר זענען אויסגעהונגערט און שטאַרק דורשטיק.

פון דער קיִעווער סטאַציע האָט מען אונדז אָפּגעפירט אין אַ געדעקטן אויטאָ (לאַסט) אין אַ תּפיסה, אַ געביידע וואָס איז פריִער געווען אַ סעמי־נאַר (לערן־אַנשטאַלט פאַר גייסטלעכע). דאָ זענען געווען געראַמע און ליכטיקע קאַמערן (פריִערדיקע אודיטאָריעס). מיר האָבן זיך צעלייגט אויף די נאַרעס „ווי פּריצים"... אָבער צי קענען אַפילו פּריצים איינליגן הונגעריקע ? קיין ברעקל שפּייז איז ביי קיינעם נישטאָ. ווי מיר זענען שפּעטער געוווּיר געוואָרן — האָט זיך אונדזער טורמע געפונען אויף שעווטשענקאָ־בולוואַר.

עמעצער פון אונדז האָט אָנגעהויבן שטאַרק קלאַפּן אין טיר מאַנענדיק עסן. מ׳האָט אונדז צוגעזאָגט געבן עסן, אָבער אָן ברויט. ברויט וועט מען קענען באַקומען נאָר מאָרגן אין דער פרי.

מ׳האָט אונדז טאַקע אַריינגעבראַכט אַ קעסל מיט הייסער קאַשע. יעדער האָט מיט פרייד זיך צוגעכאַפּט אונטערשטעלנדיק זיין קעסעלע, אָבער וואָס זאָל איך טאָן מיט מיין טעפּעלע — די גרויס פון אַ גלאָז ? ביז איך

וועל באַווייזן אויפעסן דאָס טעפּעלע מיט הייסער קאַשע — וועט קיין סימן פון אַט דעם מאכל נישט איבערבלייבן אין קעסל און איך וועל שוין קיין צווייט טעפּעלע נישט קריגן. דאָ האָב איך צום ערשטן מאָל דערפילט מיין צרה אָן דער שיסל, וועלכע מ'האָט מיר צעבראָכן. וואָלט די קאַשע נישט געווען אַזוי שיטער, וואָלט איך זי נאָך געקענט אָננעמען אין אַ וועלכער ס'איז שמאַטע, אָדער העמד און אַפילו אין אַ נאָז־טיכל. (פאַר־שטייט זיך אַז ס'האָבן אין קאַמער נישט געפעלט קיין חוזק־טרייבער פון מיינע טרערן. ס'האָט אַרויסגערופן געלעכטער ביי יענע, וואָס האָבן מיין פּראָבלעם נישט געהאַט און אויך ביי די, וואָס האָבן פיינט באַקומען די „פּרעמדע" גרענעץ־איבערלויפער, וועלכע קומען אַהער „עסן רוסיש ברויט". דער מין מענטש האָט דעמאָלט אויך נישט אויסגעפעלט.

# צום צווייטן מאָל אין שפּיטאָל

אין איינעם אַ טאָג האָב איך עפּעס אויפגעגעסן „צו דער זעט״. באַקומען שטאַרקע מאָגן־ווייטיקן און שפּעטער אָנגעהויבן בלוטיקן. דער אַרויסגערופענער דאָקטער האָט מיך תיכּף אָפּגעשיקט אין שפּיטאָל. אַזוי ווי אין דער תּפֿיסה איז קיין אינערלעכער שפּיטאָל נישט געווען, בין איך אָפּגעשיקט געוואָרן אין שפּיטאָל פֿון דער לוקיאַנאָווער טורמע אין אַ ספּעציעלער קאַרעטע מיט אַ רויטן קרייץ, איינגעשפּאַנט מיט אַ פֿערד. דאָרט האָט מען מיך אָוועקגעלייגט אין אַ ספּעציעלער פּאַלאַטע פֿאַר אַזעלכע קראַנקע און מען האָט מיך גענומען גאַנץ אינטענסיוו היילן.

ווען מיין געזונט האָט זיך פֿאַרבעסערט, האָט מען מיך איבערגעפֿירט אין דער פּאַלאַטע פֿאַר אָפּגעשוואַכטע אין וועלכע ס׳זענען געלעגן נאָך 4 מאַן. דאָרטן האָבן מיר באַקומען אַ באַזונדערע און אויך מעדיצינישע באַדינונג. איך האָב דאָ געליטן פֿון דער פֿיינטלעכער באַציונג צו מיר פֿון אייניקע מיטזיצער פֿון דער קאַמער, זיי פֿלעגן אויסלאַכן, חוזק, אונטערשטעלן „פּיסלעך״ איך זאָל פֿאַלן, ביי נאַכט איבעררוקן די „פּאַראַשע״ אויף אַ צווייט אָרט, און אַפֿילו פֿאַרקירצן מיר דעם „פּאַיאָק״ ביים פֿונאַנדערטיילן. ס׳וועדט מיר אויסערגעוויינלעך שווער. איך בין דערנידעריקט דערדרוקט. נישט איין מאָל איז מיר דורך די נעכט אויסגעקומען שטיקן זיך מיט ביטערע טרערן.

בלויז איינער פֿון זיי איז געווען אַ שטילער און זיך צו מיר נישט געטשעפּעט. פֿאַרקערט, אַפֿילו אונטערגעוואָרפֿן אַן איבעריקן ביסן פֿון זיין „רעזערוו״. ער פֿלעגט רעדן מיט מיר מענטשלעך, באַרויקט און געטרייסט מיך.

איין מאָל איז צווישן זיי אויסגעבראָכן אַ קריגעריי ביז דראָונגען. איך האָב פֿאַרשטאַנען אַז דאָס איז צוליב מיר. איך האָב געציטערט און... געזעסן רויק אין ווינקל. מיין שיצער מיטן נאָמען שליאָמאַ, אַן אוקראַאינער, פֿון שטעטל קאַניעוו אויפֿן דניעפּער, האָט זיך אָנגענומען מיין קריוודע און געפֿאָדערט זיי זאָלן אויפֿהערן איזדיעקעווען זיך איבער מיר. ער האָט מיר געמאַכט פּלאַץ נעבן זיך ביי דער וואַנט אַזוי, אַז ער איז געלעגן דער צווייטער פֿון דער וואַנט, כּדי ס׳זאָל באַקוועמער זיין מיך באַשיצן.

ער האָט מיר דערציילט (ווי איך האָב פֿאַרשטאַנען) אַז ער איז געווען אַן אָנפֿירער פֿון אַן אוקראַיִנישער קעמפֿערישער באַפֿרייונגס־גרופּע. ער איז אַרעסטירט געוואָרן דורך דער ג. פּ. או. און מ׳האָט אים פֿאַרמשפּט אויף 10 יאָר תּפֿיסה.

ער האָט מיר געפּרוּווט איינרעדן, אַז נאָך מיין באַפֿרייונג פֿון יעקאַ־טערינאָסלאַוו, זאָל איך צו זיי קומען קיין קאַניעוו מיטן דאַמפֿער אויפֿן דניעפּר. דאָרטן — האָט ער געזאָגט — וווינען אַ סך יידן און זיי וועלן מיך באַזאָרגן מיט אַרבעט, איינאָרדענען מיט אַ דירה און אַפֿילו חתונה מאַכן „צווישן אייגענע". איך האָב דאָרט — האָט ער געטענהט — אַ סך יידישע פֿריינד... איך בין נאָך געווען שוואַך נאָך מיין קרענק, אָבער איך האָב זיך געפֿילט בעסער אונטער דער שוץ פֿון אָט דעם מענטשן.

(אַ סך שפּעטער, נאָך מיין באַפֿרייונג, האָב איך געלייענט וועגן די יידישע פּאָגראָמען אין אוקראַיִנע און זיך אָנגעשטויסן, אַז איינער פֿון די אָנפֿירערס מיט די פּאָגראָמשטשיקעס, איז געווען דער אַטאַמאַן שליאַמאַ. צי איז דאָס טאַקע געווען ער? שווער צו זאָגן. גאַנץ מעגלעך).

*

מע האָט מיך צוריק צוגענומען פֿון לוקיאַנאָווער טורמע און מיט אַ קאָנוואָי אָפּגעפֿירט צופֿוס אין תּפֿיסה אויף שעווטשענקאָ־בולוואַר צו מיין גרופּע עטאַפּניקעס, וואָס האָבן באַדאַרפֿט ווייטער אָפּגעשיקט ווערן מיטן עטאַפּ אין דער ריכטונג קיין יעקאַטערינאָסלאַוו.

דער וועג איז פֿאַר מיר געווען אַ לאַנגער און שווערער. נישט געקענט ווייטער שלעפּן די פֿיס. דער קאָנוואָירער האָט אויף מיר זיך געבייזערט, געשריגן און אונטערגעשטופּט. ערגעץ־ווו, נישט ווייט פֿון דער תּפֿיסה, ביי עפּעס אַ מאַרק, האָב איך שוין ווייטער נישט געקענט גיין און אַ פֿאַל געטאָן אויפֿן גאַסן, צעטראַטענעם און שמוציקן שניי. דער קאָנוואָירער האָט זיך ווייטער אויף מיר צעשריגן און אַפֿילו געדראָט, אויפֿהויבנדיק איבער מיר די ביקס מיטן „פּריקלאַד". דורכגייענדיקע האָבן זיך אָפּגעשטעלט, צוגעקוקט זיך צו דעם „בילד", אָנגעהויבן זידלען און מוסרן דעם קאָנ־וואָירער פֿאַר וואָס ער איזדיעקעוועט זיך איבער מיר. זיי האָבן מיר צו־געטראָגן דער אַ בולקעלע, דער אַן עפּל און פֿאַרגעלייגט העלפֿן מיך אָפּפֿירן אין דער תּפֿיסה, אָבער דער וועכטער האָט נישט דערלויבט.

מ׳האָט אים געהאָלפֿן אויפֿהויבן מיך און איך האָב זיך ווייטער לאַנג־זאַם געשלעפּט. מענטשן האָבן מיך באַגלייט און אַכטונג געגעבן אַז דער קאָנוואָי זאָל מיך נישט שלאָגן אויפֿן וועג.

ווען מען האָט מיך געבראַכט אין תפיסה, בין איך שוין אין דער פריִערדיקער קאַמער נישט אַריינגעפאַלן. געבליבן צווישן פרעמדע און ווידער אַלץ... פון אָנהויב. דאָס איז פאַר מיר געווען נאָך אַ צוגאָב צו מיינע ליידן. ווי ס׳האָט זיך אַרויסגעוויזן — האָב איך מיין עטאַפּ פאַר־שפּעטיקט. זיי זענען אין זעלבן טאָג, פאַר מיין אָנקומען שוין אָפּגעשיקט געוואָרן.

— שוין — דאַכט זיך — אַ צו שווערער וועג צו פרייהייט ווען וועלכער איך האָב אַזוי געחלומט. איך האָב אַ פאַרביטערטער כסדר ווען דעם געטראַכט און איבערגעלעבט. צי זענען אַלע מיינע מאַטערנישן אויפן וועגן צו דער, אַזוי גערופענער, פרייהייט כדאַי געווען? און איצט אין דעם פאַל, צי וועל איך נאָך עמעצן פון די חברים ווען ס׳איז באַגעגענען? געווען מיט זיי אַזוי איינגעוווינט און געלעבט ממש ווי מיט אייגענע ברידער...

*

נישט מער ווי אין אַ טאָג אַרום האָט מען מיך אַרויסגערופן און איינגעשלאָסן אין אַן עטאַפּ פון איינע אונטערוועלטניקעס, אונדז אָפּ־געפירט צום וואָקזאַל און אויף גיך (צוליב דעם, וואָס דער צוג שטייט?) אַריינגעשטופּט אין דעם אַרעסטאַנטן־וואַגאָן, צוגעטשעפּעט צום צוג און אונדז אָפּגעפירט אין דער שטאָט פּאַלטאַוּוע. איך האָב צווישן די עטאַפּ־ניקעס נישט געזען קיין איין ייד און אַוודאי נישט קיינעם פון די גרענעץ־איבערלויפער.

און ווידער מיט אַן איבערגעדעקטן לאַסט־אויטאָ האָט מען אונדז אָפּ־געפירט אין תפיסה. איך בין דעמאָלט נישט אין שטאַנד געווען צו באַ־גרייפן וואָס וועט ווייטער מיט מיר זיין. נאָכן צעשיידן זיך מיט דער גרופּע חברים בין איך אין גאַנצן פאַריתומט געוואָרן. האָב נישט געהאָט מיט וועמען זיך טיילן און ביי וועמען עפּעס פרעגן. ווי אַ שטומער. איך לייד הונגער שווייגנדיק. איך לייד באַליידיקונגען פונעם גוי־גנב, כוליגאַן אָדער באַנדיט. כ׳בין כאָטש צופרידן מיט דעם, וואָס ביז איצטער האָב איך נאָך נישט געכאַפּט קיין קלעפּ פון זיי.

איך דערמאָן זיך ווידער די איבערלעבונגען פון די עלטערן. זיי ווייסן גאָר נישט פון מיר שוין אַ האַלב יאָר צייט און מיינען געוויס אַז מ׳האָט אונדז אַלעמען צעשאָסן ביי דער גרענעץ, און זיי האָבן שוין אפשר באַוויינט אונדז אויך. דאָס האַרץ מיינס פילט זיך אַן מיט אומ

דערטרעגלעכן צער און רחמנות צו זיי. פֿאַרפֿאַלן. וואָס קען איך איצטער טאָן? איך טראַכט: צי בין איך נישט באַגאַנגען קיין שווער פֿאַרברעכן קעגן זיי, וואָס איך האָב זיי אַזוי לייכטזיניק און אָן רחמנות פֿאַרלאָזט און געפֿלויגן זוכן גליקן אין דעם אויסגעטרוימטן, סאָציאַליסטישן רוסלאַנד? פֿאַרפֿאַלן. סאַראַ נאַריש און בייז ייִנגל בין איך דאַן געווען! — —

אין קאַמער, וווּהין מ'האָט מיך אַריינגעפֿירט, האָב איך דערזען עטלעכע ייִדן, וואָס האָבן צווישן זיך גערעדט ייִדיש. זיי זענען געווען פֿון דער שטאָט ראָמני (פּאָלטאַווער געגנט). איך האָב זיך צו זיי צוגעלאָנטשעט. זיי האָבן זיך צו מיר גוט באַצויגן, געגעבן אָפּעסן און דערנאָך אָפּגעגעבן אויך זייערע „פּייקעס". זיי האָבן געהאַט אייגן עסן (ווי איך האָב פֿאַרשטאַנען, זענען זיי געווען פֿערד־הענדלער). אויך ציגיינער זענען דאָרט געזעסן. די ייִדן האָבן מיט זיי כסדר געשמועסט און געהאַט איין טעמע — פֿערד.

מיר איז מיט זיי גוט געווען. ווען איך האָב זיך פֿאַר זיי באַקלאָגט אַז צוליבן פֿעלן פֿון אַ שיסל לייד איך באַזונדער הונגער — האָבן זיי מיר זייערס אַ בלעכן קעסעלע אָפּגעגעבן. איך האָב זיך דערפֿרייט מיט אַזאַ מתנה ווי אַ קליין קינד.

ס'מאַטערט אָן אויפֿהער די פֿראַגע: וואָס וועט ווייטער מיט מיר זיין? ווי וועל איך זיך אַהינטאָן? צי איז מיין פֿריי ווערן נישט קיין זעלבסטאָפּנאַרעריי? די גרופּע ייִדן האָבן מיך כסדר דערמוטיקט און באַרויקט. אין אָט די עטלעכע טעג צוזאַמענזיין מיט די ייִדן, האָב איך קיין איבערלעבונגען נישט געהאַט פֿון אונדזערע אַרעסטאַנטן. זיי האָבן מיך נישט געטשעפּעט.

# און ווידער...

קיין כאַרקאָוו! אין דער דאָרטיקער תפיסה נאָך נישט געווען... נאָך נישט אַלע ליידן דורכגעמאַכט.

האָט מען אונדז צונויפגעגומען מער ווי הונדערט אַרעסטאַנטן. אָפּגעפירט מיט 3 איבערגעדעקטע לאַסט-אויטאָס צו דער באַן — ווייט פון שטאָט. מיר זענען געווען אַנגעשטאָפּט ווי הערינג אין אַ פאַס. דאָרט אַנגעלאָדן אונדז אין עטלעכע וואַגאָנען-„טעפּלושקעס" און... היידאַ קיין כאַרקאָוו.

צוויי מעת לעת האָט דער וועג געדויערט. די זעלבע מאַטערנישן, וועלכע זענען שוין געווען פאַר מיר אַ וואַכעדיקער ענין. אויך די גרופּע יידן זענען אַריין אין עטאַפּ. דאָס האָט מיך געפרייט. ס'האָט זיך אַרויסגעוויזן אַז זיי זענען שוין פאַרמשפּט געוואָרן און געפאָרן אָפּזיצן זייער באַקומענעם פּסק.

אין כאַרקאָוו האָט מען אונדז פון די וואַגאָנען ווייטער געטריבן דירעקט אין תפיסה (נישט ווייט). דאָס איז געווען די טרויעריק-באַרימטע תפיסה פון אַל אוקראַיִנישן צענטער, וואָס האָט געטראָגן דעם נאָמען „כאָלאָדנאַיאַ גאָראַ" — קאַלטער באַרג.

אין אויפנאַם-זאַל פון דער טורמע האָט מען אונדז אַ טייל אַרעסטאַנטן אָפּגעטיילט, אָפּגעפירט אין אַ גרויסער קאַמער ערגעץ-ווו אין די העכערע שטאָקן. ווי דערפרייט בין איך געוואָרן, ווען איך האָב דאָרט געטראָפן מיין גאַנצע גרופּע חברים, וואָס זענען פאַרבליבן אין קיִעווער געפענגעניש בעת מ'האָט מיך אָפּגעפירט אין שפּיטאָל ביי דער לוקיאַנאָווער תפיסה. צווישן זיי איז אויך געווען פיעקאַרזש און אַנדערע פון די גרענעץ-איבערלויפער. די פרייד איז געווען אין לשער.

אין זייער אויסמאַטערונגס-וועג האָבן זיי אויסגעמיטן די פּאָלטאַווער תפיסה און פון קיִעוו גלייך געפאָרן קיין כאַרקאָוו.

ווי די חברים האָבן דערציילט — האָבן זיי דאָ אויסצושטיין גרויסע צרות פון די אַרעסטאַנטן געמיין-פאַרברעכער, די אונטערוועלטניקעס, וועלכע אַרגאַניזירן כסדר ספּעציעלע „שפּילן" כדי איזדיעקעווען זיך באַזונדערס איבער די יידישע אַרעסטאַנטן. די חברים האָבן דערציילט,

אַז אין דער קאַמער ווערן צונויפגענומען די אַרעסטירטע, וועלכע דאַרפֿן פֿאָרן אין דער ריכטונג קיין יעקאַטערינאָסלאַוו, און אַז אַהין גייט דער עטאַפּ איין מאָל אין דער וואָך. איין מאָל האָט מען זיי שוין פֿאַרהאַלטן און נישט גענומען. זיי האָפֿן אַז דאָס מאָל וועט מען שוין אָוועקפֿאָרן. קיין אָרט אויף די נאַרעס זענען פֿאַר ניי־אָנגעקומענע נישט געווען. דער עלטסטער (איינער פֿון די געפּערלעכסטע באַנדיטן) האָט פֿאַראָרדנט אַז מיר זאָלן אַרונטערקריכן אונטער די נאַרעס. מיר האָבן גאָר נישט פֿאַרשטאַנען. די חברים האָבן געזאָגט אַז דאָס טוען זיי, כדי אונטער די נאַרעס אונדז באַנעמען, אויב ס'איז ביי עמעצן נאָך עפּעס פֿאַרבליבן. אַ חוץ אַ לײדיק בייטעלע איז ביי מיר גאָר נישט געווען און דעריבער האָט מיך דאָס אַלץ נישט געקימערט.

איך האָב זיך געהאַלטן מיט די ניי־אָנגעקומענע יידן און צוזאַמען מיט זיי זיך געלייגט אונטער די נאַרעס. ווען מיר האָבן אין איינעם אַן אָוונט נאָכן עסן געוואַלט אַרונטערקריכן — האָבן די באַנדיטן אונדז נישט געלאָזט צוליב דעם, וואָס הײנט וועט זיין אַ „שפּיל”. די חברים האָבן מיך געוואָרנט, אַז אַזעלכע „שפּילן” ענדיקן זיך שטענדיק מיט באַקומען קלעפּ, און זיי אַליין האָבן אויך געציטערט פֿון שרעק. דאָס איז נישט די ערשטע „שפּיל” ביי זיי — זאָגן די חברים...

די „שפּיל” האָט זיך אָנגעהויבן אײנצייטיק אין בײדע עקן פֿון דער גרויסער און לאַנגער קאַמער אין „צוויי טײלן”. מ'האָט אונדז 5—6 חברה פֿון די יונגע גרענעץ־איבערלויפֿער — באַפֿוילן אויסטאָן די שיך. מיט ספּעציעלע ריטלעך, אַרויסגעצויגענע פֿון אַ בעזעם געשמיסן אונדז איבער די נאַקעטע פֿיס, צווינגענדיק פֿאַרשידענע לידלעך פֿון דער אונטערוועלט און געצווינגען מיר זאָלן טאַנצן אונטער זייער אַקאָמפּאַנימענט. אַ טייל עולם (פֿון זייערע), וואָס האָבן זיך צוגעקוקט, האָבן זיך געקייקלט פֿון געלעכטער. דער ווייטיק איז גרויס. יעדער שמיץ איז ווי מיט אַ מעסער געשניטן איבער די פֿיס. זיי לאַכן און מיר וויינען. וועגן פֿאַרקלאָגן זיך האָט קיין רייד נישט געקענט זיין. פֿאַר וועמען? ווי אַזוי? מיר קענען דאָך נישט דאָס לשון.

אין דער צווייטער זייט קאַמער קומט פֿאָר אַ באַזונדערע „שפּיל”. מיר הערן כסדר קולות און געלעכטער. אונדזערע ווייטיקן פֿאַרטויבן זייערע קולות. מיר האָבן אייגענע צרות — רויטע פּאַסן פֿון די שמיץ וואָס פֿייערן פֿון ווייטיק. די ווייטיקן האָבן זיך לאַנג געלאָזט פֿילן ביז סע זענען שפּעטער פֿאַרשוווּנדן די איבערגעלאָזטע צייכנס. ווען די „שפּיל” האָט זיך געענדיקט, האָט מען דערלויבט אונדז אַרונטערקריכן אונטער די נאַרעס.

מיין גרופע יידן, ביי וועלכע איך האָב זיך געהאַלטן, האָט מען גע־פייניקט אין דער צווייטער „שפּיל" און זענען דאָ מיט אונדז נישט געווען. איך האָב אויף זיי געוואַרט.

אין צווייטן עק קאַמער האָט מען ביי איינעם אַראָפּגעלאָזט די הויזן, זיין פּנים באַהאַלטן צווישן די פיס פון אַ צווייטן זיצנדיקן באַנדיט. דער עלטסטער האָט באַפוילן איינעם פון די אַרומרינגלער אַראָפּלאָזן אַ פּאַטש אין הינטערשטן טייל פונעם קערפּער. דער קרבן האָט געמוזט טרעפן ווער עס איז געווען דער פּאַטשער. אין פאַל פון טרעפן — לייגט זיך דער צווייטער. אויב ער האָט נישט „געטראָפן" — לייגט ער זיך נאָך אַ מאָל, און דער עלטסטער באַפעלט אַ צווייטן געבן דעם קלאַפּ (פאַרשטייט זיך, אַז ביים געבן דעם קלאַפּ זשאַלעוועט ער נישט קיין כוח), און אַזוי אָן אַ סוף. זיי האָבן כסדר געפעלשט די שפּיל, זאָגנדיק דעם קרבן אַז ער האָט „נישט געטראָפן". נאָך אַזאַ „שפּיל" האָט שוין לאַנג דער קרבן נישט געקענט זיצן אויף זיין געזעס.

אין דער זעלבער נאַכט, ווען איך בין געלעגן אונטער די נאַרעס מיט דער גרופּע יידן, זענען די באַנדיטן אַרונטערגעקראָכן און געפּרוווט באַרויבן. ביי מיר האָט מען אַרויסגעשלעפּט דאָס ליידיקע בייטעלע. איך האָב געפילט, אָבער געשוויגן, וויסנדיק אַז ס'איז ליידיק. (שוין אַדורך כמעט 60 יאָר און דאָס „היסטאָריש" בייטעלע האָט זיך ביי מיר פאַרהיטן ביזן היינטיקן טאָג), אָבער ווען זיי האָבן געפּרוווט באַרויבן איינעם פון דער גרופּע יידן וועלנדיק אַראָפּשלעפּן זיינע שטיוול — האָבן זיי זיך אָנגע־שטויסן אויף אַ ווידערשטאַנד, וואָס האָט זיך פאַרוואַנדלט אין אַ געשלעג.

ווען זיי האָבן די שטיוול נישט געקענט אַראָפּשלעפּן פון די פיס, האָבן זיי דאָס צווייטע מאָל באַוויזן צו צעשניידן די כאָלעוועס און טאָקע עפּעס יאָ „דערגרונטעווען" אינעווייניק געלט. איך האָב געציטערט פון שרעק, ווייל זיי זענען געווען באַוואָפנט מיט מעסערס. די נאַכט האָט זיך פאַרענ־דיקט. די חברים האָבן מיר געזאָגט, אַז אַזעלכע נעכט חזרן זיך איבער יעדעס מאָל ווען ס'קומט אָן אַן עטאַפּ מיט נייע אַרעסטאַנטן.

אין דער פרי האָט מיר דער עלטסטער פון קאַמער צוגעטראָגן מיין בייטל און „געבעטן" אַ „קוק" טאָן צי איז עפּעס „צוגענומען" פון דאָרטן און אויף אַ קול שרייען אַז „ביי מיר איז גאָר נישט צוגענומען געוואָרן"!

אַ טייל מענטשן פון אונדזער קאַמער האָט מען אַוועקגענומען און צווישן זיי, אויך די גרופּע ראַמנער יידן.

אויב איך האָב געהאַט שווערע איבערלעבונגען צוליב אונדזער צעשיי־דונג אין טאָג פון מיך צוריקברענגען פון לוקיאַנאָווער תפיסה אין קיעוו און

מקנא געווען די, שוין אָוועקגעפאָרענע חברים — מיטזיצער — האָב איך איצטער פאַרשטאַנען אַז ס'איז מיר, אין פאַרגלייך מיט זיי, גאָר נישט אַזוי שלעכט געווען. איך האָב דאָך ווייניקער געליטן פון זיי.

מיר האָבן זיך מיט בערל פּיעקאַזש און יאָשע ציטרינבלומען דערמאָנט אַז בעת מיר זענען געלאָפן פון דער היים, האָבן מיר אויך געשטרעבט אַנט־לויפן פון אַנטיסעמיטיזם. איז וווּהין־זשע האָבן מיר געטראָפן? אפשר איז עס גאָר דאָ, אין תפיסה פאַראַן און אויף דער פריי איז עס נישטאָ — האָבן מיר געטראַכט...

אין אָט דער גהינום־קאַמער האָט זיך אַ טאָג — אַ יאָר געצויגן. מילא, מען מוז שוין אויך דאָס איבערלעבן. ס'מוז דאָך קומען דער לעצטער וועג צו אונדזער באַפרייונג. דעמאָלט, דאַכט זיך, וועט צו אונדז קיין גלייכן נישט זיין. מען קען דאָך נישט נעמען קיין ביישפּיל פון פאַרברעכערישע עלע־מענטן אין תפיסה. אפשר זיצן זיי דערפאַר, וואָס זיי זענען אַנטיסעמיטן? מיר האָבן דאָך געהערט אין דער היים, אַז אין רוסלאַנד משפט מען פאַר אַנטיסעמיטיזם. איך האָב אַלץ געזוכט „זכות אָבות" אויף צו באַרעכטיקן דאָס געזעענע און איבערגעלעבטע.

## אַזוי האָט זיך אָנגעהויבן אונדזער פריי לעבן...

הוראַ! הוראַ! מיר טאַנצן פאַר פרייד. מ'האָט אונדז שוין געמאָלדן גרייטן זיך צום עטאַפּ. כאָטש זיי האָבן נישט געזאָגט וווהין, האָבן מיר געוווּסט, אַז דאָס איז אונדזער לעצטער עטאַפּ און מיר פאָרן קיין יעקאַטערי־נאָסלאַוו. כמעט אַלע זענען מיר יידישע „פּערעביעשטשיקעס". די „באַלע־באַטים" פון דער קאַמער ברענען מיט צאָרן. מיט וועמען וועלן זיי איצטער דורכפירן זייערע ווילדע שפּילערייען? נאָך אַ ביסל און זיי וועלן זיך אַ וואָרף טאָן אויף אונדז מיט כעס און רציחה — אַזוי האָט זיך אונדז געדאַכט. מיר זענען שוין אין פולער גרייטקייט. יעדע מינוט איז אַן אייביקייט. מיר פילן אַפילו נישט די מידקייט און אָפּגעשוואַכטקייט. די פיס רוען נישט. ווען מען וואָלט אונדז אַפילו געהייסן גיין צו פוס, וואָלטן מיר, דאַכט זיך, די פאַר הונדערט קילאָמעטער פון כאַרקאָוו קיין יעקאַטערינאָסלאַוו דורכ־געטאַנצט — אַבי נאָענטער צו אונדזער גליק, צו דער פרייהייט.

און אָט פאָרן מיר ווידער אין אַן אַרעסטאַנטן־וואַגאָן צוגעטשעפּעט צו אַ פּאַסאַזשיר־צוג. די שטימונג איז אַ געהויבענע. ס'וויל זיך אונדז שרייען „זאָל לעבן די סאָוויעטישע פרייהייט". מיר קלערן אַז ווי נאָר מע וועט אונדז באַפרייען און מיר וועלן אַרויס אין גאַס — וועלן מיר גלייך אָנ־שרייבן צו אונדזערע עלטערן, אַז מיר לעבן און זענען גליקלעך. מיר שטעלן זיך פאָר וויפל פרייד דאָס וועט פאַרשאַפן אונדזערע טאַטע־מאַמעס. די גאַנצע שטאָט וועט גלייך וויסן, אַז די „פאַרלוירענע קינדער" האָבן זיך אָפּגעפונען און זענען גליקלעך. מיר האָבן שוין אפשר אַ ביסל צו גיך פאַר־געסן די צרות און דעם שווער־דורכגעמאַכטן וועג ביז אַצינד, גלייך ווי סע וואָלט גאָר נישט געטראָפן מיט אונדז און מיר וואָלטן געקומען מיט דער באַן, האַבנדיק בילעטן אין קעשענע. אַזוי, ווייזט אויס, איז שוין דאָס לעבן, אַז מיר פאַרגעסן גיך די איבערגעלעבטע צרות...

מ'האָט אונדז געטריבן אונטער אַ פאַרשטאַרקטן קאָנוואָי פונעם וואָק־זאַל צו דער תפיסה, איבער דער גאַנצער לענג פון דער הויפּט־גאַס, קאַרל מאַרקס, ביי אַ 5—6 קילאָמעטער ביז אויפן באַרג צו דער נייער תפיסה, וועלכע האָט זיך „באַזעצט" אין דער געביידע פון אַ געוועזענעם סעמינאַר. דאָס איז געווען אין אַ פאַרנאַכט. מענטשן אין גאַס האָבן כסדר באַגלייט

מיט זייערע בליקן ווי מען טרייבט יידישע אַרעסטאַנטן, אָנגעקומענע פון פוילן. צי האָבן זיי געפילט אונדזער פרייד און די געהויבענע שטימונג פון אָנקומען אין פרייען סאָציאַליסטישן לאַנד ?

אין תפיסה־קאַמער האָבן מיר געטראָפן נאָך אַ געוויסע צאָל גרענעץ־איבערלויפער פון פאַרשידענע פוילישע שטעט און שטעטלעך, וועלכע וואַרטן שוין יעדן טאָג באַפרייט צו ווערן.

צוליב אונדזער געהויבענער שטימונג פילן מיר אַפילו נישט די ענג־שאַפט, דעם טורמע־געשטאַנק, און נישט דעם הונגער, כאָטש מיר האָבן שוין לאַנג אין מויל נישט געהאַט. ס'ווערט גאַנץ היימלעך. מע צעשמועסט זיך געמיטלעך... אָבער קיינער ווייסט נאָך נישט פון קיין פריי לעבן...

אויך דאָרט האָט מען אונדז ענדלעך געגעבן פאַפּירלעך אויף די הענט, געהייסן גיין אויף דער פריי און אויף צומאָרגנס מיט די פאַפּירלעך דאַרפן מיר זיך יאָווען אין דער ג. פּ. או. און דאָרטן וועלן מיר שוין באַקומען ווייטערדיקע אָנווייזונגען — אַזוי האָט געזאָגט דער טורמע־אויפזעער ביים אַרויסבאַגלייטן אונדז...

מיר פרייען זיך אין דרויסן ביי דער תפיסה. קוקן זיך אַרום און זעען מער נישט קיין קאָנוואָיען. ווהין גייט מען ? מיר האָבן באַשלאָסן גיין אויפן וואָקזאַל מיטן זעלבן וועג וואָס מיר זענען געקומען. שוין געוועזן גוט פינצ־טער און מיר שפּאַנען שטאָלץ, פרייע אין אַ פריי לאַנד און שפּירן זיך ממש ווי „ביים טאַטן אין ווייַנגאָרטן"...

אויפן וואָקזאַל האָבן מיר זיך פאַרקליבן אין אַ ווינקל און... זענען פריילעך. די נאַכט קיין אויג נישט צוגעמאַכט. מיר ריידן צווישן זיך יידיש אָדער פויליש. ס'האָבן זיך אָנגעהויבן זאַמלען אַרום אונדז יידן מיט ברוך הבא'ס און מיט גוטע ווינטשעוואַניעס, צוגעקוקט זיך צו אונדזער גרויסער פרייד.

איבערגעקומען די נאַכט, זענען מיר אַוועק אויפן מאַרק „אַזיאַרקאַ" (נישט ווייט פון וואָקזאַל) און דאָ האָבן אונדז שוין אויך פיל יידן אַרומגע־רינגלט, געזוכט אָפּנעמען גרוסן (אפשר פון אייגענע). אייניקע יידן האָבן צוגעשאָקלט מיט די קעפּ. גיי און פאַרשטיי וואָס זיי מיינען דערמיט. צי באַדויערן זיי, אָדער אפשר באַגיטיקן זיי אונדזער קומען אין פרייען סאָציאַ־ליסטישן לאַנד ? בשעת אונדזער שמועס האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז איינער פון זיי איז געווען אַן אָפּשטאַמיקער פון שעדלעץ, אַ שיך־סוחר — לעוויטין, וועלכער איז דאָ פאַרבליבן נאָך זינט דער ערשטער וועלט־מלחמה. ער האָט אונדז, שעדלעצער, אויפגענומען פאָטערלעך און געוואָרן איבער אונדז דער אַפּוטרופּס, איינגעלאַדן צו זיך און אונדז אויפגענומען אַזוי אַז מיר האָבן זיך דערפילט ממש ווי אייגענע.

אין ג. פּ. או. האָט מען געמאָלדן אַז מיר זענען פאַרפליכטעט צו קומען זיך רעגיסטרירן יעדע וואָך און מיר טאָרן נישט אַרויספאָרן אויסער דער שטאָט אָן זייער דערלויבעניש אַזוי לאַנג, ביז מען וועט אונדז נישט משפּטן לויטן פּאַראַגראַף נומער 98 פאַר אומלעגאַל דורכגיין די גרענעץ.

אַזוי האָט זיך אָנגעהויבן אונדזער פריי לעבן.

איך געפין פאַר נויטיק דערביי צוצוגעבן:

צו יענער צייט האָט זיך אין דער שטאָט יעקאַטערינאָסלאַוו קאָנצענטרירט אַ גרויסע טייל אַנגעפאַרענע „פּערעביעשטשיקעס" פון פאַרשידענע לענדער און נאַציאָנאַליטעטן, וועלכע די סאָוועטישע אָרגאַנען און אויך די ג. פּ. או. האָבן צוגעשיקט. די שטאָט איז אַן אינדוסטריעלע. זי האָט זיך אָנגעהויבן צוריק אויפבויען נאָך דעם חורבן פון רעוואָלוציע און בירגערקריג און זי האָט זיך געגויטיקט אין אַרבעטס-הענט.

די „פּערעביעטשיקעס" האָבן זיך ביסלעכווייז איינגעאָרדנט אויף אַרבעט דורך דער אַרבעטס-בירזשע און אויך באַקומען צימערן אין פאַרשידענע ערטער, ביי פאַרשידענע משפּחות, איבערהויפּט אויפן חשבון פון די רעקוויזירטע צימערן, אָדער אַ טייל פון דער דירה, אין וועלכער ס'האָבן פריער געוווינט די רייכערע שיכטן. די דירות האָט געטיילט דער שטאָט-ראַט לויט זיינע רשימות.

אין דער הינזיכט האָבן אפשר מער געהאַט זכות די יידישע גרענעץ-איבערלויפער, ווייל צווישן די רעקווויזירטע צימערן און דירות, האָט אַ גרויסע טייל געהערט צו יידישע משפּחות (פריערדיקע באַלעבאַטים). די שטאָט יעקאַטערינאָסלאַוו האָט געהאַט אַ גרויסע יידישע באַפעלקערונג.

די יידישע משפּחות האָבן מורא געהאַט אַז מ'זאָל אין זייערע דירות, דורכן שטאָט-ראַט נישט אַריינזעצן צו זיי קיין נישט געוווּנטשענע עלעמענטן (אָפּט מאָל פון דער אונטערוועלט), וועלכע פלעגן אָנטאָן צרות די יידישע באַלעבאַטים, און אַפילו שפּעטער אַרויסשטופּן פון די אייגענע דירות, דערפירנדיק צו אַ מצב, ווען די באַלעבאַטים ווערן געצווינגען אַליין צו פאַרלאָזן די וווינונג און אַנטלויפן „ווו דער שוואַרצער פעפער וואַקסט".

די יידישע דירות-אייגנטימער, ביי וועמען ס'זענען רעקוויזירט געוואָרן צימערן אָדער אַ טייל דירות, האָבן ספּעציעל געזוכט די יידישע „פּערעביעטשיקעס", און ביי זיי געבעטן זיך ווענדן אין שטאָט-ראַט אַז מ'זאָל צו זיי, צו די באַלעבאַטים טאַקע, שיקן אונדז וווינען, אָנגעבנדיק זייערע אַדרעסן. די באַאַמטע פונעם שטאָטראַט האָבן אָפּט אָנגענומען די ביטעס און אונדז געשיקט צו זיי פאַרנעמען דעם אָדער יענעם צימער.

אָט, די יידישע באַלעבאַטים האָבן מיט צופרידנקייט אויפגענומען ביי

זיך די יוגנע ייִדישע גרענעץ־איבערלויפער, געהאַלפן באַשטאַטן זייערע צימערן מער באַקוועמער און היימיש.

ס׳פלעגט זיך אויך מאַכן אַז וועלכער ס׳איז ייִדנפיינטלעכער באַאַמטער פון שטאַטראַט האָט אין די רעקוויזירטע צימערן ביי ייִדן, נישט אָן בייזן ווילן, אַריינגעשיקט פאַרשידענע פינצטערע פאַרשוינען (אַפילו באַווייבטע מיט קינדער), וועלכע האָבן פאַרסמט דאָס לעבן פון דער ייִדישער משפּחה, וואָס האָט שפּעטער, נישט אויסהאַלטנדיק, געמוזט פאַרלאָזן די דירה און נישט געפונען אַפילו אין די געריכט־אָרגאַנען קיין שום שוץ, ווייל מען איז געווען אַמאָל אַ „בורזשוי״, אָדער ער איז איצט אַ „נעפּמאַן״.

איך האָב באַקומען אַ צימער אין אַ פיינער ייִדישער משפּחה אויף פּרונזע גאַס 4. די באַלעבאַטים האָבן זיך צו מיר באַצויגן האַרציק און גלייך ווי זיי וואָלטן געווען מיינע עלטערן. מיר האָבן זיך שפּעטער זייער דערנענטערט און פיל יאָרן געווען באַפריינדעט. לאַנג איז מיר נישט אויסגעקומען וווינען ביי זיי, ווייל איך האָב באַקומען אַרבעט אין אַ וועטערינאַר־אינסטיטוט, וווּ מ׳האָט מיר געגעבן אויך אַ צימער מיט אַלע באַקוועמלעכקייטן. די פריינדשאַפט מיט די באַלעבאַטים האָבן מיר לאַנג אָנגעהאַלטן.

אויך אַנדערע „פּערעביעטשיקעס״ האָבן אַזוי אַרום באַקומען אַרבעט, דירות, איינגעגלידערט זיך אין שטראָם פון אַלגעמיינעם סאָוועטישן לעבן ביז זיי זענען שפּעטער, דורכן זעלבן „אַלגעמיינעם לעבן״ אויסגעשפּיגן און כמעט אין גאַנצן פאַרניכטעט געוואָרן מיט דער גאַנצער ברוטאַליטעט פון „סאָציאַליסטישער געזעצלעכקייט״...

## דער ייִדישער קלוב „3־טער אינטערנאַציאָנאַל“

אין דער שטאָט יעקאַטערינאָסלאַוו (איצטער דניעפּראָפּעטראָווסק — אוקראַינע) האָט פון אָנהויב 20־ער יאָרן עקזיסטירט אַ ייִדישער קלוב מיטן נאָמען „דריטער אינטערנאַציאָנאַל“ אויף כאַרקאָווער גאַס נומער 5. ביי דעם קלוב האָבן זיך אָרגאַניזירט די ייִדישע פּערעביעשטשיקעס, געקומענע פון פּוילן. דאָרט איז געווען אַ רייכע ייִדישע ביבליאָטעק און אַ לייען־זאַל, אַ דראַמאַטישער קרייז, כאָר און אַנדערע קרייזן. אָפט האָט מען דאָרט גע־לייענט לעקציעס אויף פאַרשידענע טעמעס, וועלכע מיר האָבן אויסגעהערט מיט גרויס אינטערעס. דאָ אין קלוב האָבן עקזיסטירט פאַרשידענע פאָרמען פון געזעלשאַפטלעכער טעטיקייט.

אין יענער צייט האָט נאָך קיינער פון די פּערעביעשטשיקעס נישט באַהערשט די רוסישע שפּראַך. יעדער פון אונדז, איידער ער האָט זיך געשאַפן אַן אייגענע משפּחה — האָט אין דעם קלוב געפונען עפּעס ענלעכס צו אַ היים יעדן אָוונט. נאָך דער אַרבעט פלעגן מיר דאָ פאַרברענגען ביז אין די שפּעטע נאַכט־שעהען צוזאַמען מיט אַ סך מיטגלידער פונעם קלוב, צוזאַ־מען מיט היגע ייִדישע אַרבעטער.

מען האָט זיך דאָ געטיילט מיט אַלץ: סיי מיטן גוטן און סיי מיטן שלעכטן. פון צייט צו צייט זענען דאָ פאַרגעקומען פאַרזאַמלונגען. דער דראַמקרייז האָט געשטעלט איינאַקטערס פאַר די קלוב־מיטגלידער און ס׳זענען געווען אויך אַנדערע אונטערנעמונגען און פאַרווייַלונגען.

אין דער קולטורעלער אַרבעט פונעם קלוב האָבן אָנטייל גענומען לערערס פון די היגע ייִדישע שולן קאַמענעצקי, אַרטענבערג, טאַמאַרקין און אַנד.

אין די ערשטע דרייסיקער יאָרן האָט אין דער אַרבעט פונעם קלוב גענומען אַן אָנטייל דער שפּעטערדיקער ייִדישער שרייבער מאיר אַלבערטאָן. דאָרטן האָט ער פאַר אונדז איבערגעלייענט זיין ערשטן בוך וועגן בירא־בידזשאַן און געטיילט זיך מיט איינדרוקן פון זיין באַזוך דאָרט, גלייך נאָך דעם, ווי די ערשטע איבערוואַנדערער זענען אַהין אָנגעקומען.

צווישן די ניי־אָנגעקומענע אין בירא־בידזשאַן זענען אויך געווען יעקאַטערינאָסלאַווער ייִדן, אָרגאַניזירט דורכן „געזערד“, ווו איך פאַרזענלעך

האָב געאַרבעט. זיי זענען געווען אין ביראָבידזשאַנער קאָלכאָז „וואַלדהיים". מאיר אַלבערטאַן איז דעמאָלט נאָך געווען אַ סטודענט אין דניעפּראָפּע־טראָווסקער באַרג־אינסטיטוט און האָט געוווינט מיט זיין פרוי און קינד אין דער סטודענטישער צוזאַמענוווינונג אויף שעווטשענקאָ גאַס און ליבקנעכט ראָג.

אין יאָר 1927 — צום צענטן יאָרטאָג פון דער אָקטאָבער־רעוואָלוציע, אויף אַ פייערלעכער פאַרזאַמלונג, האָט דער פאַרוואַלטער פונעם יידישן קלוב, האָקון אין זיין באַריכט מיטגעטיילט אַז אין די לעצטע פאָר יאָר, זינט ס'האָט זיך אָנגעהויבן דער שטראָם פון די פערעביעשטשיקעס — האָט זיך די צאָל מיטגלידער פונעם קלוב פאַרגרעסערט אויף 150 מאָן. אויך נאָך דעם זענען אָנגעקומען נייע פערעביעשטשיקעס פון פוילן.

אויסער איינעם (בערל פיעקאַרזש פון שעדלעץ — אַ קאָמאַשנשטעפּער) זענען אַלע שפּעטער אַרעסטירט געוואָרן. ס'איז נישט באַוווּסט געווען פאַר וואָס האָט בערל פיעקאַרזש אויסגעמישן דעם גורל פון אַלע איבעריקע. וואַרשיינלעך אַז מ'האָט אים ספּעציעל נישט גענומען, כדי דערמיט „דער־וויזן" אַז נישט אַלע פערעביעשטשיקעס אַרעסטירט מען, און אַז אויך צווישן זיי זענען פאַראַן „ערלעכע". (די אויספאַרשער ביי אונדז האָבן כסדר מיט דעם באַווירקט אַז „נישט אַלע פערעביעשטשיקעס האָט מען אַרעסטירט — האָבן זיי אונטערגעשטראָכן). בערל האָט געאַרבעט ווי אַ קאָמאַשנשטעפּער אין דער שטאָטישער שיך־פאַבריק און האָט זיך קיין מאָל נישט אויסגעטיילט פון אַלע אַנדערע. ער איז אויך ווייט געווען פון אַ וועלכער ס'איז בילדונג און פּאָליטיק.

אָט פון די אַלע אויבנאָגעוויזענע 150 און אויך נאָך שפּעטער־געקומענע יונגע מסירות־נפשדיקע פערעביעשטשיקעס, זענען נאָך די מאַסן־אַרעסטן און פאַרניכטונג — אין 10 יאָר אַרום פאַרבליבן 7 אָדער 8 פערזאָן. 3 פון זיי האָבן זיך צוריקגעקערט נאָך בעת דעם אויספאַרשונגס־פעריאָד, נישט דערפאַרנדיק צו די לאַגערן. 2 פון די 3 זענען געווען קרוביש פאַרבינדן מיט איינעקע מיטאַרבעטער פון דער נ. ק. וו. ד., און צוליב דעם טאַקע, האָט זיך זיי איינגעגעבן אַרויס פונעם קאַשמאַר, אָבער אויך נאָך שווערע פּיי־ניקונגען בשעת די אויספאַרשונגען.

אַלע צוריקגעקערטע האָבן געהאַט אַן אורטייל (פון וועמען ?) צו 10 יאָר (חוץ דערשאָסענע). 2 פון זיי זענען אָפּגעווען אין די שווערע קאַ־טאָרגע־לאַגערן, אָנשטאָט 10 — 12 — 15 יאָר (באַגאַטי פון מינסק־מאַזאַ־וויעצק און הערשל בראַנד פון שעדלעץ). די פּאַטאָ פון די לעצטע איבער־געלעבטע האָט זיך פאַרהיטן.

אָט דאָס איז דער טרויעריקער סך הכל פון דער דניעפּראָפּעטראָווסקער גרופּע פּערעביעשטשיקעס פון פּוילן, וואָס זענען געלאָפן, איינשטעלנדיק זייער לעבן, העלפן בויען דאָס צוגעזאָגטע „גליקלעך סאָציאַליסטיש לאַנד".

# סטאַסאָוואַ זאָגט אָן די וויסטע בשורה

דאָס איז געווען אין אויגוסט 1937. איך בין נאָך דער אַרבעט געזעסן אויף אַ באַנק אין דער אַלייע פון קאַרל מאַרקס־פּראָספּעקט צוזאַמען מיט מיין חבר שיידוואַסער, אַ בעקער פון וואַרשע און אויך אַ גרענעץ־איבער־לויפער. מיר האָבן שוין דעמאָלט געוווּסט, אַז אין לאַנד קומען פאָר מאַסן־אַרעסטן פון בירגער אין פאַרשידענע אונטערנעמונגען און אַנשטאַלטן, און צווישן די אַרעסטירטע געפינט זיך אויך אַ היפּשע צאָל פּערעביעשטשיקעס. נאָר וואָס איז אַרעסטירט געוואָרן אַשר באַגאַטי פון מינסק־מאַזאָוויעצק וואָס האָט געאַרבעט אין דער שניידער־פאַבריק, אָבער צי האָבן די אַרעסטן געהאַט אַ וועלכן ס׳איז שייכות צו אונדז פּערזענלעך? מיר זענען זיכער געווען אַז בשום אופן נישט... מיר זענען זיכער געווען אַז „אומשולדיקע אַרעסטירט מען נישט" און צוליב דעם טאַקע אויפריכטיק דערקלערט, אַז אויב מ׳האָט עמעצן אַרעסטירט, איז פאַראַן אַ גרונט אַז ער איז באַגאַנגען עפּעס אַ פאַרברעכן. ווי אַזוי זשע אַנדערש?

מיר האָבן נאָך דעמאָלט נישט געפילט און נישט מסוגל געווען צו פאַרשטיין אַז די לופט ווערט אַלץ מער פאַרסמט, און אַז אויך איבער אונדז, פּערעביעשטשיקעס, ווערן געדיכטער די כמאַרעס. אַז די פייניקונגס־מאַשין אויף קאַראַלענקאַ־גאַס אַרבעט שוין אין פולן גאַנג 24 שעה אין מעת לעת. מיר האָבן גערעדט וועגן אייניקע חברים פון די פּערעביעשטשיקעס, וועלכע מע האָט שוין אַרעסטירט און טאַקע געפּרוווט אויף זיי „זוכן חטאים", צוליב וועלכע מען האָט זיי געקענט אַרעסטירן און אין עפּעס באַשולדיקן. מיר האָבן זיך אַלע גוט געקענט און מער ווייניקער געוווּסט איינער פונעם אַנדערן. ניין! קיין שום חטאים אָדער, לכל הפּחות, אַ פאַרדאַכט אין פאַר־ברעכן ביי קיינעם נישט געקענט געפינען.

אין שניידער־פאַבריק גייען שוין אַרום קלאַנגען אַז מאַקס קוטשער (אַ פּערעביעשטשיק און שניידער פון וואַרשע און אויך געאַרבעט אין פאַבריק) איז שוין דערשאָסן געוואָרן אין נקווד. סע גלויבט זיך נישט. פאַר וואָס? מען האָט דאָך אים נישט לאַנג צוריק אַרעסטירט. אפשר נאָך עמעצער דערשאָסן?

שוין עטלעכע יאָר ווי מיר האָבן אָנגעהויבן פילן אַ „ריח" פון נישט

קיין גוטער און פּאַרדעכטיקער באַציונג צו „אויסלענדער" (אויך מיר, פּערעביעשטשיקעס, האָבן געהערט צו דער קאַטעגאָריע) און דעריבער, ווי ווייט מעגלעך, זיך באַמיט אויסבאַהאַלטן אונדזער געבורט־אָרט, אויב עמעצער פון אונדז איז טאַקע געבוירן געוואָרן אויסער די גרענעצן פון ראַטנפאַרבאַנד.

נישט איינער פון אונדז האָט דעמאָלט געטראַכט, אַז ווען זיין מוטער וואָלט געוווּסט וויסן, וואָס פּאַראַ צייטן ס'וועלן נאָך אַ מאָל קומען — וואָלט זי זיכער געפּאַרן געבוירן איר קינד קיין רוסלאַנד, כדי דאָס געבורט־אָרט זאָל טאַקע פאַרצייכנט ווערן אין זיין פּאַספּאָרט. איר זון וואָלט איצטער רויִקער געלעבט און נישט מורא געהאַט מע זאָל אים חושד זיין אין נישט לאָיאַלקייט צו דער ראַטנמאַכט.

באַרויִקט האָט אונדז, פאַרשטייט זיך, דאָס, וואָס יעדער פון אונדז האָט זיך געפילט אומשולדיק לגבי אַפילו דעם מינדסטן אָפּנויג פון געזעץ, און דעריבער איז דער גאַנצער אָנשטרענג אונדזערער קאָנצענטרירט געווען נאָר אין איין ריכטונג: יעדער האָט ערלעך געאַרבעט ביי זיין פאַך אויף זיין אַרבעטס־אָרט מיט אַ באַזונדער איבערגעגעבנקייט און פּראָדוקטיווקייט, געהאַט שוין אַן אייגענע משפּחה, געגאַסן פון לעבן לויט אַלע מעגלעכקייטן זיינע און... אויסגעדרוקט מיטגעפיל די פאַרבליבענע משפחות פון באַקענטע, פון וועלכע דער שליח המות האָט שוין „פאַרבעטן" זייערע ברויט־געבער אין בנין פון „גערעכטיקייט" אויף קאַראַלענקאַ גאַס. (דאָרט האָט זיך דאַן געפינען דער הויפּט־אויספאָרשונגס־אָפּטייל פון דער געגנטלעכער נ.ק.וו.ד.).

...פלוצים האָט פון אַ סלופּ אויפן בולוואַר זיך צעהילכט דער ראַדיאָ־רעפּראָדוקטאָר. דאָס האָט געגעדעט די אַלטע רעוואָלוציאָנערין־מיטגליד פון צ. ק. פון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי, מיטקעמפערין פון לענינען און פּאַר־זיצער פון אַלוועלטלעכן „מאָפּר" — יעלענע דמיטריעוונאַ סטאַסאָוואַ. זי האָט גערופן צו וואַכזאַמקייט און פאַרשטאַרקן דעם קאַמף מיט די פּאָלקס־פיינט און גלייכצייטיק ממש דערקלערט: אַז פּערעביעשטשיקעס זענען פּערזאָנען, וועמען די קאַפּיטאַליסטישע מדינות האָבן ספּעציעל אַריינגע־שיקט אין לאַנד זיי זאָלן זיך פאַרנעמען מיט שפּיאָנאַזש־טעטיקייט, שעדיקן, מאָרדן, פירן אַ ציוניסטיש־קאָנטררעוואָלוציאָנערע טעטיקייט און א. וו. זי האָט נאָך אַ מאָל נישט פאַרגעסן דערמאָנען וועגן דעם אומברחמנותדיקן קלאַסן־קאַמף, וועלכן מ'דאַרף פירן מיט די דאָזיקע שעדלעכע עלעמענטן.

אויסהערנדיק די „דרשה", זענען מיר ממש דערשטוינט און דערשי־טערט געוואָרן. ס'איז שווער געווען איינזאַפּן אין אונדזער באַוווּסטזיין אַזאַ מין אַכזריותדיקע דערקלערונג פון אַן אַלטער רעוואָלוציאָנערין און הויכ־געשטעלטער פּערזענלעכקייט אין דער פּאַרטיי־אָנפירונג, אויף וועמען סע

ליגט אויך גרויס פאַראַנטוואָרטלעכקייט פאַר אַלץ, וואָס ס'קומט פאָר אין לאַנד. מיר האָבן נאָך אַלץ נישט געקאָנט פאַרשטיין, צי מיינט זי טאַקע אונדז אויך, און צי איז שוין טאַקע אויך אונדזער גורל אַ געחתמעטער...

— צי האָסטו געהערט? — ווענד איך זיך צו מיין חבר שיידוואַסער.

— יאָ, איך בין נישט טויב.

— ווי אַזוי טייטשסטו אויס די דערקלערונג?

— זי האָט שוין אַלץ געזאָגט און דערקלערט. צו וואָס דאַרף מען נאָך קאָמענטירן? דאָס איז אונדזער אַהויב און אפשר אויך דער סוף.

נישט קענענדיק באַגרייפן אויך זיינע רייד, פרעג איך ביי אים ווייטער:

— קומט דאָך אויס לויט איר דערקלערונג, אַז מיר געהערן אויך צו די אויסגערעכנטע באַשולדיקטע?

— אַזוי קומט טאַקע אויס.

— פאַרוואָס זשע נעמט מען אונדז נישט צום אויספאַרשן?

— אייל זיך נישט. די ריי וועט דערגיין צו אונדז אויך.

סטאַסאָוועס אַרויסטרעטונג האָט אַרויסגערופן צער און דערשיטערונג אויך דערמיט, וואָס זי האָט זיך דאָך גערעכנט אַלס „מאַמע" פון די פּעַ־רעביעשטשיקעס און אין איר צייט מיטגעהאָלפן ביים לייזן זייערע פּראָבלעמען בעת'ן איינאָרדענען זיך אין סאָוועטישן לעבן. צי קאָן אַזעלכעס געשען? ס'האָט זיך געדאַכט, אַז ווען זי וואָלט דאָ געווען, וואָלט איך פון איר געפאָדערט אַ באַשטעטיקונג צו איר דערקלערונג. איך האָב אַרויס־געזאָגט מיין מיינונג, ווען אַנשרייבן איר אַ בריוו, אָבער מיין חבר האָט אַ מאַך געטאָן מיט דער האַנט, און געזאָגט: — מאַך זיך נישט נאַיִוו — איר פּאַרטראָג צוזאַמען מיט דער דערקלערונג איז פון פריִער, צוזאַמען מיט דער אַנפּירערשאַפט „אָפּגעוויגן און אָפּגעמאָסטן". מיר האָבן זיך צעשיידט מיט אַ שווער האַרץ און ער האָט צוגעגעבן:

— זיי ממשיך דיין אַרבעט און פּרוּוו זיין רויִק. מיר קענען גאָר נישט מאַכן, חוץ פאַרלאָזן זיך אויף... גערעכטיקייט.

איך בין מיט אים מסכים געווען, כאָטש דאָס איז געווען אַ טרייסט מיט חלשות...

אויך מיין געטרייער חבר שיידוואַסער האָט די שרעקלעכע מאַרד־עפּאָכע נישט אויסגעמיטן. אויך ער איז פאַרשוווּנדן אין די געהיימע נ.ק.וו.ד.־טיפענישן, דאָרט ווי אַלע איבעריקע יידישע יוגנטלעכע — אַנטלאָפענע פון פוילן.

מער האָב איך אים שוין קיין מאָל נישט געזען.

נאָך מיין באַפרייונג האָב איך אים געזוכט אין זיין פריִערדיקע דירה אויף קאַרעטנע גאַס נומער 3, אָבער קיין שום שפּורן.

# ביי די טויערן פון גיהנום

איך קום אַריין אין שטוב צווישן 10 און 11 אין אָוונט. געקומען פון דער סעסיע אין לאַנדווירט־אינסטיטוט אַ צופרידענער. מיט דערפאָלג אָפּגעגעבן אַ שווערן עקזאַמען. די פרוי מיט די קינדער שלאָפן שוין. מיין אָוונטברויט שטייט אויפן טיש און וואַרט. איך זעץ זיך שטיל אָפּעסן און דערנאָך גלייך צום שרייבטיש מאַכן אַ ביסל אָרדענונג נאָכן גרייטן זיך צו דער סעסיע.

אַ קלונג אין טעלעפאָן:

— דאָס איז דער טעלעפאָן נומער 34־35־3?

— איר האָט געהאַט אַ טעות. דאָס איז 35־34־3.

— אַנטשולדיקט...

## דריי אַ זייגער נאָך האַלבער נאַכט

אַ קלונג אין טיר.

— אַט דאָס זענען „זיי" — שעפּטשעט צו מיר מיין פרוי.

איך שפּרינג אַראָפּ פון בעט צו דער טיר און פרעג ווער דאָס איז. גלייכצייטיק הער איך אַ שטילן גערויש אין קאָרידאָר, גלייך ווי נישט איינער וואָלט הינטער דער טיר געשטאַנען.

— פון דער מיליץ — ענטפערט מען.

— איך קען נישט אויפשליסן די טיר, נישט זייענדיק זיכער ווער דאָס איז.

— עפנט. איך באַשטעטיק — הערט זיך דאָס קול פון דעם דוואָרניקס פרוי.

זיי זענען אַריין און דערלאַנגען מיר אַ פּאַפּירל, וואָס באַפולמעכטיקט מאַכן אַן אונטערזוכונג.

— ביטע — מאַכט... זוכט — שטאַמל איך.

איך לויף אַריין אין שלאָפצימער און כאַפּ אויף זיך עפּעס אַ שטיקל אָנטועכץ.

— דאָס זענען „זיי״ געקומען דיך אַרעסטירן — פליסטערט ציטערנדיק מיין פרוי.

— ניין: איך האָב איבערגעלייענט דאָס פּאַפּירל און דאָרט איז אָנגעשריבן נאָר אַ רעוויזיע און נישט קיין אַרעסט. זיי האַלטן זיך זייער איידל. איך פּרוו זי ווייטער באַרויקן.

— גלויב זיי נישט. אויך מאָסיען (מיין שוואָגער) האָבן זיי „זייער איידל״ צוגענומען. אויך ביי אים איז געווען אָנגעשריבן אַז זיי זענען געקומען מאַכן אַ רעוויזיע.

איך האָב פאַרשטאַנען אַז דער נעכטיקער קלינג אין טעלעפאָן איז געווען „זייערער״, כדי איבערצייגן זיך אַז איך בין אין דער היים. צוליב מיין שטענדיקער פאַרנומענקייט אין די סאָווכאָזן, פלעג איך זיך אָפט פאַרהאַלטן און נישט תמיד זיין אין דער היים.

*

אַ טרוקענער האַרבסטיקער פרימאָרגן. אין דרויסן האָט נאָר וואָס אָנגעהויבן בלויען. אַ שטיל ווינטל באַוועגט שאַרכנדיק די אַראָפּגעפאַלענע בלעטער פון דיביימער. מיר גייען זאַלבעדריט און שמועסן „פריינדלעך״ וועגן זייטיקע זאַכן. די רעוויזיע אין דער היים האָט געדויערט אַ שעה.

די גאַנצע צייט פון דער רעוויזיע, אָנהויבנדיק פון „זייער״ באַווייזן זיך אין טיר — האָבן זיי זיך געהאַלטן שטיל, געלאַסן און איידל, נישט אַרויסגעוויזן אַפילו קיין סימן פון גראָבקייט. יעדע זאַך, וואָס זיי האָבן דורכגעקוקט, דורכגעטאַפּט און דורכגעטרייסלט איז געווען גלייך ווי זיי וואָלטן גלאָז געהאַלטן אין דער האַנט, מורא האָבנדיק דאָס נישט צעברעכן... דערמיט האָבן זיי געוואָלט דערווייזן, אַז ביי „זיי״ איז נישט שייך קיין אומגעזעצלעכע האַנדלונג בשעת דעם דורכפירן די אונטערזוכונגען ערב דעם אַרעסט.

אַ טייל „פּאַפּקעס״ מיט פאַרשידענע פּאַפּירן, בריוו און דאָקומענטן — האָב איך באַמערקט — לייגן זיי אַוועק אין דער זייט.

אמת, גאָר נישט אײדל איז געווען דאָס באַאומרויקן אין קינדער־בעטל מיין שלאָפנדיק 4 יעריק זונעלע, נישטערנדיק אונטער זיין מאַטראַצל (צי האָבן זיי דאָרט געזוכט אַ קוילנוואָרפער?)

נאָך דער רעוויזיע האָבן זיי די אָפּגעלייגטע פּאַפּקעס מיט זיך מיטגענומען און פאַרגעלייגט זיך דורכגיין מיט זיי. ווען מיין פרוי האָט ביי זיי געפרעגט פאַר וואָס נעמט מען מיך און וווהין פירט מען מיך? —

האָבן זיי איר אויך „זייער אידל״ געענטפערט, אַז מען לאָדט מיך איין „נישט מער ווי אויף איין שעה כדי עפּעס אויסצוקלאָרן״.

איך האָב זיך די גאַנצע צייט געהאַלטן פעסט און רויק, זייענדיק זיכער אַז קיין שום באַשולדיקונג קען מיר נישט פאָרגעוואָרפן ווערן און אַז מען נעמט מיך טאַקע, כדי עפּעס אויספאָרשן. געקלערט האָב איך, אַז נאָך דעם אַלעמען, וועל איך שוין דורך די נעכט קענען רויקער שלאָפן.

דאָס „דורכשפּאַצירן״ זיך צוזאַמען איבער דער שטאָט, דאָס „געמיט־לעכע״ געשפּרעך צווישן אונדז האָט, דאַכט זיך, נישט אַרויסגערופן קיין שום פאַרדאַכט ביי דורכגייענדיקע אין גאַס, אַז דאָס באַגלייטן „כאַפּערס״ זייערס אַן אָפּגענאַרטן קרבן.

אָנגעקומען אין דער נ.ק.וו.ד.־געביידע אויף קאַראַלענקאָ גאַס — האָבן מיר די באַגלייטער געהייסן אַ ביסל צוװאַרטן אין פּאַדערצימער און אַליין זיך אַוועקגעלאָזט, מסתמא, דורכמאַכן געוויסע פאָרמאַליטעטן — אַזוי האָב איך געקלערט.

— דאָס וואָס זיי האָבן מיך אַליין איבערגעלאָזט ביי אָפענע טירן אָן אַ שומר — טראַכט איך ווייטער — באַשטעטיקט נאָך מער אַז איך בין טאַקע נישט אַרעסטירט און אַז מען האָט מיך געבראַכט נישט מער ווי עפּעס אויסצוקלאָרן...

פאַר דער האַלבער שעה, וואָס איך בין געזעסן און געוואַרט, האָט מען געבראַכט צו פירן פון דער שטאָט נאָך אַ סך אַרעסטירטע מענטשן, אין דער באַגלייטונג פון נ.ק.וו.ד.־לייט.

איינער פון מיינע באַגלייטער האָט זיך ענדלעך באַוויזן און אַ רוף געטאָן מיטן פינגער איך זאָל גיין מיט אים. ער האָט מיט אַ שמייכל פאַרבעטן מיך פאַרויסגיין.

אַריינגעפירט מיך צוערשט אין אַ קליינעם צימער, דערנאָך אין אַ פינצטערן קאָרידאָר און תיכף אָנגעכאַפּט מיך מיט איין האַנט ביים קאָלנער, מיט דער צווייטער אויפגעעפנט אַ טיר, גלייכצייטיק מיט דער קני אַ זעץ געטאָן אין הינטערשטן טייל פון מיין קערפּער און מיטן גאַנצן כוח אַריינגעשטויסן אין אַ נישט גרויס צימער מיט געקראַטעוועטע פענצטער, אויסרופנדיק: „אַט, דאָס איז דיין אָרט, פאַרשאָלטענער שונא פון פאָלק!״

אַן אומרו און צעטומלעניש האָט מיך באַהערשט. איך האָב גאָרנישט פאַרשטאַנען. געקוקט אויף די מענטשן, וואָס האָבן זיך דאָרט געפונען, גלייך ווי איך וואָלט ביי זיי געזוכט אַ דערקלערונג פון אַזאַ מין אומ־געריכטער געשעעניש.

— רוקט אייך אָפּ און גיט אַן אָרט דעם ניי־אָנגעקומענעם. זאָל ער זיך צוזעצן און באַרויקן. איר זעט דאָך אַז ער קען נישט קומען צו זיך —

האָט זיך דערהערט אַ קול פון איינעם, וואָס איז געלעגן אויף דער אויבערשטער נאַרע.

מ׳האָט זיך פונאַנדערגערוקט און מיר געגעבן פּלאַץ אויף אַ באַנק. עטלעכע מינוט האָט געדויערט ביז איך האָב אָפּגעעטעמט און געקומען אַ ביסל צו זיך. דעמאָלט האָט מיין שכן פון דער באַנק געפרעגט ביי מיר:

— ווען האָט מען איך צוגענומען און פון וואַנען?

— מיט אַ שעה צוריק און פון דער היים.

— פאַר וואָס?

— איך ווייס נישט פאַר וואָס. מסתמא עפּעס אויספאַרשן.

איך פיל ווי אַלעמענס בליקן זענען אַנגעצילט אויף מיר. מיין שכן פרעגט ווייטער איראָניש:

— הייסט עס אַז איר ווייסט נישט פאַר וואָס מען האָט אייך גענומען?

— פאַרשטייט זיך אַז איך ווייס נישט.

— ס׳וועלן דורכגיין עטלעכע טעג און איר וועט וויסן פאַר וואָס מען האָט אייך גענומען.

— נישט נאָר וויסן, נאָר אויך פילן — האָט צוגעגעבן אַ צווייטער פון דער קאַמער.

צו מיר זענען זייערע איראָנישע באַמערקונגען נישט דערגאַנגען. איך בין געווען זיכער אַז איך בין אַריינגעפאַלן אין אַן אַרומרינגלונג מיט לויטער פאַרברעכער און אמתע פאַלקס-פיינט.

די טיר האָט זיך געעפנט און אַ מיליציאַנער האָט אַריינגעשטופּט אַ מענטשן מיט אַ צעבלוטיקטן קאָפּ פון וואַנען דאָס בלוט האָט געטריפט אויפן פנים. מע האָט אים גלייך אָוועקגעזעצט אויף דער אונטערשטער נאַרע און צוגעטראָגן אַ נאַזטיכעלע אָפּצווווישן דאָס בלוט פון פנים און פון קאָפּ. דאָס איז געווען אַן אַרבעטער-מייסטער פון זאַוואָד אין קאַמענ־קאָיע (איצטער דניעפּראָדזערזשינסק), געהייסן האָט ער קאַשעלסקי איגנאַץ אַנטאָנאָוויטש. אַ פּאָליאַק, וועלכן מען פאַרשט שוין אַ לענגערע צייט.

איך קוק אַ מבולבלער און פאַרשטיי נאָך אַלץ קיין זאַך נישט. ביז דער עולם האָט געהאָלפן דעם ניי־אַנגעקומענעם אָפּווישן דאָס בלוט — פרעגט מיך ווייטער מיין שכן פון דער באַנק:

— איר האָט געלאָזט אַ משפּחה אין דער היים?

— יאָ, אַ מוטער, פרוי און צוויי קינדער.

— איר מוזט, צום באַדויערן פרוּוון וועגן זיי פאַרגעסן, ווייל מער וועט איך נישט אויסקומען זיי זען. איר זענט אַנגעקומען אין אַן אַנדער וועלט. גלויבט מיר אַז איך זאָג דאָס גאַנץ ערנסט. אויך אַנדערע וועלן דאָס באַשטעטיקן.

— איך פאַרשטיי נישט וועגן וואָס איר רעדט. צי זענט איר ביים קלאָרן געדאַנק?

— יאָ. ביים פולן געדאַנק. ער פרעגט ווייטער:

— צי האָט איר אַ מאָל געהערט וועגן דאַנטעס גיהנום און זיין טרערן־אינדזל?

— ניין.

— דאָרט ביים אַריינגאַנג איז אויסגעקריצט אַן אויפשריפט „פאַרלאָז דיין האָפענונג, אַהער אַריינגעקומענער".

— איז וואָס פאַר אַ שייכות האָט עס אַהער?

— דערווייל האָט עס, מיין ליבער פריינד. זייט נישט נאַיוו און גרייט זיך צו דעם, וואָס איר האָט נאָר וואָס געזען מיט עטלעכע מינוט פריִער (אָנווייזנדיק מיטן פינגער אויפן פאַרבלוטיקטן קאַשעלסקי) און צו דעם, וואָס איך האָב געזאָגט.

פון דער אויבערשטער נאַרע האָט זיך ווידער דערהערט אַ קול:

— לאָזט אים צורו און פאַרסמט אים נישט זיין שכל פון די ערשטע מינוטן ביים איבערטרעטן די שוועל פון גיהנום. וואָס ביסטו צו אַלדי רוחות צוגעשטאַנען צו אַ מענטשן. וואָס דולסטו אים דעם קאָפּ? לאָז אים טרוימען וועגן זיין משפחה און וועגן פרייהייט. ער וועט שוין אַליין וועגן אַלץ געוווּיר ווערן, אָן דיין הילף.

פּלוצעם האָט מיך עמעצער אָנגערופן ביים נאָמען. איך דריי זיך אויס און זע, זיצנדיק אויף דער אויבערשטער נאַרע, דעם דירעקטאָר פון הזירים־צוכט־טרעסט טשערוויאַקאָוון, וועלכן איך האָב געקענט פון אונדזער געמיינזאַמער אַרבעט פריִער און וועמענס אַרעסט איך האָב נישט געוווּסט.

מיר האָבן זיך האַרציק באַגריסט און נאָך עטלעכע זיינע פראַגן, וועגן דער לאַגע אויף דער פריי, פון וועלכע ער איז שוין עטלעכע חדשים אָפּגעריסן — האָט ער אין קורצן מיט ביטערקייט דערציילט וועגן זיינע איבערלעבונגען און פּייניקונגען, וועלכע ער האָט אויסצושטיין פאַר דער צייט פון די אויספאַרשונגען, אין וואָס מען באַשולדיקט אים, וואָס מען פאָדערט פון אים און אויך אייניקע פּרטים, וועלכע ס'דאַרפן וויסן ניי־אָנגעקומענע. צום סוף האָט ער צוגעגעבן:

—איך האָב דיך אָבסערווירט פון דער ערשטער מינוט אָן. אַלע פאַר־לירן זיך גלייך ווען זיי קומען אָן. דערנאָך ווערן זיי צוגעוווינט. דו ביסט נישט קיין אויסנאָם און וועסט זיך אויך צוגעווינען.

— יאָ, האָב איך אים איבערגעלשאָגן — דו האָסט דאָך מסתמא

געהערט, וואָס מיין שכן פון דער באַנק האָט מיר דערציילט, לייגנדיק שטיינער אויפן האַרצן? צי איז ער ביים קלאָרן געדאַנק?

— צום באַדויערן איז עס אַזוי ווי ער האָט דערציילט — איז געווען זיין ענטפער. דו דאַרפסט ביי זיך נישט אַראָפּפאַלן. האַלט זיך פעסט. זיי מוטיק און געדענק, וואָס איך האָב דיר אין קורצן איבערגעגעבן. די צייט און די אומשטענדן וועלן דיר אַליין ווייזן און אונטערזאָגן ווי אַזוי צו האַלטן זיך. מיט מיר איז נישט גוט. געדענק אַז די גערעכטיקייט פאָדערט מוט און ליידן, ווי שווער דאָס זאָל נישט זיין.

ווי ס׳האָט זיך אַרויסגעוויזן, איז אונדזער געשפּרעך פאָרגעקומען אין דער צייט, ווען זיין אויספאָרשער האָט געמאַכט אַן איבעררייס אויף אַפּרו נאָך אַ גאַנצער נאַכט מאַטערן אים און דערנאָך דערלויבט פאַר דעם זעלבן זמן אויך אים — דעם קרבן „אָפּרוען זיך״.

אין גיכן האָט מען טשערוויאַקאָוון אַרויסגערופן צום אויספאָרשער. ער האָט בלויז געוואָרפן אַ לעצטן בליק אויף מיר און מער האָב איך אים שוין קיין מאָל נישט געזען.

(נאָך מיין אומקערן זיך אין שטאָט, אין יאָר 1946 — האָב איך געמאַכט אַלע באַמיונגען צו געפינען כאָטש אַ וועלכן ס׳איז שפּור פון טשערוויאַקאָוון, אָבער אַלץ איז געווען אומזיסט).

אַן אומפאַרגעסלעכן און שווערן איינדרוק האָבן אויף מיר געמאַכט די אויפשריפטן און אויסקריצונגען אויף די ווענט פון דעם דורכגאַנגס־צימער פון די פאַראורטיילטע, וואָס זענען דאָ געווען. זיי האָבן דעם צימער אַ נאָמען געגעבן „וואָקזאַל״. די אויפשריפטן האָבן עדות געזאָגט וועגן שווערע ליידן און פייניקונגען. אייניקע פון די אויפשריפטן ביים פענצטער איז געשריבן געוואָרן מיט בלוט פון אַן איבערגעשניטענעם אָדער. די אויפשריפט האָט געמאַכט אַן אָנגעשטעלטער פון געזונטהייטס־אַמט — ליפשיץ, וועלכן איך האָב נאָענט געקאַנט. די אויפשריפט איז געווען אַזוי: „איך קום אום אַן שום שולד. ל.״.

אין עטלעכע שעה אַרום בין איך צוזאַמען מיט אַנדערע געבראַכטע אָדער „געכאַפּטע״ אין מכשפה־געיעג — אָפּגעפירט געוואָרן, לויט אַלע געזעצן פון יענער צייט, אין פינצטערן „קאַנוועערט״ פונעם „שוואַרצן וואָראָן״ אין תפיסה אויף פיינלעך־לאַנגע יאָרן.

# דאָס דורכגאַנגס־צימער „וואָקזאַל“

נישט קיין גרויס צימער אין אונטערשטן שטאָק פון דער 5־שטאָקיקער געבײדע פון נ. ק. וו. ד. אויף קאַראַלענקאָ גאַס. געקראַטעוועטע פענצטער, וואָס קוקן אַרויס אין אַ פאַרמאַכטן הויף, אַרומגערינגלט מיט אַ הויכן פּלויט. דאָס צימער איז אויסגעשטאַט מיט אַ 2־שטאָקיקער נאַרע פאַר אַן ערך 12 — 14 מאַן און 2 בענק צום זיצן, אויך אויף אַזוי פיל מענטשן. עטלעכע אויסגעהאַקטע שויבן, מסתמא צום לופטערן דאָס דאָזיקע צימער.

אַהער ברענגט מען אַרעסטאַנטן פון תפיסה צום פאַרהער און דאָ וואַרטן זיי ביז זיי ווערן אַרויסגערופן צום אויספאַרשער. אויך נאָכן פאַר־ענדיקן דעם פאַרהער, וואַרטן זיי דאָ איבער ביזן אָפּפירן זיי צוריק אין דער זעלבער תפיסה, פון וואַנען מע האָט זיי געבראַכט.

די ווענט פון שמוציקן און פאַרלאָזטן צימער זענען „באַמאָלט“ מיט פיל אויפשריפטן און אויסגעקריצטע אותיות — אַ פּײַנלעך ווייגעשריי פון צער און צאָרן, מאַכטלאָזיקייט, געפילן פון לײַדן, פאַרדראָס. דאָס לעצטע געזעגענונגס־וואָרט צו אייגענע און לעצטע גרוסן, פון וועלכע בעת מען לייענט זיי — גייט דורך אַ שוידער איבערן לײַב און דאָס האַרץ ווערט פאַרחלשט פון שרעק.

אַרעסטירטע, נאָר וואָס געבראַכטע פון דער היים, גייען מײַנסטנס דורך אָט דעם „וואָקזאַל“־צימער. דאָ קען מען אָפּט באַגעגענען באַ־קאַנטע, וואָס זיצן געוויינלעך אין פאַרשידענע בלאָקן, קאָרידאָרן און אין קאַמערן פון תפיסה, און דורך זיי איבערנעמען אָדער איבערגעבן גריסן פון און פאַר באַקאַנטע מיטזיצער. דערפאַר טאָקע האָבן די אַרעסטאַנטן געקרױנט דאָס צימער מיטן נאָמען „וואָקזאַל“.

ס׳איז געווען אין איינעם אַ זונטיק אין די פאַרמיטאָג־שעהען, נאָ־וועמבער־חודש 1937 (דאַכט זיך דעם 24־טן). די פּאָרש־פּײַניקער האָבן דעמאָלט געאַרבעט אָפט אַפילו אין די זונטיקדיקע טעג. אין „וואָקזאַל“־צימער האָבן זיך שוין אָנגעקליבן אַ היפּשע צאָל מענטשן געבראַכטע פון תפיסה און יעדערער האָט געוואַרט אויף זײַן ריי אַרויסגערופן צו ווערן. די טיר האָט זיך אויפגעשלאָסן און ס׳האָט זיך באַוויזן אַ ניי־געבראַכטער קרבן ערשט פון דער היים, אַ מאַנסביל פון אַ יאָר 50,

עלעגאַנט געקליידט, זעט אויס אַ שוואַכינקער אין געזונט און געטראָגן האָט ער ברילן אין אַ באַגילדעט רעמל. ער האָט זיך העפלעך באַגריסט מיט אַלעמען, אָנרופנדיק זיין נאָמען — פריימאַן. געוווינט — זאָגט ער — אויף פּראָספּעקט קאַרל מאַרקס נומער 98. ס'האָט זיך באַמערקט, פאַר־שטייט זיך, זיין פאַרלוירנקייט. ער האָט זיך אַרומגעקוקט און באַטראַכט די סביבה אין וועלכע ער איז אַריינגעפאַלן. ער האָט, ווייזט אויס, ענדלעך זיך אָריענטירט אין „געקומען צו זיך".

מיר האָבן אים אַרומגערינגלט. מיר האָבן גוט פאַרשטאַנען זיין דע־מאָלטיקן צושטאַנד. יעדער פון אונדז האָט דאָס אַליין איבערגעלעבט בעתן איבערטרעטן דאָס ערשטע מאָל די שוועל פון אונדזער „וואָקזאַל".

נישט שטענדיק ווערן ניי־געבראַכטע באַגעגנט מיט אמת'ן מיטגעפיל פון די „וואָקזאַל"־מענטשן. אפשר צוליב דער פאַרגרעבטקייט, וואָס שאַפט זיך אָפּט ביי אַזעלכע אומשטענדן און אויך אפשר דערפאַר, וואָס יעדער איינער האָט זיך זיינע אייגענע צרות.

אַ טייל פון די „וואָקזאַל"־מענטשן זענען שוין דאָ געוווינט צו אַלץ. זיי ווייסן שוין „ווו איין און ווו אויס". אָט אַזעלכע באַגעגענען אַ מאָל דעם ניי־אָנגעקומענעם מיט אָן, אַזוי גערופן, שמייכעלע, וואָס דאַרף באַדייטן: „פאַרליר זיך נישט. פאַל נישט ביי זיך. וועסט, מיט גאָטס הילף, אויך ווערן אַזעלכער, ווען דו וועסט אָפּזיצן כאָטש אַ האַלב פון דעם, וואָס איך בין שוין אָפּגעזעסן..."

מיר האָבן ביים ניי־אָנגעקומענעם באַמערקט אין קעשענע אַ פּעקעלע, איינגעוויקלט אין אַ צייטונגס־פּאַפּיר, וואָס „זיי" האָבן, ווייזט אויס, צו־פעליק נישט צוגענומען ביי אים. עמעצער פון אונדז האָט געפּרוווט אַרויסשלעפּן דאָס פון קעשענע. פריימאַן האָט דאָס דערפילט און באַמערקט אין אַן איידעלער פאָרם, אַז אין פּעקעלע איז איינגעוויקלט עפּעס עסן, וואָס זיין פרוי האָט אין איילעניש מיטגעגעבן אים, בשעת די אומדער־וואַרטע „געסט" האָבן אים פאַרבעטען „דורכגיין" זיך כדי אויסצוקלאָרן „אַ פּאָר קלייניקייטן"...! פריימאַן האָט געזאָגט, אַז ער קאָן מיט פאַר־געניגן אָפּגעבן דאָס פּעקעלע, אויב עמעצער פון אונדז איז הונגעריק, קלערנדיק, גאַנץ מעגלעך, אַז ער איז אַריינגעפאַלן צווישן גנבים און אַנדערע אונטערוועלט־מענטשן און מ'וויל אים באַרויבן. די „אָנפאַלער" אָבער האָבן אים געגעבן צו פאַרשטיין, אַז זיי זענען אויסן נישט דאָס, וואָס אין פּעקעלע, נאָר טאַקע דאָס שטיקל צייטונג אַליין, אין וועלכן מ'קען אפשר געפינען אַ „פריש שטיקל געדרוקט וואָרט", ד. ה. דאָס, וואָס איז שטרענג פאַרבאָטן געוועזן אונדז ליינען און דערפאַר האָבן שוין אַ סך פון אונדז, במשך פון וואָכן, אָדער אַפילו חדשים, נישט געהאָט

קיין אַנונג, וואָס הערט זיך אויף דער פריי. די צייטונג איז טאַקע תיכף שטיקלעכווייז צעכאַפּט געוואָרן דורכן „וואַקזאַל"־עולם.

לייענען די צעכאַפּטע שטיקלעך צייטונג, געהיט פון אַ בייז אויג מע זאָל נישט „פּאַקן" ביי אַזאַ „פאַרבאָטענער מלאכה" האָט מען אָפּ־געלייגט אויף אַ בעסערער געלעגנהייט. אָבער דערווייל נישט געוואָלט פאַרלירן אַ „לעבעדיקן גרוס" פון דער פריי און אפשר אויך פון וועלכן ס׳איז קרוב אָדער באַקאַנטן, ווייל יעדע מינוט קאָן מען אַרויסגערופן ווערן צום אויספאַרשער און דעמאָלט פאַרלירט מען אַזאַ זעלטענע מעגלעכקייט — האָבן זיך אייניקע געווענדעט צו פריימאַנען מיט אַ בקשה אין אַלעמענס נאָמען, אַז ער, פריימאַן, זאָל דערציילן שטיל, גיך און אין קורצע ווערטער, וואָס הערט זיך אויף דער פריי? צי זענען נאָך דאָרטן פאַרבליבן אַ סך מענטשן? אפשר קען ער איבערגעבן צופעליק וועגן געמיינזאַמע באַקאַנטע (דערביי האָט מען אים אָנגערופן אַ ריי פאַמיליע־נעמען מיט וועלכע די אַנוועזנדיקע האָבן זיך אינטערעסירט), ווייל יעדערער האָט געוואָלט וויסן, וואָס הערט זיך ביי אים אין דער היים און צי זענען נאָך זיינע פאַמיליע־מיטגלידער אויף דער פריי אָדער זיי זיצן שוין אויך אין תפיסה?

פריימאַן האָט מיט אַ שאַרפן און, דאַכט זיך, געניטן בליק אָפּגעמאָסטן, דורך די בלישטשנדיקע גלעזלעך פון באַגילדעטן רעמל, דאָס הייפל „וואַקזאַל"־מענטשן אַרום זיך, וואָס וואַרטן אַזוי זשעדנע אויף אַ גרוס און זענען גרייט איינצושלינגען יעדעס וואָרט, וואָס ער וועט אַרויסלאָזן פון זיין מויל. אין אָנהויב האָט פריימאַן וויזט אויס, מורא געהאָט עפּעס צו זאָגן, נישט וויסנדיק וואָס פאַר אַן „אוידיטאָריע" ער האָט פאַר זיך און צי מעג מען בכלל עפּעס דערציילן אין אַזעלכע באַדינגונגען פון דער פריי? נאָך אַ קליינער פויזע, האָט ער זיך אַנטשלאָסן און פעסט געענט־פערט:

— מיינע ליבע! אַנטשולדיקט מיר. קיין סך ריידן קען איך נישט. אין קורצן קען איך אייך איבערגעבן, אַז די קומענדיקע נאַכט אין תפיסה, וועל איך שלאָפן פיל רויקער ווי די פאַריקער נאַכט אין דער היים.

פאַר אונדז איז דער גרוס געווען זייער און זייער פאַרשטענדלעך.

*

דער בירגער פריימאַן (פאַרגעסן זיין נאָמען) איז געווען אַ מיט־אַרבעטער פון אַ סאָוועטישער געזאַנדשאַפט אין איינער פון די שכנותדיקע לענדער. ווען ער איז געקומען אַ היים אויף אורלויב (אפשר ספּעציעל אים אַרויסגערופן?) האָט מען אים אין עטלעכע טעג אַרום, בשעתן עסן

ביים טיש צוזאַמען מיט זיין משפּחה — העפלעך פאַרבעטן „דורכשפּאַצירן זיך" און אַט איז ער מיט אונדז — אויפן וואַקזאַל...

נאָך מיין אומקערן זיך צוריק אין יאָר 1946, האָב איך זיך אינטעֿ־רעסירט מיטן גורל פון פריימאַנען, אָבער ער איז שוין קיין מאָל נישט געקומען צוריק אַ היים. ער איז צעריבן און פאַרפאַלן געוואָרן ווי מיל־יאָנען אַנדערע סאָוועטישע בירגער — צווישן די מילשטיינער פון סטאַלינס מאָרד־מאַשין.

# אונדזער טורמע־טראַנספּאָרט

כדאי צו דערמאָנען וועגן די טראַנספּאָרט־מיטלען מיט וועלכע מע האָט אונדז איבערגעפירט פון תפיסה צו דער נקוּוד־געביידע אויף קאַראַ־לענקאַ־גאַס און צוריק:

1. אַ געוויינלעכער נישט־גרויסער פּאַסאַזשיר־אויטאָ מיט פאַרקראַ־טעוועטע פענצטער, וועלכע זעען זיך נישט פון דרויסן, ווייל די שויבן זענען מיט ווייס באַדעקט פון אינעווייניק אָדער פאַרהאַנגען מיט פיר־העכגלעך. אַרום די ווענט איז פאַרפעסטיקט אַ באַנק צום זיצן. די אונ־טערשטע טייל איז אָפּגעטיילט מיט אַ ווענטל, שאַפנדיק אַ קאָרידאָרל מיט 2 געזעסן פון ביידע זייטן פאַר די קאָנוואָירן פון די אַרעסטאַנטן.

2. אַ שוואַרצער פאַרמאַכטער אויטאָ, די זעלבע גרויס ווי דער ערש־טער, אָבער אָן פענצטער. אַרום אַ באַנק, און פון אויבן אַ פאַרמאַסקירטער שפּאַלט־עפענונג צוליב לופט. דער אויטאָ איז אָפּגעטיילט מיט אַ וואַנט ביים אונטערשטן אַריינגאַנג מיט די זעלבע זיצפּלעצער פאַר די באַגלייטנ־דיקע קאָנוואָירן. דער אויטאָ טראָגט דעם נאָמען: „שוואַרצער וואָראָן".

3. אויסערלעך דער זעלבער „שוואַרצער וואָראָן", אָבער אינעווייניק אויך אָן אינזשענערן־דערפינדונג, וואָס באַשטייט פון אַ שמאָלן דורכגאַנג (אָדער קאָרידאָרל) מיט קעמערלעך ביי די זייטן, וועלכע מע פלעגט רופן „קאָנוווערטן", וווהין דער געפאַנגענער ווערט פּשוט אַריינגעשטופּט — נישט צום שטייען און נישט צום זיצן. ער בלייבט אַזוי איינגעבויגן און איינגעפּרעסט די גאַנצע צייט פון פאָרן ביז ער קומט אויפן אָרט. באַזונ־דערס פיינלעך איז דאָס ווען דער מענטש איז אַ ביסעלע העכער אין וווקס אָדער דיקער. די דאָזיקע „דושעגובקע" איז אויך אָפּגעטיילט מיט אַ ווענטל ביים אונטערשטן אַריינגאַנג מיט די זעלבע 2 זיצפּלעצער פאַר די היטער. די מאַשין איז צוגעטראַכט געוואָרן צוליב דעם אַז איין אַרעס־טאַנט זאָל דעם צווייטן נישט קענען זען און נישט וויסן ווער ס'פאָרט צוזאַמען מיט אים. די אַרעסטירטע פאַר דער מאַשין ברענגט מען איינ־ציקווייז און מען זעצט זיי אַריין יעדן באַזונדער. דער אויטאָ איז אויך פאַר די, וואָס זיצן באַזונדער אין איינצלנע קאַמערן („אָדינאָטשקעס").

4. מען האָט אויך איבערגעפירט אַרעסטאַנטן אין געוויינלעכע פאַ־

סאַזשיר־אויטאָס אָדער אין די „לימוזינען" (קאָמפּאַרטאַבעלע פּאַסאַזשיר־אויטאָס) וועלכע האָבן געהערט צו די „גדולים" פון די נקווד־אַפּטיילן, ווען דאָס האָט געהאַט אַ שייכות צו אַרעסטירטע פון די אַנגעזעענע און העכערע פּערזענלעכקייטן. די אויטאָס זענען געווען פון אינעווייניק פּאַר־האַנגען מיט שיינע פירהענגלעך. פון הינטן איז געזעסן דער קרבן מיט זיינע היטערס. אַזאַ „פּאַסאַזשיר־אויטאָ" האָט קיין מאָל נישט אַרויסגערופן קיין פאַרדאַכט ביי דורכגייער אַז א־נעווייניק זיצט אַ באַוואַכטער קרבן (און אפשר אויך אַ צעשלאָגענער ?). ס'האָבן זיך דאָס פאַרגעשטעלט נאָר יענע, וואָס האָבן געוווּסט צו זיעמען דער אויטאָ געהערט.

ווי ס'האָט מיר דערציילט מיין מיטזיצער יעקב זיסער פון טשערנאָוויץ אין באַזמער אינוואַלידן־לאַגער אין סיביר, זוען מיר זענען געזעסן צוזאַמען אין יאָר 1941 — איז אין אַזאַ „לימוזין" אַרומגעפירט געוואָרן איבער די מאָסקווער גאַסן דער באַרימטער אַוויאַ־קאָנסטרוקטאָר א. נ. טופּאָליעוו. יעקב זיסער איז געזעסן צוזאַמען מיט אים אין איין קאַמער אין דער מאָסקווער נקווד. אויך צו טופּאָליעוון, בעת דער פאַרשונג, זענען נישט אויסגעמיטן געוואָרן די מעטאָדן פון פייניקן און שלאָגן.

בעתן איבערפירן די אַרעסטאַנטן פון „שוואַרצן וואָראָן" מיט די „קאָנוווערטן" ווערט שטרענג קאָנטראָלירט אַז די געפאַרשטע פון איין ענין, אָדער גרופּע־באַשולדיקטע, קרוביש פאַרבינדענע, און אויך די, וואָס ווערן געפאַרשט מיט באַזונדערע מיטלען צום טויט־פאַרמשפּטע — זאָלן געפירט ווערן נאָר אין „קאָנוווערטן". אָט די טיוראַנישע מאַשין פאַרמאָגט 8 אָדער 10 ערטער פון ביידע זייטן, אין וועלכע ס'מאַטערן און שטיקן זיך די קרבנות ביזן דערפאָרן צום פלאַץ.

ווען מען האָט מיך, אין איינעם פון מיינע ערשטע טעג זיצן, אָפּגע־פירט אויף אַן אויספאַרשונג (דאָס איז געווען דעם 3־טן אָקטאָבער 1937) בין איך אַריינגעפאַלן אין אויטאָ נומער 2, וווּהין מ'האָט מיך צוגעפירט און אַריינגעשטופּט אין דער פינצטערניש, ווו ס'איז שוין געווען פול מיט מענטשן, וואָס מ'האָט געפירט צום אויספאַרשן אין דער נקווד־געביידע אויף קאַראָלענקאָ־גאָס. אָנקומענדיק פּלוצעם פון דער ליכט אין פינצ־טערניש, האָב איך לכתחילה גאָרנישט געזען, אָבער פון אינעווייניק האָט מען גוט געזען די מענטשן וואָס ווערן צוגעבראַכט און אַריינגעשטופּט.

פּלוצעם האָט מיך עמעצער אַרומגעכאַפּט, אָנגעהויבן דרוקן צו זיך, קושן כליפּענדיק דערביי. דאָס פּנים זוערט באַנעצט מיט הייסע טרערן. דאָס האָט זיך אַרויסגעוויזן מיין שוואָגער אָשר באַגאַטי (אויך אַ „פּערע־ביעשטשיק" פון פּוילן, וועלכער איז אַרעסטירט געוואָרן מיט אַ חודש פריִער פאַר מיר און מיר האָבן אין דער משפּחה כסדר געקלערט וואָס

פאַר אַ חטא האָט ער געקענט באַגיין, זייענדיק זיכער אַז אומשולדיקע נעמט מען נישט צו. ווען זיין פרוי פלעג פיל מאָל זיך ווענדן צו דער נקווד מיט אַ פראַגע פאַר וואָס מען האָט צוגענומען איר מאַן — איז דער ענטפער שטענדיק געווען אַז ער איז באַגאַנגען שווערע קאָנטררע־וואָלוציאָנערע פאַרברעכנס, און אויב זי וועט נישט אויפהערן זיי „דער־



אשר באַגאַטי

קוטשען" — וועט זי אויך אַרעסטירט ווערן ווי אַ מיטבאַטייליקטע, ווייל זי האָט „געוווסט" וועגן זיין „טעטיקייט" און נישט געמאָלדן די מאַכט־אָרגאַנען. (אויך מיין פרוי האָט נאָך מיין אַרעסט געהאַט ענלעכע און נאָך ערגערע אָפּשניטן פון דער נקווד, ביז מ'האָט זי אַרויסגעיאָגט פון דער אַרבעט, אָבער וועגן דעם שפּעטער).

פאַר דער צייט, וואָס מיר זענען געפאָרן צוזאַמען מיטן שוואָגער פון דער תפיסה ביז נקווד, בעת אונדזער אָפּזיין אין דורכגאַנגס־צימער „וואָקזאַל" מער ווי אַ שעה צייט — האָט ער מיר דערציילט אַז ער ווערט באַשולדיקט אין שפּיאָנאַזש לטובת פוילן, אַגיטאַציע קעגן דער מאַכט און אין אַרויסטרעטונג קעגן די מלוכה־הלוואות און אין אַנדערע באַשולדי־קונגען (ווער ?...), וועלכע זענען אומשטאַנד נאָר פאַרשעמען די, וואָס לייגן פאַר אַזעלכע „עבירות", פאַר מיין שוואָגער, וואָס האָט כמעט קיין בילדונג נישט געהאַט, און דערצו נאָך קוים געקענט די שפּראַך ווי פיל פערעביעשטשיקעס. ער איז געווען פון פאַך אַ שניידער, געאַרבעט אין

דער שניידער־פאַבריק, געהאַט אַ פרוי מיט 2 קינדער און קיין מאָל מיט קיין פּאָליטיק זיך נישט פאַרנומען.

ער האָט ווייטער מיט פאַרביטערונג דערציילט אַז זיין אויספאַרשער איז אַ מערדער, איזדיעקעוועט זיך איבער אים און זיינע קרבנות־יידן מיט אַ באַזונדער אַנטיסעמיטישן סאַדיזם. זיין פאַרשער הייסט פראַנטשענקאַ אָדער פראַנזשענקאַ, און אַז ער האָט נישט אויסגעהאַלטן די קלעפּ און פייניקונגען — געמוזט אונטערשרייבן אַ פּראָטאָקאָל, נישט וויסנדיק דעם אינהאַלט און אויך אויף 2 ליידיקע בויגנס פּאַפּיר. איצטער וויס ער נישט נאָך וואָס מען רופט אים ווייטער אַרויס.

ער האָט געוויינט און אומבאַהאָלפן געציטערט, ווען ער האָט דערציילט איינצלהייטן פון זיינע איבערלעבונגען. ערשט איצט האָב איך אָנגעהויבן באַנעמען, וואָס מיר אַליין שטייט פאָר. איצטער איז שוין אויך ענדלעך צו מיר דערגאַנגען די רייד פון יענעם אַרעסטאַנט, וואָס האָט מיר פריִער אָנגעהויבן לייגן שטיינער אויפן האַרצן, שוין ביים ערשטן איבערטרעטן די שוועל פון דורכגאַנגס־צימער. איצטער האָב איך געזען אַז ער איז טאַקע געווען ביים קלאָרן זינען, ווי ס'האָט באַשטעטיקט דער דעמאָלטיקער מיטזיצער און דירעקטאָר פון חזירים־טרעסט טשערוויאַקאָוו.

איך האָב דעם שוואַגער דערציילט וועגן לעבן פון זיין משפחה פאַר דעם פאַרגאַנגענעם חודש, וועגן די באַמיונגען פון זיין פרוי, וועגן זיינע קינדער און אַלץ מיט וואָס ער האָט זיך אינטערעסירט. איך האָב אים אויך איבערגעגעבן וועגן דער פאַרזאַמלונג, וועלכע איז פאָרגעקומען אין דער שניידער־פאַבריק נאָך זיין אַרעסט, ווי מען האָט אים געשילדערט ווי אַ קאָנטררעוואָלוציאָנער און שפּיאָן, וואָס איז באַגאַנגען די שווערסטע פאַרברעכנס אונטער דער מאַסקע פון אַן „אומשולדיקן פערעביעשטשיק" (אַזאַ פּראַקטיק איז דאָרטן געווען נאָך יעדן אַרעסט).

מ'האָט אים אַרויסגערופן פריִער פון מיר און מער האָב איך אים נישט געזען אין משך פון 12 יאָר. ער איז אָפּגעווען אין די שווערסטע באַדינגונגען פונעם ווייטן צפון־מזרח (קאָלימאַ). ווען ער איז דאָרט שוין מער נישט בכוח געווען ממשיך זיין זיינע קאַטאָרגע־אַרבעטען — האָט די לאַגער־אָנפירונג אויסגענוצט זיין שניידער־פאַך, כדי ער זאָל אומזיסט זיי באַנייען מיט זייערע משפחות, און דאָס טאַקע האָט אים געגעבן די מעגלעכקייט דערלעבן די באַפרייונג נאָך 12 יאָר אין דעם שרעקלעכן מאָרד־פעריאָד. איצטער געפינט ער זיך אין ישראל אין טיפן עלטער פון איבער 80 יאָר.

# דער דיאַלאָג

מען האָט מיך אַרויסגערופן צום אויספאַרשער אָקס, און ווי געוויינלעך, אויסגעפילט די ערשטע אַנקעטע, וועלכע איז באַשטאַנען פון אַ סך צענד־ליקער פראַגן, אַ טייל פון וועלכע, זענען מסוגל צו באַדעקן מיט חרפּה און בושה די אויספאַרשער אַליין. איך האָב געוואָלט גלויבן אַז אַזעלכע עקזעמפּליאַרן וועלן אַ מאָל געפאָרשט ווערן דורך נישט טענדענציעזע היסטאָריקער און דאָרטן וועלן זיי זען דאָס „פּנים״ פון יענעם פּעריאָד אין לאַנד פון „סאָציאַליזם״ און פון „דער בעסטער דעמאָקראַטיע אין דער וועלט״.

נאָך דעם האָט זיך צווישן אונדז אָנגעהויבן אַ „שמועס״ וועגן מיין „שפּיאָנאַזש־טעטיקייט״ לטובת פּוילן און אַז איך — זאָגט ער — ווי אַן „ערלעכער בירגער״ דאַרף „אָפן״ אַלץ דערציילן ווי „געהעריק״, און אויב איך וועל טאָקע דערציילן „אָפנהאַרציק״ וועלן זיי מיר באמת גלויבן אַז איך זאָג נישט קיין ליגן.

איך קוק אויף אים פאַרוווּנדערט און... קען גאָר נישט פאַרשטיין וואָס דאָ קומט פאָר.

ווען איך האָב אים געפּרוּווט דערווייזן די אומגעלומפּערטקייט פון אַזאַ באַשולדיקונג, און אַז איך וועל אים אין קיין שום פאַל נישט באַ־שטעטיקן אַזעלכע זאַכן וואָס „נישט געשטויגן און נישט געפלויגן״, אַפילו ווען מען זאָל מיך נויטן מיט די שווערסטע מיטלען ביז שיסן — האָט ער מיר געפּרוּווט דערקלערן מיט אַ כּלומרשטער רויקייט:

— דאָס אַלץ וואָס איר דערציילט (דערווייל נאָר אויף „איר״) וועגן זיך איז צום לאָמפּ (אָנווייזנדיק מיטן פינגער אויפן הענגענדיקן עלעק־טרישן לעמפּל). אייער שוואָגער האָט זיך אַליין אין אַלץ מודה געווען און אויך וועגן אייך אַלץ דערציילט, אַזוי אַז איר זאָלט נישט פּרוּוון זיך אַרויסדרייען. איך פאָדער אַז איר זאָלט מיר גלייך אָנשרייבן אַלץ וועגן אייער שפּיאָנאַזש־טעטיקייט און, ווי איך האָב אייך שוין געזאָגט, מיר וועלן פאַרגלייכן מיטן דערציילטן דורך אים, און דאַן וועלן זען צי זענען אייערע דערקלערונגען ריכטיקע.

מען דאַרף זאָגן, אַז איך בין שוין כּמעט נישט געווען איבעראַשט

פון אַזעלכע באַשולדיקונגען נאָכן דערציילטן דורכן שוואָגער און גע־זעענעם, און אַנדערע אינפאָרמאַציעס וועלכע זענען מיר באַקאַנט געוואָרן פאַר די לעצטע עטלעכע טעג.

— קיין שום דערקלערונגען וועגן מיר האָט אייך מיין שוואָגער נישט געגעבן און נישט געקענט געבן. איר זאָגט אַ ליגן. אויב ער האָט עפּעס אונטערגעשריבן, ווייסט ער אַליין נישט וואָס, ווייל ער קען נישט שרייבן און נישט לייענען אין רוסיש. דעם אונטערשריפט האָט ער אייך געגעבן, ווייל ער האָט נישט אויסגעהאַלטן די פּייניקונגען פון זיין אויספאָרשער.

מיין אויספאָרשער אָקס האָט אויף מיר אַ קוק געגעבן, גלייך ווי עפּעס אויסטערלישס וואָלט פאָרגעקומען און געפרעגט:

— פון וואַנען האָט איר דאָס גענומען און ווער האָט אייך אַזעלכעס דערציילט?

— פאַרנדיק היינט אין „שוואַרצן וואָראָן" צו אייך, האָב איך זיך מיט מיין שוואָגער באַגעגנט און ער האָט מיר וועגן אַלץ דערציילט. מיר זענען געווען צוזאַמען אַ לענגערע צייט, פאַר וועלכע איך בין באַקאַנט געוואָרן ווי אַזוי און ביי וועלכע אומשטענדן ער האָט זיך אונטערגעשריבן, אויך אויף 2 ליידיקע בויגנס פּאַפּיר.

איך האָב אים מיט מיין ענטפער ווי מיט אַ שעפל הייס וואַסער אָפּגעגאָסן. די נכפּה האָט זיך אין אים אָנגעצינדן. ער האָט געכאַפּט דאָס טעלעפאָן־טרייבל, אַרויסגערופן אַ נומער און געפרעגט (ווייזט אויס דעם פאָרשער פון מיין שוואָגער (צי האָט ער אים היינט אויפגענומען און מיט וועלכן „רעיס", ער איז געקומען (די רעיסן האָבן געהאַט זייערע נומערן).

ווי איך האָב פאַרשטאַנען, איז מיין „רייזע" אויך באַשטעלט געוואָרן מיטן דאָזיקן „רעיס", און פון פריער נישט צונויפגערעדט, ווי דאָס האָט, לויט זייערע אינערלעכע געזעצן, נישט געטאָרט געשען. צווישן די ביידע אויספאָרשער איז פאָרגעקומען אַ שאַרפער דיאַלאָג, וואָס האָט זיך פאַר־ענדיקט מיט דעם, וואָס מיין אויספאָרשער האָט דעם צווייטן געדראָט מיט באַגעגענען זיך וועגן דער „מיספאַרשטענדעניש" ביי זייער שעף אין קאַבינעט. ווי ס׳האָט זיך אַרויסגעוויזן האָבן זיי געהערט צו 2 אָפּטיילן פון 2 שעפן (אומאַנסקי און בערעזאָווסקי), וועלכע האָבן אַליין אויך אַרויס־געוויזן גרויס אַכזריות. בערעזאָווסקי האָט אַליין מיך געשלאָגן אין קאַ־בינעט ביי אָקסן. מיט די שעפן וועלן מיר זיך נאָך באַגעגענען אין מיינע ווייטערדיקע זכרונות.

איך האָב נאָך דעמאָלט נישט געוווסט ווער סע זענען די שעפן און צו מיר האָט זייער געשפּרעך קיין שייכות נישט געהאַט. אָקס האָט פאַר־

לאָזט דעם קאַבינעט (ווייזט אויס אַז איך זאָל נישט הערן זייער דיאַלאָג).

כמעט אַ שעה צייט בין איך אַליין געזעסן אין קאַבינעט, צוגעהערט זיך צו דער באַוועגונג אין קאָרידאָר, געהערט די געשרייען פון די גע־פייניקטע אין פאַרשידענע קאַבינעטן ביי די אויספאַרשער און באַטראַכט די אומשטענדן ביי וועלכע איך געפין זיך. פון צייט צו צייט האָט זיך די טיר געעפנט און אַ קאָפּ האָט זיך באַוויזן און גלייך אַנטרינען.

ווען דער פאַרשער איז צוריקגעקומען אין קאַבינעט, האָט ער דער־קלערט אַז איך וועל צוריק אָפּגעפירט ווערן אין תפיסה און אַז אונדזער געשפּרעך האָט זיך אָנגעהויבן, אָבער ער איז נישט פאַרענדיקט און מיט צאָרן געוואָרנט אַז איך וועל נאָך אַרויסגערופן ווערן.

# דער טויט־קאָרידאָר

אין דער גרויסער תפיסה פון אונדזער שטאָט, וועלכע געפינט זיך אויף טשיטשערן־גאַס, אין אַ זייטיקן פליגל אויפן דריטן שטאָק, געפינט זיך אַ ספּעציעלער קאָרידאָר, וואָס איז, ווי מען זאָגט, „פאַרמאַכט אויף 7 שלעסער". אין קאָרידאָר געפינען זיך 5 קאַמערן באַצייכנט מיט די נומערן 47—51. די קאַמערן ציילן זיך אין איין זייט פון קאָרידאָר. די קעגנאיבערדיקע וואַנט האָט צווייענדיק פאַרקראַטעוועטע פענצטער, וואָס גייען אַרויס אין אַ פאַרמאַכטן הויף. דאָס מקום רופט מען — „טויט־קאָרידאָר" ווייל אין זיינע צעלן געפינען זיך נאָר פאַרמשפּטע צום טויט. דער פעריאָד פון זייער אָפּזיין דאָרט איז — פון זייער באַקומען דעם פּסק ביזן אויספירן אים. די אַנגעוויזענע קאַמערן האָבן אַ באַזונדערן רעזשים. קודם כל טאָרן די שליסלען פון די קאַמערן זיך נישט געפינען אין די הענט פונעם קאָרידאָר־נאַדזיראַטעל. ווען מען דאַרף עפענען די טיר — קומען אַנדערע תפיסה־באַאַמטע פון העכערן ראַנג, וועמען עס איז געגעבן געוואָרן דאָס רעכט צו הערשן איבער די שליסלען פון די טויט־קאַמערן. דער קאָנטאַקט מיטן פאַרמשפּטן, דורך וועמען ס'זאָל נישט זיין, קומט פאָר נאָר דורכן קליינעם פאַרקראַטעוועטן פענצטערל אין דער אייזערנער טאָפּל־טיר, דורך וועלכער מען גיט עסן און אַנדערע זאַכן. איבער דעם פענצטערל איז פאַראַן אַן אויג־לעכל, דורך וועלכן דער נאַדזיראַטעל אָבסערווירט כסדר די באַוועגונג און דאָס לעבן אין קאַמער פון די, צום טויט־פאַרמשפּטע.

דאָס איינציקע פענצטער וואָס געפינט זיך אין קאַמער און גייט אַרויס אין אַ געשלאָסענעם טורמע־הויף און געפינט זיך איבערן קאָפּ — איז אויך צווייענדיק פאַרקראַטעוועט און פון דרויסן פאַרשטעלט מיט אַ „קאַזיראָק" — (דאַשעק), וועלכער גיט נישט קיין מעגלעכקייט אַרויסקוקן אין הויף. ביי טאָג זעט זיך נאָך אַ שטיקל הימל, וואָס וואַרפט אַ ביסל ליכט נאָענט צום פענצטער.

די אויסשטאַטונג אין קאַמער איז, קודם כל, די פּאַראַשע, וואָס אַפילו ווען זי איז ליידיק, איז אויך שווער צו טראָגן אין צווייען. די פּאַראַשע פאַרמאָגט אַ רינג ביי דער זייט אויף צוקייטלען זי צו דער וואַנט (נישט

פאַרשטענדלעך נאָך וואָס ?). אין אונדזער קאַמער איז די פּאַראַשע נישט געווען צוגעבונדן. דאָרט אין קאַמער זענען די אייזערנע בעטלעך צוגע־פעסטיקט צו דער צעמענטענער פּאָדלאָגע און געדעקט מיט בלעכן פון 4—5 סאַנטימעטער (אַנשטאָט געוויינלעכע ברעטער). צו דער וואַנט איז צו־געשמידט אַ טישל אויף וועלכן סע שטייען עטלעכע שיסעלעך, אַ טעפּעלע צום טרינקען וואַסער, אַ כּלי אויף וואַסער און... אַלץ.

אין טויט־קאַמער איז שטרענג פאַרבאָטן האַלטן בז זיך פּערזענלעכע זאַכן און אַפילו אַ האַנטעך. די זאַכן געפינען זיך אין קאָרידאָר אַנטקעגן יעדער קאַמער, ווו דער פּאַראורטיילטער זיצט און קען זיי זען דורכן אויג־לעכל. ווען ער פאָדערט עפּעס (אַ העמד ,האַנטעך אָדער אַ פּאַפּיראָס מיט שוועבעלעך אא״וו.) דאַרף ער זיך ווענדן צום נאַדזיראַטעל און דער לעצטער דערלאַנגט אים דורכן פענצטערל, וואַרטנדיק ביז דאָס העמד ווערט איבערגעטאָן, דאָס פּנים אויסגעווישט און דאַן ווערט דאָס צוריק־געגעבן. דאָס שוועבעלע צום פאַררויכערן רייבט אָן דער נאַדזיראַטעל אַליין, דורכן פענצטערל דערלאַנגט ער פאַררויכערן און אויך פאַרלעשט אַליין, נישט איבערגעבנדיק דאָס פייער דעם פּאַראורטיילטן.

קיין געשפּרעכן מיטן נאַדזיראַטעל זענען נישט דערלויבט, חוץ אַזעלכע, וואָס האָבן אַ דירעקטן שייכות צו די „געזעצלעכע״ פאָדערונגען פון פאַראורטיילטן.

די 10 — 15 מינוטיקע „פּראָגולקע״ — (שפּאַציר) קומט פאָר אונטער אַ שטרענגער שמירה ביי דער נאַכט אין אַ געשלאָסן הויפל, שטאַרק באַלויכטן דורך פּראָזשעקטאָרן. די „פּראָגולקע״ באַשטייט פון אַרומקרייזן דאָס הויפל איינער אונטערן צווייטן (גוסקאָם״), נישט אָפּשטעלנדיק זיך אַפילו אויף קיין ווײַלע און שוויגנדיק.

2 מאָל אין טאָג (אין די פרימאָרגן־אָוונט־שעהען) ווערט מען אַרויס־געלאָזט צוליב נאַטירלעכע באַדערפענישן אויך אונטער אַ שמירה. מע טראָגט מיט די פּאַראַשע, מע ליידיקט זי אויס און מ׳ברענגט זי צוריק אויפן אָרט. די גאַנצע צייט יאָגט מען אונטער : „דאַוואַי. סקאָרעע״ (מאַך עס, הייסט עס, שנעלער !

בעתן דורכגיין דעם קאָרידאָר, אויפן וועג צום קלאָזעט אָדער אויפן „שפּאַציר״ — ווערן פריִער פאַרמאַכט פון אויסנווייניק אַלע אויגן־לעכלעך, כּדי נישט געבן קיין מעגלעכקייט זען איינע די צווייטע (די פאַרבייגייער אָדער פּאַראורטיילטן).

די ווענט אין קאַמער זענען לאַנגע יאָרן נישט געקאַלעכט. און אויס־קריצונגען אויף די ווענט וואַרפן שוין מער נישט אָן קיין שרעק. צי דען איז דאָס נישט אַלצאיינס פאַרן צום טויט־פאַראורטיילטן, וועלכער וואַרט

יעדער נאַכט און יעדער שעה אַרויסגערופן צו ווערן צו דער עקזעקוציע? נאָך וואָס און פאַר וועמען קאָלעכן די ווענט?

בײַ טאָג שליסט מען נישט אויף די טויט־קאַמערן, סיידן עמעצער פון די פאַרמשפּטע פילט זיך שלעכט און נויטיקט זיך אין מעדיצינישער הילף. דאָס ווערט איבערגעגעבן דעם נאַדזיראַטעל, און די קראַנקן־שוועסטער, אָדער דער דאָקטער קומען אין באַגלייטונג פון וועכטער. אויך דאַן סטאַרעט מען זיך די טיר נישט עפענען. דורכן פענצטערל, מיט דער הילף פון די שומרים פרעגן זיי אויס אויף וואָס דער קראַנקער באַקלאָגט זיך און גיבן איבער דורכן פענצטערל די נויטיקע פּראָשקעס אָדער פּילן און דערמיט איז די הילף דערלײדיקט אין פאַל ווען עס נויטיקט זיך נישט קיין מער גרונטלעכער באַטראַכטונג דעם קראַנקן.

די שטילקייט אין קאָרידאָר און אין די קאַמערן איז אַזאַ, גלייך ווי די פאַראורטיילטע צום טויט וואָלטן שוין טאַקע באמת טויט געווען. פון צייט צו צייט אָבער הערט מען אַ געוויין פונעם פאַראורטיילטן אין דער אָדער יענער קאַמער. אין אַזאַ פאַל מאַכט נישט דער נאַדזיראַטעל קיין באַמערקונג און רעאַגירט נישט.

עס הערט זיך אויך דאָס אַרומשפּאַנען פון אייניקע פאַראורטיילטע אַהין און צוריק פון פענצטער ביז דער טיר (אַ מהלך פון 8 — 9 געוויינ־לעכע טריט). די טריט הערן זיך ביז די שפּעטע נאַכט־שעהען.

אויב דער פאַראורטיילטער איז נישט איינזאַם אין קאַמער איז נאָך דאָ מיט וועמען דורכשמועסן זיך, אָבער וועגן וואָס? יעדער גערויש אין די נאַכט־שעהען באַטייט פאַר זיי, אַז מען איז שוין געקומען נעמען...

אין באַזונדערע מאָמענטן קען מען, ווען ס'איז שטיל, איבערקלאַפּן זיך מיטן שכן פון דער צווייטער קאַמער, אויב זי געפינט זיך צווישן די נומערן 47 און 51 (ווייל די לעצטע האָבן נאָר איין וואַנט צום איבערקלאַפּן זיך, ווייל די צווייטע איז אַ „טויבע" וואַנט. דאָס איבערקלאַפּן זיך איז נאָר מעגלעך דאַן, ווען צווישן די פאַראורטיילטע זענען פאַראַן אַזעלכע, וואָס ווייסן דעם תפיסה אַלף בית. איבערקלאַפּן זיך איז שטרענג פאַרבאָטן. די, צום טויט־פאַרמשפּטע האָבן נישט וואָס צו פאַרלירן, און דעריבער ווערן אַזעלכע „שמועסן" דורכגעפירט ביז דער נאַדזיראַטעל רייסט זיי נישט איבער, ווו נאָר צו אים דערגייט, אַז ערגעץ־ווו, הערט זיך דאָס איבערקלאַפּן זיך. (אויב ס'איז דאָ אַ נויטיקייט אין אַ באַזוכן די פאַראור־טיילטע צום טויט דורכן פּראָקוראָר, פאַרטיידיקער אָדער אַנדערע הויכע פּערזענלעכקייטן — ווערן זיי געבראַכט דורך באַגלייטער און זייער

טורמע־אַדמיניסטראַציע פאַר „נישט הערן" אָדער נישט רעאַגירן אויפן געשפּרעך ווערט אויך דורכגעפירט דורכן פענצטערל).

אין דער וואַנט, וואָס גייט אַרויס אין קאָרידאָר, איבער דער טיר, איז פאַראַן אַ קליין פענצטערל מיט אַ לעמפּעלע (אויף פאַרקראַטעוועט), וואָס ווערט יעדן אָוונט אָנגעצונדן און אין דער פרי אויסגעלאָשן דורכן נאַדזי־ראַטעל.

די באַזונדערע אָנווייזונגען ,וואָס האָבן אַ שייכות צום רעזשים אין טויט־קאַמער (אויף פאַר אונדז) זענען:

מען דאַרף שלאָפן נאָר מיט די פיס צו דער טיר. מיט דער קאָלדרע נישט איבערדעקן דעם קאָפּ, כדי דער נאַדזיראַטעל זאָל קענען זען דאָס פנים. די הענט טאָרן נישט באַהאַלטן ווערן אונטערן צודעק. זיי דאַרפן זיין פון אויבן און געזען ווערן. קיין שום באַוועגונג אין די נאַכט־שעהען אין קאַמער. קיין שום געשפּרעך און אַפילו נישט קיין שעפּטשעריי.

ווען דער נאַדזיראַטעל באַמערקט ביי עמעצן אַז ער איז איבערגעדעקט, אָדער די הענט זענען באַהאַלטן — הויבט ער אָן קלאַפּן אין טיר און שרייען. ווען מען הויבט זיך אויף ביי נאַכט צו דער פּאַראַשע, הערט מען שוין ווי ער לויפט צו צום אויג־לעכל און אָבסערווירט, ביז מען לייגט זיך צוריק אויפן אָרט „ווי עס באַדאַרף צו זיין".

ניי־אָנגעקומענע פּאַראַורטיילטע צום טויט און די וואָס מען נעמט צו פון די קאַמערן צום אויספירן דעם אורטייל, ווערן געבראַכט און אָפּגעפירט געוויינטלעך אין די נאַכט־שעהען. ליגנדיק אומבאַוועגלעך אויף די גאַלעגערס, איז מען שוין צוגעוווינט פאַרשטיין און הערן פון וועלכער קאַמער מ׳האָט צוגענומען און אין וועלכער מ׳האָט געבראַכט נייע קרבנות.

שטענדיק איז געווען דער ווילן פון פּאַראורטיילטע צו וויסן ווער ס׳זענען די קרבנות פון דער שכנותדיקער, מיט אים, קאַמער, וואָס האָט שענדיק אַרויסגערופן אומרו, אָבער שטילן דעם אומרו און די נייגעריקייט, האָט אין אַ געוויסער מאָס געקענט נאָר דער, וואָס האָט געוווּסט דעם תפיסה־אַלף־בית.

ווי ס׳האָט זיך שפּעטער אַרויסגעוויזן — זענען אין תפיסה און אין די ב. ק. וו. ד.־געביידעס געווען קאַמערן פון אַ באַזונדערס־שטרענגן רעזשים פאַר די „עקשנים", וואָס האָבן זיך נישט גרינג אונטערגעגעבן די אויספאָרשער. אויך די אויספאָרשער איז נישט גרינג געווען באַקומען אונטערשריפטן פאַר זייערע אויסגעטראַכטע און צונויפגעשטיקעוועטע ווילדע פּראָטאָקאָלן. די געפאָרשטע האָבן זיך געאַמפערט ווי ווייט נאָר מעגלעך, אויסשטייענדיק די שרעקלעכסטע פייניקונגען און אינקוויזיטאָרישע מיט־

לען, אַבי נישט געבן קיין אונטערשריפט אונטער אַן אייגענעם טויט־אורטייל.

אַלס פּסיכאָלאָגישער מיטל צו ווירקן אויף די „עקשנים“, וואָס ווילן זיך נישט „מודה“ זיין אין זייערע, אַזויגערופענע, פאַרברעכנס — איז אויסגעטיילט געוואָרן איינע פון די טויט־קאַמערן (נומער 51). די „איינוווינער“ פון דער קאַמער, ווי נישט צום טויט־פאַראורטיילטע (דערוויל ?) האָבן געהאַט רעכט צו האַלטן זייערע זאַכן מיט זיך אינעווייניק, אָבער חוץ דעם, איז דער רעזשים פון קאָרידאָר געווען חל אויך אויף זיי.

דער עיקר אונטערשייד איז געווען אין דעם, וואָס פון דער קאַמער האָט מען טעגלעך אַרויסגערופן אויף פאַרהערן (דאַן ווען פון די איבעריקע קאַמערן האָט מען שוין אויף אויספאָרשונגען מער נישט אַרויסגערופן ווי „פאַרענדיקטע“) וואָס האָט געגעבן אַ מעגלעכקייט צייטווייליק זיך פאַרבינדן מיט אַנדערע אַרעסטאַנטן פון פאַרשידענע בלאָקן, קאָרידאָרן און קאַמערן פון דער תפיסה־וועלט דורכן דורכגאַנגס־צימער — „וואָקזאַל“, וועלכעס איז אָפט געווען אַ מקור פון פאַרשידענע נייעסן, קאָמענטאַרן און פאַר געוויסע מסקנות. יעדער קאָנטאַקט האָט עפּעס געגעבן פאַר מיינונגס־אויסטוישן אין דער צייט ווען די קרבנות פון די שכנותדיקע קאַמערן אין קאָרידאָר האָבן דאָס נישט געהאַט.

די ערטער פון די אַנגעוויזענע שווערע מאַטערונגס־קאַמערן זענען דורך דער נקוודיסטישער אַנפירערשאַפט אָפּטיילט געוואָרן צווישן פאַרשידענע אויספאָרשער, וואָס האָבן באַקומען „רעכט“ צו באַזעצן מיט זייערע „פאַרעקשנטע“ געפאַרשטע און רעזערווירט פאַר אַזעלכע, וואָס וועלן ערשט ביי זיי זיין.

# קאַמער נומער 51

גלייך נאָכן, שוין דערמאָנטן, שאַרפן דיאַלאָג מיט מיין אויספאָרשער אַקס און זיין באַגלייטן מיך מיט צאָרן — בין איך אַריינגעוואָרפן געוואָרן אין דער אַנגעוויזענער טויט־קאַמער נומער 51, ווו ס׳האָבן זיך דעמאָלט געפונען 18 פּערזאָן (ביי 4 בעטלעך). די מענטשן האָבן געהערט צו פאַרשידענע גרופּעס. די מערסטע טייל פון זיי זענען געווען אַנגעזעענע אינזשענערן און אָנפירער פון פאַרשידענע גרעסערע אונטערנעמונגען, פאַבריקן, זאַוואָדן און צעכן פון אונדזער גרויסער אינדוסטריעלער געגנט — פּעטראָווסקי־זאַוואָד, דניעפּראָדזשערזשינסק (קאַמענסקאַיע), ניקאָפּאָל, זאַ־פּאָראָזשיע, מאַרגאַנעץ, קריוואָי ראָג און אַנדערע. אויף וויפל ס׳געדענקט זיך, קען איך אויך אָנרופן אַ טייל נעמען פון די געזעסענע אין אונדזער קאַמער: קירילאָוו, גאַרבאַטאָוו, טראָפימאָוו, מייליס, קורץ, אָווערקאָוו, פּערעסאַדאַ, פּוסטאָוויט, לעזשיסנקי, סאָכנאָווסקי, לימאַנסקי, לעוואָנעווסקי און אַנד. קיין פּאַרטיי־טוער זענען דאָרט פון אָנהויב נישט געווען. שפּעטער האָט מען צו אונדז אַזעלכע „אַריינגעוואָרפן", צווישן וועלכע אויך לעאָניד גענין — וועגן אים באַזונדער וועל איך שפּעטער דערציילן...

עס איז צו אונדז צוגעקומען מעלניטשענקאָ מיכאַיל וואַסיליעוויטש פון דאָרף טערפּעניע (מעליטאָפּאָלער ראַיאָן), וועלכער איז שפּעטער דער־שאָסן געוואָרן. ליאָניע גענין איז אפשר צופעליק אַריינגעפאַלן צו אונדז, ווייל די פּאַרטיי־טוער האָט מען געהאַלטן און געפּאַרשט ביי אַנדערע באַדינגונגען און אויך מער אין דער געביידע פון נ.ק.וו.ד. אויף קאַראַ־לענקאָ גאַס. מיט זיי האָבן די נקווידיסטן געהאַט „באַזונדערע" חשבונות. צווישן די פאַרשידענע באַשולדיקונגען איז זיי צוגעגעבן געוואָרן דער אות „ט", וואָס האָט באַדייט „טראָצקיזם". מיט זיי איז גרינגער געווען פירן אַ קאַמף און דעריבער זענען זיי גרינגער „באַקעמפט" געוואָרן. מיט זיי האָט מען גערעדט אויך אין נאָמען פון דער פּאַרטיי. זייער ווייניק פון זיי זענען דערפאָרן צו די לאַגערן, און נאָך ווייניקער האָבן זיך צוריקגעקערט אַ היים.

דאָס לעבן פון די אַרעסטאַנטן אין דער 51־טער האָט שוין אָנגענומען אַ פאָרם פון אַ „געוויינלעכקייט" מיט זיין שטייגער און סדר: גערופן

טעגלעך אויף אויספֿאַרשונגען, געמאַטערט און געפּייניקט, געקומען פֿון די אויספֿאַרשונגען צעשלאָגענע און צעבלוטיקטע, אַ טייל אַפֿילו געשלעפּט אויף די הענט. צווישן זיך האָט מען געלעבט ווי איין משפּחה. איינער האָט דעם צווייטן גוט געקענט און וועגן אים אַלץ געוווּסט — זיין משפּחה, זיינע ענינים אא״וו. מיר האָבן זיך אויסגעלערנט גוט דערקענען, ספּעציעל אַריינגעשיקטע צו אונדז אין קאַמער פּראָוואָקאַטאָרן, וועלכע האָבן אַגי־טירט, אַז ס׳איז בעסער אונטערשרייבן, איידער ווערן געפּייניקט. ביים אַרויסרופֿן זיי אויף „אויספֿאַרשונגען״ פֿלעגן זיי אַלץ איבערגעבן וועגן אונדזער קאַמער (געשפּרעכן, אַרויסזאָגונגען, דיסקוסיעס). די אַריינגע־שיקטע האָבן ביי אונדז קיין גרויסן דערפֿאָלג נישט געהאַט. מען האָט זיי גיך פֿון אונדז צוגענומען און אַריינגעשיקט אין אַנדערע קאַמערן. מיר זענען אויך וועגן זיי געוווּיר געוואָרן דורכן געבענטשטן פֿאַר אונדז, דורכגאַנגס־צימער — „וואָקזאַל״.

ווען איך בין אָנגעקומען אין קאַמער זענען שוין דאָרטן געווען אַלטע „תּושבֿים״ מיט אַ „סטאַזש״ פֿון 2 און 3 חדשים.

דער דורכשניטלעכער אומבייט פֿון אַרעסטאַנטן אין אונדזער קאַמער איז נישט געווען אַזוי גרויס אין פֿאַרגלייך מיט אַנדערע קאַמערן. קיינער פֿון אונדזער קאַמער איז אויף דער פֿריי נישט אַרויסגעגאַנגען. עטלעכע זענען דערשאָסן געוואָרן און די איבעריקע זענען אָוועקגעשיקט געוואָרן מיט די עטאַפּן אין די ווייטע מקומות. אַ טייל אַן געריכט און פֿון דאָרטן זיך נישט צוריקגעקערט. צווישן די ליקווידירטע אויפֿן אָרט זענען געווען גאַרבאַטאָוו, מעלניטשענקאָ, טראַפּימאָוו, און מעגלעך אויך אַנדערע. די גרעסטע צאָל אַרעסטאַנטן אין דער 51־טער אין משך פֿון מיין 3 חדשימ־דיקן „סטאַזש״ דאָרט איז דערגאַנגען ביז 28 מאַן ערבֿ דעם 20־טן יאָרטאָג פֿון דער אָקטאָבער־רעוואָלוציע.

ווי שוין דערמאָנט, איז מען אין אונדזער קאַמער געזעסן דורכשניטלעך לענגער ווי אין אַנדערע קאַמערן צוליבֿ דעם, וואָס די מערהייט אַרעס־טאַנטן זענען געווען אָנפֿירנדיקע פּערזענלעכקייטן, און מיט וועלכע די אויספֿאַרשער איז אויסגעקומען פֿירן אַ מער עקשנותדיקן געראַנגל, נישט קוקנדיק אויף די מאָדערנסטע פּייניקונגס־מעטאָדן, כּדי אַרויסבאַקומען פֿון זיי די אונטערשריפֿטן אויף די פֿאַבריצירטע פּראָטאָקאָלן אין וועלכע מ׳האָט זיי באַשולדיקט אין אומגליקס־פֿאַלן, וואָס האָבן ווען ס׳איז פּאַסירט אין דער אָדער יענער אונטערנעמונג, וווּ דער געפֿאַרשטער האָט געאַרבעט אין משך פֿון יאָרן. יעדער אַזאַ אונטערשריפֿט האָט אייגנטלעך באַטייט — אונטערשרייבן זיך טויט־שטראָף...

יעדער פֿון אונדז האָט באַראַפּט האָבן געגנוג שטאַרקע נערוון און

גרייט זיין צו ווידערשטאַנד כדי אויסצוהאַלטן און פון צייט צו צייט אויסגעבראָכן מיט אַ געוויין אין קאַמער ווי קליינע קינדער. אָפט אין דער נאַכט האָבן ביי די שלאָפנדיקע אין אונדזער קאַמער אַרויסגעריסן זיך פאַרשטיקטע קלאָגעריי, ציינקריצעניש און געשרייען. נישט איין מאָל איז ביי אַזעלכע געשרייען צוגעלאָפן צום אויג־לעכל דער נאַדזיראַטעל. יעדער אַפילו קלענסטער רעש ביי נאַכט אין קאָרידאָר, האָט ביי אייניקע אַרויסגערופן חשד אַז אָט קומט מען נאָך זיי אויספירן אַ טויט־אורטייל, נישט געקוקט דערויף, וואָס די אויספאָרשונג איז נישט פאַרענדיקט און קיינער דאָ איז נאָך נישט געמשפּעט געוואָרן.

# די נאַכט ביים אויספאָרשער

דעמאָלט ווען דעם אויספאָרשער איז אויסגעקומען שווער צו צווינגען זיין קרבן זיך „מודה" זיין און יענער זאָל אונטערשרייבן דעם פאַבריצירטן באַשולדיקונגס־פּראָטאָקאָל — האָט ער אָנגענומען אַנדערע מיטלען צוליב איינברעכן די „עקשנות", ווי די אויספאָרשער פלעגן דאָס באַצייכענען. אַזעלכע מיטלען ווי צום ביישפּיל — שטעלן מיטן פּנים צו דער וואַנט מיט אויפגעהויבענע אָדער אויסגעצויגענע הענט אויף שעהען, אויף אַ נאַכט און אין פאַל פון „נויטיקייט" אויך אויף לענגער (צושטעלנדיק אַ וועכטער אויף אַכטונג צו געבן), שלאָגן מיט די פויסטן אָדער מיט אַנדערע צוגעגרייטע מכשירים (מיטן קלעק־פּרעס פון שרייבטיש, מיט אַ גומענעם שטעקן אָדער מיטן הענטל פון רעוואָלווער און אויך מיט אַלץ, וואָס קען אַריינפאַלן אין זיינע הענט און צוליב אַזעלכע צוועקן). וועגן אַזעלכעס האָב איך געקענט נאָר לייענען אַז אַזוי באַגייט מען זיך אין דער פּוילישער דעפענסיווע אָדער אין דער דייטשישער געסטאַפּאָ. פאַרן אויספאָרשער איז, ווייזט אויס, אַלץ געווען דערלאָזט, ווייל ער האָט דאָס געטאָן גאַנץ אָפן. די קרעכצן און האַרצרייסנדיקע געשרייען פון די געפּייניקטע האָבן אויף אים קיין ווירקונג נישט געהאַט.

אָפטמאָל ווען דער פאָרשער אַליין איז שוין מיד געוואָרן פון דער דאָזיקער „אַרבעט" און איז פיזיש מער נישט בכוח געווען פאָרזעצן די פּייניקונגען ביים פאַרהערן, אָדער אפשר מורא געהאַט אַז דער געפאָרשטער זאָל אים „צוריקגעבן" (אָך און ווי איז שוין געווען צו אַזעלכע, וואָס האָבן זיך דערוועגט) — האָט ער עס געטאָן מיט דער הילף פון אַנדערע ספּעציעלע פּייניקער, וועלכע העלפן אַרויס אין ענלעכע פאַלן (אַזעלכע בריגאַדעס זענען אומעטום געווען פאַרפלאַנירט). ווי ס'האָט זיך אַרויס־געוויזן, איז אויך ביי אונדז געווען אַ ספּעציעלע בריגאַדע פון יוגנטלעכע „פּראַקטיקאַנטן" אין דער אוניפאָרם פון נ. ק. וו. ד., אָנגעפירט דורך על־טערע און מער „גענויטערע" אין „ענינים" פון פּייניקן און איזדיעקעווען זיך איבער די געפאָרשטע ביז זיי ווערן ענדלעך געצווונגען „מודה" זיין זיך און אונטערשרייבן דאָס, וואָס ער, דער אויספאָרשער, פאָדערט.

אין איינער פון די גרויזאַמע אויספאָרשונגס־נעכט אין אָנהויב פון מיין אַרעסט און פאָרשונג, אין אָקטאָבער 1937, ווען מיינע כוחות זענען שוין געווען אָפּגעשוואַכט פון אַ ריי ביינאַכטיקע פאַרהערן „מיט פיזישע מיטלען", וועלכע האָבן געדויערט פון אָוונט ביז אין דער פרי, די פיס זענען שוין געווען געשוואָלן און כ'האָב אויף זיי נישט געקענט שטייען און אָפּטלעך פלעג איך שוין פשוט אַ פאַל טאָן — האָט זיך באַוויזן אַ גרופּע יוגנטלעכע פון 5 אָדער 6 פערזאָן אין עלטער פון 18 — 19 יאָר, אונטער דער אָנפירונג פון אַן עלטערן קאָמאַנדיר מיטן נאָמען באַגנאַוו. די יוגנטלעכע האָבן געטראָגן בוכשטאַבן אויף זייערע „פּעטליצעס" „ק. ש." (ווי מען האָט מיר דערקלערט, האָט דאָס באַדייט „קיִעווער שול"). זיי האָבן מיך אויפ־געשטעלט מיט כוח און צוגעשפּאַרט צו דער וואַנט. איך בין ווייטער געפאַלן, און דאַן האָבן זיי מיט אַ באַזונדער ווילדקייט זיך געוואָרפן אויף מיר, אַ ליגנדיקן, מיט אויסגעשרייען פאַר וואָס איך שרייב נישט אונטער און בין זיך נישט „מודה" אין די באַגאַנגענע פאַרברעכנס? זיי האָבן מיך אָנגעהויבן שלאָגן מיט די הענט, געקאַפּעט מיט די פיס אין פּנים, בויך און האַרץ, נישט רעכענענדיק זיך מיט גאָרנישט און שרייענדיק דערביי:

— אַזוי טוען מיר מיט שונאים פון פאָלק, וואָס זענען זיך נישט מודה אין זייערע פאַרברעכנס, פיינטלעכע מאָרדע.

די „צערעמאָניע" איז באַגלייט געוואָרן מיט די נידעריקסטע אויס־דרוקן פון דעם רוסישן לעקסיקאָן. אויף מיינע געשרייען האָט זיך עטלעכע מאָל געעפנט די טיר אין וועלכע ס'האָט עמעצער פון די פאָרשער אָדער אַנדערער מיטאַרבעטער, אַ קוק געגעבן אויף מיר און ווייטער פאַרמאַכט די טיר אונטער זיך, גלייך ווי אַלץ וואָס קומט דאָ פאָר וואָלט אויסגעזען געוויינלעך און וואָכעדיק.

ווען מיין אויספאָרשער אָקס מיטן גרופּן־פירער באַגנאַוו האָבן געזען אַז מיין פּנים איז שוין גוט צעבלוטיקט — האָבן זיי באַפוילן אָפּשטעלן די עקזעקוציע און געהייסן אַרויסגיין די חברה שלעגער.

ווען באַגנאַוו איז אַרויס נאָך זיין גרופּע, האָט זיך אָקס געווענדעט צו מיר:

— אויב ס'וועט זיי אויסקומען נאָך אַ מאָל צווינגען דיך דו זאָלסט זיך מודה זיין — וועסטו שוין מער פון דער פאַדלאָגע נישט אויפשטיין.

געבליבן ליגן אַ צעהרגעטער, האָב איך כסדר מיט מיין באַזטיכל געווישט דאָס בלוט פון פּנים, ס'האָט גערינען פון דער נאָז און פון מויל, וווּ עטלעכע ציין זענען געווען אויסגעהאַקט. דאַן האָט זיך שוין „מרחם" געווען מיין אויספאָרשער אָקס — צוגעטראָגן וואַסער, געהייסן אויס־

שווענקען דאָס מויל, איינבעצן דאָס טיכל, גוט אויסווישן דאָס פאַרבלו־טיקטע פּנים און אויפשטיין.

ס׳איז מיר שווער געווען אויפשטיין, הגם ער אַליין האָט מיר געפּרוּווט העלפן. דאַן האָט ער אַרויסגערופן אַ וואַכמאַן (זיי דעזשורען ספּעציעל אין קאָרידאָר) און באַפוילן אָפּפירן דעם „פאַרשאָלטענעם איינגעשפּאַרטן שונא״. דער וועכטער האָט מיך אַרויסגעלשעפּט ווי אַ פּגר, שעפּטשנדיק דערביי קללות און זידלעריי, אָבער דאָס איז געווען, אַזוי קלער איך, אויפן אַדרעס פון אַכזריותדיקן אויספאָרשער אָקס.

מיט דער הילף פון נאָך איין וועכטער האָבן זיי, אַרויסווייזנדיק בפירוש מיטלייד, פאַמעלעך מיך אָפּגעפירט אין וואַרט־צימער „וואָקזאַל״, ווו ס׳איז שוין געווען אָנגעשטאָפּט מיט אַרעסטאַנטן, וואָס האָבן גע־וואַרט אויף זייער ריי צום אויספאָרשער. בין איך אָפּגעלעגן אויף די נאַרעס אַ שטיקל צייט. פון דאַנען האָט מען מיך שפּעטער, מיט דער הילף פון אַנדערע געפאַרשטע, אָפּגעפירט צוריק אין תפיסה אין מיין 51־טער קאַמער. די חברים האָבן מיר אויסגעבעט מיט ווייכס דאָס האַרטע אייזערנע בעט און געהיט מיין רו ביזן אָוונט, ווייל אין דער קומענדיקער נאַכט וועט אויך, מסתמא, אויסקומען „פאַרברענגען״ מיט מיין אינקווי־זיטאָר אָקס און ווער ווייסט מיט וואָס ס׳וועט זיך דאַן ענדיקן? מע דאַרף, מען מוז זיין גרייט.

## דער „אינקובאַטאָר"

ביים ערשטן אַנבליק איז עס אַ קליין צימערל אין אונטערשטן שטאָק פון דער ב. ק. וו. ד.־געביידע אויף קאַראַלענקאַ גאַס. די גרויס פונעם צימערל איז איין טריט די ברייט און 3—4 טריט אין דער לענג. אויף דער גאַנצער לענג פון דער וואַנט, פון דער לינקער זייט — אַ באַהייצונגס־באַטאַרייע, אָבער די דאָזיקע באַטאַרייע ביי דער וואַנט איז פיל העכער ווי אין געוויינלעכע ווינונגען. דער סופיט איז אַ נידעריקער אויף אַזוי פיל, אַז מען דערגרייכט אים לייכט מיט די הענט. אין מיטן (כמעט אונטערן קאָפּ) ברענט אַ גרויסער עלעקטרישער לאָמפּ.

וואָס איז דאָס? אַ קאַמער? ניין! איז וואָס־זשע דען? אַפּזייענדיק אין דעם צימערל נישט מער ווי 10—15 מינוט, בשעת די באַטאַרייע איז אַזוי הייס אַז מען קען זיך צו איר נישט צורירן — הויבט מען אָן פילן אַז דאָס איז אַ שפּאָגל נייע דערפינדונג צו פייניקן די נישט דערפּייניקטע.

איך ווייס נישט ווער עס האָט דער „דערפינדונג" אַ נאָמען געגעבן „אינקובאַטאָר" — דער דערפינדער אָדער דער געליטענער? ס'איז באַוווּסט אַז אין אַ געוויינלעכן אינקובאַטאָר קען מען אָפּזיין אַפילו שעהען און אַרבעטן. דאָ איז אוממעגלעך אָפּצוזיין אַפילו אַ קורצע צייט אָן שום אַרבעט.

אָט אין דעם צימערל־„אינקובאַטאָר" האָט מען מיך, אין איינער אַ נאַכט, נאָכן אָפּשטיין לאַנגע שעהען מיט כסדר געשוואָלענע פיס ביי מיין אויס־פאָרשער אָקס אין קאַבינעט, מיט „פּאַראַד" אָפּגעפירט און באַפוילן זיך „אָפּרוען" דערלויבנדיק אַפילו זיצן און ליגן.

דאָרט איז שוין געשטאַנען אַ קרבן און „געוואַרעמט" זיך. דאָס איז געווען אַ קליין הויקערדיק יידל מיטן נאָמען ראַבינאָוויטש, אַ פּעדאַגאָג, געלייענט פּאָליט־עקאָנאָמיע אין טראַנספּאָרט־הויכשול פון שטאָט. ער האָט אויף מיר אַ שאַרפן קוק געגעבן און „אָפּגעמאָסטן" פון קאָפּ ביז די פיס. ער האָט מיט אַ טיכעלע געווישט דעם שווייס פון קאָפּ און פנים. ער האָט זיך, ווייזט אויס, געפילט ערגער פון מיר מיט דעם, וואָס זיין קליינוווּקסיקער קערפּער האָט נישט דערלויבט אַז דאָס פנים זיינס זאָל זיך געפינען אויסער

אָדער העכער פון דער הייסער באַטאַרייע. געוויס איז ער מיך מקנא געווען וואָס איך בין וווקסיקער און וואָס מיין קאָפּ איז העכער פון דער הייסער באַטאַרייע. ער האָט אָבער נישט געוווסט מיין „סוד", אַז מיר איז ערגער מיט דעם, וואָס מיין לייב איז פון אויבן ביז אַראָפּ אַרומגערינגלט, אָדער בעסער געזאָגט, „אויסגעבעט" מיט וואַטע, וועש, האַנטעכער און אַנדערע שמאַטעס. די „אָפּעראַציע" ווערט ביי מיר דורכגעפירט יעדן פאַר נאַכט מיט דער הילף פון קאַמער־חברים, פאַרן ווערן אַרויסגערופן צום אויס־פאַרשער. דער ציל איז, פאַרשטייט זיך, פאַרטיידיקן דאָס לייב פון די קלעפּ מיט וועלכע ס'באַפאַלן מיך די אויספאַרשערס אָקס, נעקריטין און באַגנאַווס באַנדע „פּראַקטיקאַנטן". „אויסגעבעטע" שמאַטעס דינען אויך כדי פאַרטיי־דיקן די לונגען פון אָפּקלאַפּן זיי אין דער וואַנט (אָקס האָט געהאַט אַ געוווינהייט אָנגעמען ביי די לאַצן און כסדר מיט כוח צוקלאַפּן צו דער וואַנט דעם גאַנצן אויבערשטן טייל פון קערפּער. ביי אַזעלכע פאַלן פלעג איך פריִער אַרויסשטעלן די לאַפּאַטקעס און דערמיט פאַרטיידיקן די לונגען זיי זאָלן נישט אָפּגעקלאַפּט ווערן.

דער „אינקובאַטאָר"־שכן האָט זיך אין קורצן אינטערעסירט מיט מיר, באַדויערט און דערביי אונטערגעזאָגט אַז איך דאַרף זיך שטאַרקן און נאָך אַ מאָל שטאַרקן, נישט אונטערגעבן זיך און נישט איינגיין אויף קיין שום הבטחות, זיין זייער פאַרזיכטיק פאַר מעגלעכע קאָמבינאַציעס מצד די אויספאַרשער, וועלכע האָבן פאַרלוירן יעדן שפור פון מענטשלעכן געפיל.

— די גערעכטיקייט וועט אומבאַדינגט זיגן — האָט געזאָגט מיין מיט־ליידנדיקער — זיי וועלן אַלע באַצאָלן פאַר זייערע „מעשים טובים". מען דאַרף די לעצטע כוחות אָנשטרענגען, אויסהאַלטן און איבערלעבן, ווי שווער ס'זאָל נישט זיין.

פאַרשטייט זיך, אַז זיין פאָטערלעכע באַציונג צו מיר, דעם יונגן נאָך, פאַר וועמען ס'איז אַלץ אומפאַרשטענדלעך געווען, וואָס ס'קומט דאָ פאָר — האָט מיך שטאַרק דערמוטיקט און ס'האָט זיך מיר אויסגעוויזן אַז די ליידן ווערן פאַרגרינגערט.

די היץ האָט געטאָן אירס. שווייס־טראָפּנס האָבן זיך געקייקלט איבערן פּנים, איבערן לייב, אַלץ איז דורכגענעצט געוואָרן. אוממעגלעך איבער־צוטראָגן. ס'איז נישטאָ מיט וואָס באַנעצן די ליפּן. די פיס האַלטן נישט. זעצן אָדער לייגן זיך איז נאָך ערגער. די היץ פון די באַטאַרייעס שלאָגט אין פּנים און אין קאָפּ. סע פילט זיך אַז די כוחות גייען אויס. אַ ביסעלע וואַסער וואָלט אפשר געראַטעוועט.

אויף מיין פראַגע דעם אומבאַקאַנטן ראַבינאָוויטש, אַלס אַ מענטש

מיט מער „פּראַקטיק" און „סטאַזש", צי וועט אין גיכן נעמען אַ סוף צו דעם גיהנום ? — האָט ער געענטפערט :

— ביי מענטשן וועלכע זענען פאַרוואַנדלט געוואָרן אין חיות — עקזיסטירן נישט קיין געזעצן. זיי זענען סאַדיסטן און אינקוויזיטאָרן־פייניקער.

איך האָב זיך געלייגט, געזעצט, ווייטער אויפגעשטאַנען און שוין אַלץ פון זיך אַראָפּגעוואָרפן. אין אָנפאַנג איז געוואָרן אַ ביסעלע גרינגער, אָבער ווייטער — נאָך ערגער. די היץ פון די באַטאַרייעס האָבן שוין געבריט דאָס לייב אויך. סע שווינדלט אין די אויגן. איך זע גאַרנישט. מיין שכן שטייט ווי אַ צוגעשמידטער צום אָרט. צי האָט ער טאַקע שוין פאַר די פּאָר חדשים זיך אויף אַזוי פיל „אַקלימאַטיזירט" ? ווי אַזוי טראָגט ער לייכט איבער דעם גיהנום ?

נישט אויסהאַלטנדיק ווייטער, האָבן זיך ביי מיר די נערוון צעשפּילט און האָב אָנגעהויבן שרייען בקול רם, קלאַפּנדיק אין דער אייזערנער טיר — קאַראַול, מערדער, פייניקער, וואָס פאַר אַ פאַרברעכן בין איך באַגאַנגען ? באַפרייט מיך פון גיהנום. ווער ווייסט וואָס איך האָב נאָך געשריגן ? מיין שכן האָט מיר גלייך געמאַכט אַ באַמערקונג פאַר מיין „נישט אויס־געהאַלטנקייט" ווייל — זאָגט ער — איך קען זיך מיט דעם מאַכן ערגער און ער האָט ווייטער מיך פאַטערלעך באַרויקט.

כמעט 3 שעה האָט געדויערט דאָס גיהנום. מ'האָט מיך אַרויסגעפירט (ווייזט אויס אַז די געשרייען האָבן אַ ביסל אויף זיי געווירקט). מיין שכן איז נאָך דאָרט פאַרבליבן... מען האָט מיך צוריק אָפּגעפירט צו מיין אַכזר, וועלכער האָט מיך באַגעגנט מיט אַ ליבלעך שמייכעלע, פרעגנדיק צי בין איך דאָרטן נישט פאַרפרוירן געוואָרן ?

— מיר הייצן גוט ווייל אין דרויסן איז אַ פראָסט — זאָגט ער. גלייכצייטיק האָסטו דאָך דאָרט זיך אויסגעפּאַרעט דיינע אייער, אַפילו בעסער ווי אין באָד.

נאָך זיין פאַראָרדענונג מיך אָפּפירן אין „וואָקזאַל" און פון דאָרטן אין תפיסה — האָט ער מיך „צום לעצטן מאָל" געוואָרנט, אַז ביז מאָרגנדיקן אָוונט גיט ער מיר צייט אויף אונטערשרייבן דעם פּראָטאָקאָל, און אויב מיין עקשנות וועט דויערן און כ'וועל נישט אונטערשרייבן — וועט דאָס זיין „מיין לעצטע נאַכט".

# דער מאָסקווער „גאַסט" — ראָגינסקי

ביי נאַכט, שלאָפנדיק אין דער קאַמער נומער 51, האָב איך באַקומען אַ שטומען שטורך אין דער זייט פון מיין חבר אין בעטל, וואָס האָט באַטייט — הער זיך צו, מען גיט איבער „טאַסס". דאָס האָט מען אָנגעהויבן איבערקלאַפּן דורך די וואַרעם־באַטאַרייעס נייעס פון די אַנדערע קאַמערן. מיר האָבן געוווסט, אַז דאָס גייט פון דער קאַמער 22, וועלכע געפינט זיך אונטער אונדז, ביי דער זייט, און אין וועלכער ס׳געפינט זיך דער זשורנאַליסט און מיטאַרבעטער פון דער רעדאַקציע „דניעפּראָווסקאַיאַ פּראַוודאַ" — עפּראַס. נישט אַלע אין קאַמער האָבן געוווסט דעם תּפיסה־אַלף־בית. איך בין געווען צווישן די געציילטע, וועלכע האָבן יאָ געוווסט.

איך האָב זיך צוגעהערט מיט גרויס נייגער. דאָס קלאַפּן איז געווען שטיל. מען האָט איבערגעגעבן, אַז צו אונדז איז היינט געקומען דער געהילף פון הויפּט־פּראָקוראָר אין ראַטנפאַרבאַנד ווישינסקי — דער נקודיסט „כאַווער" ראָגינסקי, און אַז אַ דאַנק זיין באַזוך, איז היינט ביי די אויספאָרשונגען געווען שטיל און מע האָט קיינעם נישט געפּייניקט. פאַרקערט, די אויספאָרשער האָבן אַרויסגעוויזן „איידלקייט", נישט גע־זידלט זיך, נאָרמאַל געפירט די אויספאָרשונגען און, אַז דער געקומענער שליח „כאַווער" ראָגינסקי האָט אַפילו באַוויזן זיין אָנוועזנד אין אייניקע קאַבינעטן און גערעדט מיט די געפאַרשטע.

אַלע אין קאַמער האָבן זיך אינסטינקטיוו אויפגעכאַפּט פון שלאָף און שטילשווייגנדיק, זיך צוגעהערט, געשפּירט, אַז עפּעס גיט מען דאָ איבער זייער וויכטיקס.

דער נאַדזיראַטעל האָט, ווייזט אויס, יאָ דערהערט קלאַפּן און אָנגעהויבן לויפן פון איין אויגן־לעכל צום צווייטן, אַריינקוקן און „פּאַקן" עמעצן ביים הערן אָדער איבערגעבן. עס האָט זיך געהערט ווי ער זידלט זיך „אין דער מאַמען אַריין", אָבער אין דער שטיל, צו זיך אַליין.

ווען דער נאַדזיראַטעל האָט זיך דערווייטערט פון אונדזער אויגן־לעכל, האָבן מיר שעפּטשנדיק איבערגעגעבן איינער דעם צווייטן דאָס, גאָר וויכטיקע פאַר אונדז, געשעעניש. קיין שום קאָמענטאַרן האָבן איצטער,

אין די נאַכט־שעהען, נישט געקענט זיין. שטרענג פאַרבאָטן אין אונדזער טויט־קאַמער אַפילו איבערשעפטשן זיך.

וואָס קען דאָס באַדייטן? צי איז טאַקע געקומען אונדזער גאולה? צי זענען טאַקע אונדזערע ווייגעשרייען בעת די פּייניקונגען און דאָס פאַרשוועכן, די מינדסטע נאַרמעס פון סאָציאַליסטישער גערעכטיקייט, דער־גאַנגען צו די „הויכע פענצטער" אין מאָסקווע און זיי האָבן טאַקע צו־געשיקט דעם מלאך הגואל ראָגינסקי אויסצופאָרשן? יעדער פון אונדז האָט דאָס געשעעניש קאָמענטירט שטיל, פאַר זיך, לויט זיין שטייגער און באַנעם.

מיר האָבן מיט אומגעדולד געוואַרט אויף די מאָרגן־שעהען פון „פּאַדיאָם", כדי זיך אויסטוישן מיט מיינונגען. אַ חוץ דעם האָט מען געוואַרט אויף די, וואָס קערן זיך אום צוריק אין אונדזער קאַמער פון די נאַכט־פאַרשונגען, כדי זיי זאָלן באַשטעטיקן דאָס געהערטע. מינוטן האָבן זיך געצויגן שעהען.

מען האָט זיך דערוואַרט.

די ערשטע צוריקגעקומענע האָבן באַשטעטיקט אַז די פאַרגאַנגענע נאַכט איז טאַקע געווען אַ שטילע און אויך אַלץ, וואָס ס'איז געהערט געוואָרן אין ביינאַכטיקן „טאַסס". די געבראַכטע פון תפיסה אין הויף פון דער נקווד־געביידע האָבן באַזונדער אויך באַשטעטיקט אַז די האַרץ־רייסנדיקע געשרייען פון די געפּייניקטע, וועלכע האָבן זיך געטראָגן כסדר יעדע נאַכט דורך די פענצטער — האָבן זיך היינט נישט געהערט.

אָט דאָס איז אונדזער הילף געקומען — זענען מיר געווען זיכער. אַ שאַד די, וואָס זענען שוין פאַרפייניקט געוואָרן און אויך די, וואָס האָבן שוין זייער פּסק באַקומען און אַוועקגעשיקט געוואָרן צו די „ווייסע בערן".

למען האמת דאַרף מען זאָגן, אַז די מערהייט פון דער 51־טער קאַמער האָבן שוין דאַן אין גאַרנישט געגלויבט, צוקוקנדיק זיך צו די שרעקלעכע פאַרקריפּלונגען פון דער גערעכטיקייט און ליידנדיק אוממענטשלעכע פּייניקונגען, וועגן וועלכע, מענטשן אויסער דער תפיסה־וועלט קען קיין שום באַגריף נישט האָבן, און זענען ממש אומגלויבלעך פאַר זיי. מען האָט זיך קיין מאָל נישט געקענט פאָרשטעלן אַז מיטאַרבעטער פון נ. ק. וו. ד., וועלכע זענען גערופן געוואָרן שטרענג אָפּהיטן די רעוואָלוציאָנערע גערעכטיקייט און צו וועלכע מען פלעגט זיך באַציִען מיט רעס־פּעקט — זאָלן זיך פאַרוואַנדלען אין אינקוויזיטאָרן און אין מערדער לגבי אומשולדיקע מענטשן.

אָט פון די אַנגעוויזענע אומשולדיקע מענטשן האָט מען געפאָדערט „מודה" זיין זיך אין נישט באַגאַנגענע שווערע פאַרברעכנס, פאַר וועלכע

מען באַקומט אַ קויל אין קאָפּ, אָדער, לכל הפחות, פיל יאָרן שווערע קאַטאָרגע־אַרבעט, נישט וויסנדיק פאַר וואָס און פאַר ווען. יעדער האָט זיך געגרייט באַקומען זיין „חלק", ווייל אין אונדזער טויטן־קאַמער האָבן זיך געפונען „עקשנים", וועלכע ווילן זיך נישט „מודה" זיין און דערפאַר טאַקע האָט מען זיי „איינגעאָרדנט" אין דער שוידערלעכער 51־טער מיטן באַזונדערן אויסערגעוויינלעכן רעזשים. נאָר יחידים פון אונדזער קאַמער האָבן זיך דערוויל „מודה" געווען אונטערן דרוק פון באַזונדערס מאָדערנע פּייניקונגען (וועגן דעם וועט נאָך זיין אַ רייד). ס'האָבן נישט געהאָלפן די ספּעציעל־אַריינגעשיקטע אַרעסטאַנטן „עצה געבער", אַז מען דאַרף פאַרהיטן דאָס געזונט פון זיך און אויך פון דער איבערגעלאָזטער משפחה, און אַז דאָס געריכט וועט שוין „האַנדלען", רעכנענדיק זיך מיט דעם, צי איז באַגאַנגען געוואָרן דאָס פאַרברעכן אָדער נישט.

די היינטיקע ידיעה וועגן ראַגינסקיס באַזוך האָבן אַפילו ביי סקעפּ־טיקער אַרויסגערופן אַ ביסל האָפענונג. ווי דען אַנדערש ? צוליב וואָס נאָך וואָלט אַזאַ פּערזענלעכקייט פון די צענטראַלע יוסטיץ־אָרגאַנען, און נאָך האַרט פאַרן 20־טן יאָרטאָג פון דער אָקטאָבער־רעוואָלוציע, ווען דאָס גאַנצע לאַנד גרייט זיך אָפּמערקן דעם גרויסן יומטוב פון אָקטאָבער־נצחון — געקומען צו אונדז ?...

מיר פערזענלעך איז געווען אַ שאַד פאַר וואָס בין איך היינטיקע נאַכט נישט אַרויסגערופן געוואָרן צו מיין מערדערישן אויספאָרשער אָקס ? אפשר וואָלט מיר אָפּגעגליקט און דער פאַרשטייער פון מאָסקווע ראַגינסקי וואָלט באַזוכט אויך מיין 28־טן קאַבינעט און מיך דאַרטן גע־טראָפן אַ צעשלאָגענעם ? איך וואָלט שוין אים פון אַלץ דערציילט — האָב איך געטראַכט. דאָס זעלביקע האָבן געטראַכט אויך אַנדערע. נאָר דער אינזשענער פון דניעפּראָדזשערזשינסקער כעמישער אונטערנעמונג יחזקעלעוויטש האָט געשפּאָט פון אונדזערע האָפענונגען: — רעדט אייך נישט איין — זאָגט ער — אפשר וועט ערגער נישט זיין, אָבער געוויס נישט בעסער.

— זאָל ער טראַכטן זיינס — קלער איך מיר. היינט ווען איך וועל אַרויסגערופן ווערן און מיר וועט אָפּגליקן זען ראַגינסקין, וועל איך שוין וויסן וועגן וואָס אים דערציילן. איך על אים ווייזן די אויסגעהאַקטע ציין, געשוואָלענע פיס פון כסדרדיקן שטיין אַ סך טעג און נעכט, די צעבראָכענע ברילן און אַנדערע סימנים.

שוין דאָס זיבעטע מאָל בין איך מיט אַ פאָר טעג צוריק אַרויסגערופן געוואָרן און בלויז דאָס ערשטע מאָל (דעם דריטן אָקטאָבער), ווען ער האָט זיך מיט מיר נאָר באַגעגנט, איז פאַרביי אָן געשלעג און אָן פּייני־

קונגען. די פּיס האַלטן שוין מער נישט אויס. זיי זענען געשוואָלן. מיין אויספאַרשער אַקס האָט זיך זיין סיסטעם ביים פאַרשן. אומגעריכט, שטייענדיק פאַר מיר, טוט ער אַ שטאַרקן קלאַפּ מיט זיין קני אין די געשלעכטס-אָרגאַנען און פאַרשאַפט מיט דעם אויסערגעוויינלעכע שמערצן. ממש נישט אויסצוהאַלטן. כאָטש ער איז נישט געווען קיין באַהאַוונטער אין פּאָליטיק און נישט קיין קליינער עם הארץ (ווי עס האָט זיך אַרויסגעוויזן ביים אויספאַרשן יאַקובאָוויטשן. שוין דערמאָנט) — האָט ער דאָך פליסיק געלערנט אויף די קורסן פון אַנאַטאָמיע (וועלכע די נקוודיסטן זענען ספּעציעל דורכגעגאַנגען) ווי אַזוי מען דאַרף שלאָגן אַז קיין אויסערלעכע סימנים זאָלן אויף דעם קערפּער נישט פאַרבלייבן.

ס׳איז מיר פשוט נישט געווען פאַרשטענדלעך ווי אַזוי קען דער אויספאַרשער אַקס פירן אַן אויספאַרשונג פון מענטשן, וואָס זענען פּאָליטיש, וויסנשאַפטלעך, קולטורעל העכער פון אים? די פּראַטאָקאָלן זענען צוגעפּאַסט צו ... פון זיין „וואָפּראָסניק״, נויפגעשטעלט עם הארציש. פראַגן שטעלט ער נאָר פון זיין „וואָפּראָסניק״, וועלכע זענען פאַר די פאַרשערס אָפּגעדרוקט געוואָרן אויף ביבולע-פאַפּיר אויף צענדליקער זייטלעך און ער זוכט לאַנג אין „וואָספּראָסניק״ וועלכע פראַגע ער זאָל שטעלן דעם געפאַרשטן.

אַ האַנט צום שלאָגן האָט ער דווקא אַ געזונטע, כאָטש אויסערלעך זעט ער אויס זיין שוואַך. ער האָט אונטערגעהוסט. געווען נערוועז. דאַרט ווי ביי אים סטייעט נישט קיין כוח צו שלאָגן, אָדער ער האָט מורא אַז דער געפאַרשטער זאָל אים נישט געבן צוריק קיין קלעפּ — רופט ער צו הילף די יונגטלעכע שלעגער-בריגאַדע אונטער דער אָנפירונג פון זייער גרופּן-פירער באַגנאָוו, וועלכן איך האָב שוין דערמאָנט.

דער גאַנצער טאָג אין אונדזער קאַמער איז פאַרביי אונטערן צייכן פון דער היינטיקער ידיעה וועגן ראַגינסקיס באַזוך. יעדער האָט דאָס אויסגעטייטשט לויט די אייגענע באַגריפן און טאַקע אין דער שטיל זיך געוווּנטשן מען זאָל זיי היינט אַרויסרופן. געטרוימט וועגן דעם האָבן באַזונדער די וואָס ליידן פון רוצחישע אויספאַרשער און ווערן סיסטעמאַטיש געפּייניקט.

פון די 5 פּערזאָן אין קאַמער, וואָס ווערן כמעט טעגלעך אַרויסגערופן אויף אויספאַרשונגען — זענען היינט אַרויסגערופן געוואָרן בלויז 3 און צווישן זיי, אויך איך.

ווי נאָר מיר זענען אָנגעקומען אין דורכגאַנגס-צימער („וואָקזאַל״) האָבן מיר שוין דערשפּירט די געהויבענע שטימונג אין צוזאַמענהאַנג מיט דער היינטיקער ידיעה, וואָס איז מאָמענטאַל פאַרשפּרייט געוואָרן אין יעדער תפיסה-געביידע, אין יעדער קאַמער און אויך דאָ. אַלע די, וועלכע

מען האָט היינט געפּאַרשט האָבן באַשטעטיקט, אַז מען האָט אויפגעהערט שלאָגן און די אויספאָרשער האַלטן זיך קאָרעקט. יעדער אַריינגעקומענער צוריק פון אויספאָרשונגס־קאַבינעט איז אין אַ געהויבענער שטימונג און וויל טאַקע זען אין דעם די גאולה.

מ'האָט מיך אַריינגעפירט אין מיין 28־טן קאַבינעט און איך האָב זיך געשטעלט „אויף מיין אָרט". דאָרט איז אַ חוץ מיין מלאך המות אָקס, אויך געווען אַ צווייטער אויספאָרשער (פון זיין שכנותדיקן קאַבינעט) מיטן נאָמען מיכלין, וועלכן איך האָב נישט איין מאָל געזען ביי אים טאַקע. יענער האָט נישט געשמט פאַר אַזאַ אַכזר. אין קאַבינעט האָט זיך אויך געפונען דער שעף פון דער אָפּטיילונג אומאַנסקי (נישט קיין קלענערער „בעל רחמים" ווי „מיין" אָקס און אַנד.) מיט מיין אָנקומען האָט אומאַנסקי פאַרלאָזט דעם קאַבינעט.

— זעץ זיך צום טיש — האָט זיך געהערט די פאַראָרדענונג פון אָקסן. אין די קאַבינעטן ביי די אויספאָרשער, איז אַ חוץ זיין שרייב־טיש ביי וועלכן ער אַליין איז געזעסן — געשטאַנען נאָך אַ טיש מיט פּאַפּיר, טינט און פעדער פאַר די געפּאַרשטע, וואָס דאַרפן שרייבן און טאַקע צו דעם טיש האָט ער באַפוילן מיר זעצן זיך.

ווען איך האָב זיך אָוועקגעזעצט האָט ער פאַרגעזעצט זיין געשפּרעך מיט מיכלינען.

אָט דאָס טאַקע איז אַן איבערראַשונג — טראַכט איך מיר. מיט אַזאַ „ווייכקייט" האָט ער נאָר גערעדט ביי דער ערשטער אויספאָרשונג. וואָס וויל ער איצטער פון מיר? פאַר וואָס האָט ער געהייסן מיר זעצן זיך?

ער האָט מיט מיכלינען גערעדט שטיל און דאָך זיינען באַזונדערע אויסדרוקן צו מיר דערגאַנגען. איך האָב פאַרשטאַנען אַז עס האַנדלט זיך וועגן פאַרמעסטונגען און אויספילן פּלענער. איך האָב געוואָלט פאַרשטיין אַז דאָס האָט אַ שייכות צו פּראָדוציר־אונטערנעמונגען, צו וועלכע מיט־אַרבעטער פון נקווד זענען „צוגעפּעסטיקט" (קאָנטראָל) און טראָגן, אין אַ געוויסער מאָס, די פאַראַנטוואָרטלעכקייט פאַר אויספילן די פּלענער פון דער אָדער יענער אונטערנעמונג. נאָר אַזוי און נישט אַנדערש, בין איך דאָס אומשטאַנד געווען צו פאַרשטיין.

איך בין דאָך געווען זיכער אַז נקווד זעלבסט פּראָדוצירן גאָרנישט און דערפאַר, אויב זיי רעדן שוין יאָ וועגן אויספילן פּלענער, איז דאָס נאָר פאַרבינדן טאַקע מיט פּראָדוציר־אַנשטאַלטן, ווייל וואָס קען מען אַליין פּראָדוצירן ווען קיין אונטערנעמונגען געפינען זיך נישט אין זייער רשות?

ווען מיכלין איז אַרויס פון קאַבינעט, האָט זיך אָקס צוגעזעצט צו מיין טיש („פּאַני בראַט") און אָנגעהויבן אויספרעגן וועגן כאַראַקטער פון

מיין זאַטעכנישער אַרבעט אין מיניסטעריום פון סאָווירט (נאַרקאָם סאָוו־כאָזאָוו אוקראַיני) אין קיִעוו. שוין אויס באַשולדיקונג אין § 6—58 — האָב איך געטראַכט. צו וואָס זשע וועט ער זיך ווייטער טשעפּען?

איך האָב אים באַקאַנט געמאַכט מיטן כאַראַקטער און פּרינציפּן פון זאָטעכנישער אַרבעט ביי היימישע בעלי חיים און אויך געמוזט דערקלערן, אַט דעם פאַרשטאָפּטן קאָפּ, פאַר וואָס און פאַר וועלכער אַרבעט איך בין פּערזענלעך געווען פאַראַנטוואָרטלעך.

אַלע מיינע דערקלערונגען האָבן זיך צו אים נישט אינגאַנצן „צוגע־קלעפּט". ער האָט קענטיק אין זיי פאַרשטאַנען „ווי אַ האָן אין בני אָדם". צום סוף האָט ער אַ פרעג געטאָן:

— צי זענען געווען פאַלן ווען בהמות, פערד אָדער חזירים זענען געפּגרט?

— יאָ, אַזעלכע פאַלן זענען געווען, אָבער דאָס קען מען נישט פאַר־מיידן אַזוי ווי מען קען נישט פאַרמיידן קיין טויט־פאַלן ביי מענטשן.

— צי קאָנט איר דערלאָזן אַז ביי אַזאַ אַרבעט קען מען שעדיקן?

— יאָ. מען קען שעדיקן, אָבער אַזעלכע פאַלן זענען מיר נישט באַוווּסט און איך שטעל זיך נישט פאַר אַזעלכעס.

— עמעצער דאַרף דאָך טראָגן די פאַראַנטוואָרטלעכקייט פאַרן טויט פון די בעלי חיים און פאַרן אונטעררייסן די פּלענער פון אונדזער ווירט־שאַפט — דערקלערט ער מיר.

ער האָט גענומען עטלעכע בויגעלעך פּאַפּיר פון טיש, געגעבן מיר און באַפוילן אָנשרייבן (ווי אַ באַריכט) וועגן מיין טעטיקייט אין די סאָווכאָזן פאַר די לעצטע 3 יאָר (אַזוי סתם) און אונטערשטרייכן וויפל סע זענען געפאַלן בהמות, פערד און חזירים פאַר דער אויבן־אָנגעוויזענער צייט. אַליין איז ער אַרויס פון קאַבינעט.

מאָמענטאַל האָט זיך מיין קערפּער באַגאָסן מיט שווייס און ס'האָט מיך אָנגעהויבן וואַרפן ווי אין פיבער. איז טאַקע מעגלעך אַז ער האָט שוין זיך אָפּגעזאָגט אין באַשולדיקן מיך אין שפּיאָנאַזש לטובת פוילן און אַריבער צו באַשולדיקן מיך אין שעדיקעריי אָדער עקאָנאָמישער קאָנטר־רעוואָלוציע? — האָב איך געטראַכט — און דערמאָנט זיך דעם אַרעס־טירטן זאָאָטעכניקער קאַראַוויאַק (פאַר מיין אַרעסט) אין סאָווכאָז „זאַריאַ", וועלכן מען האָט באַשולדיקט אין אָפּסמען חזירים, און ס'האָבן זיך אַפילו אָפּגעפּונען „עדות" וואָס האָבן געזען ווי ער אַליין, קאַראַוויאַק, האָט אַריינגעמישט אַ „ווייסן פּראָשעק" אינעם קאָרם פאַר די חזירים. דער אַרעסטירטער זאָאָטעכניק איז שוין אַהיים נישט געקומען. איך האָב זיך אויך דערמאָנט דעם פריִערדיקן דירעקטאָר פון חזירים־טרעסט טשער־

וויאַקאָוון, וואָס האָט מיר דערציילט אין דורכגאַנגס־צימער, אַז אַלע געפּאַלענע חזירים אין די סאָווכאָזן פֿון זיין טרעסט פֿאַר אַ ריי יאָרן, זענען אים צוגעשריבן געוואָרן, ווי באַוווסטזיניקע שעדיקעריי און אַז זיין ציל איז געווען „נישט דערלאָזן און פֿאַרהאַמעווען חזירים־צוכט אין זיין טרעסט". ער האָט שוין דעמאָלט געהאַט אַ פֿאַרגעפֿיל אַז מ׳וועט אים דערשיסן, ווי אַ סך אַנדערע.

אָט די שרעק האָט באַהערשט מיין מוח ממש אין געציילטע מינוטן און בין געווען זיכער אַז דאָ וועט שוין קומען מיין סוף.

ווער האָט געקאָנט אונטערזאָגן מיין עם האַרצישן אָקס אַז ער זאָל אָנהויבן זוכן נייע באַשולדיקונגען?

עס איז מעגלעך אַז אָקס האָט שוין געוווּסט אַז דער מיניסטער אַליין (דעמאָלט נאָך „נאַרקאָם"), בכבודו ועצמו — „כאָווער" קריך פֿאַנטעלעימאָן איז אַרעסטירט געוואָרן. וועגן זיין אַרעסט בין איך צופֿעליק געוווּיר געוואָרן שוין זייענדיק אין תפֿיסה (דורכן דורכגאַנגס־צימער פֿון צווייטן זאַטעכניקער). מעגלעך גאָר, אַז ער וויל אין מיינע דערקלערונגען געפֿינען אַ באַרעכטיקונג פֿאַר באַשולדיקונגען קעגן אים? אויב אַפֿילו יאָ, האָב איך דאָך מיט אים פּערזענלעך כמעט קיין שום דירעקטע פֿאַרבינדונגען נישט געהאַט. איך האָב געאַרבעט אין איינער פֿון די אָפּטיילונגען אין מיניסטעריום און געהאַט מיין שעף פֿינסאָגנאָוו מאַיסעי נאַומאָוויטש, און נאָר ער איז געווען מיין דירעקטער אָנפֿירער. ווי איך בין שפּעטער געוווּיר געוואָרן, זענען נאָך 2 אינספּעקטאָרן אַרעסטירט געוואָרן (מיר זענען געווען 4) נאָכן אַרעסט פֿון מיניסטער קריך.

לויט אַלע סימנים און אויך פֿון די ערשטע באַשולדיקונגען — בין איך אַרעסטירט געוואָרן, נישט ווי אַ מיטאַרבעטער פֿון אונדזער אָפּטייל אין מיניסטעריום, נאָר ווי אַ „פּערעביעשטשיק", אַפּשטאַמיקער און געקומענער פֿון פּוילן, ווי אַן „אויסלענדער" און דערפֿאַר — טראַכט איך — קען נישט האָבן קיין שייכות זיין טשעפּען זיך צו מיין אַרבעט און אויך צום אַרעסט פֿון מיניסטער קריך.

אָט די אַלע מחשבות און אויספֿירן זענען ביי מיר דורכגעלאָפֿן אין געציילטע מינוטן, און טאַקע ווי אַ פּערעביעשטשיק איז די ערשטע באַשולדיקונג געווען — שפּיאָנאַזש לטובת פּוילן.

איך זיץ. וואָס קען איך אים אָנשרייבן? קיין ציפֿערן געדענק איך נישט און פֿון דער „הפטורה" וויל איך נישט באַנוצן. ס׳וועט ערגער זיין. דאָס קען אַרויסרופֿן אַן אמתן חשד, אַז כ׳וויל אָפּנאַרן, אַרויסדרייען זיך פֿון שולד. איין זאַך אָבער האָב איך יאָ געוווּסט — אַז ווען מען זאָל נישט זיין טענדענציעז און געבן די אמתע ציפֿערן וויפֿל און אין וועלכן

סאָווכאָז איז די צאָל פּאַלן געווען מער אָדער ווייניקער — איז אין אונדזערע סאָווכאָזן געווען דער קלענסטער פּראָצענט.

איך האָב באַשלאָסן גאָרנישט שרייבן. וואָס סע וועט זיין — זאָל זיך זיין!

ס׳האָט זיך דעמאָלט בכלל געפּילט אַ נערוועזע באַוועגונג אין די קאָרידאָרן פון נ. ק. וו. ד. דער רויש און געלויף פון די באַאַמטע איז געווען גרעסער ווי אין אַ געוויינלעכער נאַכט, ווען ראַגינסקי איז נישט געווען. כסדר האָט זיך געעפנט די טיר פון קאַבינעט. ס׳האָט עמעצער אַריינ־געשטעקט דעם קאָפּ און גלייך צוריק אַוועק, נישט לייגנדיק קיין אַכט אויף מיר צי איך שרייב מיין „סיפור המעשה״ אָדער נישט.

עפּעס איז ביי „זיי״ געשען — טראַכט איך זיך — אָבער זאָגן אַז דאָס איז צום בעסערן איז נישטאָ קיין גרונט. עס מאַטערט מיך ווייטער צי וועל איך זיך אַרויסדרייען פון אַ באַשולדיקונג אין § 58—7, וואָס איז פאַרבינדן מיט אָפּסמען פּי? שרעקלעך דערמאָנען זיך וועגן דעם. איך מאַך אַן איבערבליק אויף וויפל איך געדענק, און צום סוף קום איך נאָך אַ מאָל צום אויספיר, אַז איך וועל גאָרנישט שרייבן. איך האָב שוין קיין כוח נישט צו קעמפן. קיינער קען מיר נישט אונטערזאָגן. יעדער האָט זיין פּעקל צרות און איז פאַרנומען מיט זיך אַליין.

ס׳דערנענטערט זיך די צייט ווען די נאַכט־אויספאָרשונגען דאַרפן זיך ענדיקן און „זיי״ צעגייען זיך. ס׳איז שוין נאָך 3 אַזייגער ביי נאַכט און לאַנג וועט שוין נישט אויסקומען דאָ זיצן. אמת, ער קען נאָך דאָ מיך לאָזן מיט אַ מיליציאָנט ביז אין דער פרי און איך זאָל פאַרענדיקן דאָס שרייבן. עס וויל זיך שוין וואָס גיכער זיין אין דורכגאַנגס־צימער הערן עפּעס נייעס. דאָרט ווערט מען געוואויר אינטערעסאַנטע זאַכן, וועלכע האָבן אַ שייכות צו אונדז. אָפּט אויך באַדויערנדיקע. דאָרט מאַכט מען אויס־פירן און אָפּט מאָל זייער גרונטלעכע.

ווען אָקס איז אַריין אין קאַבינעט, האָט ער געפאָדערט איך זאָל אים געבן דאָס אָנגעשריבענע. איך האָב אים געענטפערט אַז קיין שום ציפערן געדענק איך נישט און דעריבער קען איך גאָרנישט שרייבן. איך האָב אים פאַרגעלייגט זיך ווענדן צו מיין פריִערדיקן שעף פינסאַנאָוו און פון אים פאָדערן אַ קאָפּיע פון אַן אָפּיציעלן באַריכט פאַר דער צייט. ווען דער באַריכט וועט אָנקומען — וועל איך גרייט זיין געבן דערקלערונגען. איך האָב גוט געוווּסט אַז קיין שום דערקלערונגען וועלן צו דעם „אָקסן־קאָפּ״ נישט דערגיין. סיידן ער וועט אַרויסרופן אַן עקספּערט פון „זייערע געלערנטע״, וועלכער וועט פּרוּוון מאַכן אַן „אויספיר״ וואָס איז זיי נויטיק, און... דעמאָלט וועט מיין לאַגע זיין זייער אַ שלעכטע, און אפשר אויך

ענלעך צו קאַראַוויאַק אָדער טשערוויאַקאָוון. אָקס האָט מיין פאַרשלאָג אָנגענומען און באַפוילן מיך אָפּפירן צוריק אין מיין 51־טער קאַמער.

די פאַרש־נאַכט איז אַדורך אָן געשרייען, דראָונגען און פייניקונגען. אין דורכגאַנגס־צימער האָט געהערשט אַ שטימונג ווי מען וואָלט זיך געגרייט אַלע פריי צו ווערן כאַטש, ווי שוין דערמאָנט, נישט ביי אַלע זענען געווען אַזעלכע מיינונגען. אויב אַ טייל האָבן פאַרשטאַנען אָדער געוואָלט פאַרשטיין, אַז אָט גייען זיי אַהיים — האָבן די איבעריקע פאַרשטאַנען אַז די פלענער וועגן וועלכע ס׳האָט זיך היינט געלאָזט הערן אין אייניקע קאַבינעטן — באַטייט אויך אַ פלאַן, וואָס האָט אַ דירעקטע שייכות צו דער טעטיקייט פון די נקוודיסטן. זיי האָבן געפּרוּווט באַווייזן אַז קיין שום פאַרלייכטערונג אין אונדזער לאַגע איז נישט צו דער־וואַרטן, און אַז פלענער זענען פאַראַן אויך אין זייער טעטיקייט און נישט נאָר אין פראַדוציר־אַנשטאַלטן אָדער אונטערנעמונגען. איך האָב נאָך דאָס בשום אופן נישט געקענט באַגרייפן, ווייל איך האָב זיך אַזעלכעס נישט פאַרגעשטעלט. מען האָט מיך אָפּגעפירט אין תפיסה אין מיין קאַמער.

ווי שוין דערמאָנט, איז דאָס פאַרגעקומען אַ פּאָר טעג פאַר דעם 20־טן יאָרטאָג פון דער אָקטאָבער־רעוואָלוציע. אַ טייל האָבן אַפילו גע־מיינט אַז לכבוד דער געשעעניש וועט זיין אַן אַמנעסטיע.

די עטלעכע טעג ערב יום טוב איז נאָך דאָס לעבן אין קאַמער דורכ־געגאַנגען ווי געוויינלעך. אויף אויספאַרשונגען האָט מען ממשיך געווען רופן. די פייניקונגען, ווי דערמאָנט, זענען געווען שטילער. מען האָט עפּעס געפילט און... געוואַרט. מען איז געווען אָנגעשטרענגט. מען האָט פשוט מורא געהאַט אַרויסברענגען אַלץ, וואָס מען מיינט. יעדער האָט געטראַכט וואָס וועט אים דער מאָרגן ברענגען?

מען האָט זיך דערוואַרט. דער „מאָרגן" איז געקומען און... געבראַכט.

ס׳האָט זיך פאַרשטאַרקט די אַרעסט־כוואַליע. ממש אין עטלעכע טעג זענען אַלע קאַמערן ביז גאָר אָנגעפּאַקט געוואָרן. מען האָט זיך נישט גערעכנט מיט קיינעם, ווער סע זאָל נישט זיין. שווער געווען געפינען גרופּעס מענטשן אָדער משפחות פון וועלכע מ׳האָט קיינעם נישט צו־גענומען. אויך אין אונדזער קאַמער פאַר 4 מענטשן האָט מען אַרייַנ־געשטופּט 28. צווישן די ניי־אָנגעקומענע האָב איך אויך דערזען דעם אַלטן סטרוזש־דוואָרניק פון דער קאַרעטע־גאַס, וווּ עס האָט געוווינט מיין פריינד — שיידוואַסער (פּערעביעשטשיק). ווערדליך איך האָב געקענט דעם סטרוזש, האָט ער אין זיין לעבן, ווי מען זאָגט „קיין פליג נישט זאַטשע־פּעט". אויב ס׳איז עפּעס ביי אים געווען „פאַרברעכערישעס" איז נאָר דאָס,

וואָס ער האָט יעדן זונטיק באַזוכט דעם טרויצקע־קלויסטער אויף שעוו־טשענקאָ גאַס.

אויך די קאַמערן פון דער ניי־צוגעבויטער צו דער תפיסה די מאָדערנע געביידע „ווילקע", איז ביז איצטער נאָך געווען ווייניקער „באַזעצט" — איז אָנגעשטאָפּט געוואָרן מיט נייע אַרעסטאַנטן, ווי הערינג אין אַ פאַס.

דעם 6־טן נאָוועמבער, ערב דעם גרויסן יום טוב, אַרום 11 אַ זייגער ביי נאַכט, ווען אַ טייל אין קאַמער זענען שוין געשלאָפן — האָט זיך ווייטער דערהערט דורך די ווענט אין קאַמער דער תפיסה־„טאַסס", וואָס האָט איבערגעגעבן פון ערגעץ־ווו די לעצטע נייעס, אַז היינט אין אָוונט, אויף דער פייערלעכער פאַרזאַמלונג געווידמעט דעם 20־טן יאָרטאָג פון דער אָקטאָבער רעוואָלוציע, אין דער געביידע פון אָפּערע־טעאַטער אויפן פּראָספּעקט פון קאַרל מאַרקס, איז אַרויסגעטרעטן דער ערשטער סעקרעטאַר פון געגנטלעכן פּאַרטיי־קאָמיטעט „כאַווער" מאַרגאַלין, וועלכער איז נישט לאַנג צוריק, געקומען אויפן אָרט פון פריִערדיקן פּאָלקס־פיינט — כאַטאַיעוויטש מענדעל מאַרקאָוויטש, מיט אַ הייסער און פּלאַמיקער רעדע וועגן די דערגרייכונגען אין לאַנד, וועגן אויספילן די פּלענער פון דער ווירטשאַפט און טאַקע אויך וועגן די פּאָלקס־פיינט, וועלכע שעדיקן און וועגן קאַמף, וועלכן מען דאַרף פאַרשטאַרקן מיט אָט די ערגסטע שונאים פון לאַנד.

גלייך נאָכן אַרויסגיין פון טעאַטער, ווו ס'איז פאַרגעקומען די פייערלעכע פאַרזאַמלונג, און ווען ער, דער פּרעדיקער פון גערעכטיקייט „כאַווער" מאַרגאַלין האָט זיך געקליבן אַריינזעצן אין זיין אויטאָ — האָט מען אים פאַרגעלייגט איינשטייגן אין אַ צווייטער מאַשין, וואָס איז דאָרט געשטאַנען און געוואַרט אויף אַ נייעם „פּאָלקס־פיינט"— דעם נייעם ערשטן סעקרעטאַר פון געגנטלעכן פּאַרטיי־קאָמיטעט מאַרגאַלין „אי דאָ סווידאַניע. פּאָמיניי קאַק זוואַלי", אויף שטענדיק, הייסט עס, „פאַרגעס אין אַ זיי געזונט".

דער אומדערוואַרטער פאַל מיט מאַרגאַלינען האָט אַרויסגערופן אַ גרויסע סענסאַציע אין אונדזער אַרעסטאַנטן־וועלט און געוויס אויך אויף דער פריי. מיר האָבן אָנגעהויבן אויף סניי קאָמענטירן און מאַכן פאַרשידענע אויספירן. אַפילו די, וואָס האָבן נאָך געגלויבט אין אַ שטיקעלע גאולה — האָבן שוין אויך פאַרלוירן זייער האָפענונג.

באַלד נאָך דעם ווי מען האָט אָפּגעפייערט דעם 20־טן יאָרטאָג פון דער אָקטאָבער־רעוואָלוציע, האָבן זיך די אויספאָרשונגען פאַרשטאַרקט מיט גאָר אַ נייעם שוווּנג. די אַכזריותן זענען נאָך ווילדער געוואָרן. דאָס געשריי און גוואַלדן פון די געפייניקטע אין די נאַכט־שעהען האָבן זיך

ווייטער געלאָזט הערן אויף די גאַסן קאַראַלענקאַ און באַזאַרנע, נאָענט צו דער געביידע פון נקווד.

יעדע נאַכט האָבן געפּאַרשטע, באַגאַנגען זעלמבסטמאָרד, זיך געוואָרפן פון די אויספּאַרשונגס־קאַבינעטן דורך די פענצטער פון די העכערע שטאָקן. די פאַרבייגייענדיקע אין גאַס זענען געווען עדות. שכנים פון דער אומגעגנט און אויך קראַנקע פון רויטן קרייץ־שפּיטאַל, האָבן געמוזט ביי נאַכט פאַרמאַכן די פענצטער, כדי נישט צו הערן די געשרייען פון די געפּייניקטע אין דער נקווד־געביידע.

כדי אויסמיידן און פאַרקלענערן די כוואַליע פון זעלמבסטמאָרד דורך אַרויסוואַרפן זיך פון די פענצטער ביי די אויספאַרשער — זענען תיכף געמאַכט געוואָרן פענצטער־קראַטן. די זעלבע דערשיינונג פון זעלבסטמאָרד האָט זיך אויך פאַרשפּרייט אין דער תפיסה־געביידע פון דער, שוין דערמאָנטער „ווילקע", ווו דורך די אויבערשטע „פּאַרענטשעס" איז גרינג געווען אַראָפּוואַרפן זיך. אויך דאָרט האָט מען מיט דראָט־שאַטקעס פאַרצויגן דעם שטאָקן־אָפּשטאַנד, כדי נישט געבן קיין מעגלעכקייט גרינג באַגיין זעלבסטמאָרד.

איצט האָט מען שוין דערזען און דערשפּירט, וואָס פאַר אַ „גאולה" עס האָט אונדז געבראַכט דער משרת פונעם הויפּט־פּראָקוראָר אין ראַטן־פאַרבאַנד — ראַגינסקי. בלויז דאַן, האָבן מיר, אַרעסטאַנטן ערשט דערזען אַז די „פּראָדוקציע" פון אויסאַרבעטונגען דורכן נקווד באַשטייט פון אונדז טאַקע — לעבעדיקע מענטשן. נאָר דאַן האָבן מיר פאַרשטאַנען אַז דאָס איז טאַקע געווען אַ פּלאַן צו אַרעסטירן אַ באַשטימטע מענטשן־מאַסע. נאָר דאַן האָבן מיר פאַרשטאַנען אַז אויך די נקווד־באַאַמטע האָבן געפירט צווישן זיך אַ סאָציאַליסטישע פאַרמעסטונג — ווער פון זיי וועט איבעריאָגן די צאָל אַרעסטירטע און דער עיקר — אַז דער באַזוך פונעם „אונטערשטופּער" און „כאַוער" ראַגינסקי איז געווען אַ דירעקטער רעזולטאַט פון דעם, וואָס אונדזער געגנט איז „אָפּגעשטאַנען" און נישט אויסגעפילט דעם פּלאַן פון אַרעסטן, און נאָך מער — אַז די באַנייטע דראַסטישע אַרעסטן ערב יום טוב פון דער אָקטאָבער־רעוואָלוציע האָט מען באַדאַרפט, כדי ראַפּאָרטירן דעם „שטעכיקן" נאַרקאָם יעזשאָוו ימח שמו וזכרו צום גרויסן יום טוב, אַז דער פּלאַן איז, נישט נאָר אויסגעפילט, נאָר אויך איבערגעפילט.

אָט מיט דעם האָט אונדז צוגעהאָלפן דער שליח פון די נקווּדיסטישע צענטראַלע אָרגאַנען, דער „כאַוער" ראַגינסקי ימח שמו וזכרו.

# ווי אַזוי מען האָט פאַרפייניקט ליאָניע גענין

ווען מען האָט אים אַריינגעפירט צו אונדז אין קאַמער נומער 51, האָט ער זיך גלייך פאַרלוירן, צוקוקנדיק זיך צו דעם אין צווייען פאַרקראַ־טעוועטן איינציקן פענצטער מיטן „קאַלפּאַק" אין דרויסן, דורך וועלכן מען האָט געקענט זען אַ שטיקל הימל, — איז ער געווען זיכער אַז דאָ זיצן אמתע פאַרברעכער. מיר האָבן זיין צושטאַנד פאַרשטאַנען, ווייל יעדער פון אונדז איז דעם „שטאַפּל" דורכגעגאַנגען. זיין פאַרלוירנקייט האָט נישט לאַנג געדויערט.

דאָס איז געווען אַ סימפּאַטישער יונגערמאַן פון אַ יאָר 30—32, אַ שיינער און פעסטגעבויטער פון מיטעלן וווקס, מיט אַ גרויסער שוואַרצער שעוועליורע האָר, אָנגעטאָן אין אַ „סטאַלינקע" (ווי סטאַלין האָט געטראָגן) און מיט „גאַליפע"־הויזן, וואָס פאַלן אַריין אין גלאַנציק־אויסגעפוצטע שטיוועלעך.

נישט שפּעטער ווי אין אַ שעה אַרום איז ער שוין געזעסן מיט אונדז אויף איינעם פון די בעטלעך. ער האָט זיך אַרויסגעוויזן מער באַרעדעוודיק ווי אונדז האָט זיך געדאַכט. אין אָנהויב האָט ער אַרויסגעוויזן פאַרזיכטי־קייט, נישט וויסנדיק ווער זענען די איבעריקע אַרעסטאַנטן. מיר האָבן שוין געוווסט אַז ער הייסט לעאָניד איליטש גענין, אַרבעט ווי אַ סעקרעטאַר פון אַ פּאַרטיי־אָרגאַניזאַציע אין איינער פון די גרעסערע אַנשטאַלטן אין שטאָט („אַסאָ־אַוויאַכים" אויף סאַדאָווע גאַס. דאָס איז געווען אַ געזעלשאַפט צו מיטהעלפן דער אַוויאַכעמישער שוץ פון ר״פ), ער האָט אַ פרוי מיט אַ יינגעלע פון 5 יאָר, צו וועלכן ער איז זייער צוגעבינדן און וווינט אויף קראַסנע גאַס נומער 14 (דעם הויף האָב איך גוט געקענט, ווייל דאָרטן האָבן אויך געוווינט מיינע באַקאַנטע און בתוכם דער „פערעביעשטשיק" פּיוול קאַנטאָר — אַ שניידער פון וואַרשע, וועלכער איז אויך אַרעסטירט געוואָרן און פאַרפייניקט אין לאַגער).

ליאָניע גענין האָט אויך דערציילט אַז אויף דער אַרבעט ביי אים איז אַלץ בסדר, נישט קוקנדיק דערויף, וואָס אַ טייל אַרבעטער פון זיין קאָלעק־טיוו האָט מען אַרעסטירט ווי שונאים פון פאָלק, און אַז היינט ביי נאַכט,

אומגעריכט, איז מען געקומען אים בעטן „צו גאַסט". מסתמא — זאָגט ער — על פי טעות, ווייל פאַר וואָס קען מען אַזעלכן ווי ער, אַרעסטירן? מען האָט אויך ביי אים צוגענומען דעם רעוואָלווער, אויף וועלכן ער האָט געהאַט אַ דערלויבעניש. ער איז זיכער אַז דאָס איז „עפּעס אַ מיספאַרשטייעניש" און ווי נאָר מען וועט אים אַרויסרופן צום אויספאַרשער אויפן פאַרהער — וועט זיין אומשולדיקייט גלייך דערוויזן ווערן און ער וועט זיך אומקערן אַהיים צו זיין פרוי און זונעלע.

מיר האָבן אים רויִק אויסגעהערט, אים פאַרשטאַנען און, ווער פון אונדז מיט באַדויער און ווער אויך מיט אַ שמייכל האָט געקוקט אויף דעם ניי־אָנגעקומענעם יונגנמאַן וואָס איז נאַיִוו ווי אַ קינד, נישט געקוקט דערויף, וואָס ער איז שוין עטלעכע יאָר סעקרעטאַר פון אַ גרעסערער פאַרטיי־אָרגאַניזאַציע.

אַפּזיצנדיק אַ טאָג אין קאַמער האָט ער זיך צו אונדז מער צוגעקוקט, דערציילט מיט געציילטע ווערטער און זייער פאַרזיכטיק, וואָס הערט זיך „אין גאַס", דערציילט דעם אינהאַלט פון אַ ניי־דערשינענעם ענגלישן ראָמאַן אין דער רוסישער איבערזעצונג. ער האָט טאַקע אַרויסגעוויזן פעיִקייטן מייסטעריש איבערצוגעבן דעם אינהאַלט פון געלייענטן. מיר האָבן אַלע מיט נייגער אים אויסגעהערט, ווייל אונדזערע טעמעס אין קאַמער זענען שוין פון לאַנג אויסגעשעפּט געוואָרן און זיינע דערציילונגען האָבן געווירקט ווי אַ דערפרישנדיק ווינטל. ער האָט אונדז געבעטן רופן אים פשוט „ליאָניע" און נישט לעאָניד איליטש, ווייל ער איז דאָך געווען איינער פון די יונגסטע אין קאַמער.

צוהערנדיק זיך צו אונדזערע געשפּרעכן האָט ער בשום אופן נישט געקענט פאַרשטיין און גלויבן, אַז דאָ זיצן אומשולדיקע מענטשן, אַז די באַשולדיקונגען זענען אויסגעטראַכטע, אַז מען באַגייט זיך ברוטאַל ביים אויספאַרשן, און נישט געוואָלט גלויבן אין דער אַכזריות מצד די „טרעגער פון גערעכטיקייט" — אונדזערע אויספאַרשער. ער איז געווען זיכער אַז דאָס אַלץ האָט צו אים קיין שום שייכות נישט און, אַז דאָס דערציילן נאָר מענטשן, וועלכע זענען באַעוולט און טאַקע שולדיקע, אָדער ווי מען רופט זיי — „פאַלקס־פיינט".

איין־און־איינציקער פאַרלאַנג איז ביי אים געווען — מען זאָל אים וואָס גיכער אַרויסרופן און פעסטשטעלן זיין אומשולדיקייט, ווייל ביי אים איז דאָך „פאַרבליבן נישט קיין געענדיקטע" אַרבעט, ער האָט דאָך אויף איבערמאָרגן צונויפגערופן אַ פאַרטיי־פאַרזאַמלונג, די שליסעלעך פון טיש זענען דאָך ביי אים פאַרבליבן אין קעשענע און אויך אַ ריי אַנדערע סיבות

צוליב וועלכע ער דאַרף וואָס גיכער אַרויס פון דאַנען. דער אויספאָרשער — זאָגט ער — וועט זיך דאַך מוזן רעכענען מיט אַט די אַלע זאַכן.

— אַנטשולדיקט, יונגער פריינד ליאָניע, און זייט נישט נאַיִוו — האָט זיך צו אים געווענדעט דער אינזשענער יחזקעלעוויטש פון כעמישן זאַוואָד אין קאַמענסקאַיע (איצטער דניעפּראָדזערזשינסק) — וואַרפט אַוועק די דאגות וועגן אייער אַרבעט, געווינט זיך צו דער ווירקלעכקייט, אַן אייך וועט מען צוגיפרופן אייער פּאַרטיי־פאַרזאַמלונג, אויב זי איז ביז איצטער נישט צונויפגערופן געוואָרן, דאָרטן וועט אַוועקגעשטעלט ווערן אויפן סדר היום, אַז מען האָט אייך אַרעסטירט ווי אַ פאַלקס־פיינט, און אַז ס׳זענען פאַראַן דערצו געגנוג באַווייזן. דאָרט וועט איר אויסגעשלאָסן ווערן פון דער פּאַרטיי און אויף אייער אָרט וועט אויסגעקליבן ווערן אַן אַנדער סעקרעטאָר, וועלכער וועט טאָן דאָס זעלבע וואָס איר האָט געטאָן ביזן אַרעסט כדי מע זאָל אים אויך „נעמען" ווי אייך, וואָס איר האָט פאַרביטן אַן אַנדערן ביז אייך. מיר פאַרשטייען גאַנץ גוט אַז אייך איז שווער אַזעלכעס צו הערן, אָבער דאָס איז דער אמת.

— איר האָט אַ טעות, אַזעלכעס קען נישט פאָרקומען כלפּי מיר — האָט אויסגעשריגן ליאָניע נישט מיט זיין קול — זיי קענען מיך פון קינדווייז אָן, איך בין דאָ אין קאָמיוג אויסגעוואָקסן און זיי ווייסן גוט אַז איך בין נישט קיין פאַלקס־פיינט.

ווי טעגלעך, האָט מען אויך אין דעם אָוונט אַרויסגערופן פון קאַמער אַרעסטירטע צום פאַרהער. דאָס האָט גראָד ליאָניע פאַרשטאַנען און, פאַר־שטייט זיך, אַז ער אַליין איז אויך גרייט געווען אַז מ׳זאָל אים וואָס גיכער אַרויסרופן.

שטיל, אָן אַ וואָרט צום ריידן האָט שוין ליאָניע זיך צוגעקוקט צו די צוריקגעקומענע נאָכן ביינאַכטיקן פאַרהער, אַ טייל פון וועלכע ס׳זענען געווען צעהרגעטע, צעבלוטיקטע און קוים זיך געהאַלטן אויף די פיס. דאָס האָט ליאָניע געפּרוווט דערקלערן דערמיט, וואָס די אויספאָרשער מוזן אַנגעמען אַזעלכע פיזישע מיטלען, ווייל מען וויל זיך נישט מודה זיין אין די באַגאַנגענע פאַרבעכנס.

כמעט אַ וואָך צייט האָט געדויערט דאָס צוקוקן זיך צום לעבן אין קאַמער. ער האָט שוין יעדן געקענט, געוווּסט אין וואָס מען באַשולדיקט און וואָס מען פאָדערט פון זיי, איינגעהערט זיך צו די דערציילונגען פון די צוריקגעקומענע פונעם פאַרהער.

ער האָט שוין באַרעכטיקט די, וואָס טראָגן איבער די פייניקונגען און ווילן טאָקע נישט אונטערשרייבן אויף זיך קיין אויסגעטראַכטע באַ־שולדיקונגען. ער האָט זיך מיט האַס באַצויגן צו די אַריינגעשיקטע, וועלכע

פֿרווּון „דערוויַיזן" אַז דאָס איז אַ מלוכה־זאַך, און אַז מ'דאַרף פֿאַרהיטן דאָס געזונט און בעסער איז... „צעשפּאַלטן" זיך. ליאַניע האָט אַפֿילו געטרייסט די געליטענע מיט ווערטער, אַז „גערעכטיקייט איז פֿאַראַן און מע וועט זיך פֿאַנאַנדערקלייבן", אַז ער אַליין וועט אויך קיין מאָל נישט אונטערשרייבן קיין נישט געשטויגענע און נישט געפֿלויגענע זאַכן, ווי מען זאָל אים נישט פּייניקן.

אויפֿן 7־טן טאָג פֿון זיין צוזאַמענוווינונג מיט אונדז האָט ליאַניע זיך דערוואַרט אויף דער גליקלעכער פֿאַר אים מינוט, אַרויסגערופֿן צו ווערן צום פֿאַרשער אויף פֿאַהער. מיר אַלע האָבן מיט אומגעדולד געוואַרט אויף די פּריִע מאָרגן שעהען, ווען מען ברענגט צוריק אין קאַמער די אַרויסגערופֿענע אין אויספֿאַרשונגס־אָפּטייל פֿון געגנטלעכן נ. ק. וו. ד. אומזיסט איז געווען אונדזער וואַרטן. מען האָט אים נישט געבראַכט אין דער פֿרי. מען האָט אים נישט געבראַכט אויפֿן צווייטן טאָג און נישט אין די איבעריקע טעג. מיר זענען אַלע זיכער געווען אַז נאָכן פֿאַרהער האָט מען אים איבערגעפֿירט אין אַן אַנדער קאַמער, אָבער אין אַזאַ פֿאַל האָט ער דאַך באַדאַרפֿט צונעמען זיינע זאַכן. מיר האָבן שוין אָנגעהויבן זיך אינטערעסירן וועגן זיין גורל דורך דער פֿאַרמיטלונג פֿון „וואַקזאַל". קיינער האָט וועגן אים נישט געוווּסט און נישט געהערט אַפֿילו.

אין אַ וואָך אַרום נאָכן אַרויסרופֿן ליאַניען, איז ער געבראַכט געוואָרן צוריק אין אונדזער קאַמער. מיר האָבן אים קוים דערקענט. אַ באַוואַקסענער, אַן אומבאַוועגלעכער, אָן שום סימן פֿון זיין שטענדיקער פֿריילעכקייט, ווי מיר זענען געווויינט אים צו זען. ער איז געווען אָן לשון, גלייך ווי עמעצער וואָלט אים איבערגעביטן אויף אַ צווייטן. שטילערהייט איז ער געזעסן אַ דערשלאָגענער און פֿון אונדז קיין אויג נישט אַראָפּגעלאָזט.

מיר האָבן ביי אים גאָרנישט געפֿרעגט און געוואַרט ביז ס'וועט אים גרינגער ווערן און דערנאָך וועט ער מסתמא אַליין דערציילן. מיר האָבן געזען און געפֿילט אַז ביי אים איז פֿאַרגעקומען אַ גרויסער אינערלעכער איבערבראָך.

שפּעטער האָט ליאַניע באַקומען לשון און אָנגעהויבן דערציילן שטיל, קוים צו הערן. שוין נישט מיט דער געוויינלעכער פֿאַר אים, שאַרפֿקייט און טעמפּעראַמענט. ער האָט גערעדט ווי אַ פֿולקום דערשלאָגענער מענטש און ווי בעטנדיק ביי אונדז מחילה. ער האָט צווישן אַנדערן דערציילט:

— יאָ, איך האָב שוין מער נישט געקענט אויסהאַלטן. אַ גאַנצע וואָך האָט מען מיך שרעקלעך געפּייניקט. איך ווייס אַליין נישט וואָס מיט מיר איז געשען. איך האָב אונטערגעשריבן אַלץ, וואָס ער, דער אויספֿאַרשער האָט געוואָלט פֿון מיר. מיינע כּוחות האָבן זיך געענדיקט. כ'האָב שוין מער

נישט געקענט אויסהאַלטן, דערפאַר בין איך ווערט מען זאָל מיך אויס־שליסן פון דער פּאַרטיי.

— מיינע אַלע יאָרן — זאָגט ער ווייטער מיט אַ צעבראָכענער שטימע — אַנהויבנדיק פון קאָמסאָמאָל, האָב איך אָפּגעגעבן מיין גאַנצע מי לטובת דער פּאַרטיי און איצטער האָב איך נישט אויסגעהאַלטן ווען אַנדערע אומפּאַרטייאישע, שוואַכערע און עלטערע פון מיר, האַלטן אויס דעם ביטערן קאַמף, ליידן און שרייבן נישט אונטער אויף זיך קיין רכילות! דערביי האָט ער אָנגעוויזן אויף מיר און אַנדערע, וואָס האָבן שוין דורכ־געמאַכט צו 5, 10 און נאָך מער אויספאָרשונגען מיט אַכזריותדיקע פּייני־קונגען מצד די אויספאָרשער.

דער עיקר פון ליאָניעס „מודה" זיין זיך איז באַשטאַנען אין דעם אַז ער איז אַ מיטגליד פון אַ טעראָריסטישער אָרגאַניזאַציע, וועמענס ציל איז געווען „אָפּרייניקן" פון וועג דורך דערמאָרדן אַקטיווע און פּראָמינענט־וואָרטלעכע פּאַרטיי־טוער און אַז ער אַליין, ליאָניע, האָט אויף זיך גענומען אָן אויפגאַבע אויספירן אַ מאָרד איבער דעם ערשטן סעקרעטאָר פון געגנט־לעכן פּאַרטיי־קאָמיטעט מאַרגאָלין (וועלכער איז נישט לאַנג צוריק געקומען אויפן אָרט פון אַרעסטירטן ערשטן סעקרעטאָר כאַטאַיעוויטש מענדעל מאַרקאָוויטש).

— גלייך ווי איך האָב אונטערגעשריבן דעם פּראָטאָקאָל און גלייכ־צייטיק דעם אורטייל איבער מיר — האָט ער ווייטער געזאָגט פאַרבי־טערט — האָט מיך אָנגעהויבן מאַטערן דאָס געוויסן פאַר וואָס בין איך געווען אַזוי מאַכטלאָז און זיך נישט אָפּגעגעבן קיין דין וחשבון פון מיין טאָט? צי האָט דער אויספאָרשער מיך פאַרכישופט? פאַר וואָס האָב איך פאַרגעסן אַז אַ מיטגליד פון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי איז מחויב אָפּ־געבן דאָס לעבן פאַר אמת און גערעכטיקייט? ווער וועט נאָך מיין טויט גלויבן, אַז איך בין אומשולדיק דאַן, ווען ס'וועט דערוויזן ווערן, אַז איך האָב דאָך דאָס אונטערגעשריבן?

אָט די שרעקלעכע אינערלעכע איבערלעבונגען האָבן נישט אויפגעהערט מאַטערן ליאָניען. ער האָט זיך פּשוט קיין אָרט נישט געקענט גע־פינען. ער פלעגט אָפּליגן שעהענווייז אומבאַוועגלעך. ער וואָלט געשריגן ווען עמעצער וואָלט געהערט און דאָס געשריגענע וואָלט צו עמעצן דער־גאַנגען. ער וואָלט געשריבן ווען דאָס געשריבענע וואָלט אויך דערגאַנגען צום אַדרעסאַט. דעם נאַיִוון ליאָניע האָט אויך געמאַטערט די קשיא, צי ווייסט וועגן דעם סטאַלין און זיין געטרייער געהילף יעזשאָוו? אים האָט זיך געדאַכט, ווי אַ סך אַנדערע, אַז ווען זיי זאָלן וויסן וועגן דעם, וואָס

עס קומט פּאַקטיש פאַר כלפּי אים און אַזעלכע ווי ער — וואָלטן זיי גלייך געמאַכט אַ סוף צו אַזעלכע פאַרברעכנס.

יעדע נאַכט האָט ער געוואָרט אַרויסגערופן ווערן „מיט די זאַכן". ער האָט שוין איצטער מקנא געווען די, וועלכע מען ברענגט פונעם פאַר־הער אַפילו צעממיתטס, אַבי זיי האָבן געהאַט אין זיך מוט צו ליידן שרעקלעך און נישט אונטערשרייבן די ווילדע אומגעלומפּערטע באַשולדיקונגען, אויסגעטראַכטע דורך סאָוועטישע אויספאָרשער־פאַשיסטן, און דאָס טאַקע האָט אים כסדר נישט געגעבן קיין רו. איצטער האָט ער שוין אויף זיי געקוקט ווי אויף העלדן און נישט ווי אויף קאָנטרעוואָלוציאָנערן, וועלכע ווילן זיך נישט מודה זיין, ווי ער האָט דאָס פאַרשטאַנען אין די ערשטע טעג פון זיין געפינען זיך מיט אונדז אין קאַמער ביז זיין ערשטן אַרויס־רוף צום אויספאָרשער.

איך געפין פאַר נויטיק באַזונדער אונטערשטרייכן:

דאָס אויבנדערמאָנטע האָט אַ שייכות צו די לעצטע טעג פון חודש אָקטאָבער 1937, ווען דאָס לאַנד האָט זיך געגרייט אָפּמערקן דעם 20־טן יאָרטאָג פון דער אָקטאָבער־רעוואָלוציע.

דער באַזוך אין אונדזער געגנטלעכן נ.ק.וו.ד. דורכן געהילף פון הויפּט־פּראָקוראָר ראַגינסקי האָט נאָך מער פאַרשווערט די האָפענונגסלאָזע לאַגע פון ליאַניען, וויסנדיק אַז מיט אים האָט שוין דער אויספאָרשער פאַרענדיקט און זיין „ראַליע איז שוין אַ פאַרשפּילטע". מער וועט מען אים צום פאָרשער נישט אַרויסרופן און דעריבער קען ער אַפילו נישט טרוימען וועגן אַזאַ, כאָטש צופעליקער באַגעגעניש מיטן געהילפס־פּראָ־קוראָר ראַגינסקי.

נישט מער ווי אין עטלעכע טעג אַרום, ערב די אָקטאָבער־פייערונגען, נאָך ראַגינסקיס פאַרלאָזן אונדזער שטאָט, האָט זיך אָנגעהויבן אַ נייע כוואַליע, ווי שוין דערמאָנט און אויך מיטגעשלעפּט ווי אַ פאַלקס־פיינט דעם ערשטן סעקרעטאַר פון געגנטלעכן פּאַרטיי־קאָמיטעט — מאַרגאָלין.

אָט דעם סעקרעטאַר טאַקע, מאַרגאָלינען האָט זיך געקליבן „דער־מאָרדן" ליאַניע, ווי ס'איז פעסטגעשטעלט געוואָרן אין זיין „שרייבעכץ־אורטייל" אויף זיך אַליין אונטערן דרוק פון די שרעקלעכע פייניקונגען.

ווי נאָר מיר האָבן דערהערט אַזאַ בשורה אויפן צווייטן טאָג (דורכן אָנקלאַפּן אין די באַהייצונגס־באַטאַרייעס) איז דער דערשלאָגענער ליאַניע אַליין געקומען צו זיך. פון מינוט צו מינוט האָט ער אָנגעהויבן אויפלעבן... ווו איז אַהינגעקומען זיין מרה שחורה? עס האָט זיך אים געוואָלט שרייען, טאַנצן פאַר פרייד. ער האָט גלייך פאַרשטאַנען אַז ביי אַזעלכע אומשטענדן קען מען דאָך מאַכן אַן אויספיר אַז נישט קיין פּאַרטיי־טוער האָט ער

„גוואַלט דערמאַרדן״, נאָר אַ שונא פון פאָלק, פאַר וואָס עס קומט אים טאַקע אַ יישר כוח.

מיר האָבן פאַרשטאַנען אַז אין צוזאַמענהאַנג מיט אַזאַ בשורה האָבן אַלע זיינע „באַווייזן״, וועלכע ער האָט געשריבן פאַרן אויספאָרשער, קיין שום קראַפט נישט. אומזיסט איז געווען דעם אויספאָרשערס טירחה, די מאַטערנישן פון ליאָניען אין משך פון אַ וואָך צייט, כדי אַרויסצוציען אַזעלכע „ווערטפולע באַווייזן״. דעם פאָרשערס לאַגע איז איצט געווען ערגער פון ליאָניעס, ווי אונדז האָט זיך געדאַכט און דערפאַר טאַקע איז ליאָניע נאָך אַ מאָל אַרויסגערופן געוואָרן צום אויספאָרשער. מיר האָבן געוווסט זיין איצטיקע שטימונג און זיכערקייט פעסט צו האַלטן זיך. ליאָניע, פון זיין זייט האָט געוווסט, אַז נאָר דאָס קען באַפרייען זיין געוויסן און מרה שחורהדיקן צושטאַנד, כל זמן ער לעבט נאָך.

ווען ליאָניע האָט זיך אומגעקערט אין קאַמער האָט ער אונדז געגעבן צו וויסן, אַז דער אויספאָרשער פאָדערט פון אים איבערשרייבן דעם פּראָ־טאָקאָל אַזוי, אַז קיין שום פאַמיליען־נאָמען (מיט דעם האָט ער געמיינט מאַרגאָלינען) זאָל נישט אַנגעוויזן ווערן. די פאָרמולירונג דאַרף זיין אַזוי „צונויפגעשטעלט״ אַז ער „האָט געהאַט אַן אויפגאַבע מאָרדן דעם ערשטן סעקרעטאַר פון געגנטלעכן פאַרטיי־קאָמיטעט״. פון דעם האָט זיך איצטער ליאָניע קאַטעגאָריש אָפּגעזאָגט און ער דאַרף נאָך אַ מאָל אַרויסגערופן ווערן.

ווען ליאָניע איז נאָך אַ מאָל אַרויסגערופן געוואָרן — האָבן מיר אים שוין מער קיין מאָל נישט געזען.

אונדזערע באַמיונגען מיט אַלע מיטלען דורכן „וואָקזאַל״, דורך איי־בערקלאַפּן זיך און כסדרדיקן נאָכפרעגן זיך אין אַנדערע קאַמערן, כדי כאָטש עפּעס דערוויסן זיך וועגן ווייטערדיקן גורל פון ליאָניען — האָבן אָט די אַלע באַמינוגען אונדז גאָרנישט געגעבן. ליאָניע איז ווי אין וואַסער אַנטרונען.

דאָס פאַרשווונדן פון ליאָניען נאָכן לעצטן אַרויסרוף האָט אויף אונדז אין קאַמער איבערגעלאָזט אַ זייער פּיינלעכע שטימונג. שווער געווען געפינען אַן אָרט אויף צו באַרויקן זיך. מיר האָבן פאַרשטאַנען וווהין ער האָט געקאַנט אַהינקומען. מיר האָבן פאַרשטאַנען אַז ער איז שוין אַ צוגעגרייטער קרבן אויף ברענגען אים אין איינע פון אונדזערע שכנות־דיקע טויט־קאַמערן (אויב מען וועט אים נישט „צורעכט מאַכן״ אין קעלער פון דער נקווד־געבײדע). מיר האָבן זיך כסדר צוגעהערט צו יעדער באַוועגונג אין טויטן־קאָרידאָר, וואָס לאָזט זיך הערן בעת די נאַכט־שעהען.

באַזונדער האָבן מיר געפּרוּווט איבערקלאַפּן זיך מיט די, צום טויט־פאַר־משפּטע און פרעגן צי איז ער דאָרטן נישט געווען.

נאָך פאַרשידענע מיינונגס־אויסטוישן צווישן אונדז אין קאַמער — זענען מיר געקומען צום אויספיר — אַז ליאָניע, נישט קוקנדיק אויף זיין יונגן עלטער, איז געווען איינער פון די סאַמע פאַנאַטישסטע קאָמוניסטן מיט אַ ריין געוויסן, וועלכער איז אַריין, בלב ונפש, אין זיין טעגלעכער פּאַרטיי־אַרבעט. ער איז געווען אַ מענטש, געטריי זיינע אידעען, נישט וויסנדיק און נישט פאַרשטייענדיק קיין שום אָפּנויגן. ער האָט בלינד געגלויבט אין גערעכטיקייט און געווען זיכער אַז די אַלע „מעשׂים טובים" פון די מערדערישע נקוודיסטן, מיט וועלכע ער האָט זיך באַגעגנט פּנים אל פּנים — זענען פּשוטע הפקרות פון פאַרשידענע צופעליקע עלעמענטן אין דער נקווד און וועלן בלי ספק פאַראורטיילט ווערן, ווי נאָר עס וועט זיך „דערוויסן" דער „אַלמעכטיקער פאָטער סטאַלין", וועלכן ער האָט אַזוי אָפּט דערמאָנט מיט יראת הכבוד אין זיינע געשפּרעכן אַפילו דעמאָלט, ווען דער חלף איז שוין אויף זיין האַלדז געלעגן. ליאָניע וואָלט זיכער דערגרייכט אַ הויכע פּאָזיציע אין זיין פּאַרטיי־אַרבעט, ווען נישט די טייוול־שפּיל, וואָס האָט, אויך צו אים אַ סוף געמאַכט.

*

ווען איך האָב זיך צוריקגעקערט אין מיין היימשטאָט אין יאָר 1946 (פון וואַנען מ'האָט מיך גענומען „אויף אַ שעה צייט עפּעס אויספאָרשן"), בין איך גלייך אַוועק אויף קראַנסע גאָס נומער 14 אין הויז, וווּ עס האָט אַ מאָל געוווינט ליאָניע געניק און זיין פרוי מיטן קינד. דאָס הויז איז געבליבן גאַנץ נאָך דער מלחמה. פון אַלע יידישע איינוווינער איז כמעט קיינער נישט פאַרבליבן (פריִער איז דער הויף געווען באַזעצט מיט יידן). איצטער איז דאָס באַזעצט דורך נישט יידישע „יורשים". איך האָב געפונען דעם סטרוזש פון הויף (אַן עלטערע רוסישע פרוי), וועלכע וווינט שוין דאָרט אַ סך יאָרן. אויף מיין פראַגע צי איז איר עפּעס באַוווּסט וועגן גורל פון דער משפּחה געניק, האָט זי געענטפערט:

— איך געדענק גוט די משפּחה געניק. ער, לעאָניד, איז געווען דער ליבלינג פון הויף. אַ גוטער פאַמיליאַנט, אָבער עס האָט זיך אַרויסגעוויזן אַז ער איז געווען אַ פאָלקס־פיינט און דעריבער האָט מען אים אַרעסטירט נאָך מיט 10 יאָר צוריק (פאַר דער מלחמה). אַלע שכנים האָבן זיך גע־וווּנדערט און באַדויערט. מער האָט אים קיינער נישט געזען און נישט

געהערט. זיין פרוי האָט זיך פיל באַמיט עפּעס וועגן אים זיך דערוויסן, אָבער אירע באַמיונגען זענען געווען אומזיסט.

— יאָ, אָבער ווו איז זי איצטער מיטן קינד? — האָב איך ווייטער געפרעגט.

— זי האָט נישט באַוויזן זיך צו עוואַקואירן און דערפאַר איז זי אַוועק מיט אַלע יידן פון אונדזער שטאָט און דערשאָסן געוואָרן ביים גרוב אויף די דאַטשעס.

## פֿאַר נישט אויספּילן דעם פּלאַן...

### (דער שכן פֿון דער 50־טער טויט־קאַמער)

שוין 3 טעג ווי די שכנותדיקע טויט־קאַמער נומער 50 איז געבליבן ליידיק. מיט יענעם טויט־פֿאַרמשפּטן, וועלכן מ׳האָט אַוועקגענומען, האָבן מיר בשום אופן נישט געקענט אָנקניפּן קיין פֿאַרבינדונג. וויפֿל מיר האָבן געפּרוּווט סיגנאַליזירן קלאַפּנדיק צו אים דורך די ווענט — האָט נישט געהאָלפֿן. ער האָט פֿון מאָל צו מאָל געגעבן אַ קלאַפּ אין וואַנט צו אונדז, אָבער דאָס קלאַפּן זיינס האָט נישט געהאַט קיין באַדייטונג. ער האָט פּשוט נישט געוווּסט דעם תּפֿיסה־אַלף־בית. מיר האָבן נאָר געהערט זיינע אומרויִקע טריט אין קאַמער, שטילע וואַנדערונגען צום נאַדזיראַטעל (אויפֿזעער) און אייניקע באַוועגונגען.

אונדזער אינטערעס איז שטענדיק געווען, קודם כּל, זיך דערוויסן ווער סע זיצט און פֿאַר וואָס האָט ער באַקומען טויט־שטראָף? איך וויל צוגעבן אַז זעלטן האָט זיך אונדז נישט איינגעגעבן צו פֿאַרבינדן זיך מיט די צום טויט־פֿאַרמשפּטע, אָבער דאָס איז ווי דער שטן וואָלט מקטרג געווען.

מיר האָבן געפּרוּווט געבן אָנצוהערן „אונדזערן" (אַ נאַדזיראַטעל וואָס האָט זיך צו אונדז באַצויגן מענטשלעכער ווי אַלע איבעריקע), ער האָט זיך געמאַכט נישט הערנדיק און ס׳ווייזט אויס, אַז ער האָט טאַקע נישט געקענט איבערגעבן. זיין מורא איז געווען גרויס איבערהויפּט פֿאַר די אַריינגעשיקטע פּראָוואָקאַטאָרס אין קאַמער, וועמען ער האָט ווינציקער געטרויט ווי אונדז — די שטענדיקע „איינוווינער" פֿון דער 51־טער קאַמער. מיר האָבן זיך כּסדר אָנגעשטרענגט צו הערן דעם שכנס קול, ווען ער האָט זיך געווענדעט צום נאַדזיראַטעל נאָך עפּעס, אָבער אויך דאָס האָט זיך אונדז נישט איינגעגעבן, כאָטש דאָס געשפּרעך צווישן אונדז איז פֿאַרגעקומען נישט ווייטער ווי 2—3 מעטער פֿון אונדזער טיר. די נאַדזיראַטעלעס האָבן שטענדיק געוווּסט, אַז מיר — „נייגעריקע" שטרענגען אָן דאָס געהער ביי דער סאַמע טיר כּדי עפּעס צו דערהערן, כּדי כאָטש עפּעס וואָס פֿאַרשטיין. דער טורמע־געזעץ וועגן אָפּהיטן די שטילקייט איז געווען

חל אויף זיי אויך און דעריבער איז יעדער געשפרעך געווען קוים צו הערן.

העכער 2 וואָכן איז ער אָפּגעווען אין דער 50־סטער טויטן־קאַמער און מער ווי זיינע טריט און שטילע באַוועגונגען האָבן מיר קיין מאָל נישט געהערט. געוווּסט האָבן מיר וועגן אים, אַז ער איז אַ רויכערער און זיין שטימע איז אַ באַסאָווע, לויט דעם ווי ער פלעגט רעדן צום נאַדזיראַטעל. דער לעצטער האָט אים כסדר געריבן שוועבלעך און צוגעטראָגן צום פענצטערל כדי ער זאָל פאַררויכערן. ווי דערמאָנט, איז ער שטיל ביי נאַכט אַרויסגעפירט געוואָרן פון קאַמער מיט 3 טעג צוריק און אַזוי איז ער טאַקע אָוועק פון אונדז אין דער אייביקייט...

איין מאָל אין אָוונט האָבן מיר דערהערט ווי מען האָט אויפגעשלאָסן די טיר פון דער 50־טער טויטן־קאַמער און אַ נייער קרבן איז אַריינ־געלאָזט געוואָרן. ס'האָבן זיך געהערט שטימען אין קאָרידאָר, דאַכט זיך שטרענגע און נישט צופרידענע.

ווי נאָר די טיר פון קאַמער האָט זיך פאַרמאַכט, אַזוי האָבן זיך אָנגעהויבן הערן שווערע טריט אין דער לענג פון דער טיר צום פענצטער און צוריק. ער איז אַרומגעגאַנגען גיך און נערוועז... אפשר וועט זיך דאָס מאָל איינגעבן וויסן ווער דער קרבן איז? ביז אין די שפּעטע שעהען איז דער „שפּאַציר" אָנגעגאַנגען. מיר האָבן באַשלאָסן גלייך נישט אָנקלאַפּן ביז ער וועט זיך אַ ביסל באַרויקן און טאַקע אויך אין אַ מער פּאַסיקן מאָמענט ווען „אונדזערער" וועט היינט קומען דיזשורירן אָדער ביי אַנדערע אומשטענדן. ביי אונדז איז שוין געווען איינגעפירט, אַז ווען מע דאַרף זיך אָדורכקלאַפּן איז בעסער דאָס טאָן ביי טאָג ווען דער רעש אין גאַס אָדער אין אונדזער קאָרידאָר וועגדן אָפּ דעם נאַדזיראַטעל (איבערהויפּט אין דער צייט פון צעטיילן דאָס עסן, ווען ער מוז בייזיין ביי די דערווייטערטע פון אונדז קאַמערן). דאַן שטעלן זיך צו דער טיר 2 פּערזאָן און הערן זיך צו צום גערויש פון קאָרידאָר און פאָלגן נאָך די באַוועגונגען פון נאַדזיראַטעל, און אויב ער געפינט זיך שוין אין צווייטן עק פון קאָרידאָר — דאַן דערלאַנגען די „וועכטער" אַ סיגנאַל מיטן פינגער און מע מאַכט דעם „אַרויסרוף" (דאָס איז די ערשטע פּראָבע) און אויב ער ענטפערט מיט אַ קלאַפּ, וואָס באַטייט — „פאַרשטאַנען, איך הער אייך" איז אַ סימן אַז ער ווייסט די תפיסה־שפּראַך און דער קאָנטאַקט איז אָנגעבינדן, און דאַן בלייבט זוכן אַ געלעגנהייט צום איבערקלאַפּן זיך ביי פּאַסיקע אומ־שטענדן. אין אַזעלכע פאַלן זענעןביידע צדדים אין שטענדיקער גרייטקייט, וואַרטנדיק אויפן קלאַפּ ביי דער ערשטער געלעגנהייט.

ווי ס'האָט זיך אַרויסגעוויזן האָט אונדזער אומבאַקאַנטער שכן פון דער 50־טער אַרויסגעוויזן מער אומגעדולד ווי מיר און געפּרוווט כסדר

אונדז אַרויסרופן, נישט רעכענענדיק זיך מיט דער צייט און דווקא דאַן, ווען מיר האָבן אים נישט געקענט ענטפערן. (ווי אַ „נייעם" זענען אים נאָך נישט באַוווּסט געווען די אומשטענדן, און אפשר איז אים יאָ באַוווּסט געווען ווי אַ „געניטן" אָבער נישט געוווּסט אַז מיר זענען שכנים נישט קיין פאַרמשפּטע צום טויט, דערוויילל, און טאַקע דאָס, וואָס ער קען זיך דערלויבן — קענען מיר נישט). מיר האָבן אים שטילערהייט געגעבן אַן ענטפער, אַז ער זאָל וואַרטן נאָך אונדזער אַרויסרוף און אַליין נישט קלאַפּן.

אין אַ גינסטיקן מאָמענט אין עטלעכע שעה אַרום, אָננעמענדיק אַלע פאַרויסגעזעענע שריט, האָבן מיר געמאַכט דעם אַרויסרוף שטעלנדיק די ערשטע פראַגע ווער ער איז, און מיר האָבן גלייך באַקומען אַן ענטפער:

— מיין נאָמען איז יעפימענקאָ. מיט 2 טעג צוריק באַקומען טויט־שטראָף. ווער זענט איר? — האָט ער געפרעגט.

— מיר זענען נאָך אויף אויספאָרשונג, אָבער מיר אינטערעסירן זיך מיט אייער גורל ווי מיטן גורל פון אַלע די, וואָס פאַלן אַהער אַריין.

מיר האָבן געמוזט מאַכן אַן איבעררייס. דער נאַדזיראַטעל האָט, ווייזט אויס, עפּעס דערשנאָפּט און זיך אָנגעהויבן דערנענטערן צו אונדזער טיר. דאָס האָט אונדזער שכן מסתמא אויך דערהערט און פאַרשטאַנען אַז אונדזער מורא איז גרעסער פון זיינער.

דער פאַמיליען־נאָמען יעפימענקאָ האָט אונדז דערוויילל גאָרנישט גע־געבן כדי צו מאַכן וועלכע ס׳איז אויספירן. דער פאַמיליען־נאָמען איז אַן אוקראַינישער און איז זייער פאַרשפּרייט, און דאָך האָט יעדער פון אונדז געמאַכט אַן איבערזיכט צי איז צווישן זיינע פריינד און באַקאַנטע, וואָס זענען מעגלעך צוגענומען געוואָרן, פאַראַן עמעצער מיט אַזאַ פאַמיליע.

ווי נאָר איך האָב דערהערט דעם נאָמען האָב איך זיך גלייך דערמאָנט דעם באַקאַנטן יעפימענקאָ פון סאָווכאָז „באַטראַק" — פּעטריקאָווסקער ראַיאָן (30 קילאָמעטער פון אונדז) וווּהין איך בין אָפט געפאָרן אין קאָמאַנדירונג און וועלכער איז געווען אַן אויסערגעוויינלעכער שיכור און איז צוגעצויגן געוואָרן צו פאַראַנטוואָרטלעכקייט דורך דער מיליץ פאַר אָננעמען אַרבעטער אין סאָווכאָז נישט געננג „דורכגעקאָנטראָלירטע", וועלכע זענען בשעת אַן אַבלאַווע ביי נאַכט דורך מיליץ און נקווד געפונען געוואָרן (אין דער צייט בין איך געווען אין סאָווכאָז קאָמאַנ־דירט). מיר האָט זיך אויסגעוויזן אַז דאָס איז זיכער דער זעלבער יעפי־מענקאָ, אָבער פאַר וואָס קומט אים טויט־שטראָף?

איך האָב זיך געטיילט מיט די קאַמער־חברים וועגן דעם, געהאַט אַ מיינונגס־אויסטויש, אָבער אויך אַנדערע האָבן געהאַט צווישן זייערע

באַקאַנטע דעם זעלבן פֿאַמיליען־נאָמען וועגן וועלכע מ׳האָט געקענט קלערן אַז דאָס איז איינער פֿון זיי.

די אומשטענדן האָבן די נאַכט שוין מער נישט דערלויבט איבער־קלאַפּן זיך און ס׳איז אויסגעקומען מיט אומגעדולד וואַרטן אויף אַ צווייטער געלעגנהייט.

ווי איך האָב שוין אונטערגעשטראָכן איז אין הלכות אויפכאַפּן דעם תּפֿיסה־אלף־בית בין איך געווען מער בקי פֿון אַנדערע (דאָס האָט מיר ספּעציעל אויסגעלערנט אַלעקסאַנדער געאָרגיעוויטש סאַכנאָווסקי — אַ פּאַרמשפּטער אינזשענער אין 1928 יאָר אויפֿן פּראָצעס פֿון די, אַזוי גערופֿענע, „קוילן־גרובן שעדיקער״ אונטערן נאָמען „שאַכטינסקאָיע דעלאָ״ אויף 10 יאָר תּפֿיסה. נאָכן אָפּזיין זיין טערמין האָט מען אים איצטער נאָך אַמאָל אַרעסטירט און ער זיצט מיט אונדז אין קאַמער). געהערט האָב איך פֿיל מאָל דורך דער וואַנט מיט דער הילף פֿון אַן עמאַל־טעפּעלע, דאַן ווען מען האָט באַדאַרפֿט אויפֿנעמען פֿון ווייטערע קאַמערן.

מיט אומגעדולד האָבן מיר געוואַרט די מעגלעכקייט ממשיך זיין אונדזער איבערגעריסענעם געשפּרעך. איך בין זיכער געווען אַז דאָס איז מיין יעפֿימענקאָ און אַז טויט־שטראָף האָט ער באַקומען פֿאַר אַן אַנדער חטא. איך בין געווען גרייט אים שטעלן די ערשטע פֿראַגע צי ער איז פֿון סאָווכאָז „באַטראַק״? ווען די מעגלעכקייט האָט זיך סוף סוף באַוויזן, איז דאָס טאַקע געווען מיין ערשטע פֿראַגע.

— ניין — האָט ער געענטפֿערט — איך בין פֿון דער שטאָט סינעל־ניקאָוואָ (אומגעפֿער 40 קילאָמעטער פֿון אונדזער שטאָט און האָט אַ גרויסן אייזנבאַן־קנופּ).

— פֿאַר וואָס האָט איר באַקומען טויט־שטראָף?

— פֿאַר נישט אויספֿילן דעם פּלאַן.

— אַזעלכעס האָבן מיר נאָך נישט געהערט. דערקלערט אונדז דייט־לעכער, וואָס פֿאַר אַ פּאַך האָט איר און ווו האָט איר געאַרבעט?

— איך בין אַן אַלטער טשעקיסט און אַלע יאָרן געאַרבעט אין די זיכערהייטס־אָרגאַנען און אויך איצטער האָב איך געאַרבעט אַלס שעף פֿון סינעלניקאָווער נקווד־אָפּטייל און אַלס אַזעלכן האָט מען מיך אַרעסטירט און פֿאַרמפּעט צו טויט־שטראָף.

מיר זענען ממש איבעראַשט געוואָרן פֿון זיין ענטפֿער. וואָס איז דאָס? וואָס קען דאָס באַדייטן? צי איז דאָס אמת אַז אויך „זיי״ נעמט מען? און דאָס איז טאַקע געוואָרן אַ טעמע צו באַהאַנדלען ביי אונדז אין קאַמער.

אויב דאָס איז אמת — האָבן מיר געטראַכט — איז עס אַ פֿאַקט

פון אַן אויסערגעוויינלעכער באַדייטונג, אָבער צי זאָגט ער טאַקע אמת?

דורך אונדזערע, וואָס זענען אין זעלבן אָוונט אַרויסגערופן געוואָרן אויף פאַרהערן דורכן איבערגאַנגס־צימער „וואָקזאַל”, איז נאָך דעם, דאָס געוואָרן באַוווּסט אויך פאַר אַנדערע אַרעסטאַנטן פון פאַרשידענע קאַמערן.

איך וויל דערביי צוגעבן אַז דאָס איז געווען אין מיטן חודש נאָוועמ־בער, גלייך נאָכן 20־טן געבורטס־טאָג פון דער אָקטאָבער־רעוואָלוציע און נאָכן שוין דערמאָנטן באַזוך ביי אונדז פונעם געהילפס־פּראָקוראָר פון ראָטנפאַרבאַנד — ראָגינסקי ימ״ש, און מיר האָבן שוין דעמאָלט נישט נאָר געוווּסט, נאָר אויך געפילט וואָס הייסט אַ „פּלאַן” אין די באַדינ־גונגען פון נקווד. דאָך האָבן מיר באַשלאָסן ביים נאָענטן אַרויסרוף פרעגן ביי יעפימענקאָ, וואָס פאַר אַ שייכות האָט צו אים אַ וועלכער ס׳איז פּלאַן און וואָס פאַרא „פּראָדוקציע” האָט ער פּלאַנירט? מיר האָבן אים וועגן דעם אַנגעפרעגט. ס׳האָט זיך געפילט אין דעם אומבאַקאַנטן יעפימענקאָ, אַז ער איז גרייט אַלץ „אַרויפליגן אויפן טיש” און דערציילן פאַר זיין טויט וואָס מער און אַלץ וואָס אים האָט „געקוועטשט”. אָבער די שטרענגע באַגרענעצטקייט פון דורכקלאַפּן זיך האָט פיל געשטערט און דאַן האָט ער אונדז געענטפערט קאָנקרעט, אַז ער האָט נישט אויסגעפילט דעם פּלאַן פון אַרעסטירן די צאָל „פּאַלקס־פיינט”, וואָס איז „פאַרפּלאַנירט” געוואָרן פאַרן סינעלניקאָווער ראַיאָן. אַ דאַנק — איז ער ממשיך — דער געקו־מענער פּראָסטיטוטקע (געמיינט ראָגינסקין) פון מאָסקווע ,איז ער צוגע־צויגן געוואָרן צו פאַראַנטוואָרטלעכקייט מיט נאָך 2 שעפן פון אַנדערע ראַיאָנען, וואָס האָבן אויך געטיילט מיט אים די זעלבע שטראָף.

ווען מיר האָבן ביים ווייטערדיקן איבערקלאַפּן זיך געבעטן דער־קלערן וואָס קומט פאַר אויף דער „פרייער גאַס” און ווי אַזוי דאַרף מען פאַרשטיין די סיטואַציע לויט זיין מיינונג ווי אַ שעף פון אַ ראַיאָן נקווד־אָפּטיילונג — האָט ער געבעטן אַנטשולדיקונג פאַרן גראָבן אויסדרוק און געענטפערט מיט פאָלגנדיקע ווערטער:

קאָראָוואָ מעטשאָט / ביק רעוויאָט / קטאָ קאָוואָ יעביאָט / סאָם טשאָרט ניע ראַזבעריאָט.

אין 2 טעג אַרום איז ער ביי נאַכט אַרויסגעפירט געוואָרן פון זיין קאַמער.

ווען איך האָב זיך אומגעקערט צוריק אַ היים נאָכן אָפּזיצן מיין טערמין — בין איך ספּעציעל צוגעפאָרן קיין סינעלניקאָוואָ און זיך איני־טערעסירט וועגן דער פּערזענלעכקייט. צום באַדויערן האָב איך קיינעם פון זיין משפּחה נישט געטראָפן ווייל זיי זענען אַרויסגעפאָרן. וועגן יעפימענקאָ האָט מען מיר דערציילט, אַז ער האָט זיך געפירט אין זיין

אַמט אַ ביסל איינגעהאַלטענער אין פאַרגלייך מיט אַנדערע שעפן פון דערבייִיקע ראַיאָנען און דאָס האָט, ווייזט אויס, געהאַט אַ השפעה אין יענער צייט און אים דערפירט צום פסק פון טויט־שטראָף.

# די טויט־קאַמער נומער 49

דאָרט זענען געזעסן פאַרמשפטע צום טויט. לויט זייער דרייסטער אויפפירונג, כסדרדיקע פאָדערונגען און אויך לויט די אַרויסגעהאָנגענע מלבושים אַנטקעגן זייער קאַמער — האָבן מיר זיך אָנגעשטויסן אַז דאָרטן זיצן נישט קיין פראָסטע „בשר ודמס". „אונדזערער" האָט נישט אַרויס־געוויזן קיין שום ווילן העלפן אונדז אויסקלאָרן ווער סע זיצט דאָרט.

זייערע פאָדערונגען זענען שטענדיק געווען פרינציפיעלע, אַנטשלאָ־סענע און קאַטעגאָרישע. נישט איין מאָל איז אונדז אויסגעקומען אונטער־הערן ווי מיט זיי שמועסן דורכן טיר־פענצטערל העכערע באַאַמטע, אָבער קיין מאָל נישט געקענט כאַפן דעם אינהאַלט. די 49־טע האָט זיך געפונען מיט נאָך עטלעכע מעטער ווייטער פון דער 50־טער. דאָך זענען דער־גאַנגען צומאָל געשרייען בעת זיי פלעגן פאָדערן דעם פראָקוראָר און אַנדערע הויכגעשטעלטע „שישקעס". פון צייט צו צייט האָט מען זיי נאָכגעגעבן — נאַטשאַלסטוואָ האָט זיי באַזוכט און געשמועסט מיט זיי דורכן פענצטערל.

אויך לויט דעם, ווי די נאַדזיראַטעלס האָבן זיך מיט פיל פון זיי געעסקט — איז געווען פאַר אונדז אַ באַווייז אַז די זיצנדיקע דאָרט, האָבן געהערט אויף דער פריי צו דער פריווילעגירטער „קאַסטע".

איין מאָל אין אַ שפעטער אָוונט־שעה, ווען מע האָט אונדז אַרויס־געפירט אויף דער 10 מינוטיקער „פראָגולקע" (שפאַציר) אין אינעווייניקסטן פאַרמאַכטן הויפל (אונדזער קאַמער פלעגט מען אַרויספירן נאָר ביי נאַכט) איז פונקט דורך דעם פענצטערל פון זייער טירל פאָרגעקומען אַ שמועס מיטן באַוווּסטן אַדוואָקאַט גראָנבערג יאַקאָוו לעאָנטעוויטש, וועלכן איך האָב גוט געקענט ווי אַ פריינד און מיטגליד אין דער פאַראַלטונג פון „געזערד" („אָזעט"), ווו איך האָב פריִער געאַרבעט. צוליב אונדזער פאַר־בייגאַנג איז דער שמועס איבערגעריסן געוואָרן און דאָס אויגלעכל האָט מען פאַרמאַכט, כדי די פאַראורטיילטע זאָלן אונדז נישט זען. אונדז האָט מען באַפוילן נישט צו קוקן אין דער זייט, ווו עס איז געזעסן אויף אַ בענקל דער אַדוואָקאַט. איך האָב זיך נישט איינגעהאַלטן פון אַ היסטערישן

אויסגעשריי, ווען איך האָב פּלוצעם באַמערקט אונדזער באַליבטן פריינד און געזעלשאַפטלעכן טוער, מיט וועלכן מיין גאַנצע משפּחה איז נאָענט געווען (ער איז שפּעטער דורך די דייטשן דערשאָסן געוואָרן). מיר האָבן זיך נישט געטאָרט אַפּשטעלן אַפילו אויף איין סעקונדע צו כאַפּן אַ בליק. וואָלט איך געוווּסט פון פריִער אַז ער זיצט דאָ, האָרט נעבן אונדזער קאַמער נומער 51 — וואָלט איך זיכער זיך געסטאַרעט ער זאָל מיין פּנים נישט זען. ער האָט דאָך מיך געזען אַרויסגיין פון דער 51־טער טויט־קאַמער. פון וואַנען האָט ער געקענט וויסן אַז מיר זענען גראָדע נישט קיין פאַרמשפּטע צום טויט? פאַר יעדן זייטיקן איז דאָך קלאָר ווער סע זיצט אין אַ טויט־קאַמער. אַזאַ גרוס פון מיר פאַר דער מוטער, פרוי און קינדער קען דאָך ברענגען צו אַ שרעקלעכן רעזולטאַט. וואָס טוט מען? איך האָב זיך אַ ביסל באַהערשט און באַשלאָסן אַז אויף צוריקוועגס, אין 10 מינוט אַרום, וועל איך אים נאָר אַ געשריי טאָן „נישט גריסן דער פרוי" און ער וואָלט געוויס פאַרשטאַנען אַז ער טאָר נישט ברענגען אַזאַ פינצטערע בשורה צו מיר אַהיים.

אויף צוריקוועגס פון דער „פּראָגולקע" האָבן מיר שוין דעם אַדוואָקאַט אויפן אָרט נישט געטראָפן און דאָס האָט מיך די גאַנצע צייט שרעקלעך געמאַטערט. מיט יאָרן שפּעטער בין איך געוווּיר געוואָרן אַז צום גליק האָט ער, ווייזט אויס, אַליין פאַרשטאַנען אַז אַזאַ בשורה פאַר מיין משפּחה קען מען נישט איבערגעבן.

נאָך מיין צוריקקומען אַהיים מיט יאָרן שפּעטער, נאָכן אָפּזיין מיין טערמין, האָבן מיר מיט דער פרוי געפּרוּווט אים געפינען, דערמאָנען אים וועגן יענעם פאַל און טאַקע זיך וויזן אַז איך לעב, אָבער צום באַדויערן האָבן מיר אים שוין נישט געפונען, ווייל ער האָט נישט אויסגעמיטן דעם אַלגעמיינעם גורל פון די איבעריקע יידן אין שטאָט, אומקומנדיק צוזאַמען מיט זיי אין דעם שרעקלעכן טאָג פון דער מאַסנצעשיסונג ביים גרוב, ווי עס ליגן 37000 דערשאָסענע יידן.

אַ דאַנק אונדזער שכן, שוין דערמאָנט, פון דער 50־טער טויט־קאַמער יעפימענקאָ, האָט זיך אונדז איינגעגעבן פעסטשטעלן אַז אין דער 49־טער זיצן דריי צום טויט־פאַרמשפּטע:

1. לעווין — שעף פון קאַדרען־אָפּטייל ביים קריוואָי־ראָגער מעטאַל־זאַוואָד (געוויס אַ מיטאַרבעטער פון נ.ק.וו.ד., ווייל נאָר אַזעלכע ווערן באַשטימט אויף אַזוינע פּאָסטנס („אייגענע מענטשן")).

2. זאַוואַדסקי — איינער פון די הויכע מיליטערישע קאָמאַנדירן (דעמאָלט נאָך קיין אָפיצירן נישט געווען), פון נאַציאָנאַליטעט אַ פּאָליאַק.

3. סאַ'יז אויך געווען אַ העכערער מיליטערמאַן. ס'איז געווען צו זען

פון די הענגנדיקע קליידער אַנטקעגן זייער קאַמער. איך האָב געוווּסט, אָבער געדענק נישט זיין פאַמיליען־נאָמען.

זיי האָט מען אַרויסגעפירט אײנציקווייז פון זייער קאַמער אין די נאָענטסטע טעג נאָכן געשפּרעך מיטן אַדוואָקאַט גראָנבערג און נאָך דעם ווי יעפימענקאָ האָט אונדז וועגן זיי איבערגעגעבן. —

# אַ ביטערער טעות

ביי אונדז אין קאַמער נומער 51 איז קיינעם נישט דערלויבט געווען צו באַקומען פּראָדוקטן פון דער היים און אויך נישט צו קויפן פאַר אייגן געלט, ווי דאָס פלעגט מען דערמעגלעכן אַנדערע אַרעסטאַנטן. די שפּייז־נאָרמע וואָס מיר האָבן באַקומען איז פאַקטיש געווען אַ הונגער־נאָרמע. יעדע ווענדונג צום אויספאָרשער וועגן דער פראַגע איז קאַטעגאָריש אָפּגע־וואָרפן געוואָרן. דער לעצטער האָט כסדר געשטעלט באַדינגונגען, אַז נאָר אין פאַל פון אונטערשרייבן די באַשולדיקונגס־פּראָטאָקאָלן — וועט מען קענען באַקומען שפּייז־פּעקלעך פון דער היים און נישט נאָר דאָס. אין פאַל פון אונטערשרייבן — זאָגט ער — וועט מען אויך דערלויבן אַ זעעניש מיט אייגענע.

אַ חוץ די איבערלעבונגען פון ווערן געפּייניקט ביי די אויספאָרשונגען און אויך פון זיין שטענדיק הונגעריק — האָט יעדן באַאומרויקט דער צושטאַנד פון זיין משפּחה. מיר זענען קיין מאָל נישט געווען זיכער צי איז די פרוי נאָך אין דער היים, אָדער אויך אַרעסטירט און געפינט זיך נאָענט ערגעץ דאָ נאָענט פון אונדז אין די פרויען־קאַמערן.

דער אויספאָרשער האָט, ווייזט אויס, נישט געהאַט קיין רעכט צו פאַרבאָטן אונדז באַקומען איבערגעגעבענע זאַכן (נישט קיין עסנוואַרג). איין מאָל אין חודש האָט די משפּחה איבערגעגעבן אַזעלכע פּעקלעך מיט אַ בייגעלייגטער רשימה, אונטער וועלכע מיר האָבן זיך באַדאַרפט אונטער־שרייבן ביים באַקומען. אָט דאָס האָט אונדז געשטאַרקט און אויך געמוטיקט די משפּחה. מיר האָבן געזען די רשימה אונטערגעשריבן אייגנהעגטיק דורך די פרויען און אויך זיי האָבן געזען אונדזער אונטערשריפט ווי אַ באַשטע־טיקונג, אַז מיר לעבן נאָך.

איך האָב נישט געהאַט קיין באַדערפעניש צו באַקומען זאַכן פון דער היים, אָבער כדי זען די אונטערשריפטן, האָט מיין פרוי כסדר איבערגעשיקט אַ האַנטעך, אַ פּאָר נאָזטיכלעך, אָדער אַ שטיקל זייף.

מיר האָבן שפּעטער זיך דערוווּסט, אַז די משפּחות קומט אויס איבער־געבן דאָס אָרעמע פּעקעלע מיט גרויס גרימעניש און פול מאַטערנישן.

פרויען און אַנדערע משפחה־מיטגלידער פאַרנעמען די ריי אויפן פלאַץ ביים טויער פון דער תפיסה און שטייען אַפּ גאַנצע מעת לעתן אין די גרויסע פרעסט. מע מוז פון צייט צו צייט זוכן אַן אָרט כדי אָנוואַרעמען זיך ביי די איינוווינער אַרום דער תפיסה און אין דערביייִקע געסלעך. עס האָט אונדז אויך געפייניקט דאָס, וואָס מיר געפינען זיך אינעווייניק אין קאַמער און אונדזערע פרויען אָדער עלטערע מוטערסליידן פון קעלט אויף דער פראָס־טיקער גאַס אַן כוחות און אויסגעצערטע. פאַרן אָנוואַרעמען זיך אָדער איבערזיצן אַ פּאָר שעה אין וועלכער ס'איז דירה — האָט מען אויך באַדאַרפט צאָלן. דאָס איז געווען אַ באַזונדערע סעזאָן־פרנסה פאַר אַ טייל אייגנטימער, וואָס האָבן געוווינט נאָענט פון דער תפיסה. ווען איינער אַ פרוי, פלעגט זיך איינגעבן דורך מוראדיקער שטופעניש, איבערגעבן ענדלעך אַ פּעקעלע און צוריק באַקומען אַן אונטערשריפט פון אַרעסטירטן מאַן — איז זי געווען איינע פון די גליקלעכסטע אין גאַס און מ'האָט איר באמת מקנא געווען. דאָרטן אויף דער גאַס פלעגן אָפּט אויסברעכן געשרייען מיט יללות. דאָס האָבן געקלאָגט פרויען, וועלכע פלעגן באַקומען אַן ענטפער אַז דער מאַן אָדער ברודער איז שוין נישטאָ, און זיי פלעגן צוריק באַקומען דאָס איבערגעגעבענע פּעקעלע.

מיר האָבן זיך דערוווּסט טאַקע אין דורכגאַנגס־צימער — „וואָקזאַל" ווענגן דעם אַלץ, וואָס ס'קומט פאָר ביים טורמע־פלאַץ. די גיכע הילף האָט דאָרט כסדר אונטערגעקליבן און אָפּגעפירט פרויען, געפאַלענע אין חלשות, ביים דערהערן אַ וויסטע בשורה... די תפיסה־באַאַמטע האָבן קיין מאָל נישט געוואָלט זאָגן וווּהין דער אַרעסטירטער איז אַהינגעקומען. דעם „סוד" האָט שטרענג געהיט בלויז דער אויספאָרשער. אַפילו ווען מ'האָט דעם קרבן „ליקווידירט", פלעגט אויך דער באַאַמטער זאָגן אַז „ער איז אַוועק אין עטאַפּ".

— וווּהין ?

— איך ווייס נישט. ער וועט אייך שרייבן פון דאָרט.

— פאַר וואָס האָט מען אים פאַרשיקט ?

— ער האָט דאָס פאַרדינט ווי אַ פאַלקס־פיינט. אומזיסט גיט מען נישט קיין טערמינען און מען פאַרשיקט נישט.

מיר האָבן געוווּסט אויך אַז ווען מען רופט עמעצן פון אונדזער קאַמער אויף אַ טרעפונג מיט זיין פרוי, מוטער אָדער אַנדער משפחה־מיטגליד — איז עס פאַרן פרייז פון זיין „צעשפּאַלטן" זיך. אַזאַ באַגעגעניש קומט פאָר נאָר אין קאַבינעט פונעם אויספאָרשער. כדי די פרוי אָדער מוטער זאָלן זיך נישט דערשרעקן פאַר זיין נעבעכדיקן אויסזען נאָך די פייניקונגען פון אויספאָרשער — ווערט דער אַרעסטאַנט פריער „באַאַרבעט" דורך אַ ספּע־

ציעלן פריזירער, וועלכער ברענגט אים אין „אָרדענונג" דורך גאָלן, שערן לויט דער לעצטער מאָדע. ער ווערט אַפילו פּערפיומירט אויך. דאָרטן, אויפן אָרט פון דער זעונג ווערט אויך דערלויבט נאָך אַ רעוויזיע איבערצוגעבן אַ פּעקעלע מיט עסנוואַרג. ס'איז בייטיק צו זאָגן אַז פאַר דער טרעפונג נאָך, רופט מען פריער אַרויס צום אויספאָרשער, וועלכער וואָרנט דעם אַרעס־טאַנט אַז נישט אַלץ האָט ער רעכט צו דערציילן זיין פרוי אָדער מוטער. ער גיט אים אָנווייזונגען וואָס ער מעג און וואָס ער טאָר נישט דערציילן. דער אויספאָרשער פאַרגעסט נישט דערביי דערמאָנען אַז אין פאַל, ווען ער וועט עפּעס אַרויסזאָגן פונעם פאַרבאָטענעם — וועט ער דערפאַר באַשטראָפט ווערן באַזונדער. אָך־און־וויי איז שוין געווען צו דעם, וואָס האָט נישט אויסגעפילט די אָנווייזונגען פונעם אויספאָרשער. אויך מער קיין טרעפונגען האָט ער שוין קיין מאָל נישט באַקומען. אויך אין קאַמער איז פאַרבאָטן געווען דערציילן וועגן אַזעלכע געשפּרעכן אין קאַבינעט ביים אויספאָרשער.

איך וויל באַמערקן אַז בכלל באַגעגענישן מיט אַרעסטירטע קומען פאָר אין איינעם אַ זאַל ביים תפיסה־טויער. דער זאַל איז אין דער מיט פונאַנדערגעטיילט מיט אַ ספּעציעלער „שאַטקע" פון דראָט, דורך וועלכער מען רעדט זיך דורך, אָבער דאָס איז נאָר פאַר נישט פּאָליטישע אַרעסטירטע און האָט אַוודאי קיין שייכות נישט צו די אַרעסטאַנטן פון אונדזער 51־טער קאַמער...

געשען איז דאָס דעם 17־טן; אָדער 18־טן נאָוועמבער 1937 אין די פאַר־מיטאָג־שעהען. ס'האָט זיך אין אינדזער טויטן־קאָרידאָר דערהערט אַ געבראַזג ביים אויפשליסן די הויפּט־טיר און נאָך דעם זענען 2 תפיסה־באַאַמטע, באַגלייט פון דעם נאַדזיראַטעל, צוגעגאַנגען צו אונדזער פענצטערל אין קאָרידאָר און געפרעגט ווער־ עמענס פאַמיליע הויבט זיך אָן מיט „נע" (געמיינט „ען"). ס'זענען גלייך צוגעלאָפן 3 מענטשן צום פענצטערל מיטן זעלבן אָנהויב פונעם פאַמיליע־נאָמען. ענדלעך האָט ער אָנגערופן דעם פולן נאָמען. מיין נאָמען איז געווען אַזאַ, וועלכן ער האָט געזוכט.

— גרייט זיך אויף אַ טרעפונג — האָט ער באַפוילן. איך האָב גלייך געכאַפּט דעם פאַלטן אויף זיך. מען האָט די טיר געעפנט און מיך אַרויס־געפירט.

וואָס איז דאָס ? — האָב איך געטראַכט. פון וואַנען האָט זיך פלוצעם גענומען אַזאַ גליק ? צי איז מיין פרוי אין שטאַנד געווען אַרויסצווייזן אַזאַ בעריעשאַפט און באַקומען ביי מיין מערדערישן אויספאָרשער אַקס אַ דערלויבעניש אויף אַ זעעניש ? נאָר מיט 2 טעג צוריק בין איך דאָך געווען ביי אים אויפן פאַרהער, אויף וועלכן ער האָט נישט אויפגעהערט מיך

פייניקן, וואָס איז דאָס פאַר אַ רעטעניש? און וואָס קלערן איצטער מיינע חברים אין קאַמער? געוויס טראַכטן זיי אַז איך האָב זיך בשתיקה „צע־שפּאָלטן" און באַהאַלט דאָס פון זיי.

פאַרשידענע געדאַנקען האָבן זיך געדרייט און פאַרטומלט מיין קאָפּ פאַר דער קורצער צייט, וואָס מ'האָט מיך געפירט צום באַגעגעניש־זאַל.

דער זאַל איז טאַקע געווען צעטיילט אויף עטלעכע טיילן און יעדע פון זיי איז איבערגעצוימט מיט „שאַטקעס", דורך וועלכע מען קען זיך זען און דורכשמועסן. מען האָט מיך אַוועקגעשטעלט אין דער אינעווייניקסטער זייט און געהייסן וואַרטן. איך וואַרט אָנגעשטרענגט ביז גאָר. איך קלער ווי אַזוי אויסנוצן ראַציאָנעל די באַגרענעצטע צייט אַן איבעריקע ווערטער. מיין האַרץ, ווערט דאַכט זיך, נישט אויסהאַלטן ביים זען זיך מיט מיין פרוי. שוין באַלד ווערט 2 חדשים ווי איך זיץ אין תפיסה. איך וואַרט לאַנג און הייב נישט אָן פאַרשטיין וואָס דאָ קומט פאַר. קיינער קומט נישט פון יענער זייט „שאַטקע". ווען ס'עפנט זיך די טיר, הערט זיך פון גאַס אַ שרעקלעכער רעש, געשרייען און אויסרופן פון פאַרזאַמלטן עולם ביים טויער, וועלכער איז געווען נאָענט פונעם זעונגס־זאַל, מען פרעגט עפּעס, מען רופט אויס פאַמיליעס. מען זידלט זיך.

אָט קומט צו לויפן מיין אַרויסרופער און פרעגט נאָך אַ מאָל איבער מיין פאַמיליע. ער רופט אויס און קיינער רופט זיך נישט אָפּ. איך בעט אים אַז ער זאָל בקול רם אויסשרייען „נאַדיא" ווייל מיין פרוי איז „טויב־לעך" און עטלעכע מאָל איבערחזרן, טראַכטנדיק דערביי, אַז אפשר שטייט זי דאָרט פונקט היינט אויף איבערגעבן איר פּעקעלע פאַר מיר? און דאָס טאַקע קען אומגעריכט זיין אַ שאַנס אויף זען זיך מיט מיר אַן דעם אָנטייל פון מיין מערדער אַקס. דאָס וואָלט פאַר אים באמת געווען נאָך אַ קלאַפּ, ווי דער פאַל מיטן זען זיך מיט מיין שוואָגער צופעליק. דאָ בין איך שוין אַן ספק געווען זיכער אַז ס'איז פאַרגעקומען אַ מיספאַרשטייעניש.

איך הער ווי דער אַרויסרופער „רייסט" זיין גאַרגל און רופט מיין פרוי. אָט — טראַכט איך — וועט די דראַמע פאַרוואַנדלט ווערן אין אַ קאָמעדיע.

איך זע פון דערווייטנס ווי מיין אַרויסרופער פירט אַריין אַ פרוי. צוליב מיין קורצזיכטיקייט האָב איך נישט געקענט זען דאָס פּנים. ווען זי האָט זיך דערנענטערט, פרעג איך הויך צי זי הייסט „נאַדיא"? — יאָ. איך בין „נאַדיא" — זאָגט זי.

איך זע פאַר זיך נאָענט אַן עלטערע פרוי, אַ פּויערטע, אָנגעטאָן אין אַ פּעלץ און נאָך אויבן מיט אַ וואַרעמער פאַטשיילע. מיר קוקן זיך ביידע אָן.

— פון וואַנען זענט איר? — פרעג איך ביי איר.

— פון מאַריאַנאָווקע — ענטפּערט זי מיר. (דאָס איז אַ דאָרף, נישט ווייט פון סינעלניקאָוואָ אין אונדזער געגנט).

דער אַריינפירער פרעגט ביי מיר צי איז דאָס מיין פרוי ?

— ניין. — זאָג איך אים.

ער פרעגט ביי איר צי בין איך איר מאַן ?

— ניין, זאָגט זי — ער איז אַ פרעמדער.

איצטער האָט שוין דער אַרויסרופער אַליין געזען, אַז ער האָט געהאַט אַ ביטערן טעות. ער האָט מיך אָפּגעפירט אין אַ דערבייִיקן צימער און געהייסן וואַרטן ביזן אָפּפירן מיך צוריק אין מיין קאַמער 51.

נישט אַלע חברים אין קאַמער האָבן געגלויבט, בעת איך האָב שפּעטער זיי אַלץ דערציילט. זיי האָבן שוין טאַקע געמיינט אַז איך האָב מער נישט אויסגעהאַלטן די פּייניקונגען, און זיך סוף־סוף „צעשפּאָלטן" און באַהאַלט עס אויס פון זיי.

אין עטלעכע טעג אַרום, ווען מע האָט מיך ווייטער געבראַכט פון דער נאַכט־פאָרשונג אַ מער צעשלאָגענעם ביז בלוט און כ'האָב זיך נישט געקענט באַוועגן — דעמאָלט האָבן זיי זיך איבערצייגט וואָס פאַר אַ „זעונג" איך האָב געהאַט מיט מיין „פרוי", און דאָס איז טאַקע דער ביטערער טעות.

דאָס איז געווען איין פאַרהער פון די 14, וואָס איך האָב דורכגעמאַכט פאַר מיין פאָרשונגס־פּעריאָד, וועלכער האָט געדויערט כמעט אַ האַלב יאָר.

# די געבענטשטע רער

די באַד פון תפיסה האָט זיך געפונען אין אַ באַזונדערער געביידע אין הויף. זי איז געווען צעטיילט אויף צווייען: (פאַר מענער און פאַר פרויען), מיט באַזונדערע אַריינגענג פון פאַרשידענע זייטן. פון אינעווייניק זענען זיי געווען אָפּגעטיילט מיט אַ שטיינערנער וואַנט.

עמעצן, געבענטשט זאָל ער זיין, האָט זיך פאַרוואָלט אַריינשטעלן ערגעץ אונטער דער וואַנט אַן אַלטע פאַרשזאַווערטע רער, וועלכע פאַר־אייניקט ביידע טיילן באַד, און אפשר האָט זיך עס צופעליק אַזוי באַקומען ?...

ביידע טיילן באַד האָבן פונקציאָנירט איינע אין די זעלבע טעג. דורך דער געבענטשטער רער האָבן מיר ביידע געהאַט אַ מעגלעכקייט דורכרעדן זיך מיט די פרויען בעתן באָדן זיך. צוליב דעם טאַקע האָבן מיר מיט גרויס דערוואַרטונג אַרויסגעקוקט אויפן טאָג ווען מע פירט אונדז זיך באָדן. ווי נאָר מיר ווערן אין באַדצימער אַריינגעלאָזט, אַזוי באַלאַגערן מיר תיכף די רער און מיר הויבן זיך אָן נאָכפרעגן, אפשר ווייס עמעצער פון די פרויען, אָדער אפשר געהערט עפּעס וועגן אונדזערע משפחות ? צי זענען זיי נאָך אין דער היים ? אָדער אפשר שוין טאַקע צווישן זיי אַצינד ?... און מיר הויבן אָן אַרויסרופן אונדזערע פאַמיליע־נעמען.

צוליב מער אָרדענונג שטעלן מיר אָוועק איינעם ביים עק רער, וועלכער פרעגט זיך אָן ביי די פרויען וועגן אונדזערע משפחות, און זיי, פון זייער זייט, טוען דאָס זעלבע. די גאַנצע צייט, וואָס אונדז איז אָפּ־געגעבן אויף וואַשן זיך — שטייען מיר ביי דער רער. מיר הערן דייטלעך דאָס אויפגערעגטע קול פון יעדער פרוי, וואָס קומט פון יענער זייט רער. מיר האָבן זיך די גאַנצע צייט געוווּנדערט ווי אַזוי האָט דאָס וואַכע אויג פון די נ.ק.וו.ד.־לייט נישט דערגרייכט צו דער „וווּנדער־דערפינדונג" און זי נישט באַזייטיקט ? דאָס איז געווען אַ ביז גאָר וויכטיק פאַרבינ־דונגס־מיטל, וואָס פלעג אָפּט באַרויקן פיל פון די אַרעסטאַנטן אין יענער צייט פון ווילדן טעראָר אין לאַנד.

באַזונדערס פאַר אונדז, אַרעסטאַנטן פון דער 51־טער קאַמער, איז די האָפענונגס־רער נאָך מער וויכטיק געווען, ווייל מיר, ווי אַן אָפּגעזונ־

דערטע שטראָף־קאַמער פון טויטן־קאָרידאָר, זענען תמיד געווען פון אַלץ און אַלעמען שטרענג איזאָלירט.

אַט, דורך דער געבענטשטער רער האָב איך זיך אָנגעשטויסן אויף אונדזער פריינדין קאַראַפּאָיוואַ־סענעש (אַ מיטאַרבעטערין פון געזונט־אָפּטייל און שפּעטער — פּאַרוואַלטערין פון מעדיצין־קלוב), וועמען מע האָט אַרעסטירט מיט אַ וואָך צוריק. (קיין פּסק האָט זי דאַן נאָך נישט באַקומען). מיט עטלעכע טעג צוריק פאַרן אַרעסט האָט זי באַזוכט מיין פרוי, נאָך דעם, ווי זי איז געוויר געוואָרן וועגן מיין אַרעסט. זי האָט מיר איבערגעגעבן וועגן יעדן באַזונדער פון מיין משפּחה, וועגן זייערע איבער־לעבונגען און שרעק צו ווערן אַרעסטירט. איך בין געווען איינער פון די גליקלעכסטע אין יענעם טאָג.

צווישן די, וואָס האָבן זיך געפונען אין אונדזער 51־טער קאַמער, איז אויך געווען דער הויפּט־אינזשענער פון אונדזער וואַגאָן־זאַוואָד „פּראַוודאַ" — פערעסאַדאַ. ער איז אין קאַמער געווען זייער דערשלאָגן. וויניק גערעדט און כמעט קיין מאָל נישט דערציילט וועגן זיינע „ענינים" ביים אויספאָרשער. מיר האָבן ביי אים אויך נישט געפרעגט. אים, פערע־סאַדען, האָט זיך כסדר געדאַכט, און דאָס האָט אים שרעקלעך געפּלאָגט, אַז אויך זיין פרוי איז אַרעסטירט געוואָרן. צייטנווייז האָט ער שטיל געוויינט. אין באַזונדערע מאָמענטן פלעגט זיך אונדז דאַכטן אַז ער רירט זיך פון זינען.

זייענדיק אין באָד, האָט מען געקענט דורכן פענצטער זען אויך עטלעכע פענצטער פון דער פרויען־באָד (אין קני). מען האָט טאַקע דורך די פענצטער געקענט זיך דורכקוקן, ביי וועמען ס'איז געווען אַ בעסערע ראיה. אַט, דורך דעם פענצטער האָט זיך פערעסאַדען געדאַכט אַז ער האָט דערזען דאָס געשטאַלט פון זיין פרוי און ער האָט זיך צעכליפּעט אויפן קול ווי אַ קליין קינד. ווען מיר האָבן זיך דורך דער געבענטשטער רער תיכף אָנגעפרעגט — איז געקומען אַן ענטפער אַז אַזעלכע איז צווישן די פרויען נישטאָ, אָבער דאָס האָט פערעסאַדען נישט באַרויקט. ער איז געווען זיכער אַז זיין פרוי איז דאָרט, נאָר זי האָט זיך געבעטן ביי דער רער־„טעלעפאָניסטין" נישט איבערגעבן דעם מאַן וועגן איר אַרעסט, כדי אים נישט פאַרשאַפן קיין צער. מער האָט פערעסאַדע אין קאַמער קיין באַרויקונג נישט געפונען. ער האָט זיך כסדר אינטערעסירט ווען מע וועט נאָך אַמאָל פירן אין באָד אַריין.

ער האָט זיך דערוואַרט דעם באָד־טאָג. ווי נאָר אַריין — האָט ער זיך גלייך געוואָרפן צו דער רער און צום פענצטער.

— זי באַהאַלט זיך — שרייט ער נאָך אַ מאָל נישט מיט זיין קול — זי ווילט נישט אַז איך זאָל וויסן וועגן איר אַרעסט.

פּערעסאָדעס צושטאַנד האָט זיך פאַרערגערט פון טאָג צו טאָג. נאָכן לעצטן אַרויסרוף צום אויספאָרשער, איז ער צוגענומען געוואָרן פון אונדזער קאַמער און מער האָבן מיר אים שוין קיין מאָל נישט געזען. מיר זענען געווען זיכער אַז מ׳האָט אים צוגענומען ערגעץ אין אַ משוגעים־הויז אָדער פּשוט ליקווידירט.

אויך אים האָב איך געזוכט אין יאָר 1946. געפרעגט ביי אַרבעטער פונעם זאַוואָד „פּראַוודאַ״, וווהין איך בין ספּעציעל געפאָרן. קיינער האָט שוין וועגן אים גאָרנישט געהערט. זיין דירה וווּ ער האָט געוווינט איז געווען פאַרנומען דורך אַנדערע שכנים.

# דער בלוטיקער ספּעקטאַקל

דאָס איז געווען אין דער צווייטער העלפט פון נאָוועמבער 1937 יאָר, ווען אין רעזולטאַט פון ראַגינסקיס מאָסקווער פאַרשטייער פון נקווד, זענען די תפיסה און נקווד־געביידעס איבערגעפילט געוואָרן מיט אַרעסטאַנטן פונעם נייעם יום טובדיקן „אויפנעם", ווי מען האָט דאָס עקסטראַ אַנגערופן (אין אַלגעמיין האָט די גאַנצע „קאַמפּאַניע" אין לאַנד דעמאָלט געטראָגן דעם נאָמען „יעזשאָווס־אויפנעם"). מיר זענען דאָן אין דער 51־טער קאַמער געווען מער ווי 20 מאַן.

אַרום 2 אַ זייגער ביי נאַכט האָט זיך אין טויט־קאָרידאָר דערהערט אַן אויסערגעוויינלעכער טומל. אינסטינקטיוו האָבן זיך אַלע אויפגעכאַפּט פון שלאָף, זיך צוגעהערט ווי ס'גרילצן די שליסל ביים עפענען די שווערע אייזערנע טירן פון קאָרידאָר, געהערט דאָס געהילך פון טריט און ווי אַ סך מענטשן דערנעענטערן זיך צו אונדזער קאַמער. אין אָנפאַנג האָבן מיר געמיינט, אַז מ'האָט געבראַכט אַ גרעסערע גרופּע פאַרמשפּטע צום טויט פון אַנדערע ראַיאָנען, און אין אַזאַ פאַל האָט עס צו אונדז קיין שום שייכות נישט... אָדער אפשר האָט מען אַרויסגענומען פון די איבעריקע טויט־קאַמערן אַ גרעסערע גרופּע צום שיסן? ניין! ווייל מ'וואָלט פריִער געהערט אויפשליסן די אינעווייניקסטע קאַמערן. קיין סך צייט אויף טראַכטן אָדער קאָמענטירן איז נישט געווען. אָט זענען זיי שוין ביי אונדזערע אייזערנע טירן. מען שליסט אויף און פאַר אונדזערע אויגן האָט זיך באַוויזן אַ גרופּע פון העכערע טורמע און נקווד־באַאַמטע מיט צעטלען אין די הענט, און נאָך אַ קאָמאַנדע (באַפעל) „וונימאַניע" (אַכטונג) אָנגעהויבן אַרויסרופן מענטשן פון אונדזער קאַמער „מיט די זאַכן" און־טעריאָגנדיק — „גיכער, גיכער, געננוג שוין פאַר אייך צו זיצן ווי פּריצים".

אַכט מאַן זענען אַפּגעפירט געוואָרן נאָך 2 ביי נאַכט, וואָס פאַר אַ רייד קען איצטער זיין וועגן ווייטער שלאָפן? רעדן וועגן דעם אָדער באַהאַנדלען — קען מען איצטער נישט. דאָס איינציקע וואָס מיר האָבן איצטער יאָ געקענט — איז טראַכטן וואָס איז געשען. מיר האָבן זיך געפילט ווי נאָך אַ לוויה, ווען מען קומט צוריק פון בית עולם. ווהיין

האָט מען זיי געגומען? צום שיסן? ניין. ווייל ווען יאָ, וואָלט מען זיי דאָך פריִער איבערגעפירט אין אַנדערע טויט־קאַמערן, ווי דאָס איז געווען מיט אַנדערע פון אונדזער קאַמער (טראַפימאָוו, מעלניטשענקאָ און אַנד.). אפשר האָט מען זיי אָפּגעלאָזט אַהיים? ניין. דאָס קען נישט זיין. זייערע „ענינים" זענען געווען צו „ערנסטע" ס׳זאָלן פּאַסירן אַזעלכע וווּנדער. אפשר צום פאַרהער האָט מען זיי גערופן? איז פאַר וואָס זשע מיט די זאַכן?... אין עטאַפּ? — אויך נישט צוליב די נישט פאַרענדיקטע אויס־פאָרשונגען, און דאָך. וואָס קען דאָס באַטייטן? עס מאַטערט שרעקלעך. ביז אין דער פרי וועלן מיר זיך נישט קענען אַרויסזאָגן וועגן דעם. מיר האָבן די אָוועקגענומענע שטיל באַוויינט און אויך געקלערט, מאָרגן קען אויך מיט אונדז אַליין געשען דאָס זעלבע.

די צוגענומענע זענען דאָך געווען גוטע און טייערע חברים מיט וועלכע מ׳האָט זיך צונויפגעלעבט ווי מיט אייגענע: וולאַדימיר איוואַנאָ־וויטש (פאַמיליע־נאָמען געדענק איך נישט) — הויפּט־אינזשענער פון אַרץ־גרובנס אין קריוואָי ראָג. ניקיטאַ פּעטראָוויטש גאַרבאַטאָוו — הויפּט־אינזשענער פון בריקן־זאַוואָד אויף מאַלאַטאָוס נאָמען, וועמען מ׳האָט פאַרגעוואָרפן שרעקלעכע באַשולדיקונגען אין שעדיקן ביים בויען אַ בריק איבערן טייך „וואָלגע" אין יאָר 1933. איוואַן איוואַנאָוויטש אָווערקאָוו — הויפּט־אינזשענער פון כעמישן זאַוואָד אין אונדזער שטאָט. קורץ — הויפּט־בוכהאַלטער פון זאַפּאַראָזשער קאָמביין־זאַוואָד. יחזקעלעוויטש — אינזשע־נער פון כעמישן זאַוואָד אין באַגלעי. קירילאָוו — שטעלפאַרטרעטער פון דירעקטאָר אין „פּעטראָווסקי" זאַוואָד. לעזשיצקי — בריגאַדיר פונעם זעלבן זאַוואָד, אַ פּאָליאַק. די פאַמיליע פון נאָך איינעם האָב איך פאַרגעסן, אָבער כ׳געדענק אים זייער גוט (אינזשענער פון ניקאָפּאָליער זאַוואָד אין זאַפּאַראָזשער געגנט). מיר האָבן געפילט אַז דער אַרויסרוף איז נישט צום גוטן.

ביז אין דער פרי איז דאָך נישט אויסגעקומען מאַטערן זיך.

אין 2 שעה אַרום נאָכן פאַרדעכטיקטן אַרויסרוף, האָט זיך ווידער דערהערט דער זעלביקער רעש אין קאָרידאָר און אַלע אָוועקגענומענע 8 חברים האָט מען צוריק געבראַכט אין קאַמער „מיט די זאַכן". זיי אַלע האָבן אויסגעזען שרעקלעך צעטומלט, מיד און אויסגעלאָשן. ס׳האָט זיך געדאַכט אַז די, עטוואָס גרויע שיינע שעוועליורע האָר פון ניקיטאַ פּעטראָוויטש גאַרבאַטאָוו איז פאַר די 2 שעה אין גאַנצן ווייס געוואָרן. אונדזער פרייד, דערזעענדיק זיי, איז געווען אין לשער, אָבער צי האָט מען געקענט די פרייד איצטער אויסדרוקן? בשום אופן נישט. ס׳האָט זיך געוואָלט אַלעמען אַרומנעמען, דריקן צום האַרצן און אויס־

קושן, ווי מאַכטלאָז, טויב־שטום האָט יעדער פון זיי צוריק פאַרנומען זיין אָרט. אונדז האָט געשראָקן, וואָס ביי קיינעם פון זיי איז נישט געווען קיין שום רייד פון צופרידנקייט בשייכות מיט זייער אומקערן זיך צוריק אין קאַמער. צי האָט מען זיי איבערגעלייענט אַ טויט־אורטייל?

קיין שום דערקלערונגען האָבן אין דער איצטיקער צייט נישט געקענט זיין. מען מוז וואַרטן ביז אין דער פרי. די פרייד איז גרויס וואָס מיר האָבן זוכה געווען זען זיי לעבעדיקע (דערווייל?). קיינער איז שוין נישט געשלאָפן ביז מיר האָבן זיך דערוואַרט דעם „פּאַדיאָם”. אויך האָט זיך זייער שטימונג נישט געענדערט. זיי זענען געבליבן דערשלאָגן. קיינער פון אונדז האָט דערווייל נישט געוואָגט פרעגן ביי עמעצן פון זיי, וואָס איז געשען?

נאָך שפּעטער, נאָכן אומקערן זיך פון דער „פּראָגולקע”, ווען עמעצער האָט שוין באַוויזן פאַר דער צייט עפּעס געוווּיר ווערן — האָט אונדז דער פאַליאַק לעזשיצקי דערציילט:

— מען האָט אונדז אַריינגעפירט אין אַ גרויסן קעלער־צימער פון תפיסה און געהייסן וואַרטן. ערגעץ־ווו פון די ווייטע צימערן הערט זיך אַ טומל, געשרייען, זידלערייען, קרעכצן און אָפּקלאַנגען פון קלעפּ, פאַר־אָרדענונגען „ווייזט אים וואָס הייסט נישט מודה זיין זיך”, „גיב אים איבער אין די הענט פון (אַנרופנדיק אַ נאָמען)”, „פיר אים אָפּ אין קעלער”, „מאַך מיט אים אַ סוף” און פיל אַנדערע פאַראָרדענונגען, וועלכע האָבן אַנגעוואָרפן אַ שרעק. מיר האָבן פאַרשטאַנען אַז דאָס איז נישט פּראָסט. ס׳האָט זיך דערהערט אַן אָפּהילך פון אַ שאָס. נאָך דעם האָט זיך דערהערט אַ נאָענטע באַוועגונג און ס׳זענען אַריינגעקומען צוויי מענטשן אין ווייסע כאַלאַטן ערטערווייז באַפּלעקטע מיט בלוט (אפשר איז דאָס געווען רויטע פאַרב?) און צוגענומען איינעם פון אונדז. דער שאָס האָט אַרויסגערופן טויט־שרעק. מיר האָבן מורא געהאַט אַרויסזאָגן די געדאַנקען איינער פאַרן צווייטן. די קולות ערגעץ־ווו האָבן זיך נאָך מער פאַרשטאַרקט. ס׳האָט זיך דערהערט נאָך אַ שאָס און דאַן איז שוין ביי אונדז קיין שום צווייפל נישט געווען אַז דער גורל איז אַ געחתמעטער. אין אַ קורצער צייט אַרום האָט מען אַרויסגערופן אַ צווייטן און אָפּגעפירט. דאָס האָט נאָך מער באַשטעטיקט, אַז מ׳האָט אונדז געבראַכט אהער צוליבן מאַרדן אונדז”.

ווייטער האָט דער יונגער לעזשיצקי, קוים איינהאַלטנדיק זיך פון געוויין, דערציילט וועגן זייער געזעגענען זיך און אַרומנעמען איינער דעם צווייטן, וועגן אויסקריצן מיט די נעגל געזעגענונגס־ווערטער אויף דער וואַנט... איינער האָט דעם צווייטן געמוטיקט, נישט האָבנדיק אַליין קיין טרייסט. עמעצער האָט נישט אויסגעהאַלטן און אויסגעבראָכן מיט אַ געוויין

און נאָך אים אַ צווייטער מיט אינטערוואַלן פון 5—10 מינוט האָט מען אַלע אַרויסגעפירט ביזן לעצטן.

דער לעצטער — זאָגט לעזשיצקי — בין איך אַרויסגערופן געוואָרן.

— איר פרעגט וואָס איז פאָרגעקומען מיט יעדן פון אונדז?

— אונטערן איינדרוק פון געזעענעם און געהערטן, ציטערנדיק פון פחד, איז יעדער פון אונדז אַריינגעפירט געוואָרן אין אַ צווייט צימער, ווו ס׳האָבן זיך געפונען די אויספאָרשער, וואָס האָבן זיך געוואָרפן אויף אונדז מיט מיאוסע זידלערייען און געפאָדערט פון אונדז אונטערשרייבן די שוין פריִערדיקע פּראָטאָקאָלן (וועלכע זענען בעת די אויספאָרשונגען נישט אונטערגעשריבן געוואָרן), ד. ה. „מודה" זיין זיך, און אויב מ׳האָט זיך אָפגעזאָגט, האָבן די אויספאָרשער געדראָט מיט אַריינפירן אין „יענעם צימער" (אַנווייזנדיק מיטן פינגער אויף דער טיר, פון וואַנען ס׳האָבן זיך געהערט געשרייען און שיסעריי). אין קאַבינעט בין איך געווען איינער פון אונדזער גרופּע — האָט ווייטער לעזשיצקי דערציילט — איך בין שוין נישט אין שטאַנד געווען קעגנשטעלן זיך און אונטערגעשריבן דעם פּראָטאָקאָל. פון דאָרט האָט מען מיך אַראָפּגעפירט אין אַ קעלער־צעלע, ווו אונדזערע חברים זענען געשטאַנען אין איינע שרעק און נישט געקענט קומען צו זיך נאָכן אַדורכגיין דעם זעלבן פּראָצעס. צום סוף, ווי איר זעט שוין, זענען מיר צוריק אָפּגעפירט געוואָרן אין אונדזער 51־טער קאַמער.

אין רעזולטאַט פון דעם בלוטיקן „ספּעקטאַקל" האָבן נאָר 3 פּערזאָן זיך אונטערגעשריבן אויף די צוגעגרייטע פּראָטאָקאָלן, און צווישן זיי אויך דער „עקשן" ניקיטאַ פּעטראָוויטש גאַרבאַטאָוו, וועלכער האָט די גאַנצע צייט איבערגעטראָגן די שווערסטע און ראַפינירטסטע פּייניקונגען, און אויך דער שטענדיק שטילער קורץ האָט דאָס מאָל געחתמעט.

ווי שוין דערמאָנט, איז אויף די צוריקגעקומענע אין אונדזער קאַמער קיין מענטשלעך פּנים נישט געווען. ווו איז אַהינגעקומען דעם „פּעטער קאַסטיעס שטענדיקער שמייכל? דער טראַציקער אָפּטימיזם און דער פיינער הומאָר פון איוואַן איוואַנאָוויטש אַווערקאָוו?

נאָכן אויסהערן די דערציילונג פון אונדזער מיטזיצער און אויסטוישן זיך מיט די מיינונגען — איז שוין פאַר אַלעמען קלאָר געוואָרן די באַ־דייטונג פונעם בייַנאַכטיקן „ספּעקטאַקל", אַז דאָס איז געווען אַן אָרגאַ־ניזירטע אינסצעניזאַציע, כדי אַזוי אַרום ווירקן אויף דער פּסיכיק פון די „עשקנים", וואָס האָבן זיך נישט געוואָלט אונטערגעבן און באַשטעטיקן די שרעקלעכע באַשולדיקונגען. מיט דעם האָבן אונדזערע פּייניקער גע־וואָלט דערווייזן אַז קיין שום עקשנות וועט קיינעם נישט העלפן, מען מוז זיך אונטערגעבן און „צעשפּאַלטן" זיך...

אין אַנהויב פון די פופציקער יאָרן, שוין זייענדיק צוריק אין שטאָט, פון וואַנען מען האָט מיך גענומען „אויף אַ שעה צייט עפּעס אויסצופאַרשן", האָב איך געפונען די שוועסטער פון אומפאַרגעסלעכן ניקיטאַ פּעטראָוויטש גאַרבאַטאָוו, וועלכע האָט געוווינט אויף סאַדאָוועַ גאַס. זי און אויך זיין משפחה האָבן גאַרנישט געוווּסט וועגן אים. זיי האָבן אַלץ געוואַרט אויף זיין אומקערן זיך צוריק אַהיים.

מיט גרויס יראת הכבוד דערמאָן איך די 5 געפייניקטע אומפאַרטייאִשע סאָוועטישע בירגער פון דער 51־טער קאַמער, וואָס האָבן כסדר ערלעך, מיט מסירות נפש, און שטום געראַנגלט זיך אַפילו אונטערן חלף, דורכגייענדיק אַלע שבעה מדורי גיהנום פאַר דער צייט פון זייערע אויספאַרשונגען, פּייניקונגען וועלכע ס׳איז שווער זיך פאַרשטעלן פאַר די, וואָס האָבן אַזעלכעס נישט איבערגעלעבט און נישט געשפּירט עס אויף דער אייגענער הויט. די 5 האָבן מיט די לעצטע כוחות באַשיצט זייער מענטשנערע, נישט אַזוי ווי ס׳האָבן געהאַנדלט אַנדערע, דווקא קאָמוניסטן, פאַרטייטוער און אַפילו גרויסע פאַרטיי־אַנפירער, וועלכע זענען געווען געוואָרן שטרענג אָפּהיטן די סאָציאַליסטישע מאָראַל און אירע יסודות, און אַפילו מוסר נפש זיין זיך אין פאַל פון נויטיקייט.

אין יענער מאָרד־תקופה האָבן זיי, די קאָמוניסטן, תיכף און פון די ערשטע זיך „צעשפּאָלטן", אָן חרפה און בושה, אָנשרייבנדיק אויף זיך כל מיני פאַרברעכנס נאָך ביים באַקומען דעם ערשטן פּאַטש אין פּנים פון אַ „פריש־געבאַקענעם" יונגן אויספאַרשער (אין עלטער פון אַ זון אָדער אייניקל) — דערצויגלינג פון קיִעווער שול פאַר נ.ק.וו.ד־יסטן („ק. ש."), וואָס האָבן „פּראַקטיצירט" אונטער דער אָנפירונג פון אַזאַ אָבער־רוצח און פאַשיסט, ווי עס איז געווען באַגנאָוו ימח שמו וזכרו, פון דער דניעפּראָפּעטראָווסקער נקווד.

אָט טאַקע די „פאַראַנטוואָרטלעכע" און נישט פאַראַנטוואָרטלעכע מיטגלידער פון דער קאָמוניסטישער פאַרטיי, וואָס האָבן נישט געוואָגט קעגנשטעלן זיך אַפילו מיט ווערטער די פאַרברעכערישע טאַטן פון יענעם היסטאָרישן מאָרד־פּעריאָד — זענען אין די לאַגערן געווען געהאַסט דורך דער גרעסטער טייל לאַגערניקעס. מען האָט זיך געמיאוסט מיט זיי האָבן אַ משא ומתן (שטילערהייט פלעגן די אויסוואורפן — „קאָמוניסטן" כאַפּן קלעפּ אויך).

אָט די טאַקע נידערטרעכטיקע, אַזוי גערופענע, קאָמוניסטן האָבן אין לאַגער דערפילט ווי נידעריק זיי זענען געפאַלן, ווען זיי האָבן אַפילו נישט געקענט שרייבן, ווי אַלע אַנדערע, אין די געהעריקע פאַרטיי־ און אַנדערע אינסטאַנצן וועגן איבערקוקן זייערע ענינים. אויף טריט און שריט

האָבן זיי באַגלייט, ווי אַ שטן, זייערע אייגענע חתימות, וואָס זיי האָבן געגעבן אונטער די בילבול־פּראָטאָקאָלן.

סע וויל זיך מיר גלויבן, סע ווילט זיך מיר האָפן, אַז אויב מיינע זכרונות וועלן האָבן ווען ס'איז די זכיה געפּאַרשט צו ווערן דורך מומחים־היסטאָריקער אָן אַ טענדענציעזן צוגאַנג, וועט דאָס אפשר ברענגען כאָטש אַ ביסל נוץ, כדי אַזעלכעס זאָל קיין מאָל, חלילה וחלילה נישט איבער־געחזרט ווערן.

געשריבן אין יאָר 1953

# ווי אַזוי כ'האָב געציילט די שטערן אין הימל?

אין דער 51־טער קאַמער איז טויט־שטיל. ביי אַלעמען — אַ שווערע געדרוקטע שטימונג. דער אָוונט דערנענטערט זיך, כאַטש אין גאַס איז, ווייזט אויס, נאָך ליכטיק. דאָס צווייענדיק־פּאַרקראַטעוועטע פענצטער, פאַרשטעלט פון דרויסן מיטן אייזערנעם דאַשעק (קאָזיראַק) וואַרפט נישט ווייט פון זיך אַ קאַרג און טוסקלע ביסל אָוונט־ליכט. און ווייטער פון פענצטער — אַלץ טונקעלער. און אין אָט דער טונקלעניש — דאָ און דאָרט שעפּטשען זיך איבער די קאַמער־חברים. פאַרבאָרגענע שרעק און דערשלאָגנקייט — אין זייערע רייד. קיינער זעט נישט קיין שום אויס־זיכט, קיינער שפּירט נישט קיין טראָפּן האָפענונג... יעדער איינער איז פאַרטאָן מיט זיינע נישט פריילעכע מחשבות. יעדער איינער מיט זיין אייגן „פּעקל".

מיטן צופאַלן פון דער נאַכט הייבט זיך אָן אין קאַמער אַ באַוועגונג. מען גרייט זיך צו דעם אַרויסרוף אויף די פאַרהערן. נישט יעדער ווייזט אַרויס בולט זיין שווער געמיט, אָבער אַלעמען איז דער צושטאַנד פאַר־שטענדלעך. יעדער איז דאָס דורכגעגאַנגען און איצטער געפינען זיך זייערע „ענינים" אויף פאַרשידענע שטופעס.

עס כאַפּט אַרום אַ מורא פאַר דער צופאַלנדיקער נאַכט. ס'קלאַפּט אַ צאָן אין אַ צאָן. עס פיבערט. אָנגעשטרענגט וואַרט איך אויף צו ווערן אַרויסגערופן אויך היינט. דאָס לייב איז שוין ביי מיר „אויסגעבעט" נאָך פון נעכטן. איך האָב היינט פאַר טאָג, קומענדיק צוריק פון דער אויס־פאַרשונג, נישט געוואָלט זיך באַפרייען פון דער אומאָנגענעמער משא, ווייל די פּראָצעדור פון „אויסבעטן" דאָס לייב איז אַ דויערנדיקע און דאָס ווערט געטאָן מיט דער הילף פון קאַמער־חברים. אַזוי ווי דער פאַרשער האָט מיר צוגעזאָגט היינט צו „פאַרענדיקן" מיט מיר, האָב איך נישט געוואָלט באַפרייען זיך פון די שמאַטעס מיט וועלכע כ'בין געווען אַרומגעוויקלט.

שוין די דריטע נאַכט ווי ער שטופּט מיר אונטערצושרייבן דעם צונויפגעשטעלטן פּראָטאָקאָל וועגן מיין „שפּיאָנאַזש־טעטיקייט" לטובת

פוילן. דעם ערשטן טאָג האָט ער מיך „אהיים" נישט געלאָזט, באַפוילן מיר שטיין ביז מאָרגן אין „מיין ווינקל", איבערגעלזאָזט נעבן מיר אַ שומר און אַליין אַוועק אַהיים.

ס'איז אוממעגלעך געווען אויסצושטיין. די פיס זענען שווער ווי בליי. איך שטעל זיך כסדר איבער און דאָך פאַל איך. פאַר דעם טאָג איז דער וועכטער עטלעכע מאָל אַוועק און איך האָב באַקומען אַ מעגלעכקייט אַביסל צו זיצן. ס'זענען פאַראַן פיל פאַלן ווען פשוטע וועכטער־מיליציאַנערן ווייזן אַרויס מיטגעפיל צו די שטייענדיקע און גייען בכיוון אַביסל אַרויס, כדי געבן אַ מעגלעכקייט דעם געפייניקטן צוזעצן זיך בגניבה.

איך וואָלט שוין אַליין געוואָלט אַז דער פייניקער מיינער, זאָל מיך וואָס גיכער אַרויסרופן. ביי אים אין קאַבינעט ווער איך מער פאַרהאַר־טעוועט און בין בכוח זיך קעגנשטעלן. ווען וועט שוין טאַקע נעמען אַ סוף צו מיינע מאַטערנישן? ווו געפין איך זיך? איך בין דאָך אַליין „געקראָכן אין דער בלאָטע" מיט מיין אייגענעם שטאַרקן און אייזערנעם ווילן צו קומען פון פוילן קיין רוסלאַנד, אין לאַנד פון סאָציאַליזם, אין לאַנד פון יושר און גערעכטיקייט. איך בין דאָך געווען איינער פון די גליקלעכסטע ווען איך האָב געמאַכט די ערשטע טריט אויף דער סאָוועטישער ערד, און וואָס האָט זיך פון דעם אויסגעלאָזט? קיינער קען קיין קלאָרע תשובה מיר נישט געבן, נישט געקוקט דערויף, וואָס אין אונדזער קאַמער נומער 51 געפינען זיך מענטשן פון פאַרשידענע קרייזן — פאַראַנטוואָרטלעכע פאַרטיי־טוער, דאָקטוירים, פעדאַגאָגן, אינזשענערן. יעדן טאָג באַהאַנדלט מען, מען פאַלעמיזירט שטיל, מען פירט דורך מיינונגס־אויסטוישן, מען מאַכט פאַרשידענע אויספירן, אָבער סע קומט נישט קיין ענטפער אויף מיין אַנגעווייטיקטער פראַגע... איך פרעג כסדר: פאַר וואָס פייניקט מען? ווי אַזוי קען דער פאַרשער מאַכן אויף מיר אַזאַ בילבול?

— דערוויַיז מיר — זאָגט מיין אויספאַרשער אָקס — אַז דו ביסט נישט קיין שפּיאָן. ער פאָדערט כסדר אַנטשלאָסן פון מיר אַז איך זאָל אים געבן אַ רשימה פון מיינע קרובים און נאָענטע באַקאַנטע „וועלכע וואָלטן געקענט באַווייזן מיין אומשולדיקייט". איך געדענק שטענדיק וועגן דעם און צו וואָס דאָס וואָלט דערפירט — זיי וואָלטן גלייך געוואָרן די זעלבע קרבנות ווי איך.

פון באַשולדיקונג אין שפּיאָנאַזש לטובת פוילן האָט זיך יאַקובאָוויטשן פון דער 22־טער קאַמער גרינג איינגעגעבן פטור ווערן. ער איז דאָך אַוועק פון פוילן אין די יאָרן פון דער ערשטער וועלט־מלחמה, ווען קיין פוילישע רעגירונג האָט נאָך נישט עקזיסטירט. דעם עם־האַרצישן אויס־פאַרשער אָקס (אָדער דער אָקסן־קאָפּ), ביים צוקלעפּן אים „שפּיאָנאַזש"

לטובת פוילן, איז נישט פעיִק געווען צו נעמען דאָס אין באַטראַכט. דערפאַר טאַקע האָט זיין שעף אים אויסגעזידלט.ביידע נקוודיסטן האָבן אָבער געפינען אַן אויסוועג — שפּיאָנאַזש לטובת פוילן איז פון אים אַראָפּגענומען געוואָרן, אָבער מען האָט אים צוגעקלעפּט אַן אַנדער באַשולדיקונג.

ביי מיר איז די לאַגע ערגער מיט דעם, וואָס איך בין פון פוילן שוין נאָך דעם, ווי די פּוילישע מלוכה איז אַנטשטאַנען און דעריבער זענען ביי מיר אַזעלכע שאַרפע אַרגומענטן נישטאָ.

נעכטן האָט מיין פּאַשיסטישער אויספאָרשער אַקס כסדר זיך געשעפּטשעט מיט זיין קאַבינעט־שכן, דעם נישט ערגערן אַכזר און אינקוויזיטאָר — לעוו נעקריטין (מען האָט אים גערופן „ליאָווא"). כאָטש זייער שעפּטשען איז צו מיר ווייניק דערגאַנגען, און דאָך האָב איך לויט אייניקע אויסדרוקן פאַרשטאַנען אַז דאָס האָט אַ שייכות צו מיר. איך האָב קיין אַכט נישט געלייגט אויף אַזעלכע אויסדרוקן ווי „ציילן די שטערן אין הימל".

— ביז מאָרגן אין אָוונט גיב איך דיר צייט און דאַן וועל איך דיך אַרויסרופן אויף אונטערצושרייבן דעם פּראָטאָקאָל. באַטראַכט גוט און טייל זיך נישט מיט קיינעם אין קאַמער. דערווייל וועט מען דיך אָפּפירן. רו זיך אויס און מאָרגן ביסטו מיין „גאַסט" — מיט דעם האָט ער געענדיקט די נעכטיקע אויספאָרשונג.

די קאַמער־חברים האָבן געוווסט מיין צושטאַנד. מ'האָט מיטגעפילט, אָבער חוץ טרייסט־ווערטער, האָט קיינער מיט גאָרנישט געקענט העלפן.

די נאַכט איז שוין צוגעפאַלן. דאָס ליכט־פּאַסעקל דורך דעם צווייענדיק פאַרקראַטעוועטן פענצטערל מיטן „קאַזיראַק" איז שוין לאַנג פאַרשוווּנדן. די באַוועגונגס־צייט ווען מען הויבט אָן אַרויסרופן אויף אויספאָרשונגען דאַרף זיך שוין אָנהויבן. איך שטיי אין אַנגעטוענער און וואַרט. עטלעכע גוטע ווונטשן פון אַנדערע, האָב איך שוין באַקומען. ס'איז שוין ביי אונדז אין דער 51־טער אַ מנהג געוואָרן, אַז יעדן ווען מען רופט אויף אויספאָרשונג באַגלייט מען מיט ברכות אויף גרינג איבערקומען די נאַכט.

מען פירט מיך אַריין אין 28־טן קאַבינעט צו מיין אַכזר און איך שטעל זיך „אויף מיין אָרט" (אַזוי איז געווען זיין פאַראָרדענונג שוין ביים צווייטן פאַרהער — שטעלן זיך מיטן פּנים צו דער וואַנט און נישט אויסדרייען זיך אַן אַ דערלויבעניש). אַקס האָט מיך צוגערופן צום טיש, געפרעגט ווי אַזוי איך פיל זיך, אַרויסגענומען דעם, שוין באַקאַנטן מיר, פּראָטאָקאָל, וועלכער איז באַשטאַנען פון 2 בויגנס פּאַפּיר אָנגעשריבן מיט זיין עם האַרצישער „קענטעניש" און אונטערגערוקט צום אונטערשרייבן.

ווען איך האָב אים געפרעגט וועגן אינהאַלט, האָט ער מיר גלייך געענטפערט:

— איך האָב אין אים גאָרנישט געענדערט. דאָס איז דער זעלבער, וואָס דו האָסט נעכטן געלייענט.

— ביי מיר האָט זיך אויך גאָרנישט געענדערט פון נעכטן — האָב איך אים געזאָגט — און איך האָב דעם פּראָטאָקאָל אין האַנט נישט גענומען. איך וועל קיין רכילות אויף זיך נישט אונטערשרייבן.

— בליאַד — האָט ער מיט רציחה אויסגעשריגן און אַראָפּגעלאָזט מיר אַ פּאַטש מיטן גאַנצן כוח — דו וועסט ביי מיר בעסער ווערן.

די באַק ברענט און סע שווינדלט פאַר די אויגן.

עס עפנט זיך די טיר און סע קומט אַריין לעוו נעקריטין. ווענדנדיק זיך צו מיר, האָט ער איבערגעגעבן אַ גרוס פון מיין 4 יעריק זונעלע, וועמען ער האָט געזען שפּילנדיק זיך אין הויף מיט אַנדערע קינדער (איך האָב געהאַט די „זכיה" וווינען מיט אים אין איין הויף). איך האָב אים געדאַנקט מיט פאַרשטיקטע טרערן. אַט דעם יינגעלע, אויף זיין פראַגע וווהין איז אַהינגעקומען דער טאַטע? — האָט די מאַמע איינגערעדט אַז דער טאַטע געפינט זיך אין קאָמאַנדירונג. ווי עס האָט מיר שפּעטער דערציילט מיין פרוי — האָבן די קינדער אין הויף אים נאָכגעשריגן אַז זיין טאַטע איז אַ פאַלקס-פיינט און זיצט אין תפיסה.

— ווייזט זיך אַרויס אַז ער איז נישט נאָר אונדזער שונא, נאָר אויך דער שונא פון זיין אייגענער משפּחה — האָט געזאָגט אַקס צו נעקריטינען — אַנשטאָט אַ גרוס פון קינד, דאַרף ער באַקומען אַ קויל אין קאָפּ.

נעקריטין ווענדט זיך מיט אַ פראַגע צו אַקסן (אַנווייזנדיק אויף מיר) צי האָב איך שוין אונטערגעשריבן דעם פּראָטאָקאָל? ווען ער האָט באַקומען אַן ענטפער אַז נישט — האָט ער נאָך אַ מאָל אַ פרעג געטאָן ביי אַקסן:

— איז וואָס זשע וויל ער? אפשר אַהיים?

— ער וויל ציילן די שטערן אין הימל.

איך האָב געזען ווי אין אַקסן ברענט די נכפּה. ער האָט מיך פעסט אַנגענומען ביים אַקסל, צוגעפירט צו דער וואַנט, אויסגעדרייט מיך מיטן פּנים צו זיך, אַליין זיך געשטעלט אין דער זייט און מיטביידע הענט מיך גענומען פאַרן קאָפּ, אים אַפּגעוואָרפן אויף הינטן אַלץ מער און מער ביז; שטיקן זיך, אַנגעשפּאַרט דעם קאָפּ צו דער וואַנט און באַפוילן קוקן אין „הימל" און „ציילן די שטערן". מיינע הענט זענען געהאַנגען פון הינטן. איך בין נאָך געוועזן ביים פולן באַוווסטזיין און ווייס נישט ווי לאַנג איך בין אַזוי געשטאַנען. 2, 3, 5 און אפשר מער מינוט. ס'איז

שווער געווען אויסהאַלטן. אַט פֿאַל איך. כדי אַ ביסעלע זיך פֿאַרגרינגערן האָב איך עטוואָס איינגעבויגן די קני פֿאַרויס און אפשר האָבן זיי זיך אַליין איינגעבויגן? דאַן האָט נעקריטין געכאַפּט פֿון טיש די מעטאַלענע „לינעיקע" (ווירע), אַנגעהויבן קלאַפּן מיט דער שאַרפֿער זייט אין קני, מיט דער כוונה אויסצוגלייכן די פֿיס. דער קאָפּ און דער האַלדז הויבן אָן שרעקלעך צו ווייטיקן. איך שטיק זיך און דאָך האָב איך געפּרוּווט מיט די נאָכהענגענדיקע הענט אויף הינטן, אָנשפּאַרן זיך אַביסל אין דער וואַנט. דאָס האָט טאַקע אַ ביסעלע פֿאַרגרינגערט, אָבער אויך דאָ האָט זיך נעקריטין געכאַפּט און מיט כעס אָפּגעריסן די הענט פֿון דער וואַנט און מיין גאַנצער אָנשפּאַר איז פֿאַרבליבן בלויז אויפֿן, פֿאַרוואַרפֿענעם אויף הינטן, קאָפּ.

— צייל די שטערן אין הימל — הערט זיך פֿון זיי ביידן. אָקס שטייט און גיט אַכטונג איך זאָל דעם קאָפּ נישט אָוועקנעמען פֿון דער וואַנט צושטופּנדיק מיט איין האַנט ביי דער גאָמבע און צוגעבנדיק: דאָ וועל איך דיך דערשטיקן אויב דו וועסט נישט אונטערשרייבן. צייל וויפֿל עס זענען שוין פֿאַראַן שטערן אין הימל — איז ער ממשיך — אַזוי טוט מען ביי אונדז מיט פֿאַלקספֿיינט, וואָס זענען זיך נישט מודה אין זייערע פֿאַר־ברעכנס. עס האָט זיך געלאָזט נאָך עפּעס הערן, אָבער איך בין שוין נישט אין שטאַנד געווען באַנעמען. אין קאָפּ האָט געשווינדלט. אַלץ דרייט זיך, און ווי עס ווייזט אויס — האָב איך פֿאַרלוירן דעם באַוווסטזיין און געפֿאַלן.

איך ווייס נישט ווי לאַנג איך בין געלעגן אויף דער פּאָדלאָגע. ווען איך בין געקומען צו זיך איז שוין נעקריטין אין קאַבינעט נישט געווען. דער ווייטיק אין קאָפּ און אין האַלדז איז געווען גרויס און דער קאָפּ איז געווען פֿאַרוואָרפֿן אויף הינטן. אויסגלייכן האָב איך אים שוין מער נישט געקענט. אָקס האָט מיר געהאָלפֿן אויפֿהויבן זיך און אָוועקזעצן אויפֿן שטול. יעדער פּרוּוו אויסגלייכן דעם קאָפּ האָט אַרויסגערופֿן שטאַרקן ווייטיק. שווער געווען באַנעמען וואָס דאָ איז פֿאַרגעקומען.

אָקס האָט געשפּרייזט איבערן קאַבינעט אַהין און צוריק. איך האָב געזען ווי ער האָט גענומען דעם פּראָטאָקאָל פֿון טיש און אַריינגעלייגט אין טיש־קעסטל. אַלץ האָט געוויינט אין מיר, נאָר איך האָב געשטיקט אין זיך די טרערן. ווען כ'וואָלט דעמאָלט זיך געקענט אויסוויינען בקול רם — וואָלט דאָס זיכער מיך מער באַרויקט, אָבער גלייכצייטיק וואָלט מיין געוויין פֿאַרשאַפֿן דעם אינקוויזיטאָר אָקס פֿאַרגעניגן פֿון מיינע לײַדן. דאָס האָט מיך אָפּגעהאַלטן.

אָקס האָט נישט אויסגעהאַלטן און איבערגעריסן די שטילקייט:

— אויב דו מיינסט מיט דיין עקשנות אויסמײַדן שטראָף, איז וואָרן איך דיך, אַז סײַ ווי סײַ וועסטו דיינס באַקומען.

— איצטער איז ביי מיר שוין קיין ספק נישטאָ — האָב איך געענטפערט — אַז פון אייך קען מען אַלץ דערוואַרטן...

און אַזוי טאַקע — מיט אַ פאַררייסענעם קאָפּ אויף הינטן, האָט מען מיך אַ וואַקלענדיקן אַפּגעפירט אין דורכגאַנגס־צימער — „וואָקזאַל", ווו ס'איז געווען פיל מיט מענטשן, וועלכע האָבן געוואַרט מע זאָל זיי אַרויסרופן צו די אויספאָרשערס. די, וועלכע האָבן נאָך ביז דאַן נישט געוווּסט, וואָס הייסט „שטערן־ציילונג" — האָבן איצטער דערזען דעם רעזולטאַט.

כמעט אַ וואָך צייט האָב איך נישט געקענט אויסגלייכן דעם קאָפּ. שלאָפן האָב איך געקענט נאָר אויף דער זייט. דאָס קישעלע האָט מען איצטער נישט געקענט אונטערלייגן אונטערן קאָפּ נאָר אונטער די לאַפּאַטקעס אַזוי, אַז דער קאָפּ זאָל בלייבן אין אַ הענגענדיקן צושטאַנד, ווייל אַנדערש פלעג דאָס אַרויסרופן שמערצלעכע ווייטיקן. די קאַמער־חברים האָבן מיר אַרויסגעוויזן פיל הילף ביים צופּאַסן זיך צום געלעגער.

אין 3 טעג אַרום נאָך דער „שטערן־ציילונג" האָט מען מיך ווידער אַרויסגערופן צו אַקסן. איך בין נאָך דעמאָלט געווען מיטן פאַרוואַרפענעם קאָפּ אויף הינטן צום סופיט.

— שוין וויפל טעג אַדורך און דו האָסט נאָך אַלץ נישט איבערגעציילט די שטערן אין הימל? לאַנג, לאַנג ציילסטו זיי — מיט אַזאַ ברוך הבא האָט מיך באַגעגנט דער מלאך המות מיינער. ער האָט געקייכט האַבנדיק הנאה פון מיין אויסזען...

ער איז אַרויס פון קאַבינעט און אין עטלעכע מינוט אַרום צוריקגעקומען צוזאַמען מיט זיין שותף נעקריטין, וועלכער האָט, דערזעענדיק מיך, אויך זיך צעלאַכט מיט אַ נאַריש געלעכטערל. ער האָט מיך אַנגענומען ביים קאָפּ, אַריינגעקוקט אין די אויגן און צוגעגעבן:

— האָסט דאָך געקענט דאָס אויסמײַדן ווען דו וואָלסט זיך מודה געווען אין דיין שפּיאָנאַזש־טעטיקייט און אונטערגעשריבן דעם פּראָטאָקאָל.

אויך דאָס איז געווען אַ באַזונדערע פאָרם פון איזדיעקעווען זיך איבער מיר מצד דעם דאָזיקן פאַרשוין נעקריטין (ער לעבט נאָך איצטער אין ראָטנפאַרבאַנד, אין דער שטאָט אַלמאַ־אַטאַ, ווו ער געניסט פון זיינע באַלוינונגען „פאַר באַזונדערע פאַרדינסטן".)

איך בין געווען זיכער אַז דער היינטיקער אַרויסרוף איז געווען ספּעציעל צו זען ווי אַזוי איך פיל זיך אין רעזולטאַט פון זייער אייגנקווויזיטאָרישער „דערפינדונג". זיי זענען דורכגעגאַנגען, ווייס איך, אַ ספּעציעלן אַנאַטאָמיע־קורס צוליב דורכפירן מעטאָדישע פּייניקונגען. אַ באַ־

שטעטיקונג צו דעם, קען זײַן אויך דאָס, וואָס אין סווערדלאָווסקער נקוד־תּפיסה האָב איך באַגעגנט אַן אַרעסטאַנט פון מאַלאַטאָווער געגנט, בײַ וועמענס פאַרשונג מען האָט זיך אויך באַנוצט מיטן מעטאָד פון „ציילן די שטערן אין הימל".

אין 10 — 20 מינוט אַרום האָט אַקס באַפוילן מע זאָל מיך צוריק אָפּפירן אין תּפיסה אין מײַן 51־טער, ווו עס האָבן מיט אומגעדולד געוואַרט אויף מיר מײַנע געטרײַע קאַמער־חברים.

איך פרעג:

צי איז צווישן סטאַלינס לאָורעטן, נישט געווען אויך דער דערפינדער פון דעם „נאָוואַטאָרישן" מעטאָד בײַ אויספאַרשונגען — דאָס „ציילן די שטערן אין הימל" ?

# איך זוך גערעכטיקייט

## (25 יאָר נאָכן „ציילן די שטערן")

יאָרן זענען אַוועק. דאָס לעבן גייט זיך זיין גאַנג. דער קאָשמאַר פון דער אומזיניקער סטאַלין־עפּאָכע, וואָס האָט אָפּגעקאָסט מיליאָנען לעבנס פון אומשולדיקע מענטשן, איז אויך פאַרביי.

די אומגליקלעכע און אין טרויער פאַרבליבענע משפחות, וועלכע וויסן עד היום נישט, פאַר וואָס און אין וועמענס נאָמען האָט מען ביי זייערע אייגענע אָפּגענומען דאָס לעבן, האָבן שוין אויך ביסלעכווייז אָנ־געהויבן פאַרגעסן די נאָענטע, וועלכע זענען צווישן די ווענט פון די נ.ק.וו.ד.־געביידעס, אין זייערע קעלערן און אין די ווייטע מקומות פון צפון און מזרח דערשאָסן און פאַרפייניקט געוואָרן, און זייערע אומבאַ־ווּסטע קברים זיינען צעזייט און צעשפּרייט איבער די מוראדיקע רחבותן פון גאָר דעם לאַנד.

ווען די טויטע קערפּערס פון די אומגעבראַכטע מאַרטירער וואָלטן געגעבן שפּראַצונגען, וואָלטן זיכער פון זיי אויסגעוואַקסן ריזיקע וועלדער אויף די ריזיקע שטחים פונעם גרויסן לאַנד.

פאַר דער צייט האָט אויך אויסגעהויכט זיין נשמה דער „גרויסער פעלקער־פירער" און הויפּט־שעפער פון טאָטאַלן טעראָר און מאַסן־מאָרד. טאָקע אַ דאַנק זיין טויט זענען געראַטעוועט געוואָרן די, וועלכע מען האָט נאָך ביז דאַן נישט באַוויזן דערשיסן און פאַרפייניקן.

די גאָר ווייניקע, וועלכע האָבן על פּי נס איבערגעלעבט אַלע מעג־לעכע נגישות און דערוואַרט זיך די באַפרייונג פון די לאַגערן — קענען נישט פאַרגעסן דאָס אַלץ איבערגעלעבטע. זיי טראָגן אויף זיך און אין זיך בלוטנדיקע סימנים פון יענער תקופה.

ס'איז אמת אַז עפּעס איז געטאָן געוואָרן, כדי פאַרקלענערן די ליידן פון די געטראָפענע. די פּאַרטיי־צוזאַמענפאָרן האָבן פאַראורטיילט דעם מאָרד־פעריאָד, און פאַרזיכערט אַז אַזעלכעס וועט שוין מער נישט געשען, צוגעזאָגט אויספאָרשן, צוציִען צו פאַראַנטוואָרטלעכקייט די שולדיקע אין

ברעכן און פארקריפלען די עלעמענטארע געזעצלעכקייט. וואלטן אַט די באַשלוסן פאַרווירקלעכט געוואָרן און נישט געבליבן אויפן פּאַפּיר, וואָלט דאָס אפשר געווען אַ געוויסע קאָמפּענסירונג פאַר די ליידן. כ'זאָג — אַ געוויסע, ווייל ס'איז נאָך קיינער קיין תחית המתים נישט אויגעשטאַנען און דערפאַר טאָקע קען אין דער פולער מאָס די אַבידה נישט קאָמפּענסירט ווערן.

אויך איך האָב איבערגעלעבט די אומגעהויער שווערע יאָרן און דער־וואַרט זיך צו אויסלייזונג, כאָטש איך פאַרשטיי אַליין נישט ווי אַזוי. אפשר טאָקע נאָר על פּי צופאַל? שווער צו פאַרשטיין די סיבה, ווי אַזוי האָט מיך דער מלאך המות אויסגעמטין. ער איז דאָך ממש נאָך מיר נאָכגעגאַנגען אויף טריט און שריט. צייטנווייז ווען איך דערמאָן זיך און ס'לויפן דורך אין געדאַנק יענע שרעקלעכע יאָרן, דערמאָן איך זיך אין מיינע טייערע פריינד — אחים בצרה, וועלכע האָבן זיך נישט דער־וואַרט אויף פרייהייט — פיל איך זיך ווי אַ שולדיקער מיט דעם, וואָס איך בין יאָ געבליבן ביים לעבן.

25 יאָר נאָך דער באַשולדיקונג האָט מען מיך „רעהאַביליטירט". אַראָפּגענומען דעם „הויקער" פון מיינע פּלייצעס, וועלכן איך האָב שווער געטראָגן אויף זיך, אָפּגעמעקט דעם שוידערלעכן פלעק, וועלכער האָט מיך באַגלייט און געשטערט צו לעבן במשך אַ פערטל יאָרהונדערט. מען האָט מיך אַפילו „באַשמירט" מיט אַ 2־חדשימדיקן געהאַלט אַלס קאָמ־פּענסאַציע פאַר אַלע מיינע אָפּגעזעסענע און פאַרלאָרענע יאָרן...

ווען די באַשטימונגען פון די פּאַרטיי־צוזאַמענפאָרן, וואָס האָבן פאַר־אורטיילט די אומגעזעצלעכע אַרעסטן, פאַרשיקונגען און מערדערייען וואָלטן דורכגעפירט געוואָרן אין לעבן און די שולדיקע וואָלטן צוגעצויגן געוואָרן צו פאַראַנטוואָרטלעכקייט — וואָלט דאָס זיכער געווען אַ באַפרי־דיקונג, נישט נאָר פאַר די וויניקע, וואָס האָבן זיך אומגעקערט פון גיהנום, נאָר אויך פאַר די פאַרבליבענע משפחות פון די דערמאָרדעטע.

דאָס איז נישט קיין טרוים וועגן נקמה. דאָס איז אַ שטרעבונג צו פעסטיקן די גערעכטיקייט, אַז ס'זאָל להבא מער אַזעלכעס נישט פאַר־קומען. ווען די אומגעבראַכטע וואָלטן געקענט רעדן — וואָלט דאָס זיכער געווען זייער איינציקער פאַרלאַנג.

ליידער האָבן מיר ביז איצטער בכלל נישט געהערט וועגן דעם מען זאָל צוציִען צו פאַראַנטוואָרטלעכקייט עמעצן פון די שולדיקע אין די אינקוויזיטאָרישע מעשים פון יענער צייט לגבי אומשולדיקע מענטשן. פאַרקערט — זיי האָבן נישט נאָר אויסגעמיטן די מינדסטע שטראָף אַפילו, נאָר מ'האָט זיי גאָר באַלוינט פאַר זייערע „מעשים טובים". עס

האָט געטראָגן אַ פאַרמאַסקירטן נאָמען: „באַלוינונג פאַר באַזונדערע פאַרדינסטן"... אַ סך פון יענע באַקאַנטע פאַרשאַלטענע נעמען קען מען ביז היינט געפינען אין די אָפיציעלע רשימות פון די באַלוינטע. זיי גע־ניסן פון אַלע פּריווילעגיעס, באַקומען פעטע פּענסיעס און מאַכן נישט שלעכט אויף דער עלטער...

ס'איז ביי מיר קיין שום ספק נישטאָ אַז די מערדער אַליין האָבן אַלץ „פאַרגעסן", און צוריקשמועסנדיק — צוליב וואָס געדענקען? זיי זענען געוויס זיכער, אַז קיינער פון זייערע קרבנות לעבט שוין נישט מער. זיי האָבן דאָך נישט איין מאָל בפירוש דערקלערט דעם קרבן בשעתן פאַרשן, אַז מער וועט ער זיין משפּחה קיין מאָל נישט זען. געוויס איז אַלץ געווען אַזוי פּלאַנירט, אַז קיינער זאָל זיך נישט צוריקקערן.

צי האָבן דאָס אָבער פאַרגעסן די קרבנות, איבער וועלכע די אינק־וויזיטאָרן האָבן זיך איזדיעקעוועט און געפייניקט אין נאָמען פון דער (סאָציאַליסטישער גערעכטיקייט?). צי קענען עס פאַרגעסן די, וועלכע האָבן „געציילט די שטערן"? די, וואָס זענען געווען אין „אינקובאַטאָר"? די, וואָס האָבן זיך געפונען אין דער 63־טער קאַמער און וועלכע מען פלעגט אָפּטראָגן פאַרחלשטע מיט געשוואָלענע פיס אין שפּיטאָל אַריין און אויך פיל אַנדערע, וועלכע זענען דורכגעגאַנגען אינקוויזיטאָרישע פייניקונגען, פון וועלכע די האָר פון קאָפּ שטעלן זיך קאַפּויער?

איך פרעג: צי איז די דערפינדונג פון „ציילן די שטערן" מיט עפּעס מילדער פון דעם יידן־מערדער באָגערס „הוידעלקע", וועגן וועלכער מ'האָט געהערט אויפן פּראָצעס פון די אָשוויענצימער רוצחים? (באַ־שריבן און געוויזן אין צייטונג „פאָלקס־שטימע"). ווי קען מען מאַכן אַ שוויג וועגן די „העלדן" און פאַקטישע מערדער אַקס, נעקריטין, פּראַנטשענקאָ אָדער פּראַנזשענקאָ, בערעזאָווסקי, דעם בריגאַדיר פון דער שלעגער־בריגאַדע באַגנאָוו און אַנדערע?

איך האָב באָגערס „הוידעלקע" נישט געזען און ווייס נישט ווי לאַנג ס'האָט געדויערט דאָס אָפּזיין אויף דער „הוידעלקע" ביז דער מענטש האָט פאַרלוירן זיין באַוווּסטזיין און צי האָט ער בכלל פאַרלוירן? דאָ, ביים „ציילן די שטערן אין הימל" אונטער דער אָנפירונג פון אַקסן און נעקריטינען — האָט עס געדויערט נאָר עטלעכע מינוט.

ס'איז דורך מער ווי אַ פערטל יאָרהונדערט. איצטער בין איך געוויר געוואָרן אַז דער, וועלכער האָט מיך געניט „ציילן די שטערן אין הימל" — דער אינקוויזיטאָר נעקריטין, וואָס האָט אַ מאָל געטראָגן דעם נאָמען „ליאָווקאַ" אָדער „ליאָווקע", און איצטער איז ער געוואָרן לעוו פיליפּאָוויטש, לעבט זיך בשלום ושלוה אין לאַנד, ווייטלעך פון אַרט פון זיינע „מעשים

טובים״ (אין דער שטאָט אַלמאַ אַטאַ, אויף דער גאַס טולענבאַיעוו 65 אָדער 63 (קאַזאַכסטאַנער רעפּובליק). ער איז אַנטלאָפן אַהין, ווייזט אויס, ווייטלעך פון זיינע, מעגלעך פאַרבליבענע קרבנות, פון וועלכע אַ טייל האָבן זיך געקענט אומקערן צוריק און אים דעמאַסקירן.

וויסנדיק אַז אין ראַטן־פאַרבאַנד עקזיסטירט נישט קיין פּאַרעלטע־רונגס־געזעץ, האָב איך, נישט אַלס נקמה, נאָר אויסשליסלעך אין נאָמען פון גערעכטיקייט, אין נאָמען פון דעם, אַז מער זאָלן זיך אַזעלכע שוואַרצע צייטן פון טעראָר נישט אומקערן — אָנגעשריבן אין רעפּובליקאַנער פּאַרטיי־קאָמיטעט (קאַזאַכסטאַן), ווו נעקריטין וווינט, באַשריבן אין קורצן זיין אַניקוויזיציע־מעטאָד פון „ציילן די שטערן״ מיט וועלכע ער האָט מיך פּערזענלעך געפּייניקט. דאָ האָב איך געשריבן גלייך נאָך דעם ווי מען האָט מיך רעהאַביליטירט און דעם „הויקער״ אָראָפּגענומען פון מיינע פּלייצעס, געבעטן אויספאָרשן און צוציִען צו פאַראַנטוואָרטלעכקייט דעם אַכזר נעקריטין פאַר זיינע פאַרברעכנס. כ׳בין זיכער געווען, אַז מיט דעם האָב איך אויסגעפּילט אַ חוב פון אַן אומשולדיקן געליטענעם סאָוועטישן בירגער און מיין ביטע וועט דערגרייכן דעם ציל. איך האָב אויך געבעטן מיך אַרויסרופן בשעת דער ענין וועט באַהאַנדלט ווערן, כדי דעמאָנסטרירן די „דערגרייכטע טעכניק״ און „דערפינדונג״ פון „ציילן די שטערן אין הימל״. (גאַנץ מעגלעך אַז פאַר אַזאַ „דערפינדונג״ זענען אויך געווען באַלוינטע מיט אָרדנס.

אין משך פון צען הדשים איז מיין ביטע דורכגעגאַנגען אַ גאַנצע ריי אינסטאַנצן, וועלכע האָבן מיר געמאָלדן די ערטער און דאַטעס פון ווייטערדיקן איבערשיקן צום אויספאָרשן. ס׳האָט מיך געפרייט די רעאַגירונג און דאָס געבן צו וויסן יעדעס מאָל וועגן גאַנג פון דער אויספאָרשונג, זייענדיק זיכער אַז איך וועל אַרויסגערופן ווערן צו געבן דערקלערונגען.

ענדלעך האָב איך זיך דערוואוסט און בין אַרויסגערופן געוואָרן אין מיין וווינאָרט צום פּראָקוראָר, אָבער נישט אויף געבן באַשטעטיקונגען, נאָר אויף מעלדן מיר, אַז „ס׳איז נישטאָ קיין סמך אויף צוציִען נעקריטינען צו פאַראַנטוואָרטלעכקייט״.

אויף מיין פראַגע דעם פּראָקוראָר: — וואָס וואָלט נעקריטין נאָך באַדאַרפט טאָן, כדי יאָ צוצוציִען ווערן צום גערעכט? צי זענען נישט גענוג די אָנגעוויזענע מעשים תעתועים?!

— מיר איז אייער ענין נישט באַקאַנט. איך האָב נאָר באַקומען אַ פאַראָרדענונג מעלדן אייך וועגן באַשלוס פון דער גענגטלעכער פּראָקוראַטור — איז געווען זיין ענטפער.

ווען איך האָב אים אין קורצן אינפאָרמירט וועגן אינהאַלט פון מיין ביטע — האָט ער מיך אָנגעקוקט און מיט פאַרוווּנדערונג געפרעגט:

— צי איז טאַקע באמת אַזעלכעס פאָרגעקומען?

ס׳איז ביי מיר קיין שום ספק נישט געווען, אַז די פראַגע האָט גע־שטעלט אַ מענטש, וועלכער האָט טאַקע קיין באַגריף נישט געהאַט פון יענע צייטן, און צו אים זענען אַזעלכע זאַכן נאָך נישט דערגאַנגען.

דער פּראָקוראָר איז אַלט געווען אומגעפער 37—40 יאָר, ד. ה. אַז דער מאָרד־פּעריאָד וועגן וועלכן איך שרייב האָט געבושעוועט דאָן, ווען דער פּראָקוראָר איז אַלט געווען 10 אָדער 12 יאָר. צי האָט ער געקענט פון עפּעס וויסן, אויב אַפילו עמעצער פון זיינע אייגענע איז געטראָפן געוואָרן דורך דער טעראָר־מגיפה? מעגלעך אַז אויך אין די שפּעטערדיקע יאָרן האָט אים קיינער נישט אינפאָרמירט וועגן אַזעלכע זאַכן. די עפנט־לעכע פּראָפּאַגאַנדע איז געווען להיפך צו דער „פּראַקטיק" פון באַגנאַווּס באַנדע „פּראַקטיקאַנטן" פון דער קיִעווער נקווד־שול. די אָפיציעלע באַ־לויכטונג (אויב זי איז ערגעץ יאָ געווען) האָט נישט געקענט אַפילו אין דער קלענסטער מאָס אָפּשפּיגלען די שרעקלעכע ווירקלעכקייט, און דע־ריבער קען אפשר דער יונגער פּראָקוראָר נישט וויסן...

אַנאַליזירנדיק דעם באַקומענעם ענטפער פונעם פּראָקוראָר — בין איך געקומען צום אויספיר אַז דעמאָלט ווען דער ענין איז אָנגעקומען אויפן אָרט פון מיין אַרעסט און באַדאַרפט באַטראַכט ווערן, איז טאַקע נעקריטין אַרויסגערופן געוואָרן פון אַלמאַ אַטאַ, ווו ער וווינט איצטער (מען האָט אים אין דער זעלבער צייט געזוכט אין שטאָט), אָבער אויפן אָרט האָט מען געקענט זיך אָנשטויסן אַז די, וואָס פאַרנעמען זיך מיט דער אויספאָרשונג — האָבן געקענט זיין די זעלבע הענקער ווי אָקס, פראַנזשענקאָ, באַגנאַוו און אַנדערע ענלעכע „מיטאַרבעטער" — זיינע אַמאָליקע הברים פון „פּאַק" וועלכע האָבן זיך נישט איין מאָל „דורכ־שפּאַצירט" איבער מיין לייב (נישט אַלע אויספאָרשערס זענען דאָך פאַר דער צייט „צעשמאָלצן" געוואָרן) און אַזאַ אויספאָרשונג איז נישט אין די אינטערעסן פון זיי, ווייל אויך מיט זיי קען פאָרקומען דאָס זעלבע ווען זייערס אַ קרבן וואָלט זיך צוריקגעקערט פון די הרי חושך און געפאָדערט פאָרפירן אַן ענלעכע אויספאָרשונג. אַזאַ אויספיר אַז „ס׳איז נישטאָ קיין סמך אויף צוציִען צו פאַראַנטוואָרטלעכקייט נעקריטינען" האָט געקענט מאַכן פונקט אַזעלכע רוצחים ווי נעקריטין אַליין.

ווען איך האָב זיך נאָך דעם ענטפער באַגעגנט מיט פריינד, מער געביפטע פון מיר אין די ענינים, און צווישן זיי אויך אַן אַדוואָקאַט — האָט מען מיר פּשוט דערקלערט, אַז אויספאָרשן נישט טענדענציעז — הייסט

צוציִען צו פאַראַנטוואָרטלעכקייט און משפטן. צו דעם וועט די נקוּוד קיין מאָל נישט דערלאָזן, ווייל דער איינציקער ענטפער פון די מערדערישע אויספאָרשער אויף צו באַרעכטיקן זייערע „מעשים טובים" וואָלט געקאָנט זיין, אַז זיי האָבן אויסגעפילט די אָנווייזונגען און פאַראָרדענונגען פון זייערע שעפן, ווי סאָלדאַטן, אַזוי ווי עס האָבן געענטפערט די ס.ס.-לייט אויף זייערע פּראָצעסן, ווען מען האָט זיי געמשפּט אין פאַרשידענע ערטער. אָט דאָס טאַקע האָט באַוויגן נישט צו דערלאָזן צוציִען צו פאַראַנטוואָרט־לעכקייט נעקריטינען און פאַרמיידן אַזעלכע פאַקטן פאַר דער עפנטלעכ־קייט — ווי די ענטפערס מצד די געוועזענע פאַרשערס פון נקוּוד.

מיר האָט זיך געדאַכט אַז בעסער וואָלט געווען ווענדן זיך אין דער צייטונג „איזוועסטיע", וועגן וועלכער עס האָבן זיך געהערט פאָזיטיווע אָפּרופן, אַז די צייטונג רעאַגירט ווי געהעריק אויף פאַרשידענע אָנקלאַגעס און באַזונדער אין אַזעלכע פאַלן.

מען דאַרף צוגעבן אַז אין יענע צייטן, נאָכן 22־טן פּאַרטיי־צוזאַמענ־פאָר, פלעגן זיך טרעפן באַזונדערע איינצלנע פאַלן, ווען ערגעץ־ווו האָט מען דאָך געלייגט אַכט אויף אַזעלכע אָנקלאַגעס און פאַרפירט אויספאָר־שונגען (אפשר לפנים ?), אָבער די מערדער זענען מער אָפּגעקומען מיט אַ ביסל שרעק ווי מיט אַ שטראָף. אין ערגסטן פאַל האָט מען עמעצן באַזייטיקט פון דער אַרבעט און איבערגעפירט אויף אַן אַנדער אָרט. אָפיציעל האָב איך וועגן דעם אין ערגעץ נישט געלייענט. גאַנץ מעגלעך אַז דאָס זענען געווען בלויז קלאַנגען.

עס זענען געווען פאַקטן ווען רעהאַביליטירטע קרבנות, נאָכן אָפּזיין יאָרן שטראָף אין די לאַגערן און באַגעגנדיק זייערע פּייניקער — האָבן זיי „מכבד" געווען מיט קלעפּ (אין דער שטאָט ריאַזאַן). דער שלעגער איז טאַקע צוגעצויגן געוואָרן צו פאַראַנטוואָרטלעכקייט פאַר „כוליגאַניזם", אָבער צו קיין משפט איז נישט דערלאָזט געוואָרן, כדי עס זאָל צו דער עפנטלעכקייט נישט דערגיין.

איך האָב זיך געווענדעט אין דער צייטונג „איזוועסטיע" מיט אַ קאָפּיע פון מיין ביטע, געבעטן העלפן, דערקלערט די סיבה, וועלכע האָט מיר געצוווּנגען ווענדן זיך צו זיי.

איך האָב גלייך באַקומען אַן ענטפער אַז די ביטע איז איבערגעשיקט געוואָרן אַהין, פון וואַנען איך האָב שוין באַקומען דעם באַוווּסטן ענטפער אַז „ס'איז נישטאָ קיין סמך אויף צוציִען צו פאַראַנטוואָרטלעכקייט" אָבער מיט דעם אונטערשייד, אַז דאָס פאָדערט די רעדאַקציע אַן ענטפער וועגן די רעזולטאַטן און אויך מיר געבן וועגן דעם צו וויסן.

דאָס האָט מיך ווייטער אַ ביסעלע באַרויקט, ווייל אויב לגבי מיר

האָט געקענט זיין אַ טענדענציעזער ענטפער — ווען זיי, אַזוי האָב איך געקלערט, נישט קענען ענטפערן אַזוי דער רעדאַקציע, און דעריבער וועט מיין ביטע גענומען ווערן אין אַכט און וועלן געצוווּנגען זיין רעאַגירן אויף דער ביטע ווי געהעריק.

איך האָב ווייטער מיט אומגעדולד געוואַרט אויף ענטפער טעג, וואָכן, חדשים און שוין אויך יאָרן, נאָך וועלכע מיין אומגעדולד, די האָפענונג, צוזאַמען מיטן ענטפער זענען אין גאַנצן אַנטרונען און איך וועל שוין זיכער קיין ענטפער קיין מאָל נישט באַקומען...

אַט דאָס איז דער טרויעריקער סך הכל פון מיין אונטערנעמונג צו געפינען גערעכטיקייט אין מיין סאָוועטיש לאַנד, ביי מיינע ברידער, צו וועלכע איך בין געלאָפן טריי אָפּגעבן אַ האַלבן יאָרהונדערט אַרבעט און לעבן.

**געשריבן אין יאָר 1966**

# אויך די שעפן העלפן

אויף איינעם פון די פאַרהערן ביי אָקסן, האָב איך אים פשוט נישט דערקענט. אין דעם טאָג האָט ער, דער וואָלף, פלוצעם אַנטפּלעקט זיך פאַר מיר אין אַ שעפּסענער פעל. ער איז געווען איידל, מילד, געהייסן מיר זיך זעצן. געפרעגט צי בין איך נישט קיין הונגעריקער? וואָס הערט זיך אין דער קאַמער? און ענדלעך: צי האָב איך שוין געענדערט מיין שטעלונג, אָדער איך האָב טאַקע באַשלאָסן ממשיך זיין מיין עקשנות? איך האָב זיך דערמאָנט דאָס יידישע שפּריכוואָרט „ער איז געוואָרן ווייך כאָטש לייג אים צו אַ מכה".

פאַרפּירנדיק דעם שמועס, האָט ער זיך באַמיט אויסמיידן זיינע וווּלגאַרע און גראָבע באַליידיקונגס-ווערטער, צו וועלכע ער האָט זיך שוין אַזוי צוגעוווינט. מע האָט בפועל ממש געשפּירט, ווי ס'קומט אים אָן שווער די דאָזיקע „איידלקייט" זיינע... ער האָט מיר מיט גוטן גע־פּרווט „דערוויַיזן" אַז מיין עקשנות איז נאָר „צום לעמפּל" (אַן אַנדערש מאָל דריקט ער זיך אויס אַז דאָס איז „נאָר צום הינטן") און אַז איך דאַרף „איין מאָל פאַר אַלע מאָל פאַרשטיין" די נויטווענדיקייט פון אונטערשרייבן דעם פּראָטאָקאָל און אַז „איך בין נישט איינער". איך דאַרף — זאָגט ער ווייטער— אויפהערן קלערן פון גיך קומען אַהיים צו דער משפּחה. דער פאַקט — איז ער ממשיך — וואָס איך בין אַרעסטירט, באַשטעטיקט שוין מיין שולד, ווייל „קיין אומשולדיקע אַרעסטירן מיר נישט". אויב — דער־מאָנט ער — איך קלער יאָ וועגן קומען אַ היים, איז נאָר דורך „מודה" זיין זיך אין מיין שולד און אונטערשרייבן דעם פּראָטאָקאָל אָן שום ווידערשטאַנד, אָפּזיין אין תפיסה אָדער אין לאַגער, דאָרטן אויפן אָרט באַווייזן מיין איבערגעגעבנקייט צו דער מלוכה מיט ערלעכער אַרבעט און נאָך דעם וועל איך באַקומען דאָס רעכט אומקערן זיך אַ היים.

אויב — האָט ער ממשיך געווען — איך וועל זיינע רייד נישט וועלן פאַרשטיין, וועט דאָס באַווייזן, אַז איך בין אַן אמתער פאַלקס-פיינט און דאַן וועט מען מיך מאַכן „מיט אַ קאָפּ נידעריקער" (זיין אָפּטער אויסדרוק) אפילו אין דעם פאַל, ווען איך וועל גאַרנישט אונטערשרייבן. אָקס האָט

געפּרוּווט דערווייזן אַז זיין ברוטאַלע באַציונג צו מיר און דאָס פּייניקן די גאַנצע צייט בעת די פאַרהערן, איז בלויז אַ דאַנק מיר אַליין צוליב מיין אייגעשפּאַרטקייט, וואָס פאַרנעמט ביי אים פיל צייט, פאַרהאַלט אים דאָס פאַרענדיקן די אויספאָרשונג פון זיין גרופּע באַשולדיקטע און דאָס פאַרשאַפט אים אומאַנגענעמלעכקייטן.

ער האָט זיך אויך באַמיט דערווייזן אַז זיין באַציונג צו מיר, אין פאַרגלייך מיט דער באַהאַנדלונג פון אַנדערע אויספאָרשער מיט זייערע עקשנים, איז אַ מילדע און דערפאַר טאַקע נוץ איך אויס זיין „גוטע באַציונג״ און שפּאַר זיך איין „ווי אַ ביק״. סיי ווי סיי — זאָגט ער — וועט מען מיין עקשנות ברעכן ווען מע וועט מיך צו אַן אַנדער אויספאָרשער איבער־געבן — צו איינעם אַ פראַנטשענקאָ (דער לעצטער האָט געשמט אַלס גאָר אַ גרויסער אַכזר) און אויב מיר ווילט זיך נישט אַריינפאַלן אין יענעמס הענט — דאַרף איך אונטערשרייבן און דאַן... וועט ער, אָקס, אַליין זיך שוין באַמיִען אַז מיין שטראָף זאָל זיין וואָס מילדער. נאָר אַזוי אַרום — זאָגט ער — וועל איך קענען צוריקקערן זיך צו דער מוטער, פרוי און קינדער.

ווען איך האָב אים דערקלערט אַז שרעקן מיך מיט פראַנטשענקאָ איז נישטאָ וואָס, ווייל ערגער פון זיינע אייגענע פּייניקונגס־מעטאָדן איז שווער אויסצוטראַכטן, און אַז זייענדיק אויף דער פריי, איז נישט מעגלעך געווען זיך פאַרשטעלן אַז מע קען אַזוי מאַטערן אומשולדיקע מענטשן, אין די וועגט פון אַן אַנשטאַלט, וואָס איז באַרופן צו פירן אַ קאַמף פאַר גערעכטיקייט און אַז די געפּייניקטע, וועלכע האָבן ביי זיך געגוג מוט, טוען גוט ווען זיי ענדיקן מיט זעלבסטמאָרד בעת די פאַרהערן, אַרויס־שפּרינגענדיק דורך די הויכשטאָקיקע פענצטער פון דער נקוד־געביידע, שניידן זיך איבער די אָדערן (דאָס האָט געטאָן ה׳ ליפשיץ פון שטאַטישן געזונטהייטס־אָפּטייל) און אַז ווען איך וואָלט געהאַט גענוג מוט — וואָלט איך אויך באַדאַרפט דאָס טאָן.

מיין מער דרייסטע דערקלערונג אויף וועלכע ער האָט זיך נישט גערעכט (ווייל אין מערסטן טייל האָב איך איבערגעטראָגן אַלע ווייטיק־לעכע פּייניקונגען שטיל, אַנשטרענגענדיק אַלע מיינע כוחות). אָקס האָט קיין מאָל נישט געקענט איבערטראָגן קיין ענטפערס וועלכע זענען, לויט זיין מיינונג „צו חוצפּהדיק״ און דערפאַר האָט זיך זיין צאָרן, אַלץ מער און מער צעפלאַקערט. ער האָט אָנגעהויבן ליאַרעמען נישט מיט זיין קול:

— „נאָר פאַר דעם, וואָס דו האָסט נאָר וואָס דערמאָנט, קומט דיר אַ שטרענגע שטראָף און איך וועל זיך באַמיִען אַז אַזאָ רכילות און פּראָ־וואָקאַציע, ווי דו דערלויבסט זיך — זאָל נישט פאַרביי „אומבאַשטראָפט״.

ער האָט באַפֿוילן גלייך זיך אויפֿהויבן, צוגיין צום ווינקל און שטעלן זיך צו דער וואַנט „אויף מיין אָרט" צו וועלכן איך בין שוין געווען צוגעוווינט אַ סך טעג און נעכט.

— רכילות — שרייט ער ווייטער — איז דאָס, וואָס דו האָסט געזאָגט אַז מען אַרעסטירט אומשולדיקע מענטשן און פּראָוואָקאַציע, ווי דו דערלויבסט זיך — הייסט פֿאַרשפּרייטן קלאַנגען וועגן זעלבסטמאָרדן.

דאָ האָט ער תיכּף געפֿאָדערט איך זאָל אים זאָגן ווער עס האָט מיר דערציילט וועפֿן זעלבסטמאָרדן. פֿאַרשטייט זיך אַז איך האָב אים נישט געטאָרט דערמאָנען, אַז מיר ווייסן דורכן „וואָקזאַל" און מיט דער הילף פֿון דורכקלאַפּן זיך אין די ווענט און וואַרעם־באַטארייעס.

איך בין געשטאַנען מיטן פּנים צו דער וואַנט — „אויף מיין אָרט" קוקנדיק אויף דעם פֿאַרבלוטיקטן אָרט, און געקלערט וויפֿל קעפּ זענען דאָ צעהרגעט געוואָרן ביים פֿאַרבלוטיקן די וואַנט און אָפּשלאָגן דעם קאַלך... אָקס האָט נערוועז געשפּאַנט איבערן קאַבינעט און כּסדר איבערגעחזרט אַז מען דאַרף ליקווידירן אַזעלכע שפּיאָנען און קאָנטררעוואָלוציאָנערן ווי איך.

שטייענדיק אין ווינקל האָב איך געטראַכט און ס'איז מיר פּשוט נישט פֿאַרשטענדלעך געווען פֿאַלגענדעס: נאָך וואָס דאַרף דער אויסוווּרף אָקס מיין אונטערשריפֿט? צי האָט דאָס פֿאַר אים אַ וועלכע ס'איז באַדייטונג? צי האָט ער דען שוין לאַנג נישט געקענט ענדיקן מיט מיין פֿאַרצויגענעם „ענין" אָן דער אונטערשריפֿט? צי בין איך דען איינער, וואָס שרייבט נישט אונטער די אויסגעטראַכטע באַשולדיקונגען? פֿיל האָבן דאָך באַקומען זייער „פּסק" אָן אונטערשריפֿטן (איך האָב געפֿילט אַז דאָס וועט זיכער אויך געשען מיט מיר). נאָך וואָס מאַטערט ער מיך און אויך זיך? די כּוחות ווערן ביי מיר אויסגעשעפּט. איך ווער פֿון טאָג צו טאָג אַלץ שוואַכער. די פֿיס זענען געשוואָלן פֿון כּסדרדיקן שטיין אויף זיי. איצטער האָב איך שוין מער פֿאַרשטאַנען און געגלויבט אַז נאָך דעם טרויעריקן קאַפּיטל פֿון פּייניקונגס־ציקל — וועל איך מער מיין משפּחה קיין מאָל נישט זען...

די טיר פֿון קאַבינעט האָט זיך געעפֿנט און ס'זענען אַריין 2 שעפֿן פֿון באַזונדערע אויספֿאַרשונגס־אָפּטיילן — אומאַנסקי און בערעזאָווסקי (בײדע יידן). זיי האָבן אַ שאַרפֿן קוק געגעבן אויף מיר און בערעזאָווסקי האָט זיך געווענדעט צו מיין אַכזר אָקס, פֿאַר וואָס ער ענדיקט נישט מיט מיר און ווי לאַנג איז דער שיִער? גיב אונדז — זאָגט ער ווייטער — אַ ראַפּאָרט און מיר וועלן דערלויבן אַ סוף מאַכן מיט אים.

— ער פֿאַרנעמט זיך נאָר מיט רכילות און פּראָוואָקאַציעס קעגן

אונדז, כאָווער נאַטשאַלניק, באַהויפּטנדיק אַז מיר אַרעסטירן אומשולדיקע מענטשן און אַז מען באַגייט זעלבסטמאָרדן — האָט זיך פאַרקלאָגט אַקס — מען דאַרף צו אים אָנווענדן די פּאַראַרדענונג (ער האָט אָנגערופן דערביי אַ דאַטע גאַנץ מעגלעך אַן אויסגעטראַכטע, אויסגעזויגן פון פינגער...)

בערעזאָווסקי איז צוגעגאַנגען צו מיר נאָענט, אַריינגעקוקט אין די אויגן, שטשורנדיק מיט די ציין ווי אַ הונט, וואָס קלייבט זיך אַרויפוואַרפן אויף אַ מענטש, אַראָפּגעריסן דיברילן פון דער נאָז, אַ שליידער געטאָן אויף דער פּאָדלאָגע און צוגעגעבן: — מיר וועלן דיר, געאירטע נשמה, ווייזן ווי אַזוי אונדז פּראָוואָצירן און פאַרשפּרייטן רכילותדיקע קלאָנגען.

איך האָב אויפגעהויבן די ברילן אין וועלכע איין גלעזל האָט זיך צעבראָכן און צוריק זיך געשטעלט „אויף מיין אָרט".

נאָך אַ 10—15 מינוט האָבן די שעפן געשמועסט מיט אַקסן אויף אַ טעמע, וואָס האָט צו מיר קיין שייכות נישט געהאַט און געקליבן זיך אַרויסגיין.

ביים סאַמע אַרויסגאַנג, ווו איך בין נישט ווייט געשטאַנען, נישט ריכטנדיק זיך אויף פּעטש מצד די שעפן אָדער אַקסן — האָט מיך פּריטש־מעליעט אַ מוראַדיקער קלאַפּ אין קאַרק. ס'האָט זיך מיר פאַרדרייט דער קאָפּ און, נאָך אַ ווײַלע, וואַקלענדיק זיך אויף די פיס, בין איך אומגעפאַלן.

ליגנדיק אויף דער פּאָדלאָגע (כ'ווייס נישט ווי לאַנג), בין איך גע־קומען צו זיך און פאַרשטאַנען אַז עמעצער פון די 2 שעפן (ביידע געזונטע און קרעפּטיקע) האָבן מיר ביים אַרויסגאַנג „מכבד" געווען, אָבער נישט געוווּסט ווער פון זיי. דער קאָפּ האָט שרעקלעך ווײ געטאָן.

אַקס האָט מיר באַפוילן אויפשטיין און זעצן זיך. ער האָט עפּעס געשריבן. איך בין געווען זיכער אַז ער שרייבט אַ ראַפּאָרט צו זיינע רוצחישע שעפן.

אַפּזיצנדיק אַ ביסל אויפן בענקל, האָט זיך געעפנט די טיר און ס'האָט זיך באַוויזן דער אמתער „מייסטער" און „פּיורער" פון דער שלעגער־בריגאַדע באַגנאָוו (פּריִער דערמאָנט) און ווינקנדיק אַ פרעג געטאָן ביי אַקסן צי איז נישט נויטיק די „הילף" פון זיין גרופּע? אַקס האָט אים געענטפערט אַז בערעזאָווסקי האָט אים שוין „געגעבן" ווי עס דאַרף צו זיין און ער וועט דאָס אויף לאַנג פאַרגעדענקען".

אַקס האָט אמת געזאָגט. ער האָט געגוי געוווּסט וועלכן קלאַפּ מען געדענקט לאַנג (זיי זענען דורכגעגאַנגען אַ ספּעציעלן קורס). עטלעכע טעג האָב איך דעם קלאַפּ גוט געפילט (אמת, אַ ביסל גרינגער ווי ביים „ציילן די שטערן אין הימל"). ס'האָבן דערציילט אין „וואָקזאַל" די, וואָס האָבן אויך „זוכה" געווען צו „כאַפּן" ענלעכע קלעפּ, אַז דאָס איז געגעבן

געוואָרן מיט דער דלאָניע פון האַנט פון דעם פעסט געבויטן און געזונטן בערעזאָווסקי.

אויב איך בין ביז דעמאָלט געווען זיכער, אַז די שעפן „אליין" בשאָמוצן נישט זייערע הענט מיט אַזאַ „ריינער" אַרבעט און טוען דאָס נאָר דורך באַפעלן צו די אויספאַרשער — האָט דער היינטיקער פאַל — מיך איבערצייגט אַז כ'האָב זיך טועה געווען.

# די נייע באַשולדיקונג

מען האָט מיך אַריינגערופן אין 28־טן קאַבינעט, ווו ער האָט שוין אויף מיר געוואַרט מיט אַ ציניש שמייכעלע. איך האָב זיך געשטעלט „אויף מיין אָרט" מיטן פּנים צו דער פאַרבלוטיקטער וואַנט.

נאָך זיין גיפטיקער פראַגע, ווי אַזוי איך פיל זיך נאָך דער נעכטיקער נאַכט, און מיין ענטפער „אַזוי ווי אין אַלע נעכט נאָך אַ באַזוך ביי אים" — האָט ער אָנגעהויבן:

— היינט וועט זיך דיר שוין נישט איינגעבן אַרויסדרייען זיך מיט אַן אָנשטעל פון אַן אומשולדיק און בידנע שעפעלע. די היינטיקע באַווייזן דערציילן שוין גענוי, ווער דו ביסט, אין וואָס איז באַשטאַנען דיין אויפגאַבע, וואָס דו האָסט באַקומען פון אייער טעראָריסטישן צענטער. היינט וועסטו שוין מיר אַלץ דערציילן. אַ דאַנק דער איבערגעגעבנקייט פון פּאַטריאָטישע איינוווינער פון אייער הויף, האָט זיך מיר איינגעגעבן איצטער פעסט־שטעלן, מיט וואָס פאַר אַ טעטיקייט דו האָסט זיך פאַרנומען די גאַנצע צייט. פאַר אונדז האָסטו זיך פאַרגעשטעלט ווי אַן אומשולדיקער קרבן, וועלכן מ׳האָט אומזיסט אַרעסטירט און מען מאַטערט אים „נעבעך". צו וועלכן טייוול וואָלטן מיר דיך באַדאַרפט, ווען דו וואָלסט קיין שולדיקער נישט געווען?

— דו זאָלסט איין מאָל פאַר אַלע מאָל וויסן — איז ער ווייטער ממשיך — אַז אונדזערע אָרגאַנען נעמען נישט צו קיין מענטשן אומזיסט. מיר אַרעסטירן נאָר דאַן, ווען מיר האָבן באַווייזן פון זיינע פאַרברעכנס.

ער האָט באַפוילן מיר אויסדרייען זיך, צוגיין נעענטער צום טיש און איינקוקן זיך. איך קוק זיך צו אַלץ נעענטער און נעענטער. אויפן טיש זענען געלעגן צוויי אַלטע, ערטערווייז פאַרזשאַווערטע ביקסן מיט אָפּגע־שניטענע רערן („אָברעזן"). איך האָב זיך נאָך אַ מאָל איינגעקוקט מיט מיינע קורצזיכטיקע אויגן און אַבסאָלוט גאָר נישט ניט פאַרשטאַנען.

— וואָס קוקסטו זיך אַזוי איין? — פרעגט מיך מיין אויספאָרשער אָקס — דו דערקענסט זיי נישט? פאַר וואָס מאַכסטו זיך תמעוואַטע, גלייך ווי זיי וואָלטן נישט דיינע געווען? דאָס האָבן מיר דאָך געפונען

ביי דיר אויפן בוידעם, און אָט וואָס דיינע שכנים דערציילן: (ער נעמט אַרויס אַ פּאַפּיר פון אַ זייער גראָבער „פּאַפּקע״, צוגעבנדיק דערביי, אַז דאָס איז מיין „ענין״ אין וועלכן ס׳איז באַלויכטן מיין גאַנצע פיינטלעכע קאָנטררעוואָלוציאָנערע ציוניסטישע און שעדלעכע טעטיקייט פאַר אַלע יאָרן אין לאַנד און לייענט מיר פאָר:

„מיר, שכנים פון פאָלקס־פיינד נ... וועלכע וווינען אין זעלבן הויף אויפן פּראָספּעקט אויפן נאָמען פון קאַרל מאַרקס, באַשטעטיקן אַז זינט אַ לענגערער צייט האָבן מיר באַמערקט, אַז נ... גייט אָפט אויפן בוידעם אין הויז ווו מיר וווינען און האָט נישט, לויט אונדזער מיינונג, וואָס דאָרט צו טאָן. אין אָנפאַנג — לייענט ער ווייטער — האָט דאָס קיין פאַרדאַכט ביי אונדז נישט אַרויסגערופן, אָבער איצטער פאַרשטייען מיר, אַז די סיבה פונעם אָפטן באַזוכן דעם בוידעם איז געווען דאָס באַהעל־טעניש פונעם געווער״. דערנאָך גייען אונטערשריפטן, וועלכע איך האָב נישט געזען ביי אים אויף דער ליסטע. ער האָט אויסגערעכנט אַלע שכנים, וואָס האָבן געוווינט אויפן ערשטן, צווייטן און דריטן שטאָק פון אונדזער בלאָק.

איך בין געשטאַנען און נישט געקענט אין אָנפאַנג באַגרייפן דאָס אַלץ. איך האָב אָנגעהויבן גלויבן, אַז די שכנים האָבן געקענט דאָס אונטער־שרייבן אַ דאַנק דער הערשנדיקער דעמאָלט שפּאַנונג און אַלגעמיינעם פּחד אויף דער פריי, און אויך אונטערן דרוק און שאַנטאַזש פון אויספאָרשער לעוו נעקריטין, וועלכער האָט אויך געוווינט אין זעלבן הויף און אָפט געהאָלפן מיין אויספאָרשער אָקס „אַרויסשלאָגן״ פון מיר אָנערקענונגען.

נאָכן אָנוועקלייגן די דאָזיקע „באַשטעטיקונג״ אין דער דיקער „פּאַפּקע״ מיטן „ענין״ האָט ער אָנגעהויבן לייענען זיין, שוין פון פריִער צונויפ־געשטעלטן פּראָטאָקאָל אין וועלכן אַלץ איז געווען פאַרשריבן גענוי מיט אַלע דעטאַלן. ער האָט נאָר געפאָדערט דאָס, וואָס מען דאַרף „דער־גענצן״, צ. ב.:

1. פון ווען אָן בין איך אַ מיטגליד אין דער טעראָריסטישער אָר־גאַניזאַציע?
2. ווער האָט מיך ווערבירט?
3. ווער האָט מיר געגעבן באַהאַלטן די ביקסן?
4. וועמען האָב איך געהאַט בדעה צו דערמאָרדן?
5. ווער נאָך זענען מיטגלידער אין דער זעלבער טעראָריסטישער גרופּע?... און פאַרשטייט זיך, נאָכן אויספילן אַלע ענטפערס — נאָר אונטערשרייבן דעם פּראָטאָקאָל און.. מער גאָר נישט.

איך וויל דערביי צוגעבן:

ביז דאַן בין איך שוין אָפּגעזעסן אין דער 51־טער קאַמער כּמעט 2 חדשים. פאַר דער צייט דורכגעמאַכט, ווי שוין דערמאָנט, מער ווי 10 פאַרהערן פון וועלכע נאָר צוויי זענען אַדורך אָן פייניקונגען. איך האָב געהאַט געשוואָלענע פיס פון שטיין גאַנצע שעהען, טעג, נעכט און אפילו מעת לעתן, געהאַט שרעקלעכע ווייטיקן אויך אין אַנדערע ערטער פון מיין קערפּער, אַ דאַנק די ראַפינירטסטע מעטאָדן פון פייניקן, מיט וועלכע סטאַלינס אויספאָרשער האָבן זיך באַנוצט. נאָך דער „שטערן־ציילונג" בין איך אַ וואָך צייט אַרומגעגאַנגען אין גרויסע ווייטיקן מיט אַ פאַר־וואָרפענעם קאָפּ אויף הינטן נישט קענענדיק אים אויסגלייכן. אין די לעצטע טעג פון אָקטאָבער חודש, בין איך אַ פולע וואָך יעדן טאָג אַרויס־גערופן געוואָרן אויף שווערע פאַרהערן (אפילו שבת ביי נאַכט און זונטיק). צייטנווייז האָב איך נישט פאַרשטאַנען מיט וועלכן כוח איך האַלט אויס און לעב. פאַר דער צייט בין איך שוין באַשולדיקט געוואָרן אין אַ סך פונקטן פון דעם פאַרשאָלטענעם 58־טן פאַראַגראַף — שפּיאָנאַזש לטובת פוילן, שעדיקעריי ביי מיין זאָאָטעכנישער אַרבעט, אַגיטאַציע, ציוניזם (צוליב די געפונענע בריוו פון מיינע קרובים אין ארץ ישראל, וועלכע האָבן דאָרטן געוווינט פון די צוואַנציקער יאָרן און ווינען איצטער אויך) און אויך צוליב דער נאָענטער באַקאַנטשאַפט מיט מיין חבר משה צילאוו (פון האָמעל), וועלכער איז מיט אַ צייט צוריק געקומען צו אונדז, גע־אַרבעט ביי אונדז אין „געזערד", ביי אונדז אַרעסטירט געוואָרן אַלס ציוניסט און נישט לאַנג צוריק דערשאָסן געוואָרן. איך האָב זיך געפונען אין דער רשימה פון זיינע באַקאַנטע, וועלכע ער האָט, ווייזט אויס, אָנ־געוויזן בשעת דער אויספאָרשונג (וועגן אים באַזונדער).

עס האָט זיך מיר געדאַכט אַז מער איז שוין נישטאָ קיין פונקטן אין דעם 58־טן פאַראַגראַף אויף צו באַשולדיקן מיך, און דאָ האָט זיך פּלוצעם אַרויסגעוויזן אַז דער פונקט נומער 8 (טעראָר) האָט זיך נאָר פאַרפעלט און „וואַרט" אויף מיר.

ער וויל נישט מער — טראַכט איך זיך — דער אויסוווּרף־אויספאָר־שער, אַחוץ מיין אונטערשריפט. ער וויל — זאָגט ער — פאַרגרינגערן מיין גורל. ער ווייסט — פּלאַפּלט ער ווייטער אָן חרפה און בושה — „אַז איך בין אַריינגעצויגן געוואָרן אין דער טעראָריסטישער אָרגאַניזאַציע אָן אומשולדיקער". ווי עקלהאַפט דאָס איז. ממש שווידערלעך. ער זאָגט אפילו צו (אָקס), אַז אין פאַל ווען איך וועל אונטערשרייבן דעם פּראָטאָקאָל, וועט ער אַליין בעטן דאָס געריכט געבן מיר אַ קלענערע שטראָף, כּדי איך זאָל האָבן אַ מעגלעכקייט פריִער אומקערן זיך צו מיין משפחה, פון וועלכער איך בין אָפּגעריסן געוואָרן „נישט צוליב מיין שולד", נאָר צוליב

דעם „וואָס ביי מיר איז נישט געווען קיין מוט זיך אָפּזאָגן פון טעראָריס־טישע אויפגאַבן" און „כ'האָב נישט געמאָלדן אַז עס עקזיסטירט אַזאַ אָרגאַניזאַציע".

אָקס איז ממשיך: — מיט דעם וואָלט איר באַוויזן אייער איבער־געגעבנקייט דער ראַטנמאַכט און ביים אַרויסטראָגן דעם אורטייל, „וואָלטן זיי דאָס געגומען אין אַכט". ווייזט זיך גאָר אַרויס אַז אָקס איז מיין „בעסטער פריינד" און איז באַאומרויקט פאַר מיין ביטערן גורל.

רבונו של עולם! וואָס קומט דאָ פאָר? ווו בין איך? צי איז דאָס נישט מער ווי אַ שרעקלעכער חלום? צי איז טאַקע שוין נישטאָ קיין שום גערעכטיקייט? אויב יאָ, איז ווו זאָל איך דאָס זוכן?

ניין! און נאָך אַ מאָל ניין! — ווי ביז איצטער, האָב איך באַשלאָסן קיין שום ענטפער נישט געבן דעם מנוול און קיין שום אונטערשריפט. זאָל ער ווייטער מיט מיר טאָן וואָס ער וויל. זאָל דער מערדער אָקס אויספילן זיין צוזאָג „מאַכן מיך מיט אַ קאָפּ נידעריקער".

פאַר מיינע אויגן האָט זיך נאָך אַ מאָל באַוויזן דאָס געשטאַלט פונעם קרבן ראַבינאָוויטש, וועלכן איך האָב מיט אַ פּאָר וואָכן צוריק באַגעגנט אין „אינקובאַטאָר". איך האָב זיינע ווערטער נישט פאַרגעסן „שטאַרקן זיך מיט די לעצטע כוחות. דאָס גערעכטיקייט וועט זיגן". אויב שוין יאָ — טראַכט איך זיך — ווערן מיט אַ קאָפּ נידעריקער, איז זאָל דאָס געשען אָן מיין אונטערשריפט. איך וועל זיך אַליין דעם אורטייל נישט אַרויסטראָגן.

נאָך אַ פּאַוזע, נעמט אָקס ווייטער דעם פּראָטאָקאָל אין האַנט און פאָדערט ווידער ענטפערס אויף די פראַגעס פון פּראָטאָקאָל, נאָך אַמאָל שטרייכט ער אונטער אַז מען דאַרף זיין „דרייסטער און באַוווסטזיניקער", וויל קיין שום עקשנות און אַרויסדרייעענישן וועלן נישט העלפן.

איך גיב נאָך אַ מאָל דעם אויספאָרשער אַ קורצן איבערזיכט וועגן מיין פּראָלעטאַריש לעבן פון קינדווייז אָן, אַז איך בין קיין מאָל נישט געווען, און אָרגאַניש נישט געקאָנט זיין אַנטיסאָוועטיש געשטימט, קיין מאָל נישט געהערט צו קיין שום פּאַרטיי און בפרט נאָך אַ קאָנטררעוואָלוציאָ־נערע, איך האָב קיין מאָל קיין שום געווער, נישט נאָר נישט באַהאַלטן, נאָר אַפילו אין האַנט נישט געהאַלטן. איך האָב אים דערקלערט אַז צוליב מיין קורצזיכטיקייט בין איך געווען אַלע יאָרן באַפרייט פון מיליטער־דינסט און טאַקע דערפאַר איז מיר נישט אויסגעקומען דאָס האַלטן אין דער האַנט.

איך זאָג אים ווייטער, אַז דאָס עדות זאָגן פון אונדזערע שכנים איז פּשוט אַן אויסגעטראַכטע זאַך פון אָנהויב ביזן סוף, און אַזוי ווי פרייער —

וועל איך היינט אויך נישט אונטערשרייבן קיין שום אויסגעטראַכטע זאַכן. איך האָב אים צוגעגעבן, אַז אונטערשרייבן וועל איך נאָר אַזאַ פּראָטאָקאָל, וועלכער וועט באַשטיין פון פראַגן און מיינע ענטפערס אייגנהענטיק אָנגעשריבן.

אַלס ענטפער אויף מיינע דערקלערונגען זע איך ווי ער ווייזט אָן מיטן פינגער צום עלעקטרישן לעמפּל, וואָס האָט באַטייט, אַז אַלץ וואָס דו רעדסט, איז צום „לאַמפּ" און נישט צו מיר.

— איין אויסוועג האָסטו, פאַרשאָלטענער טעראָריסט — האָט ער אויפן קול אָן אויפגערעגטער זיך צעשריגן — נאָר ענדיקן דעם פּראָטאָקאָל און אונטערשרייבן.

איך זע ווי זיין פּרצוף ווערט אָנגעצינדן און אָט אָט וועט זיך ווידער צעשפּילן אַ דראַמע, וואָס קען זיך ענדיקן ערגער ווי אַלע מאָל. איך גרייט זיך דערצו און פּרוּוו זיך שטאַרקן מיט אַלע כוחות. איך בין שוין גרייט פיזיש פאַרטיידיקן זיך, אָבער נישט וואַרפן זיך אויף אים. איך האָב שוין דעמאָלט געוווּסט פון אַ סך פאַלן, ווען די געפאַרשטע האָבן זיך געוואָרפן אויף זייערע פייניקער און תיכף פלעגן זיי געהרגעט ווערן דורך די מיט־אַרבעטער פון אויספאָרשונגס־אַפּאַראַט, ווען דער אויספאָרשער האָט אַלאַרמירט.

— בירגער אויספאָרשער — האָב איך אויפגערעגט געמאָלדן: — מאַטערט נישט מיך און מאַטערט נישט זיך — איך וועל בשום אופן נישט אונטערשרייבן זיך אונטער די אויסגעטראַכטע באַשולדיקונגען. טוט מיט מיר וואָס איר געפינט פאַר נויטיק. איך האָב שוין מער קיין כוח נישט נאָר כ׳בין גרייט אַלץ איבערטראָגן. אויב איר געפינט פאַר נויטיק מאַכן מיך, ווי איר זאָגט, „מיט אַ קאָפּ נידעריקער" איז נאָט אייך און שיסט, און דאָ האָב איך צעריסן דעם סוויטער צוזאַמען מיטן העמד אויף זיך פון האַלדז ביז אַראָפּ, אַרויסשטעלנדיק אים די נאַקעטע ברוסט.

ער האָט תיכף אַרויסגערוקט זיין קעסטל פון שרייבטיש און שטיל אַהין אַריינגעלייגט דעם רעוואָלווער, וועלכער איז די גאַנצע צייט געלעגן אויפן טיש, און גלייכצייטיק האָט ער זיצנדיק, מיטן אונטערשטן ווענטל פון זיין שטול, אָנגעקלאַפּט אין וואַנט.

איך האָב אין אָנפאַנג (מעגלעך צוליבן אויפגערעגטן צושטאַנד) נישט פאַרשטאַנען די באַדייטונג פונעם אָנקלאַפּן אין וואַנט. אין עטלעכע מינוט אַרום איז אין קאַבינעט אַריין דער, שוין באַרימטער און מיר באַקאַנטער שלעגער־אָנפירער באַגנאָוו מיט זיין בריגאַדע „פּראַקטיקאַנטן" פון דער קיִעווער שול („ק ש.") און נישט אויספרעגנדיק זיך אין וואָס דאָ האַנדלט זיך — מיך אַ שליידער געטאָן אויף דער פּאָדלאָגע (שוין נישט דאָס

ערשטע מאָל), אָנגעהויבן שלאָגן, געקאַפּעט מיט די פּיס, ווו ס'האָט זיך נאָר געלאָזט. דערביי האָט זיך אויסגעטיילט דאָס מאָל באַגנאָוו אַליין, וועמענס כוח איך האָב שוין געפּילט פריִער אויף מיין לייב. אָט דער ווילדער סאַדיסט האָט שוין געהאַט זיין מעטאָד (ענלעך צום מעטאָד פון אויספאָרשער אָקס) שלאָגן מיט די קני אין בויך און אין די געשלעכטס־אָרגאַנען (ווייזט אויס אַז איין לערער האָט מיט אַלעמען אַזוי איינגע־קנעלט, בשעת זיי האָבן שטודירט אַנאַטאָמיע און פיזיאָלאָגיע). מיט די זעלבע מעטאָדן האָט מען זיך אויך באַנוצט אין אַנדערע נקוודע־אָפּטיי־לונגען.

בעת דער ווילדער עקזעקוציע האָט זיך געלאָזט הערן מער פון אַלעמען (אַזוי ווי ביי די פריִערדיקע עקזעקוציעס) די טראַפּאַרעט־אויסגעלערנטע אויסגעשרייען: „מען דאַרף אונטערשרייבן", „קאָנטררעוואָלוציאָנער", „מיר וועלן דיך אַלצאיינס טויטן" און פיל אַנדערע זידלערייען. די אַלע אויס־געשרייען זענען אויך דאָס מאָל באַגלייט געוואָרן מיט די געמיינסטע און דערנידערנדיקסטע אויסדרוקן פון רוסיש־רוצחישן „לעקסיקאָן".

מיינע געשרייען האָבן, ווייזט אויס, פאַרקירצט די עקזעקוציע. באַגנאָוו מיט זיין באַנדע האָט פאַרלאָזט דעם קאַבינעט. אויך דאָס מאָל בין איך געבליבן ליגן מיט אַ צעבלוטיקט פּנים און ווייטיקן אין בויך און אַן ברילן וועלכע זענען אין גאַנצן צעבראָכן געוואָרן. צי איז דאָס אַ פּינקטלעכע איבערחזורונג פון דעם זעלבן „ספּעקטאַקל"? אויך איצטער, נאָכן פאַר־לאָזן דעם קאַבינעט, האָט באַגנאָוו אויפן קול אויסגערופן צו אָקסן, אַז אויב איך וועל ווייטער נישט אונטערשרייבן די באַשולדיקונג — בעט ער מע זאָל אים נאָך אַ מאָל אַרויסרופן.

אָקס איז אַרויס פון קאַבינעט. די ביקסן זענען שוין אויפן טיש נישט געלעגן.

אין אַ 10 — 15 מינוט אַרום האָט ער זיך צוריקגעקערט, אַריינגערופן אַ מיליציאַנט פון קאָרידאָר און באַפוילן, מיך צונעמען פון קאַבינעט. „אובעריטע פּאַדלו" האָט ער אַ געשריי געטאָן צום מיליציאָנער, אָפּפירן „צייטווייליק" אין וואָקזאַל".

איך האָב געוואָלט פאַרשטיין, אַז דאָס אונטערשטרייכן „צייטווייליק" באַדייט אַז היינט איז נאָך די אויספאָרשונג נישט געענדיקט און נאָך אַן אָפּרו, וועט ער מיך צוריק רופן. די אַרעסטאַנטן וואָס האָבן זיך געפונען אין וואַרט־צימער האָבן זיך צוגעקוקט צו מיין פאַרבלוטיקטן אויסזען, און ווי איך האָב זיך קוים געהאַלטן אויף די פיס. מיט וואָס האָבן זיי מיר געקענט העלפן? כדאַי באַמערקן, אַז דאָס איז געווען אַן ערב־זונטיקדיקע נאַכט, ווען די אויספאָרשונגען בכלל ענדיקן זיך פריִער ווי

אַלע נעכט — דאַכט זיך אַז דאָס איז געווען אין דער נאַכט פֿון 23־טן אויפֿן 24־טן נאָוועמבער (1937).

ביז 4 פֿאַרטאָג האָט מען מיך נישט גערופֿן. מיט דער הילף פֿון „וואָקזאַל"־חברים האָט מען מיך אַרויסגעפֿירט דורך הינטערשטע טירן אין הויף צום „שוואַרצן וואָראָן". דאָרט האָט מען מיך אַריינגעשטופּט אין אַ „קאַנוועערט" (שוין, דאַכט זיך אַז אַ וועלכן ס׳איז זין) און בין אָפּגעפֿירט געוואָרן אין תּפֿיסה, אין מיין 51־טער קאַמער, וווּ די חברים האָבן פֿאַר מיר גלייך געמאַכט אַ געלעגער. זיי האָבן זיך באַצויגן צו מיר, ווי אַלע מאָל, מיט גרויס מיטלייד, אַוועקגעלייגט, צוגעדעקט און קיין זאַך מיך נישט געפֿרעגט.

איך בין געווען צופֿרידן מיט דעם, וואָס איצטער איז זונטיק פֿאַר טאָג, און אין אַזעלכע טעג פֿלעגט מען ווייניקער אַרויסרופֿן און דאָס טאַקע וועט מיר געבן אַ מעגלעכקייט אַ ביסל אויסרוען זיך און איינשטילן די ווייטיקן, וואָס האָבן באַהערשט דעם גאַנצן קערפּער. איך בין תּיכף אַנטשלאָפֿן געוואָרן.

נאָך אַ פּאָר שעה בין איך אויף ס׳ביי אויפֿגעוועקט געוואָרן לויט דער פֿאַראָרדענונג פֿון מיין אינקוויזיטאָר. מ׳האָט מיך אָפּגעפֿירט צו אים ממשיך זיין אונדזער נישט־פֿאַרענדיקטן „געשפּרעך" ביי נאַכט.

בערך 2 שעה האָט געדויערט אונדזער באַגעגעניש אין דעם דאָזיקן זונטיק. דאָס מאָל איז ער שוין פֿון די „כלים" נישט אַרויס. געהאַלטן זיך רויִק, איינגעהאַלטן און אַרויסגעוויזן אַפֿילו „מיטלייד" אין אָנבליק פֿון מיין צעבראָכנקייט און ווי איך האָב זיך אויף די פֿיס נישט געקענט האַלטן. ער האָט מיר „געפּרוּווט" דערוויזן מיין שולד דערמיט, וואָס איך בין איינגעשפּאַרט „ווי אַ ביק" (זיין אויסדרוק) און אַ. וו. ער שטרייכט אויך אונטער אַז צוליב מיין „נישט פֿאַרשטיין" די וויכטיקייט פֿון אונ־טערשרייבן זיך אונטער דעם פּראָטאָקאָל און צוליב אויך אַנדערע, פֿריִער אָנגעוויזענע באַשולדיקונגען — איז ער געצווּנגען „פֿון מאָל צו מאָל" אָנבנעמען פֿיזישע מיטלען.

ער איז ווידער איבערגעגאַנגען צו דעם, אַז איך וועל מוזן אונטער־שרייבן, ווייל ער וועט אַרויסרופֿן עדות, וואָס וועלן באַשטעטיקן מיין שולד (אַזעלכע „עדות" זענען שוין פֿון לאַנג אונדז באַקאַנט געווען) און סע וועט — זאָגט ער — נישט העלפֿן קיין עקשנות און אַלץ איינס וועל איך פֿון דאַנען אַהיים נישט גיין. איז צו וואָס דאַרפֿן מיר זיך טאַקע מאַטערן איינער דעם צווייטן (איבערחזרנדיק מיין נעכטיקן אויס־דרוק). ער האָט ווייטער און ווייטער איבערגעחזרט דאָס, וואָס כ׳האָב שוין

פיל מאָל געהערט, און ס'האָט שוין ממש געעקלט פון דעם, אָבער איך האָב זיך געמוזט שטאַרקן און אויסהערן.

נאָך אַ קורצער פּאַוזע האָט ער ווידער אָנגעהויבן:

— איך האָב היינט ספּעציעל מקריב געווען דעם זונטיקדיקן טאָג פון אָפּרו מיט מיין משפּחה, כדי האָבן מיט דיר אַ מער פריינדלעכן שמועס און געבן צו פאַרשטיין. איך וועל — זאָגט ער — דעם נעכטיקן פּראָטאָקאָל צערייסן און וועל דיר געבן פּאַפּיר אין מיין קאַבינעט, דו וועסט מאָרגן אַליין אָנשרייבן אייגנהענטיק, ווי דו האָסט אַליין געוואָלט, וועגן דיין שולד, די שולד פון די, וועלכע האָבן דיך אַריינגעצויגן אין דער טעראָ־ריסטישער אָרגאַניזאַציע. איך פאַרשטיי — האָט ער פאָרגעזעצט — אַז נישט דו, נאָר זיי זענען די הויפּט־שולדיקע. אַט דאָס מוזסטו אָנווייזן און דעמאָלט וועט דיין אורטייל, מיט מיין הילף, זיין אַ נישטיקער. דו דאַרפסט אויסנוצן די דאָזיקע געלעגנהייט (איך האָב געפילט זיין איינגעהאַלטענעם צאָרן מיט דעם, וואָס אים איז טאָקע שווערלעך אויס־פילן זיין נאָרמע מיט אַזעלכע „אָביעקטן" ווי איך). אויב דו וועסט פאַר־זעצן דיין עשקנות — האָט ער ממשיך געווען — וועל איך זיין געצוונגען בעטן מיינע שעפן מיט וועלכע דו ביסט שוין „באַקענט" (יאָ, איך האָב שוין זייער כוח געפילט אויף מיין אייגענער הויט) אַז זיי זאָלן דיך איבערגעבן צו אַנדערע אויספאָרשער, און נאָר דאַן וועסטו דערפילן, צי בין איך דיר געווען אַ שונא אָדער אַ גוטער פריינד, אָבער דעמאָלט וועט שוין זיין שפּעט דיר צו העלפן. איצטער — זאָגט ער — וועל איך הייסן דיך אָפּפירן צוריק אין קאַמער. איך וואָלט פאַר דיר — האָט ער דער־מאָנט — עפּעס באַשטעלט אין בופעט צו עסן, אָבער זונטיק איז דער בופעט פאַרמאַכט. רו זיך אויס ביז מאָרגן אין אָוונט און באַטראַכט גוט מיין עצה, וועלכע וועט דיר פאַרגרינגערן דאָס לעבן.

ער האָט מיך אויך געבעטן נישט טיילן זיך מיט חברים אין קאַמער „ווייל ביי אייך זיצן דאָך די פאַרביסנסטע שונאים פון פאָלק און לאַנד". זיי — האָט ער ממשיך געווען — קענען אַראָפּפירן פון גלייכן וועג יעדן איינעם, ווי זיי האָבן דאָס געטאָן זייענדיק אויף דער פריי, און טאָקע דערפאַר זענען זיי אַרעסטירט געוואָרן (און איך פאַר וואָס ?).

איך האָב זיך צו זיינע ווערטער שוין כמעט נישט צוגעהערט. שוין צוגעוווינט צו זיי. זיי האָבן געעקלט. פאַר מיינע אויגן איז געזעסן אַן אויסוווּרף, סאַדיסט און מערדער, אַן אָפּפאַל פון דער גזעלשאַפט (אויב די מערהייט זענען טאָקע געווען אַזעלכע ווי ער, איז אַך און וויי צו דער קאָנסטיטוציע און צו אַלע געזעצן אין לאַנד). מיין איינציקער פאַרלאַנג איז געווען, אַוועקלייגן זיך ווו ס'זאָל נישט זיין, אויף אַ טאָג, צוויי און

אַ סך מער. נישט רירן זיך פון אָרט, אויסרוען זיך, פאַרטרייבן די ווייטיקן, וואָס ברעכן מיין קערפּער, אויסריידן זיך מיט זיך אַליין, דערמאָנען מיין שווערע פאַרגאַנגענהייט, מיין שטרעבן אין פרייען רוסלאַנד און צו וואָס האָט מיך דאָס שטרעבן דערפירט און אויך טראַכטן וואָס וועט ווייטער זיין? — ווער האָט דערצו נאָך כוח?

ער האָט פאַראַרדנט מיך צוריק אָפּפירן אין קאַמער.

אָפּדאַנקענדיק פאַרן הייַנטיקן „קורצן אינטערוויו", האָב איך אים געבעטן אַ ביסל לענגער מיך נישט אַרויסרופן, געבן מיר אַ מעגלעכקייט עטוואָס מער זיך אויסרוען.

— ביז מאָרגן אין אָוונט — איז געווען זיין ענטפער, באַגלייטנדיק מיך צו דער טיר און מיך איבערגעגעבן דעם מיליציאַנט.

ווי איך בין שפּעטער געוווּיר געוואָרן ביי געפאַרשטע אין „וואַקזאַל" — האָבן פיגורירט די זעלבע 2 ביקסן ביי אַ סך וועמען מען האָט באַשולדיקט אין טעראָר.

# מיין באַגעגעניש מיטן אויגן־דאָקטער

בעת דער לעצטער עקזעקוציע פון באַגנאַווס חברהלייט האָבן זיי אויך צעבראָכן מיינע ברילן און דאָס האָט מיך אין גאַנצן דערשלאָגן. אָן די ברילן בין איך געווען כמעט ווי אַ בלינדער.

אין דער פרי האָב איך אָנגעהויבן צו קלאַפּן אין טיר פון קאַמער און פאָדערן דעם דאָקטער. ס'איז געקומען די קראַנקן־שוועסטער, וועמען איך האָב דורכן קליינעם פאַרקראַטעוועטן פענצטערל געוויזן די צעבראָכענע ברילן אין רעזולטאַט פונעם נעכטיקן פּאָגראָם איבער מיר. איך האָב געפאָדערט תיכף אַ באַגעגעניש מיטן תפיסה־דאָקטער און דערציילט אַז אָן די ברילן זע איך גאָרנישט. די געטרייע קאַמער־חברים האָבן מיר געהאָלפן פאָדערן. יעדן טאָג האָב איך באַנייט דאָס קלאַפּן און נישט אויפגעהערט פאָדערן דאָס זעלבע. אַליין האָב איך באַשלאָסן, אַז אין פאַל ווען זיי וועלן אויף מיין פאָדערונג נישט רעאַגירן — וועל איך זיך אָפּזאָגן פאָרן צום אויספאָרשער (זאָלן זיי מיך טראָגן אויף די הענט) און אין פאַל ווען דאָס וועט טאָקע זיין אַזוי — וועל איך זיך אָפּזאָגן בכלל צו ענטפערן מיין מערדערישן אויספאָרשער אָקס, אַזוי לאַנג ביז ס'וועלן מיר נישט געגעבן ווערן די בויטיקע ברילן.

אין עטלעכע טעג אַרום, ביי טאָג, האָבן מיר פּלוצעם דערהערט אַ רעש אין טויטן קאָרידאָר און אַ באַוועגונג פון עטלעכע מענטשן, וואָס האָבן זיך דערנעענטערט צו אונדזער טיר. דאָס האָבן די תפיסה־באַאַמטע געבראַכט צו מיר אָן אויגן־דאָקטער, אָבער כדי אים נישט אַריינלאָזן אין קאַמער האָט מען אונדזער קאַמער אויפגעשלאָסן און מיך אַרויסגעפירט אין קאָרידאָר.

איך האָב פאַר מיינע אויגן פּלוצעם דערזען אונדזער באַקאַנטן אויגן־דאָקטער קולעביאַקין אַלעקסיי אַסיפּאָוויטש. ער איז געווען הויפּט־דאָקטער פון דער אויגן־אָפּטיילונג אין זעמסקער שפּיטאָל, ווו איך האָב פריִער געאַרבעט אין אויפנאַם־צימער (ער האָט אויך געהיילט מיין משפחה). איך האָלט נישט אויס אונדזער באַגעגעניש און ברעך אויס אין אַ געוויין.

ער, אַלעקסיי אָסיפּאָוויטש, שטאַרק איבערראַשט, ווען ער האָט דערזען ווי מען פירט מיך אַרויס פון דער טויט־קאַמער, האָט גלייך מיך געפרעגט וואָס איך טו דאָ. אָבער אַ פלוצעמדיקער אויסגעשריי דורך איינעם פון די באַגלייטנדיקע: „פּרעקראַטיטע ספּראַשיוואַט״ (אויפהערן פרעגן) האָט געענדיקט דעם דאָקטער „האַלטן ס׳מויל״ און מער נישט פרעגן ביי מיר. ער האָט פאַרשטאַנען אַז ער איז גערופן געוואָרן נאָר צום צוקלייבן ברילן און מער דאַרף אים גאָר נישט אינטערעסירן.

ס׳האָט מיר אַ שלאָג געטאָן אין קאָפּ דער געדאַנק אַז אין זעמסקע שפּיטאָל וועלן איצט אַלע מיטאַרבעטער וואָס קענען מיך — שוין וויסן אַז איך בין אַ פאַרמשפּעטער צום טויט. קיין שום דערקלערונג האָב איך דאָך אים נישט געקענט געבן. דאָס קען אפשר אויך דערגיין צו מיין משפּחה (אַזוי ווי ס׳איז געווען דער פאַל מיטן אַדוואָקאַט יאַקאָוו גראַנבערג, ווען ער האָט געזען מיך אַרויספירן פון דער זעלבער קאַמער 51).

איך האָב געבעטן דורכן באַגלייטנדיקן תּפיסה־באַאַמטן בעטן דעם דאָקטער אַז ער זאָל זיך באַמיִען פריִער באַזאָרגן די ברילן, ווייל אַן זיי וועל איך צום אויספאַרשער נישט קענען „גיין״ (מיט דעם האָב איך גע־וואָלט געבן פאַרשטיין דעם דאָקטער אַז איך בין נאָך נישט קיין פאַר־משפּטער). דאָס האָט זיכער ד״ר קולעביאַקין געהערט.

אין עטלעכע טעג אַרום האָט מען מיר די ברילן געבראַכט און איבער־געגעבן דורכן פאַרקראַטעוועטן פענצטערל. איך האָב זיך מיט זיי באמת דערפרייט.

אויך די נייע ברילן האָבן ביי מיר קיין גרויס מזל נישט געהאַט. שפּעטער, ווי דער לייענער וועט זען, ביי אַ צווייטער אויספאַרשונג, וועט אַן אַנדער שעף פון נ. ק. וו. ד.־אַפּטייל, איינער בערעזאָווסקי, אַראָפּרייסן זיי פון מיין נאָז און אַ שליידער טאָן אויף דער פּאָדלאָגע, זיי זאָלן צעבראָכן ווערן אויף פּיצלעך...

די באַגעגעניש דאָן מיטן ד״ר קולעביאַקין האָב איך איינגעקריצט אין מיין זכרון, און ווען איך האָב זיך צוריקגעקערט אין שטאָט שוין נאָך מיין באַפרייונג אין יאָר 1946 — בין איך ספּעציעל געפאָרן זען זיך מיט ד״ר קולעביאַקין, וועלכער האָט נאָך געאַרבעט אין זעלבער אויגן־אָפּטיילונג, כאָטש ער איז שוין געווען אין טיפן עלטער.

ער האָט מיך גלייך דערקענט, דערמאָנט זיך די באַגעגעניש ביי דער טויט־קאַמער נומער 51 מיט יאָרן צוריק, איבערגעצלמט זיך און אַרומ־געכאַפּט מיך קושן. אויך דאָ האָב איך נישט אויסגעהאַלטן און טרערן האָבן מיך אָנגעהויבן צו שטיקן.

— איך בין — זאָגט ער ווייטער — זיכער געווען אַז דו ביסט שוין

דערשאָסן געוואָרן און כ׳האָב זיך נישט געקענט בשום אופן פאָרשטעלן אין וואָס האָט מען דיך געקענט באַשולדיקן, אַז דו האָסט אַזש באַקומען טויט־שטראָף.

אַוודאי האָב איך אים אַ ביסל בסוד אינפאָרמירט וועגן זיך.

— איך ועל — האָט ער פאַרזיכערט — אומבאַדינגט דערציילן מיין פרוי (זי האָט מיט אים געאַרבעט צוזאַמען און אויך באַקאַנט געווען מיט מיר פון פריִער) און זי וועט זיך באמת זייער דערפרייען.

מיר האָבן זיך אַנגעזעגנט אַ סך יאָרן צום לעבן, זיין געזונט און מער נישט וויסן פון קיין שרעקלעכע צייטן.

# וועגן דער שלעגער־בריגאַדע

ווי שוין דערמאָנט אין די פריִערדיקע קאַפּיטלען, איז אין אונדזער ב. ק. וו. ד. געווען אַ ספּעציעלע בריגאַדע „פּראַקטיקאַנטן״ פון דער קיִעווער שול ביים פאָלקס־קאָמיסאַריאַט פאַר אינערלעכע ענינים (נקווד) אונטער דער אָנפירונג פון אַן אַבערשלעגער מיטן נאָמען באַגנאַוו. זיי האָבן גע־טראָגן אויף די „פּעטליצעס״ אַ ספּעציעלע אויסצייכענונג „ק. ש.״, וואָס האָט באַטייט — קיִעווער שול. זייער ציל איז געווען צו העלפן די אויס־פאָרשערס דאָרט ווו זיי אַליין זענען שוין נישט בכוח געווען פיזיש אַרויס־שלאָגן די געפאָרשטע זיי זאָלן זיך „מודה״ זיין אין זייערע „פאַרברעכנס״.

ווען עס איז נויטיק געווען די הילף פון דער שלעגער־בריגאַדע, פלעגט מען זיי אַרויסרופן. די בריגאַדע איז באַשטאַנען פון 5 — 6 יוגנטלעכע אין עלטער פון 17 — 19 יאָר.

קוים האָבן זיי זיך באַוויזן, אַזוי האָבן זיי גלייך, אָן אַ וועלכע ס׳איז פראַגן אָנגעהויבן די עקזעקוציע איבערן געפאָרשטן קרבן. אין די שלאָ־געריייען נעמט אַן אַנטייל אויך דער בריגאַדיר באַגנאַוו אַליין. די עקזעקוציע ענדיקט זיך נאָר דאַן, ווען באַגנאַוו גיט זיי אַ קאָמאַנדע. דעמאָלט ווען דער קרבן, וואָס ליגט אויף דער פּאָדלאָגע אַ צעשלאָגענער, צעבלו־טיקטער און מער נישט אין שטאַנד זיך רירן פון אָרט, שלעפּט מען אים אַרויס פון קאַבינעט אַ טויט־פאַרחלשטן.

די ווילדע אויסגעשרייען פון די שלעגער איבער דעם קרבן זענען טראַפּאַרעטע, פון פריִער אויסגעלערנטע און צוגעפּאַסטע צו יעדן פון די געפאָרשטע, וועלכע ווילן נישט אונטערשרייבן קיין ווילדע און אויסגע־טראַכטע בלבולים אויף זיך, ווען דער אונטערשריפט אַליין איז שוין גלייך ווי ער וואָלט זיך אַליין אונטערגעשריבן אַ טויט־אורטייל.

פון די שמועסן אין קאַמער און שפּעטער מיט אַנדערע לאַגערניקעס אין עטאַפּ און אין די לאַגערן, וועלכע זענען אויך דורכגעגאַנגען שווערע אויספאָרשונגען — האָט זיך אַרויסגעוויזן אַז אַזעלכע שלעגער־געהילפן זענען געווען, נישט נאָר ביי אונדז, נאָר אויך און אין אַנדערע ערטער.

ווי למשל אין כערסאָן, נאָוואָראָסיסק, ראָסטאָוו און אין אַנדערע שטעט. פון דעם זענען מיר געקומען צום אויספיר אַז אַזעלכע בריגאַדעס זענען געווען אומעטום און פון פריִער פאַרפּלאַנירט, גענוי ווי די אַרעסט־פּלענער.

ווי אַזוי זענען די יונגע חברה אין די נ.ק.וו.ד.־שולן געוואָרן ? ווער זענען געווען זייערע לערערס ? צי וואָס האָבן זיי אין זייערע שולן געקנעלט אַנאַטאָמיע, וואָס איז געווען איינגעשלאָסן אין זייער לערן־פּראָגראַם ? צי זענען די עלטערן פון די קורסאַנטן, צופרידענע מיט דעם, וואָס זייערע קינדער זענען אַנגענומען געוואָרן אין אַזאַ דערהויבענער און אויטאָריטאַטיווער שול, צי האָבן זיי געוווסט אַז זייערע קינדער לערנען אַנאַטאָמיע, נישט צוליב מעדיצין־צוועקן, נאָר פּשוט כדי וויסן ווי אַזוי צו שלאָגן און ממיתן אומשולדיקע מענטשן — טאַטעס, מאַמעס און אויך זיידעס ?

די עלטערן האָבן דאָך געוויס געמיינט, אַז זייערע קינדער לערנען אין דאָזיקן אַנשטאַלט הומאַניטאַרע דיסציפּלין, געזעצן פון דער „דעמאָקראַטישסטער קאָנסטיטוציע אויף דער וועלט", וועלכע דאַרפן פּראַקטיש רעאַליזירט ווערן, און אַז זיי לערנען אויך אַנדערע דערציִונגס־דיסציפּלינען, וועלכע זענען נויטיק פאַר צוקונפטיקע מיטאַרבעטער אין אַזעלכע געהיים־פּאָליציי־אָרגאַנען, ווי סע דאַרף זיין דער נקווד־אַנשטאַלט.

געוויס האָבן די עלטערן פון די קורסאַנטן נישט געזען און אפילו זיך נישט פאָרגעשטעלט, מיט וואָס פאַר אַ ווילדקייט און אַכזריותדיקייט זייערע נאָך יונגע קינדער, וואַרפן זיך בעת דער „פּראַקטיק" אויף יעדן אומשולדיקן מענטשן — שלאָגן, ממיתן, טרעטן מיט די פיס ביז אַ צושטאַנד, ווען דאָס בלוט גיסט זיך און דער קרבן איז שוין נישט בכוח, נישט נאָר זיך אויפהויבן, נאָר אַפילו נישט רעאַגירן (ווי דער פאַל מיטן „סובאָטניק" באַראַנטשוק פון טשעטשעלעווקער ראַיאָן, וועלכן מ'האָט אַרויסגעטראָגן אַ צעממיתטן און ער איז שפּעטער געשטאָרבן).

גאַנץ מעגלעך אַז מ'האָט ביי די יוגנטלעכע גענומען אונטערשריפטן נישט דערציילן די עלטערן, ווי אַזוי סע זעט אויס זייער „פּראַקטיק", און דעריבער האָבן די עלטערן נישט אַלץ געקענט וויסן. כאַראַקטעריסטיש איז, אַז מיט דער עקזעקוציע האָבן דאָך אָנגעפירט עלטערע קאָמאַנדירן, און אפשר אויך זייערע טאַטעס ?

איך פרעג: וואָס פאַר אַ דערציִונג קען באַקומען דער יוגנטלעכער אונטער דער אָנפירונג פון אַזאַ סאַדיסט און רוצח, ווי ס'איז געווען באַגנאָוו ? חוץ דעם איז ער נאָך געווען אַן אויסגעשפּראָכענער אַנטיסעמיט, ווי ער האָט דאָס נישט איין מאָל באַוויזן.

ס'איז אויך אינטערעסאַנט, ווי אַזוי האָבן זיך אויפגעפירט די „אויס־

געלערנטע" פון קיִעווען נקוד־שול אין זייער זעלבסטשטענדיקער אַרבעט?

געוויס בעתן באַגעגענען אין גאַס אַזאַ „אויסגעלערנטן" מיט אַזאַ „פּראַקטיק" — מיטאַרבעטער פון נקוד — קגב אין זיין אוניפאָרם מיט אויסצייכענונגען אויף דער ברוסט, וועלכע זענען דעמאָלט אָנגערופן גע־וואָרן „פּאַר באַזונדערע פאַרדינסטן" — באַציט מען זיך צו זיי מיט אַ באַזונדערן רעספּעקט, ווי צו אַ מיטאַרבעטער פון אַ גערעכטיקייט־אָרגאַן, וועלכער איז אויף דער וואַך און היט אָפּ שטרענג די געשריבענע געזעצן פון דער, אַזוי גערופענער „סטאַלינישער קאָנסטיטוציע".

ווער האָט זיך געקענט פאָרשטעלן אַז זייערע הענט און זייער געוויסן איז באַשמוצט מיטן בלוט פון אומשולדיקע מענטשן, וועלכע זענען אַריינגעשלעפּט געוואָרן אין די ציינרעדער פון סטאַלינישן טעראָר?

צי האָט די זעלבע יוגנט, שפּעטער שוין, ביי זייער זעלבסטשטענדיקער אַרבעט, זיך אָפּגעטרייסלט פון דעם צוגעוווינטן „צולייגן די הענט"? צי האָט זיי שפּעטער ווען ס'ניט איז געמאַטערט דאָס געוויסן פאַר זייער טעטיקייט, וואָס פלעגט זיך אָפּט ענדיקן מיט מאָרד פון מענטשן, וואָס האָבן נישט אָנגעהויבן צו וויסן פאַר וואָס און פאַר ווען? שווער צו זאָגן. אַזעלכע פראַגעבויגנס האָט מען קיין מאָל נישט געגעבן פאַרפילן...

אַזאַ אָנשטעקנדיקע קרענק האָט געבראַכט דערצו, אַז ווען מען דערזעט אַפילו דעם ערלעכסטסן מיטאַרבעטער פון נקוד (געוויס זענען דאָך אַזעלכע אויך דאָ), איז גלייך ווי מען וואָלט דערזען אַ מענטש אין אַ שעפּסענער פעל מיט אַ וואָלפיש האַרץ...

וויפל באַמיִונגען איך זאָל נישט מאַכן, כדי פאַרגעסן די איבערגעלעבטע מאָרד־תקופה — איז בעתן באַגעגענען אַזאַ באַשעפעניש — באַווייזט זיך אויף ס'ניי דער פאַרגאַנגענער קאָשמאַר.

מיר דאַכט זיך אַז קיין מאָל וועט קיינער נישט זיין אין שטאַנד אָפּצווישן די בלוטיקע פלעקן פון די שולדיקע אין יענער מענטשן־מאָרד תקופה.

די וועלט דאַרף וויסן וועגן דעם, וואָס עס איז געשען אין רוסלאַנד אין די יאָרן פון סטאַלינס הערשאַפט, פונקט ווי מיר דאַרפן וויסן און לערנען די רעזולטאַטן פון היטלערס הערשאַפט, כדי ענלעכס זאָל להבא נישט איבערחזרן זיך.

# ניקאָליי טראָפימאָוו

א מיטלוווקסיקער, מיט אַן עכט סלאַווישן פּנים. ביי 40 יאָר אַלט. פעסט געבויט און זייער אַ באַוועגלעכער. די נאָז עטוואָס אַדלעריש. די גאַנצע צייט פון אונדזער צוזאַמענזיין אין דער 51־טער קאַמער, איז נישט צו זען געווען ביי אים קיין ברעקל יאוש, ווי ביי אַנדערע קאַמער־חברים. ער איז ממש געווען אַ מוסטער פאַר אַלע, ווי אַזוי מען קען און מען דאַרף זיך האַלטן, אַפילו ביי אומשטענדן, וועלכע ס׳איז שווער בייצוקומען. שטענדיק איז ער געווען רויִק און געמוטיקט, געטרייסט און אָנגעשטעקט אַנדערע מיט זיין בטחון, מיט זיינע גלייכוווערטלעך, טאַקע ווי ספּעציעל צוגעפּאַסטע פאַר דעם אָדער יענעם אַרעסטאַנט.

ער האָט אויך, ווי לעאָניד געניִן, געקענט טאַלאַנטפול איבערדערציילן געלייענטע ראָמאַנען און רעפּעראַטן פון וויסנשאַפטלעכן כאַראַקטער.

יעדן פרימאָרגן פלעגט ער רעגולער (אַפילו ביי דער נידעריקסטער טעמפּעראַטור) פאַרנעמען זיך מיט גימנאַסטיק, נישט געקוקט אויף דער ענגשאַפט און מינימום באַקוועמלעכקייט אין דער קאַמער. ער איז שטענדיק געווען אָנגעטאָן לייכט האַלב־נאַקעט און כסדר מאַסאַזשירט זיין לייב מיט אַ נאַסן האַנטעך.

— פון קינדווייז — האָט ער געזאָגט — בין איך צוגעוווינט פאַר־נעמען זיך מיט גימנאַסטיק...

ער האָט זיין גימנאַסטיק נישט דורכגעלאָזט אַפילו דאַן, ווען ער איז פאַר טאָג געבראַכט געוואָרן פון דער אויסמאַטערנדיקער נאַכט־פאַרשונג. ער איז געוואָרן דער ליבלינג ביי אַלעמען פון אונדזער קאַמער. די מער געפּאַלענע ביי זיך האָבן אים שטענדיק מקנא געווען, כאָטש זיין „ענין" איז געווען זייער אַן ערנסטער און ער איז שווער געפּאַרשט געוואָרן.

— רופט מיך קאָליע — האָט ער געזאָגט — ווי ברידער דאַרפן אָנרופן. דאָ זענען מיר אַלע ווי איין משפּחה מיט איין גורל. איר זייט מיר געוואָרן קרוביש־נאָענטע זינט מיר זענען דאָ צוזאַמען. ווען נישט איר דאָ אין קאַמער, וואָלט אויך מיין לעבן פינצטערער געווען.

זיין פּראָסטהאַרציקייט האָט אַרויסגערופן ביי אונדז סימפּאַטיע און ליבשאַפט.

א גאבווירנער אין דער שטאָט פּאָלטאַווע (אוקראַיִנע) ביי אַ פּאָטער אַ פּעדאַגאָג. געווען אַ בן יחיד ביי זיינע עלטערן. נאָך אַלס קינד איז ער צוזאַמען מיט טאַטע־מאַמע אַריבערגעפאָרן וווינען אין דער שטאָט אַלעקסאַנדראָווסק (איצטער זאַפּאָראָזשיע). געווען אַ גוטער שילער און דאָרטן טאַקע מיט דערפאָלג געענדיקט דעם מאַשין־בוי טעכניקום. שפּעטער איז ער אָנגענומען געוואָרן אין דניעפּראָפּעטראָווסקער באַרג־אינסטיטוט און, כדי מאַטעריעל זיך פאַרגרינגערן דאָס לערנען — האָט ער גלייכצייטיק געאַרבעט אַלס קעסל־הייצער פון דער וואַרעם־סיסטעם. ער האָט גלענצנדיק פאַרענדיקט דעם אינסטיטוט און אָנגעהויבן אַרבעטן אַלס שיכט־אינזשעניער אין בליומינג־צעך פון גרויסן מעטאַלורגישן זאַוואָד אין דער געגנט (דניעפּראָדזערזשינסק).

די אַרבעט איז ביי אים געגאַנגען מיט גרויס הצלחה. געוואָרן אַ שלאַגלער, אַ סטאַכאַנאָוויעץ, זיין שיכט האָט זיך אויסגעצייכנט מיט גרויסער פּראָדוקטיווקייט, און מיט דער צייט איז ער באַשטימט געוואָרן אַלס הויפּט־אינזשעניער און שעף פון דעם צעך, מיט וועלכן ער האָט אָנגעפירט עטלעכע יאָר.

זיין צעך איז נישט איין מאָל אָפּגעמערקט געוואָרן אין דער פּרעסע, ווי אַ פאַרגעשריטענע סאָציאַליסטישע אונטערנעמונג, וואָס שטייגט אַריבער די גאַרמעס פון צווייטן אינדוסטריעלן פינפיאַר־פּלאַן.

— אָט דאָ — דערציילט ניקאָליי מיט פאַרביטערונג — אין סאַמע ברען פון דער אַרבעט, ווען די צאָל סטאַכאַנאָווצעס אין צעך האָבן זיך געמערט פון טאָג צו טאָג און מיר האָבן געגרייט באַריכטן פון אונדזערע דערגרייכונגען צו דעם 20־טן יאָר טאָג פון דער אָקטאָבער־רעוואָלוציע — האָט מען מיך צוגענומען. אין דער היים איז פאַרבליבן אַ פרוי מיט 2 קינדערלעך (3 און 4 יאָר).

— שוין כמעט אַ האַלב יאָר ווי איך זיץ — דערציילט ער ווייטער — און מען האַלט מיך אין איין פאַרשן. מען שרייבט מיר צו שרעקלעכע פאַרברעכנס, און מען פאָדערט נאָך מיין עדות זאָגן וועגן ענטלעכע פאַרברעכנס ביי אַנדערע אָנפירערס פונעם זאַוואָד. מיינע 2 געהילפן זענען אויך אַרעסטירט געוואָרן און מען פאַרשט זיי. ס'איז שווער צו גלויבן אַז דאָס איז ערנסט. עפּעס אַ מיספאַרשטייעניש. איך פאַרליר נישט מיין האָפענונג און בין זיכער, אַז די אַלע פאַרגעוואַרפענע אונדז באַשולדיקונגען וועלן דורך זיי אַליין אָנערקענט ווערן ווי גרונטלאָזע און איך וועל פאָרזעצן מיין אַרבעט.

צו די אויספאַרשונגען איז ער געגאַנגען, נישט אַרויסווייזנדיק קיין שום שרעק, ווי אַנדערע.

אויף אונדזער פראַגע ווי אַזוי מען באַגייט זיך מיט אים ביי דער אויספאַרשונג — האָט ער שטענדיק דערויף געענטפערט:

— מען באַגייט זיך מיט מיר אַזוי ווי מיט אַנדערע. איך בין נישט קיין אויסנאַם.

אין קאַמער האָבן מיר זיך אָפט געוווּנדערט, פאַר וואָס געפינט זיך ניקאָליי דאָ צווישן די „עקשנים", וואָס האָבן זיך נישט אונטערגעגעבן די פאַנטאַסטישע און ווילדסטע פאָדערונגען פון די האַרצלאָזע אויס־פאַרשער?

די סיבה פון אונדזער חידושן זיך איז געווען דאָס, וואָס געקומען נאָך די פאַרשונגען איז ער קיין מאָל נישט געווען אין אַזאַ געפאַלענער שטימונג, און אויך נישט געווען אַזוי צעמזיקט ווי אַנדערע. זיינע דער־ציילונגען וועגן דער פאַרגאַנגענער נאַכט ביים אויספאַרשער אין פייני־קונגס־אַנשטאַלט זענען שטענדיק ביי אים אַרויסגעקומען הומאַריסטיש און אַנעקדאָטיש. אָפט פלעגט זיך דאַכטן אַז ער איז פשוט זאָרגלאָז צו זיין אייגענעם גורל. נישט געקוקט דערויף, וואָס ער אַליין איז די נאַכט נישט געשלאָפן — האָט זיין מידקייט נישט געשטערט אים באַרויקן אַנדערע, וואָס זענען אויך געקומען אויסגעמאַטערטע און צעשלאָגענע פון דעם פאַרגאַנגענעם נאַכט־פאַרהער.

עס געדענקט זיך אַ מער לעבעדיקער שמועס אין קאַמער:

— איר וועט זען האָט ניקאָליי איין מאָל פעסט און זיכער אַ זאָג געטאָן — אַז פון די אַלע פּראָטאָקאָלן וועט, ווי פון זייפן־בלאָזן קיין זכר נישט בלייבן. אַזוי קען לאַנג נישט אָנגיין. מיר דאַרפן זיך נישט פאַרלירן. אין אַ געוויסן טאָג וועלן זיך די טירן פאַר אונדז עפענען און מ'וועט אונדז אַלעמען אַפּלאָזן אַהיים. די גערעכטיקייט איז נישט הפקר. אָט דעמאָלט — איז ער ממשיך — וועלן מיר, באַפּריינדעטע פון דער 51־טער זיך צונויפנעמען ביי אונדזערע טישן און אין פרייד דערמאָנען אונדזער ביטערע פאַרגאַנגענהייט.

— אפשר וועלן מיר אויך אונדזערע אויספאַרשער פאַרבעטן צום זעלבן טיש? — האָט איראָניש אַ שמייכל געטאָן דער שטענדיק פריילעכער איוואַן איוואַנאָוויטש אָווערקאָוו.

— זיי וועלן נישט זיין דעמאָלט אין דער היים — האָט געענטפערט איינער פון אונדזערע מיטשמועסער, ביי וועמען די אויספאַרשונג איז שוין געווען פאַרענדיקט.

— ווי וועלן זיי זיך אהינטאן? — האט נאך א מאל געפרעגט אווערקאוו.

— דא ווי מיר געפינען זיך איצטער. די תפיסה איז גרויס און וועט זיי אלעמען ארייננעמען.

נאך א קורצער פויזע האט זיך ניקאליי אנגערופן:

— צי זענען טאקע נאר די אויספארשער אין דעם שולדיק? דאס איז דאך א באפעל פון אויבן, וועלכן זיי מוזן אויספילן...

אין איינעם א פרימארגן זענען מיר דערשטוינט געווארן, ווען מען האט פלוצעם ארויסגערופן ניקאלייען „מיט די זאכן".

וואס זאל דאס באטייטן? וווהין האט מען אים צוגענומען? — האט געפרעגט איינער ביים צווייטן. זיין שמייכלענדיק געזעגענען זיך און ווינטשן אלעמען א גיכע באפרייונג האט געווארפן א חשד, אז ער האט זיך מסתמא אונטערגעגעבן, — ד. ה. „צעשפאלטן זיך" און אונטערגעשריבן אלץ, וואס דער אויספארשער האט פון אים געפאדערט, אדער ווי דאס האט געהייסן לויטן אויספארשערס אויסדרוק „אנערקענט" זיך פאר שול־דיק, און דערפאר טאקע האט מען אים צוגענומען פון אונדזער קאמער אין א צווייטער... אפשר האט מען גאר אים אפגעלאזט אהיים? שווער צו גלויבן און פארשטעלן זיך אזעלכעס, ווייל מען האט ניקאלייען בא־שולדיקט אין גרויסע שעדיקערייען צוזאמען מיט זיינע ביידע געהילפן, וועלכע האבן זיך געפונען אין אנדערע קאמערן. פון צייט צו צייט האט מען זיי צונויפגעפירט אויף א באגעגעניש אויג אויף אויג, כדי איינער אויפן צווייטן זאל עדות זאגן. יעדעס מאל ווען ער פלעגט קומען פון אזא ווי־זא־ווי־באגעגעניש — האבן מיר באמערקט ביי אים א נערוועזן צושטאנד. ער האט געוווסט אז מען דריקט אויף זיי שווער און מען פייניקט זיי, כדי צו צווינגען געבן אויף אים, נישט געשטויגענע און נישט געפלויגענע „עדות־דערקלערונגען".

נאכן צונעמען ניקאלייען פון אונדז, זענען מיר געבליבן ממש צע־בראכן, מוטלאז און פאריתומט. מיר האבן זיך קיין ארט נישט געקענט געפינען. מיר האבן פיל גערעדט וועגן דעם און נאך מער איבערגעלעבט. אבער נישט לאנג האט געדויערט דער צושטאנד.

א דאנק „אונדזערן" (מיט דעם נאמען האבן מיר געקרוינט איינעם פון די תפיסה־נאדזיראטעלעס, וועלכער האט שטענדיק, שווייגנדיק ארויס־געוויזן מיטגעפיל צו אונדז מיט זיין נישט שטרענגן באגייען זיך, און אפילו ביי א געלעגנהייט געגעבן אנצוהערן וועגן עפעס.) ער האט גוט געקענט יעדן פון אונדזער קאמער און פארשטאנען, אז מיר שעצן אים — איז מען געוווויר געווארן וועגן ניקאלייס גורל.

אין 2—3 טעג אַרום נאָכן אַוועקנעמען ניקאַלייען פון אונדזער קאַמער, פירנדיק אונדז דורכן קאָרידאָר אין קלאָזעט, און פאַרבייגייענדיק די איבעריקע עטלעכע טויט־קאַמערן, ווי ס׳געפינען זיך די צום טויט־פאַרמשפּטע, וואַרטנדיק אויף זייער סוף, און ווי ס׳איז נישט דערלויבט צו האַלטן די אייגענע זאַכן ביי זיך אין קאַמער (נאָר אין קאָרידאָר אונטער דער השגחה פונעם נאַדזיראַטעל) — האָט „אונדזערער״ מיטן פינגער אַנגעוויזן אַנטקעגן דער 47־טער טויט־קאַמער, אויף די הענגענדיקע זאַכן, ווי פון אויבן איז געווען אַ האַנטעך מיט גרינע פּאַסן, וועלכער איז, דאַכט זיך אונדז ווי באַקאַנט געווען. (מיר האָבן זיך דערמאָנט אַז ביי ניקאַלייען איז אַזאַ האַנטעך געווען, מיט וועלכן ער פלעגט איינרייבן זיין לייב בשעת דער גימנאַסטיק).

גייענדיק צוריק פונעם קלאָזעט, האָט מען זיך שוין בעסער צוגעקוקט צום האַנטעך, ווי דאָס אויגנלעכל פון דער אַנטקעגנדיקער 47־טער איז געווען פאַרמאַכט, און גלייך נאָכן אַריינקומען אין אונדזער קאַמער, — האָבן מיר אָנגעהויבן אַרויסזאָגן פאַרשידענע סברות.

אייניקע האָבן געהאַלטן אַז דער פאַקט, וואָס „אונדזערער״ האָט ביי אַ גרויסער שטרענגקייט אָנגעוויזן מיטן פינגער אויף די הענגענדיקע זאַכן מיטן האַנטעך, איז אַ באַווייז, אַז דאָרט אַנטקעגן געפינט זיך טאַקע אונדזער ניקאַליי, שוין אַ פאַרמשפּטער צום טויט.

איבערקלאַפּן זיך דורך דער וואַנט ביי טאָג איז געפערלעך, און בפרט נאָך אַז ניקאַלייס קאַמער, לויט דער ריי, איז די פערטע פון אונדזערער (ניקאַליי האָט געוווּסט דעם תפיסה־אלף בית) און דעריבער מוז מען קודם איבערגעבן פון איינע אין די אַנדערע צווישן־קאַמערן, און ס׳איז אויך מער ווי זיכער (אַ חוץ די ריזיקע) אַז נישט אַלע, צום טויט־פאַרמשפּטע, וואָס זיצן אין די צווישנקאַמערן וויסן דעם אַלף בית. מיר האָבן זיך פּשוט נישט געקענט באַרויִקן און געווען ביז גאָר אָנגעשטרענגט. ביז נאַכט איז נאָך ווייט. אמת, מיר האָבן נאָך היינט אַ מעגלעכקייט, ווען מע וועט אונדז ווידער פירן דורכן קאָרידאָר. ערגער איז, וואָס פאַר דעם, ווי מען דאַרף אונדז דורכפירן דורכן קאָרידאָר — ווערן אַלע אויגלעכלעך פון די טויט־קאַמערן פאַרמאַכט, און טאַקע דערפאַר האָבן די, צום טויט־פאַרמשפּטע, נישט קיין מעגלעכקייט זען אונדז און אויך מיר זיי. אַ חוץ דעם איז שטרענג פאַרבאָטן אָפּשטעלן זיך אַפילו אויף איין סעקונדע.

מיר זענען געווען אויך זיכער, אַז אויב אין דער אָנגעוויזענער 47־טער טויט־קאַמער זיצט ניקאַליי — הערט ער אונדז דורכגיין נאָענט פאַרביי זיין טיר און ווייסט גוט אַז דאָס זענען מיר און נישט קיין אַנדערע, צווישן

וועלכע ער אַליין האָט אויך, ביז מיט עטלעכע טעג צוריק, יעדן טאָג דורכגעמאַכט דעם זעלבן וועג.

דורכגייענדיק אין אָוונט דעם קאָרידאָר און נישט אַראָפּלאָזנדיק די אויגן פון דעם אָרט אַנטקעגן דער 47־טער, האָט זיך געוואָרפן אין די אויגן, אַ חוצן האַנטעך, אויף דער טאַש־זאַק, וואָס האָט געהערט צו ניקאַלייען.

איצטער איז שוין קיין שום צווייפל נישט געווען, אַז דאָרט געפינט זיך אונדזער אַלעמענס ליבלינג ניקאָליי — קאַליע אַ פאַרמשפּטער צום טויט און וואַרט אויפן סוף.

אין זעלבן אָוונט האָט אין קאָרידאָר דיזשורירט „אונדזוערער". מיר האָבן אים נישט געוואָגט צו פרעגן (ער וואָלט זיכער אונדז נישט געענט־פערט, מורא האָבנדיק, אַז עמעצער פון אונדז זאָל אים נישט אויסגעבן, און דאָס וואָלט אויך געווען אַ ריזיקע צו פאַרלירן זיין גוטע באַציונג צו אונדז). ער איז אין דעם אָוונט נישט צוגעגאַנגען צו אונדזער קאַמער און אין אויגלעכל נישט אַריינגעקוקט, געבנדיק אונדז אַ מעגלעכקייט שטיל איבערקלאַפּן זיך „טעלעגראַפיש" מיט דער שכנותדיקער קאַמער, בעטן איבערגעבן ווייטער און אַנפרעגן זיך וועגן דעם, וואָס אונדז אינטערעסירט. מיר האָבן דאַן נאָך מער פאַרשטאַנען אַז „אונדזערער" גיט אונדז אַ פולע מעגלעכקייט דערוויסן דורך דעם „קוואַל", אָבי נישט דירעקט דורך אים.

אין אַ פּאָר שעה אַרום האָבן מיר באַקומען אַן ענטפער פון אונדזער ליבן ניקאַלייען־קאַליע :

„אַ גרוס אייך פון דער 47־טער, חברים. איך הער אייך דורכגיין און בענק נאָך אייך. זייט געזונט און האָט אַ בעסערע פרייהייט ווי איך. אייער קאַליע".

ווי ס'האָט זיך שפּעטער אַרויסגעוויזן, האָט אויך ניקאָליי געמאַכט באַמיונגען זיך פאַרבינדן מיט אונדז דורך קאַמערן (נעענטערע צו אים), כדי אונדז אָנזאָגן די „בשורה" אַז ער איז פאַרמשפּט צום טויט. ס'איז אונדז שווער געווען מסכים זיין מיטן דאָזיקן טרויעריקן און שרעקלעכן פאַקט. נאָך שווערער איז געווען באַרויקן זיך. מיר האָבן נאָך אַ מאָל דערפילט אויף וויפל מיר זענען היימלאָז און הפקר, און אַז דער זעלבער גורל קען יעדן פון אונדז דערוואַרטן יעדע מינוט.

נאָך אין עטלעכע טעג אַרום האָבן מיר, דורכגייענדיק דעם קאָרידאָר צום קלאָזעט, דערזען אַז זיינע הענגענדיקע זאַכן אַנטקעגן זיין קאַמער — זענען שוין מער נישטאָ... יעדער פון אונדז האָט ניקאַלייען שטיל באַווײנט ווי דעם סאַמע נאָענטסטן.

# ווידער וועגן טראָפּימאָוון

## (מיט יאָרן שפּעטער...)

מיט יאָרן שפּעטער, נאָך מיין באַפרייונג האָב איך אַ סך יאָרן נישט געקענט פאַרגעסן פיל פון מיינע מיטזיצנדיקע אַחים לצרה, און צווישן זיי אויך דעם סימפּאַטישן און פון אונדז אַלעמען באַליבטן ניקאָליי טראָפּימאָוו. קיינער האָט נישט געוווסט וווהין די משפּחה טראָפּימאָוו איז אַהינגעקומען. די, וואָס האָבן יאָ געוווסט, האָבן מורא געהאַט מיר עפּעס איבערגעבן וועגן גורל פון אַ משפּחה אין וועלכער דער מאַן און פאָטער איז דערשאָסן געוואָרן ווי אַ שעדיקער און קאָנטררעוואָלוציאָנער. מען האָט דאָך טאָקע אויך נישט געוווסט ווער איך בין.

נאָר אין די יאָרן 1964/65, ד. ה. אין 27 — 28 יאָר אַרום נאָך אונדזער צוזאַמענזיין מיט ניקאָלייען אין דער קאַמער פונעם טויטן־קאָרי־דאָר, ווען איך בין געלעגן אין אויגן־שפּיטאָל אויף פילאַטאָוווס נאָמען אין אָדעס — האָט זיך אויך דאָרטן געפינען דער בלינדער אַלטיטשקער מיט־טשענקאָ איוואָן איגנאַטיעוויטש פון קאַמענסקאָיע (דינעפּראָדזשערשינסק), וועלכער האָט אין יענע יאָרן געאַרבעט אויפן זעלבן זאַוואָד ווי ניקאָליי האָט געאַרבעט און געקאָנט פיל פון יענעם זאַוואָד מיט וועלכע איך בין אויך געזעסן צוזאַמען אין דער זעלבער 51־טער קאַמער. (ער האָט אויך געקאָנט און געווען באַפריינדעט מיטן פאָטער פון לעאָניד ברעזשניעוו, וועלכן מע האָט גערופן „אילקאָ" (פונעם נאָמען „איליאָ" און וועלכער האָט אויך געאַרבעט אויפן זעלבן מעטאַלורגישן זאַוואָד אַלס סטרוזש און קערער ביים טויער פונעם זאַוואָד).

אַחוץ וועגן טראָפּימאָוון, האָב איך דעם בלינדן דערציילט וועגן מייסטער קאָשעלסקי (דערמאָנט „ביי די טויערן פון גיהנום"), דעמטשענקאָ, דעם שטעל־פאַרטרעטער פונעם דירעקטאָר אין זאַוואָד „פּעטראָווסקי־קירילאָוו מיט וועלכן מיר זענען צוזאַמען געווען אין דער 51־טער און אויך אַנד. פון די אומגעקומענע. איך האָב אים געבעטן העלפן מיר גע־פינען די משפּחה פון ניקאָלייען. ער האָט מיר צוגעזאָגט אַלץ צו טאָן, וואָס נאָר מעגלעך איז, כדי צו געפינען.

ווען דער לעצטער איז געקומען אַ היים נאָכן שפּיטאָל, כאָטש ער איז געוועז בלינד און זיין אַלטיטשקע האָט אים געפירט ביי די הענט — האָט זיך אים דאָך איינגעגעבן געוויר ווערן ווי ס׳געפינט זיך — די ליידנדיקע און גערודפטע — אַננאַ פּ. טראַפּימאָווס פרוי מיט אירע 2 קינדער.

אין גיכן האָט מיר איוואַן איגנאַטיעוויטש מיטטשענקאָ וועגן דעם אַנגעשריבן און אויך איר אַדרעס. זי האָט שוין אין יענער שטאָט נישט געוווינט. זי איז אַנטלאָפן פון דאָרט, ווען מ׳האָט זי פאַרפאָלגט נאָכן אַרעסטירן און אומברענגען איר מאַן, און אויך מיט אַ געביטענעם פאַמיליען־נאָמען (נישט טראַפּימאָווא). איך האָב זיך גלייך מיט איר פאַרבונדן און אין איינעם אַ ווינטערדיקן אָוונט אין יאָר 1965, האָב איך זי באַגעגנט ביי דער באַן, ווען זי איז צו מיר געקומען. זי איז געווען טיף גערירט פון דעם, וואָס זי רעדט מיט אַ מענטשן, וועלער האָט מיט איר „קאַליען" פאַרבראַכט צוזאַמען אין קאַמער די לעצטע עטלעכע חדשים פאַר זיין דערשאָסן ווערן.

זי האָט אויך דערציילט וועגן אירע מאַטערנישן און פאַרפאָלגונגען, וועלכע זי האָט געהאַט אויסצושטיין נאָך זיין אַרעסט, ווען זי איז געצוווּנגען געווען איבערלאָזן איר אַרבעט אַלס דאָקטאָרין, נישט קונדיק דערויף, וואָס זי איז פאַרבליבן מיט 2 קליינע קינדער. זי איז אַוועק קיין קאַווקאַז.

זי האָט אויך איבערגעגעבן אַז איר, צוזאַמען מיט די פרויען פון זיינע אַרעסטירטע געהילפן, האָט זיך איינגעגעבן געוויר צו ווערן אין געהיים (נאָך דאַן ווען די מענער זענען געווען אין תפיסה), ווען מע וועט זיי משפטן און אין וועלכן הויז, און זיי האָבן דעמאָלט דיזשורירט פון דערווייטנס. זיי האָבן זיך דערוואַרט און געזען ווען מ׳האָט זיי געבראַכט אונטער אַ שטאַרקער שמירה, אָבער קיין שום צוטריט איז צו זיי נישט געווען. דאָס איז געווען אין דער זעלבער שטאָט קאַמענסקאָיע דנעפּראָ־דזשערזשינסק). אין גיכן זענען זיי פונעם הויז אַרויסגעפירט געוואָרן און דאַן האָט ניקאָליי זיי פון דערווייטנס באַמערקט און געוויזן מיט דער האַנט אויף זיין האַלדז, וואָס האָט באַדייט אַז ער איז פאַרמשפּט צום טויט. אויך די געהילפן זענען פאַרמשפּט געוואָרן. מער האָט אַננאַ פּ. אים שוין קיין מאָל נישט געזען.

ווי ס׳האָט זיך אַרויסגעוויזן, איז דאָס פאַרגעקומען טאַקע אין דעם זעלבן טאָג, ווען מ׳האָט ניקאָלייען „מיט די זאַכן" אַרויסגערופן פון אונדזער קאַמער, ווען מיר האָבן געבראַכן די מוחות, וווהין האָט מען אים געקענט אַרויסרופן? ווי שוין אַ פאַרמשפּטן, האָט מען אים שוין מער צו אונדז נישט אַריינגעבראַכט, נאָר אין דער אַנגעוויזענער 47־טער.

די פרוי אַננאַ פּ. האָט פול מיט צער דערציילט איינצלהייטן ווי אַזוי

זי האָט איר וווינאָרט פֿאַרלאָזט מיט די קינדער און אַוועק קיין קאַווקאַז, וווּ איר האָט זיך איינגעגעבן אַרבעטן אַלס דאָקטאָרין (באַהאַלטנדיק אַלץ וועגן איר מאַן) און דערציִען אירע קינדער, וועלכע האָבן דעם פֿאָטער נעשט געדענקט. זי האָט פֿאַר זיי כסדר באַהאַלטן דאָס, וואָס מיט אים איז געשען און אַז אויך איצטער איז זיי אַלץ נישט באַוווּסט. קיינער האָט איר נישט מודיע געווען וועגן מאַן. זי האָט אַלץ געמיינט אַז אפֿשר לעבט ער נאָך ערגעץ און וועט זיך אומקערן, ווי ס׳קלערן פֿיל אַנדערע פֿאַר־יתומטע משפּחות נאָך דער מאָרד־תּקופֿה און וואַרטן נאָך ביז היינט אויף זייערע נאָענטע.

נאָכן טויט פֿון סטאַלינען ימ״ש, האָט מען דער פֿרוי מודיע געווען אַז דער מאַן „איז געשטאָרבן אין לאַגער אין יאָר 1943" צוגעבנדיק דערביי אַפֿילו דעם „דיאַגנאָז"...

נאָכן 20־טן פּאַרטיי־צוזאַמענפֿאָר, ווען כרושטשאָוו האָט סטאַלינען דעמאַסקירט — האָט מען ניקאַלייען רעהאַביליטירט, אָפּגעזוכט די פֿרוי און געגעבן צו וויסן וועגן דעם. זי האָט זיך קאַטעגאָריש אָפּגעזאָגט פֿונעם צוגעוואָרפֿענעם ביטערן ביסן „קאָמפּענסאַציע". ווען מ׳האָט איר דאָס פֿאַר־געלייגט, האָט זי געענטפֿערט, אַז קיין שום קאָמפּענסירונג קען נישט אומ־קערן דאָס צוגערויבטע לעבן פֿון איר מאַן און פֿאָטער פֿון זייערע קינדער. זי האָט זיך אויך אָפּגעזאָגט פֿון אַ דירה אַפֿילו, נישט קוקנדיק דערויף, וואָס זי האָט געוווינט אין אַן אַלט הויז מיט צעבראָכענע טרעפּ און ענ־לעכע „באַקוועמלעכקייטן".

ווען איך האָב זייער דירה באַזוכט אויף פּושקין גאַס, האָט זיך גלייך געוואָרפֿן אין די אויגן דאָס הענגענדיקע בילד פֿון ניקאַלייען, ווי אַזוי ער האָט אויסגעזען פֿאַר זיין אַרעסט און וועמענס געשטאַלט איז איינגעקריצט אין מיין זכרון. שפּעטער האָט אַננאַ פּ. ספּעציעל געמאַכט אַ פֿאָטאָ־קאָפּיע און מיר געשענקט אַן אָנדענק, וועלכער איז ליידער, פֿאַרלוירן געגאַנגען בעת מיין נסיעה מיט פֿיל אַנדערע זאַכן און אַנדערע בילדער.

די צוויי, דעמאָלט איבערגעבליבענע קינדערלעך וו. און ט. האָט די מאַמע מיט גוואַלדיקער מסירות נפֿש דערצויגן, געלערנט און איצטער זענען זיי אינזשעניערן. זיי ווערן אויך איצטער דורך דער מוטער אָפּ־געהיטן ווי דאָס אויג אין קאָפּ. זי האָט זיי אַ סך יאָרן נישט דערציילט וועגן פֿאָטער, אָבער מיט דער צייט האָבן זיי אַליין פֿאַרשטאַנען. זי האָט מיך געבעטן אין זייער אַנוועזנהייט דעם פֿאָטער נישט דערמאָנען.

ווען איך וואָלט די שיינע און יונגע ט. מיט איר טאַטנס לייכט־אַדלע־רישע נאָז באַגעגנט אין גאַס און נישט געוווּסט אַז דאָס איז ניקאַלייס טאָכטער — וואָלט איך (נאָך קנאַפּע 30 יעריקער צעשיידונג מיט ניקאָ־

לייען) זיכער גלייך זיך דערמאָנט אין דער געשטאַלט פון דעם טייערן פריינד און קרבן — ניקאַליי טראַפּימאָוו.

מיר איז שווער זאָגן וואָס עס לעבן איבער די יונגע אינזשעניערן וו. און ט. און נאָך הונדערטער טויזנטער (און אפשר מער?), ווען זיי דערמאָנען זייער צוגערויבטע קינדהייט, נאָכן אומקום פון זייערע אומשולדיקע פאָטערס, ווען זיי איז אויסגעקומען געפלאָגט צו ווערן און דורכמאַכן זייער שווער לעבן ביז איצטער, ווען מע פלעגט זיי אין שול נאָכשרייען „דיין טאַטע איז אַ פאָלקס־פיינד און זיצט אין תפיסה"...

אויך מיין פרוי און קינדער האָבן געהאַט אויסצושטיין ענלעכע פאַרפאָלגונגען, ווען מ'האָט גלייך נאָך מיין אַרעסט פאַרטריבן זי פון דער אַרבעט, ווי אַ פרוי פון אַ פאָלקס־פיינד. ווען זי האָט פּראָטעסטירט קעגן דעם — האָט מען זי אַרויסגערופן אין נ.ק.וו.ד., וווּ מ'האָט איר פאַרגעלייגט אָנשרייבן אַז זי זאָגט זיך אָפּ פון מיר, ווי פון אַ פאָלקס־פיינד און פאַדערט אַ גט.

ווען זי האָט מיט עקל אָפּגעוואָרפן זייער ווילדן פאָרשלאָג — האָבן זיי זי באַדראָט מיט אַרעסט דערפאַר „ווייל זי האָט געוווּסט וועגן מיינע פאַרברעכנס, געהאַלטן בסוד און נישט איבערגעגעבן וועגן זיי ביז... זיי זענען אַליין נישט געוויר געוואָרן דורך „וואַכזאַמע פאַטריאָטן" וועגן מיינע קאָנטררעוואָלוציאָנערע טעטיקייטן.

אַנדערטהאַלבן יאָר האָט מיין פרוי נישט געאַרבעט און קיינער האָט זי נישט געוואָלט אָננעמען אויף אַרבעט, ווי אַ פרוי פון אַ פאָלקס־פיינד. קרובים און פריינד האָבן בשתיקה אויסגעהאַלטן מיין משפחה.

אַזוי האָט אויך אויסגעזען דער דראַמאַטישער וועג פון דער משפחה טראָפּימאָוו ניקאַליי, וועלכער איז געווען נאָר איינער פון די קרבנות אין דער שרעקלעכער עפּאָכע, ווען פון איין זייט האָט סטאַלין געפּרעדיקט אַז „דאָס טייערסטע איז דער מענטש" און פון דער צווייטער זייט האָט מען די זעלביקע מענטשן אומברחמנותדיק אומגעבראַכט פּלאַנמעסיק מיט די ראַפינירטסטע פייניקונגס־מעטאָדן אין נאָמען פון וועמען? פאַר וואָס? צוליב וואָס? פאַר אַ בעסער לעבן?

# אַלעקסאַנדער געאָרגיעוויטש סאַכנאָווסקי

דאָס איז געווען אַן עכט־רוסישער אינטעליגענט. 50 יאָר אַלט. אַ שיין שפּיציק געשוירן בערדל. איידל ביז גאָר. רעדט שטיל. זיין רוסיש לשון — שיין און זויבער און איז אַן אינטערעסאַנטער מיטשמועסער. רעדט נישט איבעריק. נעמט אַ נישט גרויסן אָנטייל אין די אָפּטע מיינונגס־אויסטוישן צווישן די „תושבים" פון דער 51־טער קאַמער. ער האָט אויף דער פריי געאַרבעט ווי אַ הויכקוואַליפיצירטער אינזשעניער ערגעץ אין די אַרץ־גרובנס, אָבער נישט ווי אַן אָנפירנדיקע פּערזענלעכקייט צוליב דעם, ווי מיר האָבן זיך דערוווּסט, וואָס ער איז געווען באַשולדיקט און פאַרמשפּט אין פּראָצעס פון די שעדיקער אין די קוילן־גרובנס אין דעם, אַזוי גערופענעם, „שאַכטעס־ענין". דער משפּט איז פאָרגעקומען אין יאָר 1928 אין אוקראַיִנע, און ער האָט דאָרט באַקומען 10 יאָר תּפיסה.

פון צייט צו צייט פלעגט ער וועגן זיך דערציילן, אָבער מיט פאַרזיכט, נישט אויסצורעדן אַן איבעריק וואָרט, וואָס קען אים ברענגען שאָדן ביי דער נייער אויספאָרשונג.

מיר פלעגן מיט פערגעניגן אויסהערן (ווען ער איז געווען אַ ביסל אויפגעלייגט) זיינע גרינטלעכע און אינטערעסאַנטע דערציילונגען וועגן די פאָררעוואָלוציאָנערע צייטן. דערציילט אָבער האָט ער אויך מיט איינגע־האַלטנקייט, ד .ה. אַז ער האָט נאָך נישט געהאַט קיין פולן צוטרוי צו אונדז, אויך טאַקע מורא געהאַט פאַר אַריינגעשיקטע אין קאַמער, כלומרשטע אַרעסטאַנטן, וואָס געבן איבער די אויספאָרשער, וואָרט ביי וואָרט, אַלץ וועגן וואָס ס'רעדט זיך אין קאַמער.

אויף די אויספאָרשער האָט ער זיך נישט באַקלאָגט אַז זיי באַגייען זיך מיט אים ברוטאַל אָדער שלאָגן אים. דאָס אַליין און אויך אַנדערע פאַקטאָרן האָבן ביי אַ טייל פון אונדז, צייטנווייז אַרויסגערופן אַ חשד, אַז ער איז אפשר אַליין איינער פון די אַריינגעשיקטע. שפּעטער האָט זיך אַרויסגעוויזן אַז אונדזערע חשדים האָבן נישט קיין שום גרונט. ער איז געווען אַן ערלעכער זון פון רוסישן פאָלק (איך ווייס נישט צי פון סאָוועט־טישן פאָלק) און געווונען פיל סימפּאַטיע ביי אונדזערע מיטזיצער אויך

אפשר דערפֿאַר, וואָס ער פֿלעגט אָפֿט געבן אויספֿירלעכע דערקלערונגען אויף דערשיינונגען, וואָס זענען פֿאַר אונדז נישט פֿאַרשטענדלעך געווען.

דעם אמת זאָגנדיק, האָבן אייניקע אין קאַמער (און צווישן זיי אויך איך) געקוקט אויף אים „קרום", עפּעס ווי מיט אומצוטרוי און ווי צו אַזעלכן, וועלכער איז טאַקע, ווי אונדז האָט זיך געדאַכט, געזעסן נישט פֿאַר אומזיסט, ווי אַנדערע. ער איז דאָך געווען אַן אַנטיילנעמער און שעדיקער פֿון די קוילן־גרובן. אויב מען האָט אַנדערע געגומען אומשולדיק, איז האָט דאָך דאָס צו אים קיין שייכות נישט, ווי צו אַן אויסגעשפּראָכענעם שעדיקער, וועלכער איז אַנטפּלעקט געוואָרן אויפֿן פּראָצעס אין יאָר 1928 און האָט דאָך טאַקע באַקומען 10 יאָר תּפֿיסה.

איך האָב זיך מיט סאַכנאָווסקין באַזונדער דערנענטערט דורך דעם, וואָס אונדז איז אויסגעקומען אַ געוויסע צייט שלאָפֿן אויף איין בעטל. דאָרט האָט ער מיר אויפֿגעקלערט אָפֿט אַזעלכע זאַכן, וואָס כ'האָב פֿריִער בפֿירוש נישט געוווּסט, כאָטש, ווי שוין דערמאָנט, האָב איך מיט אַ געוויסער דערוויטערטקייט זיך צוגעהערט צו זײַנע אויפֿקלערונגען. מיט נײַגער, אָבער מיט ווייניק צוטרוי.

נאָך עפּעס האָט אונדז דערנענטערט:

ער, סאַכנאָווסקי, זיצנדיק אין דער כאַרקאָווער תּפֿיסה „כאָלאָדנאַיאַ גאָראַ" האָט דאָרטן אָרגאַניזירט אַ קאָנסטרוקטאָרן־ביוראָ פֿון נאָך אַזעלכע פֿאַראורטיילטע אינזשעניערן ווי ער, וועלכע האָבן געאַרבעט אין פֿאַרשידענע טרעסטן, פּראָיעקט־ביוראָען אין שטאָט כאַרקאָוו. יעדן טאָג האָט מען זיי געפֿירט אויף אַרבעט אין שטאָט און צוריק אונטער אַ שמירה. איינע פֿון די טרעסטן, אין וועלכע סאַכנאָווסקי האָט געאַרבעט מיט זײַן גרופּע, איז געווען דער אָרץ־טרעסט, וואָס האָט זיך געפֿינען אין דער געבײַדע פֿון „גאָס־פּראָם" אויף דזערזשינסקי־פּלאַץ, מיט וועלכן ס'האָט אָנגעפֿירט מײַן נאָענטער קרוב (לעבט נאָך איצטער אין טיפֿן עלטער) און סאַכנאָווסקי האָט אים גוט געקענט פֿון דער צוזאַמענאַרבעט.

ווען איך האָב זיך צוריקגעקערט אַהיים אין 1946 און האָב מײַן קרוב איבערגעגעבן אַ גרוס פֿון אַלעקסאַנדער געאָרגיעוויטשן, איז ער באמת געווען זייער צופֿרידן, און האָט מיר דערציילט וועגן סאַכנאָווסקיס הויכער פֿאַך־קענטעניש און וועגן זײַן אויסנאַמעלכער אינטעליגענץ, וואָס האָט אַרויסגערופֿן פֿיל סימפּאַטיע בײַ די מיטאַרבעטער פֿון טרעסט. זיי האָבן אויך מיט מיטלייד זיך באַצויגן פֿאַר זײַן אַפּוזיצן אַ 10 יעריקן טערמין. אַ טייל מיטאַרבעטער און איבערהויפּט די קאָמוניסטן, האָבן זיך באַצויגן צו אים מיט האַס ווי צו אַ שעדיקער.

סאַכנאָווסקי האָט גוט געוווּסט דעם תּפֿיסה־אַלף בית און ווען איך האָב

אים געבעטן מיך אויסלערנען די „תורה" — האָט ער דאָס גערן געטאָן און אַ דאַנק טאַקע אים, האָב איך דאָס „קענטעניש" נישט שלעכט באַהערשט.

איין מאָל אין אַ פרימאָרגן, ווען ער האָט זיך צוריקגעקערט פון דער ביינאַכטיקער אויספאָרשונג, האָט ער אונדז מודיע געווען, אַז ער איז געניט געווען ביים אויספאָרשער אַלץ אונטערשרייבן, וואָס מען האָט פון אים געפאָדערט. ווי עס האָט זיך אַרויסגעוויזן איז סאַכנאָווסקי געווען אַ זייער געלונגענער „אָביעקט" פאָרן נקווד צוליב זיין, שוין פאַרמשפּטקייט און „רעצידיוו". זיי האָבן אים אויסגענוצט אַזוי ווי זיי האָבן געוואָלט, אַן באַזונדערע שוועריקייטן און וועלכן ס'איז ווידערשטאַנד מצד אים. ווען מיר האָבן אים געשטעלט די פראַגע, אַז אויב עמעצן קומט אויס אונטער־שרייבן פאַבריצירטע פּראָטאָקאָלן אונטער אַ שווערן דרוק פון פייניקונגען, איז קען מען נאָך געפינען אַ שטיקל באַרעכטיקונג פאַר אַזאַ טאַט, אָבער ער האָט דאָך קיין שווערע פייניקונגען נישט געהאַט, די אויספאָרשונג איז ביי אים געפירט געוואָרן מער מיט רייד ווי מיט „מעשים", מיט איינרעדן, דערווייזונגען און... פאָדערונגען — איז פאַר וואָס זשע איז ער געניט געווען אונטערשרייבן רכילות אויף זיך?

דער ענטפער פון אים איז געקומען רויִק, אויסגעהאַלטן און מיט אויס־גערעכנטקייט:

— איך האָב נישט געוואָלט דערלאָזן מע זאָל מיר אָפּהאַקן די לונגען און כ'זאָל בלייבן אַ קאַליקע אין בעסטן פאַל, און נאָך דעם וועל איך שוין נישט קענען אַרבעטן, אַפילו מען זאָל מיך באַפרייען. ער איז ממשיך: מיר איז איצטער 50 יאָר, באַקומען וועל איך 10 יאָר (דעמאָלט איז אַ הוץ טויט־שטראָף — 10 יאָר געווען דער מאַקסימאַלסטער אורטייל). אין וועלכן לאַגער איך זאָל זיך נישט געפינען, וועט מיין פאַך ווערן אויסגענוצט אָן באַזונדערע שוועריקייטן און איך וועל זיך אויך געפינען אין בעסערע באַדינגונגען (ער האָט דאָך שוין געהאַט „פּראַקטיק") ווי די איבעריקע לאַגערניקעס. ווען איך וועל פריי ווערן, וועל איך אַלט זיין 60 יאָר. אויך נאָך דעם וועט מיר בלייבן נאָך עפּעס אויף אַרבעט און אויסלעבן זיך רויִק די יאָרן. אויב — זאָגט ער — איך וועל זיך איצטער איינעקשענען — וועט דאָס מיר נישט פאַרגרינגערן און כ'וועל סיי ווי סיי מיין שטראָף באַקומען, און אפשר אויך טויט־שטראָף, נעמענדיק אין אַכט מיין פריִערדיקע באַ־שולדיקונג. דער אויספאָרשער — דערמאָנט ער ווייטער מיט אויסגערעכנט־קייט — האָט מיר „גאַראַנטירט" אַז אויב איך וועל אונטערשרייבן, וועל איך קיין טויט־שטראָף נישט באַקומען. אָט דאָס איז די סיבה פון מיין אונטערשרייבן. איך האָב קיין אַנדער אויסוועג נישט געהאַט.

מיר האָבן גוט פאַרשטאַנען אַז זיינע „חשבונות" זענען מער דעם

פאַרשערס ווי זיינע אייגענע. דעם אויספאַרשער האָט זיך איינגעגעבן אויף אים ווירקן, אויסנוצנדיק זיין פאַרגאַנגענהייט און דעם פחד פאַר טויט־שטראָף האָט געבראַכט צו זיין „צעשפּאַלטונג".

מיר האָט זיך באַזונדער געוואָרפן אין די אויגן דאָס, וואָס ער, נאָך זיין אונטערשריפט, לעבט נישט איבער. עס מאַטערט אים נישט אַזוי, ווי ס'האָט געמאַטערט אַנדערע, אַזעלכע ווי פּוסטאָוויטאָוו (בריגאַדיר פון „פּעטראָווסקי"־זאַוואָד, מעלניטשענקאָ (מילנער פון טערפּעניער מיל אין מעליטאָפּאָל ראַיאָן, וועלכע האָבן נאָך זייערע אונטערשריפטן אַליין זיך „געגעסן", אָדער שפּעטער אויף ליאַניע געגנין. אָט די אַנגעוויזענע האָבן געהאַט שרעקלעכע איבערלעבונגען, פאַרשטייענדיק אַז זיי זענען באַגאַנגען אַ פעלער — נישט צו פאַריכטן, אַ פעלער וועלכער האָט אויך געבראַכט מעלניטשענקאָ צום טויט. מעגלעך אַז אויך אַן זיין אונטערשריפט וואָלט מען אים געמאַכט „מיט אַ קאָפּ נידעריקער". ווער ווייסט ?

דער לייכטזיניקער אונטערשריפט „אויף אַלץ וואָס ער האָט געוואָלט" פון סאַכנאָווסקין האָט אין אַ געוויסער מאָס אָפּגעקילט מיין אַנערקענונג. און טאַקע, ווי אַזוי קען מען זיין אַזוי גלייכגילטיק נאָכן אונטערשרייבן אויף זיך אַזעלכע באַשולדיקונגען ? ער האָט דערציילט אַז ער האָט אונטערגעשריבן אַז ער איז באַגאַנגען מער „פאַרברעכנס", ווי עס איז „דער־וויזן" געוואָרן אויפן „שאַכטע־פּראָצעס", און אַז אַ טייל פון דעם איז דעמאָלט „באַהאַלטן" געוואָרן פון די אויספאָרשערס און דעריבער האָט ער איצטער געגעבן „צוגאַבלעכע" דערקלערונגען, און אַלץ פאַרן פּרייז פון „צוזאָגן" אים נישט שיסן און לאָזן ווייטער לעבן. איך פאַרזענלעך האָב זיין טאַט געוואָלט דערקלערן דערמיט, וואָס ער איז אַן אַלטרעזשימיקער קעגנער פון דער ראָטנמאַכט, ווייסט גאַנץ גוט, אַז ער וועט באַשטראָפט ווערן און דעריבער האָט ער פון צוויי שווערע „פּראָבלעמען" "אויסגעקליבן די גרינגערע, אָבער דאָס איז שוין זיין אייגענער חשבון.

איך ווייס נישט צי האָט ער געפילט מיין אָפּגעקילטקייט צו אים אָדער נישט. זיין באַציונג צו מיר איז געווען אַן אויסערגעוויינלעך גוטע, מיט מיטלייד און טאַקע ווי אַ פאָטער צו אַ זון. ער האָט כסדר ממשיך געווען דערציילן וועגן זיך, באַרויִקט מיך, געפינענדיק סיבות צו דערמוטיקן מיך, ווען ער האָט געזען מיינע ליידן און איבערלעבונגען, סיי ביים אַרויסרופן אויפן פאַרהער און סיי ביים צוריקקערן זיך. ער האָט אויך גענומען אַן אַנטייל אין „אויסבעטן" מיין לייב פאַרן אַרויסרוף צום פאַרשער. ער האָט מיר קיין מאָל נישט געמאַכט קיין באַמערקונג צי טו איך גוט מיט דעם, וואָס איך שרייב נישט אונטער און לאָז זיך כסדר פּייניקן, און טאַקע צוליב וואָס ?

איין מאָל אין אַ פרימאָרגן, ווען מען האָט מיך געבראַכט פונעם אויס־פאָרשער אַ צעשלאָגענעם און איך האָב זיך קוים געהאַלטן אויף די פיס, וועלכע זענען געווען געשוואָלן פון שטיין כסדר, און די חברים אין קאַמער האָבן זיך מתעסק געווען אַרום מיר ביים אויסבעטן דאָס געלעגער מיט וויכן אויפן בעטל מיטן אייזערנעם פלאַך (אַנשטאָט ברעטער), וואָס איז אויך געווען דאָס אָרט פון סאַכנאַווסקען, און מיך אָוועקגעלייגט — האָב איך פאַר ווייטיק נישט געקענט איינשלאָפן. איך האָב דעמאָלט נאָך אַ מאָל און נאָך אַ מאָל באַטראַכט מיין לאַגע. אַ חוץ די פיזישע ליידן פון די פיס און מויל, נאָכן אויסהאַקן די ציין — האָב איך געהאַט ווייטיק פון מאָראַ־לישער דערשלאָגנקייט, פון דער אוממענטשלעכער און מערדערישער באַ־ציונג מצד מיין אויספאָרשער אַקס און פון זיינע „כאַוויירים" — מערדער. איך בין געוואָרן אַפּאַטיש צו אַלץ אויף דער וועלט. איך האָב זיך איבער־געטראַגן ממש אין אַן אַנדער וועלט. מיין איצטיקער צושטאַנד איז געוואָרן אַ טעמע אויף צו באַהאַנדלען אין קאַמער. מ׳האָט כסדר וועגן מיר גערעדט. אַ טייל האָבן זיך אַליין געזען אין מיין צושטאַנד. איך האָב געהערט ווי אויך סאַכאַנאָווסקי האָט געגומען אַנטייל אין דעם מיינונגס־אויסטויש.

פון צייט צו צייט איז סאַכאַנאַווסקי צוגעגאַנגען צום בעטל, צוגע־קוקט זיך אויף מיין צושטאַנד. ווען ער האָט געזען אַז איך שלאָף נישט, האָט ער זיך צוגעזעצט צו מיר און אָנגעהויבן מיך באַרויִקן. איך האָב דאָס נישט אויסגעהאַלטן און זיך צעוויינט. זיינע ווערטער האָבן אָנגעהויבן אויף מיר נעגאַטיוו ווירקן און איך האָב מיט אַנטשלאָסנקייט אים געזאָגט:

— נאָך וואָס באַדויערט איר מיך. איך וועל קיין שום פּראָטאָקאָל נישט אונטערשרייבן, אַזוי ווי איר האָט דאָס געטאָן און כ׳וועל קעמפן ביזן סוף. פאַרשטייט מיך. אויב איך וועל אונטערשרייבן, וועט מיין משפחה פאַר־פאָלגט ווערן ביזן סוף פון זייער לעבן און זיין אומגליקלעך. כ׳בין נישט שולדיק. כ׳בין נישט באַגאַנגען קיין שום פאַרברעכן. איר האָט אונטער־געשריבן ווייל איר זענט אַ פאַרברעכער, זיך פאַרנומען מיט שעדיקן אין די קוילן־גרובן נאָך דער רעוואָלוציע און דאָס איז דאָך טאַקע פעסט־געשטעלט געוואָרן אויפן „שאַכטע־פּראָצעס" אין יאָר 1928. פאַר וואָס פאַרגלייכט איר זיך צו מיר? איך נויטיק זיך נישט אין אייער טרייסט. איר רעגט מיך אויף. לאָזט מיך צו רו. סאַכאַנאָווסקי האָט געשוויגן.

— הער מיך אויס, מיין זון, ווי אַן עלטערן און געניטערן פון דיר — האָט ער נאָך אַ קורצער פּויזע מיר געזאָגט — געדענק און זיי וויסן אַז די גאַנצע „שאַכטינסקאַיע דיעלאָ" מיט דעם גאַנצן רעש אין לאַנד און אויף דער וועלט דעמאָלט אַרום דעם „ענין" איז געווען פאַבריצירט דורך דער ג. פּ. אוּ. פון אָנהויב ביזן סוף. מען האָט אויך געפּייניקט און „גע־

קוועטשט" די אונטערשריפטן. מיר זענען נישט געווען קיין שעדיקער. ס'איז געווען פון פאַרויס פאַרפּלאַנירט אַ קאַמף מיט דער רוסישער אינטעליגענץ פון פאַר דער רעוואָלוציע, וועמען מ'האָט נישט געגלויבט. מיר, אינזשע־ניערן האָבן ערלעך געאַרבעט און געהאָלפן דער ווירטשאַפט אויפשטעלן דאָס, וואָס זיי אַליין האָבן צעשטערט. איך דערצייל דיר שטיל, קיינער זאָל נישט הערן. דו ביסט נאָך יונג און וועסט זיכער לעבן מער פון מיר.
יאָ, — זאָגט ער ווייטער — איך האָב אונטערגעשריבן ווייל איך בין פאַררעכנט פאַר אַ רעצידיוויסט, און אויב איך וואָלט דאָס נישט אונטער־געשריבן — וואָלט איך, אַלס אַזעלכער, זיכער פאַרמשפּט געוואָרן צום טויט, כאָטש איך בין אַזוי אויך נישט זיכער מיט מיין גורל און איך ווייס דעם פּרייז פון זייערע „צוזאָגן". דו דאַרפסט פאַרשטיין אַלץ.
סאַכנאָווסקי זעצט ווייטער פאָר:
— איך האָב אַ סך געליטן אויף מיין אַרבעט ביזן אַרעסט, מען האָט מיך געהאַסט ווי אַ פרעמדן, ווי אַ קאָנטררעוואָלוציאָנער. איך האָב אַלע יאָרן געאַרבעט אָרנטלעך, געטריי און קיין מאָל נישט געשעדיקט. די „שאַכ־טינסקאָיע דיעלאָ" איז געווען אַן אָנהויב פון אַ סך ענלעכע „געשעענישן" נאָך אונדזער פּראָצעס, ווי צ. ב. ש. די „ס.וו.או." *) אין אוקראַיִנע, די פּראָם־פּאַרטיי מיט ראַמזינס „ענין", אַזוי ביזן היינטיקן טאָג. איך וואָלט דיר וועגן דעם אפשר נישט באַדאַרפט דערציילן, אָבער איך האָב צו דיר צוטרוי. האַלט זיך וויפל דו קענסט און אפשר וועט זיך דיר איינגעבן אַרויס פון דעם „לאַבירינט" פון וועלכן ס'איז קיין אַרויסגאַנג נישטאָ.
איך בין ממש דערשטוינט געוואָרן פון אַזאַ אומגעריכטער ווידוי. איך בין פשוט נישט מסוגל געווען דאָס צו באַנעמען. איז דאָס טאַקע אמת ? — האָב איך געטראַכט — אויב יאָ, איז דאָך טאַקע קיין וווּנדער נישט, וואָס דאָ קומט פאָר. אַ נייַ לעבן האָט זיך באַוויזן פאַר מיינע אויגן. ס'האָט זיך מיר געדאַכט אַז איך בין מיט אַ מאָל עלטער געוואָרן און ענדלעך אַרויס פון פאַרבלענדעניש, אין וועלכן איך האָב זיך געפונען די גאַנצע צייט. איך האָב כמעט פאַרגעסן אין די אייגענעליידן, און נאָר סאַכנסווסקיס אויפקלערונג האָט שוין ווייטער פאַרנומען אַלע מיינע געדאַנקען.
סאַכנאָווסקין האָט מען אַרויסגעפירט „מיט די זאַכן" ביי טאָג. מיר האָבן נישט געהערט אַז ער זאָל נאָך דעם געווען אַריינפאַלן אין איינער פון אונדזערע טויט־קאַמערן אין קאָרידאָר. אפשר איז ער אַוועק מיטן עטאַפּ אין די ווייטע מקומות, ווו ער איז טאַקע אַלס אינזשעניער אויסגענוצט געוואָרן ביז זיין אומקום, אָדער באַפרייונג ? קיין שום רייד וועגן באַפרייען

*) סאָיוז וואָזראָזשדעניע אוקראַיִני (פאַרבאַנד פון ווידערגעבורט פון אוקראַיִנע)

אים האָט אין יענער צייט נישט געקענט זיין. אפשר דערשאָסן?

צוליב דעם, וואָס סאָכנאָווסקי האָט קיין מאָל אין קאָמער נישט דער־מאָנט זיין משפּחה און ווינ־אָרט — האָב איך נאָך מיין באַפרייונג נישט געקענט זיך אינטערעסירן מיטן ווייטערדיקן גורל פון אָט דער אינטערע־סאַנטער פּערזענלעכקייט.

# דער לעצטער פֿאַרהער

דאָס איז געווען דעם 5־טן דעצעמבער 1937. די טיר פֿון „וואָקזאַל" האָט זיך געעפֿנט. מען האָט מיך אַרײַנגערופֿן צום פֿאַרהער. איך גיי מיטן שומר איבערן, שוין לאַנג מיר באַקאַנטן קאָרידאָר אין „מײַן קאַבינעט" נומער 28, וואָס האָט זיך געפֿונען אין ערשטן שטאָק פֿון דער נקוד־געבײַדע. פּלוצעם האָט דער שומר באַפֿוילן „אויף רעכטס און אויפֿהויבן זיך אויף די טרעפּ". מען האָט מיך געפֿירט העכער און העכער ביזן פֿערטן שטאָק. בײַם קאַבינעט 74 האָבן מיר זיך אָפּגעשטעלט. נאָכן באַקומען אַ דערלויבעניש האָט ער מיך אַרײַנגעפֿירט און אַליין איז ער אַוועק.

— אַ גוטן אָוונט דיר — האָט זיך מיר אַנטקעגן געטראָגן די שטים פֿון אויספֿאָרשער — די דערקענסט מיך ?

איך האָב זיך אין אָנהויב נישט געקענט דערמאָנען ווו האָב איך אים געזען און ווען איך האָב געהערט זײַן קול. אָבער נאָך אַ מינוט—צוויי, האָב איך זיך דערמאָנט, אַז דאָס איז איינער פֿון די „יוונים, וואָס האָבן אַלע איין פּנים" און דאָס האָט ער טאַקע, פֿראַנטשענקאָ אָדער פֿראַנזשענקאָ, מיט עטלעכע טעג צוריק „צוגעלייגט" זײַן געזונטע האַנט צו מיר אין 28־טן קאַבינעט בײַ מײַן אויספֿאָרשער אַקס. דעמאָלט טאַקע האָט ער פֿאָרגעלייגט אַקסן מיך איבערגעבן אין זײַנע הענט.

— איך וועל — האָט ער דעמאָלט געזאָגט צו אַקסן — שנעלער פֿון דיר מאַכן מיט אים אַ סוף. דאָס — זאָגט ער — האָט ער דערטאַפּט דײַן שוואַכקייט און דערפֿאַר מאַטערט ער דיך אַזוי פֿיל צײַט.

איך האָב געדענקט דעם צוזאָג פֿון אַקסן אויפֿן פֿאַרהער, אַז אויב איך וועל פֿאַרזעצן מײַן עקשנות און נישט אונטערשרײַבן די באַשולדיקונגען, וועט ער געצווינגען זײַן צו בעטן דעם שעף מיך איבערגעבן צו אַנדערע אויספֿאָרשער, און אָט איז טאַקע דער „אַנדערער אויספֿאָרשער".

דאָס האָט זיך אַרויסגעוויזן דער זעלבער, וואָס האָט „געפֿאָרשט" מײַן שוואָגער, און טאַקע דער זעלבער, וואָס מײַן שוואָגער האָט אים כאַראַקטעריזירט ווי אַ מערדער. געוויס וועט ער הײַנט נקמה נעמען פֿאַר דעם „מיספֿאָרשטייעניש" — האָב איך געטראַכט — וואָס איז דאָן פֿאָרגעקומען

צוליב זיין אייגענער שולד, ווען ס׳איז מיר צופעליק אויסגעקומען מיט מיין אַרעסטירטן שוואָגער אָשר באַגאַטי פּאָרן אין איין „שוואַרצן וואָראָן״ (דער־מאָנט אין אָנהויב). דאָס לייב איז ביי מיר פּונקט היינט אויך „אויסגעבעט״ פון די פּיס ביזן האַלדז. שטיי איך און וואַרט.

אָוועקזעצנדיק זיך צום שרייבטיש, ווענדעט ער זיך צו מיר שטרענג, ווי ס׳פּאַסט פאַר אַן אָנגעזעענעם „נאַטשאַלניק״.

— פון וואָס וועלן מיר אָנהויבן? — ביי מיר וועסטו זיך נישט שפּילן ווי ביי אַקסן. איך וועל דיך גיכער דערפירן צום „באַוווסטזיין״.

— איך ווייס נישט וואָס איר ווילט פון מיר — האָב איך געענטפערט, — קוקנדיק אויף דער וואַנט צו וועלכער פראַנטשענקאָ האָט מיך צוגעשטעלט און מיר פאַרבאָטן אוסדרייען זיך, אַזוי ווי ביי אַקסן (ווייזט אויס אַז דאָס איז געווען איין סיסטעם ביי אַלע זיי).

— איך וויל אַז דו זאָלסט זיך מודה זיין אין אַלע דיינע קאָנטררעוואָ־לוציאָנערע פאַרברעכנס, וועלכע דו ביסט באַגאַנגען די גאַנצע צייט פון דיין געפינען זיך אין רוסלאַנד און אָנווייזן די מענטשן, וואָס האָבן דיך אַריינ־געצויגן אין דער אָרגאַניזאַציע.

דער רעוואָלווער איז געלעגן ביי דער זייט אויפן טיש אַזוי, אַז איך זאָל אים קענען זען.

איך האָב געזען אַז דאָס איז דער זעלבער נוסח, וואָס ביי מיין פריערדיקן מערדערישן אויספאָרשער אַקס און זיי האָבן זיך, ווייזט אויס, וועגן דעם צונויפגערעדט.

ער גרייט זיך צום פאַרהער. איך שטיי אָנגעשטרענגט. ער נעמט אַרויס פון שיפלאָד דעם, שוין באַוווסטן „וואָפּראָסניק״ (פראַגעס־בויגן), וואָס איז באַשטאַנען פון צענדליקער בלעטלעך ביבולקע־פּאַפּיר, אָפּגעדרוקט אויף אַ שרייב־מאַשינקע, אין וועלכע ס׳האָבן פיגורירט הונדערטער פאַרשידענע פראַגן, וועלכע מען דאַרף, ווייזט אויס, פרעגן ביי די אַרעסטירטע בשעת די אויספאָרשונגען. די „וואָפּראָסניקעס״ זענען צעטיילט געוואָרן צווישן אַלע אויספאָרשערס. אַזאַ „ספר הזכרונות״ האָב איך אויך געזען ביים „גראַמאַטיי״ אַקס. אַלע אַרעסטאַנטן אין קאַמער האָבן בשטעטיקט אַז אַזעלכע עקזעמ־פּליאַרן זענען אין גאַנג ביי אַלע אויספאָרשערס.

פראַנטשענקאָ מישט די בלעטער, זוכט, מאַכט באַמערקונגען אויף פּאַפּיר, קלערט „פּאַכמעניש״ און ווענדט זיך צו מיר, אַז אויב איך זאָג זיך אָפּ צו שרייבן וועגן מיין טעטיקייט — וועט ער אַליין שרייבן אין פאָרם פון פראַגן און ענטפערס. איך בין מיט אים מסכים און ער הויבט אָן שרייבן דאָס שוין באַוווסטע מיר „קעפּל״ פון פּראָטאָקאָל, וואָס איז פּונקט אַזוי סטאַנדאַרט ווי די פראַגע־בויגנס, וועלכע מען פאַרפילט געוויינלעך ביים אָנקומען אויף

אַרבעט. נאָכן פאַרענדיקן דאָס „קעפּל" איז ער צוגעטראָטן צו די פראַגן.

איך האָב שוין פון פריער געהאַט אַ פּאַרגעפיל אַז איך מוז זיך גוט „אונטערגאַרטלען" צום הייניטיקן „דיאַלאָג" מיט אים. איך בין גרייט.

ער הויבט אָן מיט אַ „הקדמה". ער וויל איך זאָל ענטפערן אויף זיינע פראַגן דייטלעך, זאָגן דעם אמת, נישט פּרוּוון זיך אַרויסדרייען, ווייל „ביי אים וועט דאָס נישט אַנגיין". איך האָב אים צוגעזאָגט ענטפערן אויף יעדער פראַגע, אָבער גלייכציייטיק אים אונטערגעשטראָכן, אַז מיינע ענטפערס זאָל ער שרייבן פּינקטלעך אַזוי ווי איך ענטפער אים, ווייל אַנדערש וועל איך נישט אונטערשרייבן דעם פאַרהער־פּראָטאָקאָל. ער האָט אַ בייזן קוק געגעבן אויף מיר און אויך „מסכים" געווען. איך זע אַז ער ברענט פון צאָרן פאַר מיינע „חוצפּהדיקע" תנאים.

ער האָט מיר געשטעלט אַ ריי פראַגן, פון פריער אויסגעלערנטע פון „וואָפּראָסניק" אויף וועלכע איך האָב געענטפערט נישט זעענדיק וואָס ער האָט פאַרשריבן. זאָל ער שרייבן — טראַכט איך זיך — ביים אונטערשרייבן וועל איך איבערלייענען. גלייך קומט אַ פראַגע:

— דער אויספאָרשונג איז באַקאַנט אַז איר האָט זיך די גאַנצע צייט פון אייער זיין אין לאַנד, פאַרנומען מיט אָרגאַניזירטער קאָנטררעוואָלוציאָ־נערער טעטיקייט. וואָס קענט איר ענטפערן דערויף?

איך האָב פאַרשטאַנען אַז די פאָרם פון דער געשטעלטער פראַגע איז געגעבן געוואָרן, כדי מיך פאַרפּלאָנטערן און געבן אים אַ מעגלעכקייט „מאַנעווורירן" ביים צונויפשטעלן דעם פּראָטאָקאָל.

נאָך מיין קאַטעגאָרישן ענטפער אויף זיין געשטעלטער פראַגע, אַז איך בין קיין מאָל נישט געווען אין קיין שום קאָנטררעוואָלוציאָנערער אָרגאַ־ניזאַציע, נישט פאַרנומען זיך מיט אַזאַ טעטיקייט, קיינער האָט מיך קיין מאָל נישט אַריינגעצויגן, און אַז איך וועל קיין מאָל קיין רכילות אויף זיך נישט אונטערשרייבן — האָט זיך מאָמענטאַל ביי אים די נכפּה אָנגעצונדן. ער האָט אָנגעהויבן שרייען און קלאַפּן מיט די פויסטן אין טיש, זידלען און לאָזן אין גאַנג די נידעריקסטע אויסדרוקן פונעם רוסישן „לעקסיקאָן", וואָס האָט, אגב, פיל ענלעכס צום גנבישן זשאַרגאָן, און האָט אויך זיכער געקענט זיך פאַרמעסטן מיט די אויסדריקן פון דער אונטערוועלט. ער האָט געסטראַ־שעט פאַרשיקן מיך „צו די ווייסע בערן" און אַז"וו.

— ביי מיר וועלן דיינע יידישע שטיק נישט גילטן — האָט זיך צעפלאַקערט אין אים דער צאָרן פון אַנטיסעמיט — איך האָב דיך געוואָרנט, אַז ביי מיר וועסטו פון פאַראַנטוואָרטלעכקייט זיך נישט אַרויסדרייען. ער האָט געכאַפּט פונם שרייבטיש דעם שווערן מראַמאָרנעם קלעק־פּרעס און מיט כוח אַ שליידער געטאָן אין מיר, טרעפנדיק אין אַקסל, וועלכער איז

געווען „אויסגעבעטע" און דערפֿאַר קיין ווייטיק נישט פֿאַרשאַפֿן (מיין באַוונ־דער גליק, וואָס דער פּרעס האָט נישט געטראָפֿן אין קאָפּ). דערזעען אַז ער האָט נישט געטראָפֿן אין ציל, איז ער צוגעלאָפֿן צו מיר, אויפֿגעהויבן דעם פּרעס פֿון דער פּאָדלאָגע און מיט דער צווייטער האַנט מיר אַראָפּגעלאָזט אַ פּאַטש אין פּנים, נאָך אַ מאָל באַנוצנדיק זיך מיט זיינע פּאַרגרעבטע אויסדרוקן און מיזאָוסער זידלעריי.

— פֿאַר וואָס שלאָגט איר מיך? — האָב איך אים געפֿרעגט.

— ווייל דו ווילסט נישט ענטפֿערן קאָנקרעט אויף מיין געשטעלטער פֿראַגע — איז געווען זיין ענטפֿער. ער האָט נאָך אַ מאָל איבערגעחזרט די פֿראַגע און מיין ענטפֿער.

— זעסטו אַז דו האָסט טאַקע נישט געענטפֿערט אַזוי ווי די פֿראַגע איז געשטעלט געוואָרן. דו האָסט באַדאַרפֿט ענטפֿערן קאָנקרעט אַז מיט אָרגאַני־זירטער קאָנטררעוואָלוציאָנערער אַרבעט האָסטו זיך נישט פֿאַרנומען.

— אַזוי ענטפֿער איך אויף אייער געשטעלטער פֿראַגע און אַנדערש וועל איך נישט ענטפֿערן — האָב איך מיט אַנטשלאָסנקייט געזאָגט און גלייכצייטיק געפֿרעגט, צי האָט ער טאַקע אַזוי פֿאַרשריבן ווי איך האָב געענטפֿערט (איך האָב געדענקט אַז ביי מיין שוואָגער האָט ער גענומען אַן אונטערשריפֿט אויף 2 לידיקע בויגנס פּאַפּיר).

ער קוקט אַריין אין פּראָטאָקאָל, מאַכט באַמערקונגען אויפֿן פּאַפּיר, עפּעס רעדט ער אַרויס שטילערהייט און סע זידט אין אים דער כעס.

איך שטיי און פֿיל, אַז גרינג וועט מיר די היינטיקע באַגעגעניש נישט פֿאַרביי און אַז אָט אָט וועט עפּעס אויסברעכן.

נאָך אַן אָנגעשטרענגטער פּויזע האָט ער מיך צוגערופֿן, געהייסן זעצן זיך, געגעבן עטלעכע בלעטלעך שרייב־פּאַפּיר מיט אַ פּען און געהייסן אַליין שרייבן וועגן דעם שוין דערמאָנטן.

— איך האָב נישט וואָס צו שרייבן און וועל נישט שרייבן — האָב איך, אויך אָן אויפֿגערעגטער און דערבידעריקטער פֿונעם פּאַטש אין פּנים, קאַטעגאָריש אים איבערגעחזרט, אַז ער זאָל טאָן מיט מיר וואָס ער וויל, איך האָב שוין מער קיין כּוח נישט צו די אויספֿאָרשונגען און דער עיקר — איך קען נאָר געבן ענטפֿערס אויף געשטעלטע פֿראַגן, וועלכע זאָלן זיין פֿאַרשריבן אין פּראָטאָקאָל פּינקטלעך און נאָר אַזוי, ווי איך האָב אין די פֿריערדיקע פֿאַרהערן ביין אָקסן אים פֿאַרגעלייגט.

איך האָב פֿאַרגעלייגט פּראָנטשענקאָ ממשיך זיין דעם אָנגעהויבענעם פּראָטאָקאָל מיט פֿראַגן, וועלכע ער אַליין זאָל שרייבן, און אַז מיינע ענטפֿערס

אויף זיי, זאָל איך שרייבן אייגנהעַנטיק. ער איז אויף דעם נישט איינגעגאַנגען צוגעבנדיק דערביי דאָס באַוווּסטע זידל־וואָרט: „כיטרער זשיד״.

ער האָט ווייטער גענומען דעם „ספר הזכרונות״, אַריינגעקוקט און אָנגעהויבן שטעלן זיינע עם האַרציקע פראַגן (אַזוי ווי ביי אַקסן). עס וואָלט אים זיכער מער געפּאַסט זיין אַ קוילער פון חזרים, ווי אַן אויספאָרשער. קוקנדיק אויף אים, טראַכסטו נישט ווילנדיק: אין וועמענס הענט ס׳ליגט דער גורל פון אַזוי פיל אומשולדיקע מענטשן, און צווישן זיי, אויך דער גורל פון מיין שוואָגער, וועמען ער אַליין האָט מערדערלעך געפּייניקט, כדי אַרויסבאַקומען פון אים, נישט געשטויגענע און נישט געפלויגענע, אַליין אָנגעשריבענע „באַשטעטיקונגען״ און נאָך אים „מכבד״ געווען מיט 10 יאָר (אָפּגעוועזן 12 אין קאַלימאַ אויפן ווייטן צפון־מזרח. ער לעבט נאָך איצטער אין עלטער פון 85 יאָר).

איך האָב אויספירלעך געענטפערט אויף אַלע זיינע אומגעלומפּערטע, אויסגעזוכטע און געשטעלטע פראַגן. ער האָט געשריבן און געשריבן, יעדעס מאָל אַריינגעקוקט אין זיין „ביבליע״. די באַק האָט ביי מיר געברענט צוזאַמען מיטן צאָרן אויף דעם אויסוואורף און אונטערוועלטניק, וואָס פאַרשוועכט דעם נאָמען אויספאָרשער פון אַן אָפיציעלן גערעכטיקייטס־אַנשטאַלט.

אָפּגעפאַרטיקט און אַ פאַרשוויצטער נאָכן „שווערן״ שטיקל אַרבעט — האָט ער פאַרגעלייגט אונטערשרייבן זיך אונטער דעם פאַרענדיקטן פּראָ־טאָקאָל, נישט אַרויסלאָזנדיק אים פון דער האַנט. ווען איך האָב אים דערקלערט אַז צוליב מיין קורצזיכטיקייט קען איך פון דערווייטנס נישט איבערלייענען און דעריבער וועל איך נישט אונטערשרייבן, ביז דער פּראָטאָקאָל וועט נישט זיין ביי מיר אין האַנט, כדי דייטלעך דורכקאָנטראָלירן און ביז איך וועל נישט פאַרשטרייכן די לידיק־איבערגעלאָזטע שורות (איך האָב זיי באַמערקט בעת ער האָט געשריבן מיינע ענטפערס).

מיט ציין־קריצעניש איז ער גענויט געווען מיר איבערגעבן דעם פּראָ־טאָקאָל אין האַנט. דאָרטן זענען מיינע ענטפערס פאַרשריבן געוואָרן נישט אַזוי ווי איך האָב געענטפערט, און חוץ דעם האָט ער טאַקע איבערגעלאָזט לידיקע ערטער אויף צו פאַרפילן נאָך מיין אונטערשריפט.

ווען איך האָב אָנגעהויבן פאַרשטרייכן דאָס, וואָס איך האָב נישט געזאָגט און אויך די איבערגעלאָזטע לידיקע ערטער — האָט פּראָנטשענקאָ מיט אַ שטאַרקער רציחה אַרויסגעכאַפּט פון מיין האַנט דעם פּראָטאָקאָל, אַוועק־געוואָרפן אויפן טיש, צוגעלאָפן צו מיר, אָנגעכאַפּט ביים האַלדז און אָנגע־הויבן מיך שטיקן און גלייכצייטיק שטאַרק קלאַפּן מיט מיין קאָפּ אין אַ שטייענדיקן דאָרט שראַנק אַרויסהאַקנדיק פון אים מיט מיין קאָפּ די אַריינ־

געשטעלטע פּיליאַנקע פון טיר. ס'האָט אָנגעהויבן שווינדלען פאַר די אויגן. איך האָב זיך פאַרלוירן און בין, ווייזט אויס, געפאַלן.

ווען איך בין געקומען צו זיך, ליגנדיק אויף דער פאָדלאָגע, האָב איך דערפילט אַ שטאַרקן קאָפּווייטיק און צוביסלעך אָנגעהויבן באַנעמען וואָס דאָ איז פאַרגעקומען.

— מערדער — האָב איך אויסגעשריגן — נישט מיט מיין קול. איך האָב נישט אויסגעהאַלטן און זיך הויך צעוויינט, כאָטש איך האָב געוויינט זייער זעלטן.

ענדלעך האָט מיר פּראַנטשענקאָ פאַרגעלייגט און אויך געהאָלפן אויפשטעלן זיך, אונטערגערוקט אַ שטול צום זיצן (אַזוי ווי ביי אַקסן). איך האָב זיך נאָך שטאַרקער צעוויינט.

מיין הויך געוויין האָט מען דערהערט אין קאָרידאָר. די טיר פון קאַבינעט האָט זיך עטלעכע מאָל געעפנט, עס האָט זיך באַוויזן אַ קאָפּ פון אַ נייגעריקן באַאַמטן, אָבער ווּעמען האָט געקאָנט אינטערעסירן מיין געוויין? זיי זענען דאָך צוגעוווינט נישט נאָר צו געוויינען, נאָר אויך צו האַרץ־רייסנדיקע גוואַלד־געשרייען פון די געפּייניקטע. איינער פון די אַריינגעשטעקטע קעפּ האָט אַפילו פאַרגעלייגט מיין רוצח, פאַרשטאָפּן מיר דאָס מויל מיט אַ שמאַטע, כדי איך זאָל מיט מיין געוויין ניט שטערן זייער „אַרבעט".

זיצנדיק אויפן בענקל האָב איך געזען ווי מיין אינקוויזיטאָר פּראַנטשענקאָ שפּרייזט נערוועז איבערן קאַבינעט. גייט אַרויס און קומט באַלד צוריק אַריין. דער נישט־פאַרענדיקטער אָנגעשריבענער פּראָטאָקאָל ליגט נאָך אויפן טיש.

ער האָט אַריינגערופן פון קאָרידאָר אַ דיזשורנעם מיליציאָנער און באַפוילן מיך אָפּפירן, באַגלייטנדק מיט די ווערטער: „דיין עקשנות האָט דיר גאָר נישט געגעבן און אונדז וועסטו לאַנג געדענקען".

נישט ריכטיק, אַז דאָס עקשנות האָט מיר גאָר נישט געגעבן. מיין עקשנות האָט מיר געגעבן רויִקייט און נשמה־באַפרידיקונג פון נישט אונטערשרייבן אויף זיך און אויך אויף אַנדערע קיין רכילות. דאָס איז אַ גערעכטע עקשנות. מיט אָט דער עקשנות האָב איך אַלע יאָרן זיך געשטאַרקט, דאָס האָט גייסטיק פאַרגרינגערט ביים אָפּזיין מיינע יסורים־יאָרן אין תפיסות און אין קאַטאָרגע־לאַגערן. מיר איז שטענדיק לייכטער געווען פון מיינע מיטזיצערס, וועלכע האָבן אויף זיך געשריבן די שרעקלעכסטע זאַכן, באַקומען דעם זעלבן פּסק און געווען אויף די זעלבע קנעכטישע אַרבעטן.

וואָס שייך לאַנג געדענקען, — דאָ, זעט איר האָט דער סאָוועטישער באַצי־פּראַנטשענקאָ קיין טעות נישט געהאַט.

מיט יענעם „ספּעקטאַקל" האָט זיך פאַרענדיקט מיין 14־טער און לעצטער

פֿאַרהער דורך איינעם פֿון די פּילצאַליקע פֿאַשיסטישע מערדער אין נקוּוד — פֿראַנטשעשנקאַ אָדער פֿראַנזשעשנקאַ.

אויך נאָך דעם בין איך פֿאַרבליבן אַ געפֿאַרשטער אין דער 51־טער קאַמער פֿונעם טויטן־קאָרידאָר, ווו די מערסטע טייל מיטזיצער מײַנע האָט מען דערשאָסן אָדער פֿאַרשיקט אין די ווייטע מקומות. איך בין אין ספֿק צי האָט זיך עמעצער פֿון דאָרט צוריקגעקערט. —

# פון קאַמער צו קאַמער

שוין מער ווי 3 חדשים געפין איך זיך אין דער 51־טער קאַמער פונעם טויטן־קאָרידאָר, וועלכע איז אויסגערעכנט אויף 4 פּערזאָן (לויט דער צאָל איינצעמענטירטע דאָרט בעטלעך). אין פאַרשידענע צייטן פון דעם פּעריאָד איז די צאָל מענטשן דערגאַנגען צו 30 און מער. מיט אַ חודש צוריק האָבן זיך דאָרט געפונען ביי 20 פּערזאָן. פון דאַן אָן איז קיין נייער „אויפנאַם" נישט צוגעקומען. מיר ווערן אַלץ ווייניקער. וועגן דעם רוב מענטשן ווייסן מיר נישט וווּהין מען נעמט זיי צו. מיר מיינען אַז אַ טייל זענען איבער־געפירט געוואָרן אין די איבעריקע טויט־קאַמערן, אַ טייל האָבן באַקומען אַן אורטייל און זענען אַוועק מיטן עטאַפּ אין די ווייטע לאַגערן.

מיט אַ וואָך צוריק זענען מיר נאָך געווען אין קאַמער 4 מאַן. נעכטן האָט מען צוגענומען דעם בריגאַדיר פון „פּעטראָווסקי"־זאַוואָד פּוסטאָוויט. איצטער זענען מיר אין דרייען. אַ חוץ מיר, געפינען זיך אין קאַמער סאָשקאָ פּ. אַ פּאָליט־עמיגראַנט פון פּוילן (לאָדזש), אַן אינזשעניער, וועלכער איז געקומען אין לאַנד לעגאַל מיט זיין כלה אין אַנהויב פון די דרייסיקער יאָרן. דער דריטער איז געווען מאַטשאַר — בוכהאַלטער פון געגנטלעכער אַפּטייק־פאַרוואַלטונג, אַ מענטש צו וועמען מיר האָבן קיין איבעריקן צוטרוי נישט געהאַט. אַ טייל פון אונדזער קאַמער, ווי שוין פריִער דערמאַנט זענען דערשאָסן געוואָרן. מעגלעך אַז אויך אַנדערע זענען דערשאָסן געוואָרן, וועגן וועלכע מיר ווייסן נישט. פיר מענטשן פון אונדזער קאַמער ווי מיר זענען געוויר געוואָרן, האָבן שוין באַקומען אַן אורטייל און זיצן אין אַנדערע קאַמערן ביזן אָפּשיקן זיי. דער גורל פון די איבעריקע, מיט וועלכע מיר האָבן געטיילט אונדזערע ליידן און זיך באַפריינדעט — איז אונדז נישט באַוווסט.

די איבעריקע 4 טויט־קאַמערן פון אונדזער קאָרידאָר ווערן די לעצטע צייט אינטענסיוו אויסגענוצט. פאַר די לעצטע 3 חדשים האָבן מיר נאָך נישט געהערט אַזאַ אַקטיווע באַוועגונג פון ברענגען און צונעמען ווי דעם לעצטן חודש. דאָס איז געווען דאַן אפשר דער פּראָדוקטיווסטער „סעזאָן" פון דער סטאַלינישער מאַשין פון מאַסן־מאָרד (נאָכן באַזוך פון ראַגינסקין).

אין דער שכנותדיקער 50טער טויט־קאַמער זענען שוין פאַראַן 5 פאַר־משפּטע צום טויט (מער ווי איינער אָדער צוויי איז אין דער קאַמער פאַר דעם „סעזאָן" פריִער קיין מאָל נישט געווען). פון אונדזער קאַמער האָט מען איבערגעפירט אין די איבעריקע טויט־קאַמערן, אויב עמעצער פון אונדז איז פאַרמשפּט געוואָרן צום טויט. פון אַלץ איז צו זען אַז „זיי" האָבן באַשלאָסן באַפרייען אונדזער 51־טע קאַמער כדי צוגרייטן פאַר נייע צום טויט־פאַרמשפּטע.

אויף פאַרשונגען רופט מען מיך שוין מער נישט אַרויס. מיט אַ חודש צוריק, ווי שוין דערמאָנט, איז געווען מיין לעצטער פאַרהער (ביי פאַרנ־טשענקאָ). איך בין שוין פריי פון דעם ערב־אַרויסרוף פּחד, מיט וועלכן איך האָב געפיבערט פאַר די פאַרשטייענדיקע נעכט. מיר טוען גאָרנישט. איך האָב מורא רעדן מיט סאַשקע פ. אין אַנוועזנהייט פון מאַטשאַרן. צו אָפט האָט מען אים אַרויסגערופן „אויף אויספאַרשונגען", געקומען פון דאָרט גאַנץ, נישט קיין אָנגעריכטער און דערצו נאָך מיט אַ געהויבענער שטימונג. ער האָט זיך קיין מאָל נישט באַקלאָגט אַז מען שלאָגט אים ביים אויספאַרשן. סאַשקע פאַרנעמט זיך כסדר מיט גימנאַסטיק. דאָס — זאָגט ער — וועט מיר העלפן פאַרהיטן דאָס געזונט. אַלע טעמעס און שמועסן זענען שוין ביי אונדז אין קאַמער אויסגעשעפּט.

נעכטן האָט מען אויך צוגענומען מאַטשאַרן (מעגלעך אַז דעם פאַרשער האָט שוין נישט געלוינט האַלטן אַ ספּעציעלן מענטש ביי צוויי „שווייגנ־דיקע" אַרעסטאַנטן). מיר זענען פאַרבליבן אין צווייען און געוואַרט יעדן טאָג אַז אויך אונדז זאָל מען פון דאַנען צונעמען. מיר האָבן זיך אָפּגערעדט מיט אַ „פּאַראָל" אַז ווער פון אונדז עס וועט זוכה זיין פריִער זען די באַפרייונג, זאָל אָפּזוכן דעם צווייטנס משפּחה, איבערגעבן אַ גרוס און דערציילן וועגן אונדזער צוזאַמענלעבן אין די באַדינגונגען פון דער 51־טער קאַמער. מיר האָבן גוט פאַרשטאַנען אַז אויב מען וועט קומען אונדז צונעמען, וועט מען נישט דערלויבן קיין איין וואָרט אויסרעדן, און דע־ריבער מוז מען זיין גרייט. אפשר וועט מען אונדז נאָך לאָזן אַהיים? איך האָב געמאַכט דעם פאַנטאַסטישן אויספיר דערפון, וואָס איך האָב דאָך טאַקע גאָרנישט אונטערגעשריבן. סאַשקע פ. האָט יאָ אונטערגעשריבן, אָבער נאָך קיין אורטייל נישט באַקומען.

מיר האָבן זיך דערוואָרט. מען האָט אונדז, „די לעצטע פון מאַהיקאַ־נער", אַרויסגערופן „מיט די זאַכן" און גלייך ווי מען האָט אַרויסגעפירט פונעם טויטן־קאָרידאָר — צעשיידט און אָפּגעפירט אין פאַרשידענע ריכ־טונגען. מער האָב איך אים שוין קיין מאָל נישט געזען.

דער נאַדזיראַטעל האָט מיך געפירט אין לאַבירינט פון די פּילצאַליקע

תפיסה־קאַרידאָרן און... העכער (שוין נישט אַהיים — האָב איך געטראַכט — ווייל די קאַנצעלאַריע איז אויפן אונטערשטן שטאָק) ביז דער 63־טער קאַמער, איבערגעבנדיק מיך דעם נאַדזיראַטעל פון יענעם קאָרידאָר, צו־זאַמען מיט פּאַפּירל. דער לעצטער האָט מיר די טיר געעפנט, אָבער ווי גייט מען? די קאַמער איז אָנגעשטאָפּט מיט מענטשן ביז גאָר. ס'האָבן זיך פון אינעווייניק געהערט פּראָטעסט־געשרייען פאַר וואָס מען שטופּט אַזוי אַן? אָבער ווער הערט די געשרייען און פּראָטעסטן? וועמען אַרט דאָס? צי איז דער נאַדזיראַטעל שולדיק? דער לעצטער האָט מיך מיט כוח אַריינ־געשטופּט צוזאַמען מיט מיין פּעקעלע אויף די פּלייצעס. איך שטיי, קוק זיך צו און טראַכט צי אויף לאַנג איז דאָס? קיין טריט קען מען נישט מאַכן. נישט פאָרויס און נישט אין דער זייט. די פּאַראַשע איז ביי דער טיר אונטער דער נאָז. אָבער צי איז דען די פּאַראַשע די איינציקע אומ־באַקוועמלעכקייט?

איך קוק זיך צו. אַ געוויינלעך גרויסע קאַמער אין תפיסה מיט 4 פענצטער אין דער לענג. די, וואָס זענען שוין דאָרט אַ לענגערע צייט געווען, זאָגן אַז די לענג פון קאַמער איז 11 — 12 געוויינלעכע טריט און די ברייט 6 — 7. ווינטער, נישט קוקנדיק אויפן גרויסן פראָסט אין דרויסן, זענען די שויבן אויסגעהאַקט און דאָס האָבן אויסגעהאַקט טאָקע די קאַמער באַזיצער אַליין. עס פרעגט זיך: ווי אַזוי קען אַזעלכעס פּאַרקומען, אַז ווינטער, ביי אַ שטאַרקן פראָסט, זאָלן איינוווינער אויסהאַקן שויבן אין דעם צימער וווּ זיי אַליין וווינען? יאָ. אַזוי איז עס. דאָס איז אַ פאַקט. קיינער איז נאָך נישט משוגע. וווּנדערן קען זיך נאָר אַזעלכער, וואָס האָט זיך דאָרטן נישט געפונען. אַ צימער פון אומגעפער פון 50 ביז 60 קוואַד־ראַט־מעטער אין וועלכן ס'זענען אַריינגעקוועטשט 120, 135 און אַ מאָל ביז 172 „איינוווינער". ווי קען דאָס מעגלעך זיין? יאָ. ס'איז מעגלעך.

ווי ס'האָט זיך אַרויסגעוויזן, איז גאַנץ מעגלעך אַפּזיין אין אַזעלכע באַדינגונגען נישט איין שעה, נישט 3 און נישט אַפילו קיין מעת לעת — נאָר וואָכן און אַפילו חדשים. נאָך אַ מאָל יאָ. ס'איז מעגלעך. נישט ליגן. נישט זיצן און נישט באַוועגן זיך. נאָר שטיקנדיק זיך, שטיין — איז מעגלעך. אַ סך פון די אַרעסטאַנטן פלעגט מען פון דאָרטן אַוועקטראָגן זיי זאָלן זיך „אויסליגן" אין תפיסה־שפּיטאָל (אָפּגעשוואַכטע, מיט הויכער טעמפּעראַטור און מיט געשוואָלענע פיס) און דאָך האָט די מערסטע טייל דאָרט אויסגעהאַלטן.

ווען מען האָט געבראַכט אין קאַמער די לעצטע 12 נייע אַרעסטאַנטן, איז קיין אָרט נישט געווען אַפילו פאַר איינעם צו שטיין. אַלע האָבן פּראָ־טעסטירט קעגן אַזאַ פאָרם פון איזדיעקעווען זיך איבער לעבעדיקע מענטשן.

די פּאַרזאַמלטע נאַדזיראַטעלעס האָבן געפּרוּווט מיט כּוח אַריינשטופּן די 12 ניי־געבראַכטע נישט געבעטענע „געסט", אָבער די טיר האָט זיך פּשוט נישט געקענט עפענען צוליב דער ענגשאַפט און שטיקעניש. מ'האָט געפּאַדערט דעם שעף פון דער תּפיסה, אָבער ווער האָט אונדז געהערט? וועמען האָט געקענט אינטערעסירן דער גורל פון דער אָנגעשטאָפּטער לעבעדיקער מענטשן־מאַסע?

נישט קענענדיק אַריינשטופּן די ניי־געבראַכטע — זענען די תּפיסה־אויפזעער געפאַלן אויף אַ המצאה — אַ מין דערפינדונג, וואָס זיי האָבן גלענצנדיק אויסגעפירט. זיי זענען פּלוצעם „גוט געוואָרן" און באַפוילן אַלעמען גיין אַן איבעריק מאָל אין קלאָזעט. אין דער צייט ווען מיר זענען אַרויס, לויט דער קאָמאַנדע און אין קאַמער איז קיינער נישט געבליבן — האָט מען אַריינגעלאָזט די ניי־געבראַכטע 12 מאַן און גלייך נאָך דעם אונדז צוגעאיילט. מיר, אין איילעניש לויפנדיק צוריק אין קאַמער, האָבן לכתּחילה נישט באַמערקט, אַז דאָרטן געפינען זיך שוין „פּרעמדע". מיר האָבן עס ערשט דערפילט דעמאָלט, ווען די ענגשאַפט איז געוואָרן נאָך שטאַרקער און די אייזערנע טיר איז שוין פאַרריגלט געוואָרן פון יענער זייט.

נישט געקוקט דערויף, וואָס די שויבן זענען געווען אויסגעהאַקט און אין דרויסן האָט געפּלאַקערט אַ שטאַרקער פראָסט — האָט מען אַ ביסל ווייטער פון פענצטער נישט געפילט די קעלט. ס'האָט פון פענצטער געזעצט אַ פּאַרע און פון יעדנס קערפּער האָט געגאָסן אַן אויפהער אַ ברודיקער שווייס. ס'איז נישט געווען קיין מעגלעכקייט צוליב דער שטיקעניש, אויסווישן זיך ווי געהעריק דעם שווייס פון לייב און פון פּנים. פאַרן אָרט פון די קלימעקלעך, וועלכע מע האָט געהאַט מיט זיך, האָבן געדינט די 4 פענצטער און טיילווייז די ווענט.

אַ גוואַלדיקער טומל און אַ שרעקלעכע בהלה פלעגט זיך אויפהויבן אין דער צייט, ווען מען האָט געבראַכט עסן און געטיילט זופּ איבער די קעפּ. מער געזונטערע און ווויקסיקע האָבן באַוועלט די שוואַכערע און קורצווויקסיקע. דער זופּ האָט זיך געגאָסן איבער די קעפּ, און נישט איין מאָל האָבן זיך אַזעלכע סצענעס געענדיקט מיט זידלערייען, געשלעגן און... זייער פיל זענען פאַרבליבן הונגעריקע. דאָס נישט פאַרטרעגלעכע שטינקען פון דער פּאַראַשע איז אויך געווען אַ צוגאָב צו אונדזערע ליידן. ס'זענען געווען פאַלן פון גיין אונטער זיך, נאָר דערפאַר וואָס מען האָט זיך נישט געקענט דורכשלאָגן צו דער פּאַראַשע, אָדער אַ זיצנדיקער דאָרט האָט נישט געוואָלט אויפשטיין, ציי נישט געקענט.

דער „אַפּעל" (ציילונג) אין קאַמער צוויי מאָל אין טאָג איז אויך געווען אַ צוגאָב צו די פּייניקונגען און איבערהויפּט אין די פאַרטאָג־שעהען ווען

דער „באַרג" ליגנדיקע און „איבערגעפלאַכטענע" מענטשן ווערן אויפגע־וועקט און אַרויסגעטריבן אין קאָרידאָר און דערנאָך ציילט מען זיי אַרייַנלאָזנדיק צוריק. מען דאַרף לויפן און שטופן זיך, כדי צוריק פאַרכאַפּן די ערטער. ווען דער „באַלאַנס" שטימט נישט ביי די „גראַמאַטייעס" — חזרט מען איבער די מאַטערנדיקע ציילונג נאָך אַ מאָל און נאָך אַ מאָל, אַזוי לאַנג ביז די צאָל שטימט סוף סוף.

דורכמאַכנדיק דאָ, אין דער 63־טער קאַמער דעם אמתן גיהנום, האָב איך נישט איין מאָל געטראַכט אַז מייַנע אויספאָרשער־אינקוויזיטאָרן אַקס, בעקריטין, פראַנטשענקאָ האָבן זיכער, נאָכן צונעמען מיך פון דער 51־טער קאַמער, גערעכנט אַלס נקמה פאַר מיין „פייניקן" זיי מיט נישט וועלן אונ־טערשרייבן זייערע פּראָטאָקאָלן, איבערפירן מיך אין דאָזיקן גיהנום. זיי האָבן נישט געקענט נישט וויסן די קאַמער־באַדינגונגען פון דער 63־טער...

אין יענעם גיהנום האָב איך אויך באַגעגנט מיין באַקאַנטן קאַלמאַנאָ־וויטש, וועלכער האָט פריִער מיט עטלעכע יאָר געאַרבעט אין פינאַנץ־אָפּטייל פון יידישן קאַלינינדאָרפער ראַיאָן פון אונדזער געגנט. 3 יאָר איז ער שוין אָפּגעווען אין סיבירער לאַגער, געבויט דאָרטן די צווייטע טראַנס־סיבירער אייזנבאַן־ליניע און זיך דערוואַרט ביזן סוף פון זיין טערמין, געקומען אַ היים צו זיין פרוי און קינדער, און אין עטלעכע טעג אַרום איז ער נאָך אַ מאָל אַרעסטירט געוואָרן שוין ווי אַ „רעצידיוו" און „גזועסענער". איצטער מאַטערט מען אים אויף די אויספאָרשונגען שוין ווי אַ קאָנטער־רעוואָלוציאָנער. איך ווייס — ווייַנט ער ביטער — נישט אויסהאַלטן. די קינדער האָבן נאָך נישט באַוויזן מיט מיר אַ ביסל פרייען זיך נאָך די 3 יאָר קאַטאָרגע — איז ער ממשיך — און דאָ, פּלוצעם אַ ווייטערדיקער אַרעסט.

אָפּשטייענדיק עטלעכע טעג ביי דער טיר נאָענט צו דער פּאַראַשע, האָב איך געזען ווי מענטשן זיצן אויף איר נאָר דערפאַר, ווייל שטיין אויף די פיס איז שוין נישט מעגלעך געווען. ווען עמעצן קומט אויס טאָן זיין באַדערפעניש אויף דער פּאַראַשע, מוז מען מיט גוואַלט אויפהויבן דאָס זיצנדיקע דאָרט.

גליקלעך זענען געווען די, וועמענס פיס זענען געשוואָלן געוואָרן, נישט קענענדיק שטיין ביז צום פאַלן אויף די דערביי שטייענדיקע שכנים, אָדער פּאַרקילטע פון צווישן די, וואָס זענען געשטאַנען פאַרשוויצטע און צוגע־דריקטע צו די אָפענע פענצטער און זייער טעמפּעראַטור איז געווען אַ הויכע. זיי האָט מען גלייך אָפּגעטראָגן אין טורמע־שפּיטאָל ווו די לאַגע איז, פאַרשטייט זיך, געווען אַ בעסערע.

לויטן „געזעץ" וואָס האָט עקזיסטירט אין קאַמער, האָבן ניי־אָנגעקו־

מענע באַדאַרפט פאַרנעמען זייער אָרט ביי דער טיר ווי ס'איז געשטאַנען די דערמאָנטע פאַראַשע. שפּעטער צו, נאָכן אָוועקנעמען אַ טייל פאַרמשפּטע אין עטאַפּ, האָבן די ניי־אָנגעקומענע נענטער זיך צוגערוקט צום פענצטער, איבערלאָזנדיק זייערע ערטער פאַר נייע קרבנות פון דער פריי.

אין באַזונדערע שעהען האָט מען זיך געפּילט אַ ביסעלע פרייער מיט דעם, וואָס אַ טייל זענען אַרויסגערופן געוואָרן אויפן פאַרהער צו די אויס־פאָרשער (איבערהויפּט אין די נאַכט־שעהען פלעגט מען שטענדיק אַרויס־רופן עטלע:ע צענדליק מענטשן) און אויך ווען גרעסערע גרופּעס פאַרמשפּטע ווערן אָפּגעשיקט מיטן עטאַפּ אין די לאַגערן און אַ נייע גרופּע איז ערשט געקומען אין עטלעכע טעג אַרום.

שטורמישע סצענעס פלעגן זיך אָפּשפּילן אין די נאַכט־שעהען, ווען מען פּרוווט זיך דערקלייבן צו דער פאַראַשע טרעטנדיק מיט די פיס איבערן צונויפגעמישטן מענטשן־קנויל פון קעפּ, הענט און פיס און אויך בייכער. דאָס פלעגט אָפט ברענגען צו געשלעגעריי.

נישט איין מאָל האָבן זיך די אַרעסטאַנטן געווענדעט צו דער אַדמיניס־טראַציע מיט ביטעס און פאָדערונגען צו פאַרלייכטערן די שרעקלעכע באַ־דינגונגען, אָבער דאָס אַלץ איז געווען אומזיסט. קיינער האָט אויף די ביטעס קיין אַכט נישט געלייגט.

פאַר דער גאַנצער צייט פון זיצן אין גיהנום פון דער 63־טער, בין איך שוין קיין איין מאָל נישט אַרויסגערופן געוואָרן צום אויספאָרשער. נישט איין מאָל האָב איך זיך פאַרטראַכט, אַז אויב ביי פראַנטשענקאָ איז טאַקע געווען דער לעצטער פאַרהער, איז פאַר וואָס מעלדעט מען נישט דעם רעזולטאַט — אַהיים אָדער אַ געריכט. פון דער היים ווייס איך איצטער גאָרנישט. קיין שום פאַרבינדונג. אפשר איז מיין פרוי שוין אויך אַרעסטירט און זיצט ערגעץ אין די פרויען־געביידעס? (ווי ביי פערעסאָדע אין דער 51־טער?). ביי יעדער מעגלעכקייט האָב איך געפּרוווט געוויר ווערן. איצטער אָן דעם „וואָקזאַל" איז מיט די מעגלעכקייטן ערגער ווי פריִער). דאָס לעצטע מאָל האָב איך פון איר באַקומען אַ האַנטעך מיט אַ שטיקל טואַלעט־זייף (דאָס האָט זי איבערגעגעבן איין מאָל אין חודש, כדי זען מיין אונטערשריפט, אַז איך געפין זיך נאָך אַ לעבעדיקער אין תפיסה). עסנוואַרג איז פאַר מיר קאַטעגאָריש פאַרבאָטן געווען איבערצוגעבן, פאַר מיין נישט וועלן אונטערשרייבן זיך. אַלץ איז איצטער געוואָרן איבערגעריסן מיט אַ מאָל. ליידן און ליידן. נאָך ערגערע ווי פריִער. קיין טרייסט. קיין גוט וואָרט פון קיינעם. יעדער אין קאַמער מאַטערט זיך און איז אויפגערעגט. קאַלמאַנאָוויטש איז ממש אַ דערשאָלגענער און באַדויערט, וואָס מע האָט אים באַפרייט פון לאַגער.

מיט וואָס קענען מיר טרייסטן איינער דעם צווייטן? אַפּילו צוגיין איינער צום צווייטן און שטיין נעבן אים אַ ביסל, איז נישטאָ קיין מעג־לעכקייט. יעדער שטייט אויף זיין אָרט. מען קען דאָ נישט איינער דעם צווייטן. די לעבנגעבליבענע פון דער 51־טער, צו וועלכע מען איז אַזוי צוגעבינדן געווען — זענען צעזייט און צעשפּרייט איבער דער גאַנצער גרויסער תּפיסה און אויך אין ערטער, נישט באַוווּסטע. מיט דער צייט איז שוין מיין אָרט געווען נאָענט צום פענצטער, פון וואַנען ווינט און פראָסט האָבן מיך דורכגענומען. די פיס זענען שוין לאַנג גוט געשוואָלן געוואָרן און קוים געהאַלטן דעם גוף...

אין 17 טעג אַרום נאָך מיין אָנקומען אין דער קאַמער, האָט מען מיך, צוזאַמען מיט נאָך עטלעכע אַרעסטאַנטן אָפּגעטראָגן אין תּפיסה־שפּיטאָל מיט געשוואָלענע פיס און הויכער טעמפּעראַטור. דאָרט אין שפּיטאָל האָב איך זיך באמת דערשפּירט ווי אין אַ גן עדן. איך האָב געקענט ליגן און אויסציִען די פיס. כ'האָב דאַן אַפּילו נישט געחלומט פון אַ גרעסער גליק. נאָך איידער מען האָט מיך אָנגעהויבן באַדינען אין שפּיטאָל, בין איך אַריינ־געפאַלן אין אַ טיפן שלאָף ביז דעם קומענדיקן אין דער פרי.

ווען איך האָב זיך אויפגעכאַפּט, האָב איך פּלוצעם דערזען אין שכנות־דיקן בעטל מיין אַלטן באַקאַנטן און האַרציקן פריינד ה. גוראַרי (אַ זון פון אַמאָליקן האָלץ־סוחר אין יעקאַטערינאָסלאַוו, ביי אַמורער האַפן אויפן דניעפּר), מיט וועלכן מיר זענען שוין יאָרן געווען באַקאַנט. איך האָב נישט געוווּסט וועגן זיין אַרעסט. ער איז געווען זייער דערשלאָגן און אין אַ שלעכטן מצב. מיר האָבן זיך ביידע צעוויינט ווי קליינע קינדער. איך האָב — האָט ער מיר געזאָגט — געזען ווי מען האָט דיך נעכטן אַריינ־געלייגט אין בעטל, אָבער נישט געוואָלט באַאומרויִקן און דערנאָך ביסטו שטאַרק אַנטשלאָפן געוואָרן.

גוראַרי האָט מיר דערציילט אַז מען האָט אים אַהער אַריינגעבראַכט אין אַן ערגערן צושטאַנד... לכתחילה האָבן מיר מורא געהאַט אָפּן צו שמועסן צווישן זיך, דערציילן וואָס מיט יעדן איז געשען, נישט וויסנדיק ווער סע זענען די שכנים, וואָס ליגן אויף די איבעריקע בעטלעך.

ער איז געבראַכט געוואָרן אַהער נאָך שווערע פּייניקונגען בעתן אויס־פאָרשן אים, ווי מען האָט אים אונטערגעהאַנגען פאַר די פיס ווען ער האָט זיך אָפּגעזאָגט אונטערשרייבן אַ פּראָטאָקאָל ווו ער האָט באַדאַרפט „אַנער־קענען" שווערע גרופּע־פאַרברעכנס. הענגענדיק האָט ער פאַרלוירן זיין באַוווּסטזיין, און נאָך דעם האָט מען אים באַלד אַראָפּגענומען. נאָך דעם האָט ער אַלץ, וואָס זיי האָבן געוואָלט — אונטערגעשריבן.

פון זיינע דערציילונגען איז צו זען אַז ער האָט איבערגעטראָגן נישט

קיין קלענערע פייניקונגען פון מיר. אויב ער איז קיין „פערעביעשטשיק״ נישט געווען — האָט מען אים אַרעסטירט ווי אַ זון פון אַן אַמאָליקן האַלץ־סוחר און ווי אַ מענטש פון אַ נישט פּראָלעטאַרישער אָפּשטאַמונג. אויך זיי זענען דעמאָלט „געריייניקט״ געוואָרן, אַזוי ווי אין די דערפער בעלי גופים (קולאַקעס אָדער אָפּשטאַמיקע פון זיי). מען האָט געוואָלט אים צו־טשעפּען אַ גרופּע מענטשן, וועלכע ער האָט בכלל קיין מאָל פאַר די אויגן נישט געזען.

אין שפּיטאָל האָב איך אָנגעהויבן „קומען צו זיך״. ווי ס׳האָט זיך אַרויס־געוויזן, האָבן מיינע פאַרשער, דאָ אין שפּיטאָל, שוין אויף מיר קיין שליטה נישט געהאָט. דערפאַר טאַקע איז דעם פאַרשערס פאַרבאָט, קויפן אָדער איבערגעבן מיר פּראָדוקטן פון דער היים — דאָ נישט גילטיק געוואָרן.

מיט דער הילף פון שפּיטאָל־פּערסאָנאַל האָט זיך מיר איינגעגעבן (דאָס ערשטע מאָל פאַר דער גאַנצער צייט פון כמעט 5 חדשים) צוקויפן פּראָדוקטן צו דעם, וואָס מיר האָבן באַקומען אין שפּיטאָל. איך האָב זיך זייער גע־מאַטערט ביים עסן און געהאַט ווייטיק צוליב די אויסגעהאַקטע ציין. די טעמפּעראַטור איז שוין לאַנג נאָרמאַל, אָבער דאָס געשווילעכץ פון די פיס גייט נישט אַזוי גיך פאַרביי. איך מוז מודה זיין, אַז ווען דאָס געשווילעכץ פון די פיס האָט אָנגעהויבן ווערן קלענער, האָט דאָס לגמרי מיך נישט געפרייט, זייענדיק זיכער אַז מ׳וועט מיך צוריק אָפּפירן אין גיהנום פון דער 63־טער. מיך האָט מען, פאַרשטייט זיך, נישט געפרעגט. וויניקער ווי אין אַ חודש אַרום האָט מען מיך פון שפּיטאָל אויסגעשריבן. איך האָב זיך מיט מיין טייערן גוראַרי הייס געזעגנט, איבערגעבנדיק גריסן פאַר אונדזערע משפּחות, אויב עמעצער פון אונדז וועט בלייבן לעבן און מיר וועלן זיי זען.

איך בין שוין צוריק אין דער 63־טער. די זעלבע שטיקעניש און די זעלבע ענגשאַפט. דער זעלביקער „סדר היום״ און אפשר פאַר מיר איז נאָך ערגער דערמיט, וואָס אויפסניי זענען דאָ נייע מענטשן און מיין אָרט אַלס „אַלטער תושב״ האָב איך שוין פאַרלוירן. קאַלמאַנאָוויטש איז שוין אין קאַמער נישט געווען. אַוועק אין עטאַפּ מיט אַ „צענערל״. זיין ווייטער־דיקער גורל איז מיר נישט באַוווּסט.

אָבער גאָט איז אַ פאָטער — נאָר צוויי טעג בין איך פאַרבליבן אין דעם גיהנום נאָכן שפּיטאָל. שפּעטער בין איך אַרויסגערופן געוואָרן „מיט די זאַכן״ מיינענדיק נאָך (ווי נאַיִוו איך בין געווען) אַז דאָס איז אפשר אַהיים, ווייל די כמעט האַלביאָריקע אויספאָרשונג האָט דאָך גאָרנישט געגעבן און נישט באַוויזן כאָטש אַ וועלכע ס׳איז שולד אין עפּעס.

און דאָ האָט זיך נאָך אַ מאָל באַשטעטיקט דאָס אַלטע שפּריכוואָרט

„דער מענטש טראַכט און גאָט לאַכט". ניין! נישט אַהיים, נאָר אין עטאַפּ האָט מען מיך צוגעאײַלט, פֿאַר עטלעכע טויזנט קילאָמעטער אין די צפֿון־װעלדער — אויף 10 יאָר, אָן באַװײַזן, אָן אַ געריכט, אָן באַשולדיקונג, אָן פֿאַרטיידיקער, אָן געזונט און אָן אַ משפּחה.

אַזוי האָט דער גורל און די דעמאָלטיקע „גערעכטיקייט" צוגעפּסקנט.

# דער ערשטער עטאַפּ

כאַרקאָווער איבערגאַנגס־טורמע. אַהער האָט מען אונדז געבראַכט 30 מאַן מיט 10 טעג צוריק אין אַ „סטאָליפּין"־וואַגאָן פון אונדזער „היים"־שטאָט. אויך דאָ בין איך צופעליק אַריינגעפאַלן אין אַ 63־טער קאַמער, אָבער איך מוז זאָגן „להבדיל". שוין באַוויזן זיך דאָ אויסרופן מיט אויסגעצויגענע פיס, כאָטש אויך דאָ זענען מיר געשלאָפן אויף האַרטע ברעטער און אין דער קעלט, אָבער דאָך פרייער ווי ביז איצטער אין גיהנום פון דער „היימישער" 63־טער. דאָ האָב איך שוין געוווּסט אַז מער וועט מען מיך נישט אַרויסרופן אויף די שווערע נאַכט־פאַרהערן און אַז מיט דעם איז שוין פאַרענדיקט. די פּרצופים פון מיין אויספאָרשער דעם ייִד אָקס און אויך פונעם אַנטיסעמיט פּראַנטשענקאָ וועל איך שוין מסתמא קיין מאָל נישט אָנקוקן מער.

נייע מענטשן, נייע איינדרוקן. יאָ, אַ שאַרפע ענדערונג. יעדער האָט וואָס צו דערציילן. אַלע זענען פון „יעזשאָווס־אויפנעם" (געפאַנג ?) מיטן פאַרשאָלטענעם פּאַראַגראַף 58 (אָדער 54 אין אוקראַיִנע). כמעט אַלע זענען דורכגעגאַנגען שווערע פּייניקונגען, וועלכע האָבן זיך מסתמא געפאָדערט אין יענער צייט ביי די טרייע תלמידים פון סטאַלין און יעזשאָוו — ביי די אויספאָרשער־סאַדיסטן און פּראָפעסיאָנעלע שלעגער.

אין אָט דער טורמע זענען אַנוועזנדיק געווען אַ גרויסע גרופּע קאָלכאָזניקעס ביי וועלכע די באַשולדיקונגס־פּונקטן פונעם פּאַראַגראַף זענען צוגעשניטן ווי פון איין שער: סאַבאָטאַזש, אויסבאַהאַלטן פאַר זיך ברויט (ווען ס'האָט געבושעוועט דער שרעקלעכער הונגער אין יאָר 1933), אַגיטאַציע קעגן קאָלכאָזן, הלוואות, קעגן צושטעלונגען, אָפּשטאַמיקע פון די, אַזוי גערופענע קולאַקעס (בעלי גופים).

צווישן דער גרופּע באַשולדיקטע אַרעסטאַנטן זענען געווען אַזעלכע, וואָס זענען בשעת דער קאָלעקטיוויזאַציע אין די יאָרן 1930/31 געוואָרן „ראַסקולאַטשעט", פאַרשיקט אויף 5 יאָר אין די ווייטע מקומות און נאָכן צוריקקערן זיך פון פאַרשיקונג — נאָך אַ מאָל אַרעסטירט געוואָרן און נאָך אַ מאָל באַקומען 10 יאָר.

די אַלע אויבנאָנגעוויזענע באַשולדיקונגען זענען „צוגעגייט" געוואָרן נאָר פאַר פויערים און בכלל דאָרפישע באַפעלקערונג, זיי האָבן אָבער זעלטן זיך „צוגעקלעפּט" צו אַרבעטער, אינטעליגענץ פון דער שטאָטישער באַפעלקערונג. די לעצטע האָט מען „מכבד" געווען מיט אַנדערע פונקטן פונעם 58־טן פּאַראַגראַף, וועלכע זענען צוגעפּאַסט פאַר יעדער גרופּע באַפעלקערונג פון דער שטאָט, אונטערנעמונגען, אָרגאַניזאַציעס, כאַראַקטער און אויסאַרבעטונגען פון דער אָדער יענער פאַבריק און אונטערנעמונג.

די קאָמוניסטן האָבן נאָך צו די הויפּט־באַשולדיקונגען באַקומען אַ צוגאָב — דעם בוכשטאַב „ט", וואָס האָט באַדייט טראָצקיזם. מיט די דאָזיקע האָבן זיך די אויספאָרשערס באַזונדער אָפּגערעכנט. אַ סך פון די, וועלכע מען האָט אויפן אָרט נישט דערשאָסן, האָט מען פאַרפּייניקט אין די קאַטאָרגע־לאַגערן פון די ווייטע מקומות.

אַ ווילדן חידוש האָט ביי מיר אַרויסגערופן דאָס, וואָס אַלע אין קאָמער האָבן שוין געהאַט און געוווּסט זייער פּסק, וועלכן זיי האָבן באַקומען דורך פאַרשידענע „קערפערשאַפטן", ספּעציעל געשאַפענע אויף אַרויסטראָגן אורטיילן: „טרויקעס" (דריילינג), „אָסאָבאַיע סאָוויעשטשאַניע" — (ספּעציעלע באַראַטונג) און אַנד. און טאַקע אין די הענט פון די דאָזיקע הפקרותדיקע „קערפערשאַפטן" איז איבערגעגעבן געוואָרן דער גורל פון די מיליאָנען מענטשן.

אַ טייל פון די אַרעסטאַנטן זענען פאַרמשפּט געוואָרן דורך „געריכטן" במשך פון געציילטע מינוטן באַקומענדיק צו 10 יאָר. זייער אַ קליינע צאָל האָבן באַקומען צו 8 יאָר. ס'זענען אויך אַרויסגעטראָגן געוואָרן אורטיילן איבער גאַנצע רשימות פון מענטשן, וועלכע די ריכטער האָבן אַפילו פאַר די אויגן נישט אָנגעקוקט.

ניינציק פּראָצענט פון די אַרעסטאַנטן אין קאָמער האָבן באַקומען צו 10 יאָר. אייניקע צו אַכט און נאָר איינער אַן אַלטיטשקער העלענקאָ פון טשערקאַסער ראַיאָן האָט באַקומען 5 יאָר, אָבער צי וועט ער כאָטש דערפאַרן אַ לעבעדיקער צום לאַגער? וואָס האָבן געטראַכט די, וואָס האָבן אים דעם טערמין געגעבן ווען זיי האָבן אַ קוק געגעבן אויף זיין עלטער און צושטאַנד? צי האָבן זיי קיין אייגענע טאַטעס נישט געהאַט? איך קלער פון דעסטוועגן אַז זיי האָבן אים יאָ געזען, ווייל אויב נישט, וואָלטן זיי דאָך אים אַריינגערוקט אַ גאַנץ „צענערל".

איך האָב מיין פּסק נישט געוווּסט און דערפאַר נישט געקענט באַשטעטיקן מיט וויפל מען האָט מיך „מכבד" געווען. קיינער האָט מיר וועגן דעם קיין מאָל נישט געמאָלדן ביז היינטיקן טאָג. דאָס אַליין טאַקע האָט, נישט ווילנדיק ביי מיר אָפּט אַרויסגערופן אַ ספק צו בין איך פאַרמשפּט

אַרער נישט? פאַרשטייט זיך, אַז דער פאַקט אַליין, וואָס מ׳האָט מיך פון דער טורמע אין מיין וווינאָרט צוזאַמען מיט אַנדערע, שוין פאַרמשפּטע, אָפּגעפירט מיטן עטאַפּ און איך געפין זיך איצטער אין דער כאַרקאָווער איבערגאַנגס־תפיסה, האָט עדות געזאָגט אַז איך בין שוין אַ פאַרמשפּטער, אויך דערפאַר, וואָס דאָ געפינען זיך נאָר אַזעלכע.

אָט אין דער נייער 63־טער האָב איך זיך באַקענט מיט אַ ריי אינ־טערעסאַנטע, פאַר מיר, פערזענלעכקייטן, ווי קאַלעסניקאָוו — אַן אַגראָנאָם פון פּאָלטאַווער געגנט, נעיקאַ טעאָדער פעטרין — אַן איטאַליענישער קאָ־מוניסט און פּאָליט־עמיגראַנט, ווייסמאַן (פאַרגעסן זיין נאָמען) אַ שניידער פון שטעטל ציורופּינסק (ביי כערסאָן), כאַלופּטשאַק מיכאַיל איוואַנאָוויטש — אַן אינזשעניער־כעמיקער פון דער שטאָט ניקאָלייעוו (אוקראַינע) און אַנד. מיט וועלכע ס׳איז אויסגעקומען דורכמאַכן דעם ערשטן עטאַפּ און אויך זיין צוזאַמען אַ געוויסער צייט אין לאַגער ביז דער צעשיידונג. ווי ס׳האָט זיך שפּעטער אַרויסגעוויזן — זענען אַלע פון אונדזער קאַמער 63 געווען אָנגעמערקט צו שיקן אין איין ריכטונג און אין איין לאַגער־צעטיילונגס פּונקט — „ראַספּרעדיעליטעל״.

די כאַרקאָווער איבערגאַנגס־תפיסה איז דעמאָלט געווען איינע פון די צענטראַלע טורמעס, צו וועלכער ס׳האָבן געשטראָמט פאַרמשפּטע פון אַ סך אוקראַאינישע שטעט און פון דאַנען זענען זיי פונאַנדערגעשיקט געוואָרן אין די פּילצאָליקע לאַגערן צעשפּרייטע איבערן גאַנצן לאַנד, לויט די אָנווייזונגען פונעם „גולאַג״ — (ספּעציעלע אָפּטיילונג פון לאַגערן ביים נאַרקאָמאַט איצטער מיניסטעריום) פון נ. ק.־וו. ד. אין מאָסקווע.

ווי דערמאָנט, איז ביי אונדז געווען אַ גרעסערע גרופּע פּויערים־קאַלכאָזניקעס, באַשולדיקטע אין די אויבנאָנגעוויזענע פאַרברעכנס. פּאַקטיש זענען זיי צוגענומען געוואָרן לויטן פּלאַן, וועלכער איז דעמאָלט צוגעשיקט געוואָרן אין די דאָרפס־ראַטן וויפל „פאַלקס־פיינד״ עס דאַרפן ביי זיי זיין.

די אַלע אָנגעוויזענע זענען אַרעסטירט און באַשולדיקט געוואָרן און אָט זענען זיי פאַר אונדזערע אויגן ווי „פאַלקס־פיינד״ מיט אַ באַקומענעם פסק דין.

אין טאָג ווען מיר האָבן באַדאַרפט זיך רירן אין וועג מיטן עטאַפּ, זענען מיר דורכגעגאַנגען די געהעריקע מאַטערנישן — „פּערעקליטשקע״ (אַפּעל), דעזינפעקציע, באַקומען „צידה לדרך״ אויף 3 טעג ברויט, געזאַל־צענע הערינג און עטלעכע שטיקלעך צוקער און גלייך נאָך דער צערע־מאָניע פון „שמאָן״ — (רעוויזיע) ווו מען האָט צוגענומען אַלץ „פאַר־באָטנס״, וואָס מען האָט פאַרזען, בשעתן קומען אַהער אין תפיסה — שטיקלעך צייטונג, בלייפעדער, ריינע שטיקלעך פּאַפּיר פאַר בריוו: מען

האָט צוגענומען דעם פּאַסעק פון די הויזן, נישט איבערלאָזנדיק אַפילו קיין שנירל צו די שיך... מיר האָבן געמוזט צוהאַלטן די הויזן מיט די הענט, כדי זיי זאָלן זיך נישט אַראָפּלאָזן (אַלץ איז געווען לויט דער אינסטרוקציע). אַ טייל קאַנוואָירן האָבן פריילעך געלאַכט, צוקוקנדיק זיך ווי מיר האַלטן זיך ביי די הויזן.

תיכף ווי נאָך דער קאַנוואָי האָט אונדז איבערגענומען, האָט מען אָנגעהויבן לאָדענען אויף אָפענע לאַסט־אויטאָס, כדי צו פירן אין דער ריכטונג פון דער לאָדונגס סטאַציע, וועלכע האָט זיך געפונען ביי אַ 12 — 15 קילאָמעטער פון תפיסה.

ווי נאָך דער טורמע־טויער האָט זיך געעפנט און מיר זענען אַרויסגעפאָרן — האָט זיך פאַר אונדז אַנטפּלעקט אַ נישט געוויינלעך בילד. דער גאַנצער וועג פון ביידע זייטן איז געווען באַלאַגערט מיט טויזנטער מענטשן, וועלכע האָבן נאָכגעקוקט יעדן אויטאָ, וואָס איז אַרויסגעפאָרן פונעם טויער, געזוכט צווישן די אַרעסטירטע זייערע אייגענע, וואָס מען האָט צוגענומען פון דער היים און מע ווייסט נישט ווו זיי זענען אַהינגעקומען. מ׳האָט געקוקט דורך שפּאַקטיוון. מען האָט אויסגערופן אויפן קול פאַמיליעס, נעמען, און אויב דער אויטאָ האָט ערטערווייז פאַרלאַנגזאַמט און איינגעהאַלטן זיין גאַנג, אַזוי איז ער גלייך אַרומגערינגלט געוואָרן מיט אַן עולם. פון אַלע זייטן האָט מען זיך פאַרצווייפלטע נאָכגעפרעגט: צי האָט ווער ערגעץ באַגעגנט עמעצן מיט אַזאַ אָדער אַנדער פאַמיליע, אָדער עפּעס געהערט פון זיי? די קאַנוואָירן האָבן געשריגן, געזידלט, געדראָט און אויך געשלאָגן די אַרומיקע, ביז דער אויטאָ האָט ווייטער געריירט, פאַרנדיק ווייטער צו דער לאָדונגס־סטאַציע ווי דורך אַ בראַנד־טויער פון אומגליקלעכע פאַריתומטע פרויען, קינדער, אַלטע לייט...

אויך אויפן אָרט זענען געווען אַ סך מענטשן, וועלכע, ווי מיר האָבן זיך דערוווּסט, זענען גאַנצע מעת לעתן געשטאַנען אין קעלט, געשמיסענע פון ווינט און מיט דער האָפענונג צו געפינען אַן אייגענעם צווישן די געבראַכטע אַרעסטאַנטן...

צענדליקער צוגעגרייטע עשעלאָנען, אויף וויפל נאָך די אויגן האָבן געקענט דערגרייכן, מיט נייגעמאַכטע „פלאַטשטשאַדקעס" (צווישן די וואַגאָנען) פאַר די קאַנוואָירן, טרעפּ, לייטערלעך און צוגעפעסטיקטע פּראָזשעקטאָרן זענען געשטאַנען אין פולער גרייטקייט אויפצונעמען דעם אומאויפהערלעכן שטראָם (טאָג און נאַכט) פון אַלץ נייע אַרעסטירטע, וואָס פּילצאַליקע אויטאָס האָבן געבראַכט פון אונדזער און אויך פון אַנדערע תפיסות פון אַרום כאַרקאָווער געגנט, אַפּצופירן אין די אַלטע און אויך פרישע

צוגעגרייטע קאַטאַרגע־לאַגערן, וואָס געפינען זיך אין די פאַרשידענע מקומות פונעם גרויסן לאַנד.

די עשעלאָנען זענען געגאַנגען, אָנגעפּאַקטע מיט אַרעסטאַנטן, קיין צפון און צום ווייטן מזרח אין צעטיילונגס־פּונקטן און פון דאָרטן אין די ווייטערדיקע הרי חושך אויף קאָנצענטישער אַרבעט און אומקום פון אויס־מאַטערונג און קעלט.

אונדזער „טעפּלושקע"־וואַגאָן איז אָנגעפּילט געוואָרן מיט 45 מאַן (די נאָרמע איז 40). מען האָט כסדר אונטערגעיאָגט און נישט געגעבן קיין מעגלעכקייט אַרומצוקוקן זיך, טראַכטן. די הינטערשטע האָבן אונטער־געיאָגט די פאָדערשטע (מיט עטלעכע יאָר שפּעטער האָבן דאָך די דייטשן פּונקט אַזוי אונטערגעיאָגט די יידן צו די טויט־לאַגערן און קרעמאַטאָריעס. צי האָבן זיי טאַקע דאָס זיך ביי אונדז געלערנט ? קאָנוואָיִרן האָבן געשריגן, געזידלט, געציילט און נאָך אַ מאָל געציילט די „פאַלקס־פיינד", געגעבן אינסטרוקציעס און באַפעלן ווי אַזוי מען דאַרף זיך אויפפירן, פאַרנדיק אין די פאַרמאַכטע וואַגאָנעס, ווי אַזוי ווענדן זיך צו די קאָנוואָיִרן און נאָך און נאָך.

זיי האָבן די טיר פאַרריגלט און פאַרשלאָסן „אויף 7 שלעסער". מיר האָבן זיך אַרומגעקוקט. די פענצטערלעך פאַרקראַטעוועט פעסט. אַן אייזערן אויוועלע האָט געברענט און דערביי אַ קעסטעלע מיט קוילן. אַן עמער מיט וואַסער צום טרינקען. אין דער פאָדלאָגע אין ווינקל איז אויסגעשניטן אַ לאָך צוליב נאַטירלעכע באַדערפענישן. אַרום און אַרום צוויי־שטאָקיקע נאַרעס (פּריטשעס). יעדער האָט פאַרכאַפּט אַן אָרט אין איילעניש און אין ענגשאַפט. מיר קוקן אַרויס דורך די פאַרקראַטעוועטע פענצטערלעך ווי פון אַ שטייג און זעען פון דערווייטנס (און ווער מיט אַ בעסערער ראיה — נאָך ווייטער) אַ ים מיט מענטשן. ס'הערן זיך געשרייען פון קאָנוואָיִרן, וועלכע יאָגן זיי אָפּ. ס'הערן זיך אַן אויפהער אַ קלאַפּן מיט האַמערס, דאָס פאַרשליסן און פאַרריגלען די איבעריקע וואַגאָנעס. דאָס ווערן פעסט צוגעקלאַפּט מיט טשוועקעס די „פּלאַטשטשאַדקעס" מיט די לייטערלעך זיי זאָלן זיך נישט אָפּרייסן אויפן וועג. אַלץ איז אַזוי ווי אויף אַ יאַריד. יעזשאָוווס צוואַנגס־מאַשין אַרבעט איצטער אין פולן גאַנג לויטן פּלאַן. אַ לאַנד פון פּלענער. אַלץ ווערט פּלאַנירט. ווי דען אַנדערש ? אויך די פינף איבעריקע אַרייַנ־געשטופּטע אַרעסטאַנטן אין וואַגאָן (אַנשטאָט 40 — 45) איז אויך מסתמא, כדי איבערשטייגן דעם פּלאַן פון טראַנספּאָרטירן אַרעסטאַנטן אָדער אַנדערע משאות, — פערד, בהמות א. ד. ג.

ביזן אָוונט זענען מיר געשטאַנען אין די פאַרמאַכטע וואַגאָנען און דער דרויסנדיקער טומל האָט נישט אויפגעהערט. ס'איז שוין כמעט גאָרנישט

געבליבן פון דער 3 טאָגיקער דערנערונגס־נאָרמע, דעם צידה לדרך... און אפשר איז אויך ביי אַנדערע בכלל קיין מוצאהלע נישט פֿאַרבליבן? ליידיק געוואָרן דאָס זעקעלע. מיר לייגן אונטער דאָס לעצטע ביסל קוילן אין אויוועלע. מען באַקענט זיך דערוויל מיט נייעסן (דורך מענטשן פון נישט אונדזער קאַמער). ס'איז דאַכט זיך דערטרעגלעך און, פֿאַרשטייט זיך, אַ סך בעסער ווי אין דער 63־טער פון אונדזער „היים"תפיסה, ווו ס'איז נישט געווען קיין אָרט אַפֿילו אויף צום שטיין. ס'איז נאָך אַ פֿראַגע צי וועלן מיר זיך קענען אַלע אַוועקלייגן צוליב די איבעריקע 5 מענטשן? דאָס וועט מען שוין זען ביים לייגן זיך שלאָפֿן. מיינע גאָענטע מיט וועלכע איך האָב זיך באַפֿריינדעט — זענען מיט מיר צוזאַמען. ס'וועט שוין זיין אַ ביסל גרינגער און היימלעכער.

ביי נאַכט האָט אונדזער עשעלאָן געריִרט. ווו וועט זיין אונדזער „היים"? נאָר איך איינער אין וואַגאָן ווייס נישט וויפֿל יאָר איך פֿיר מיט זיך. אַלע ווייסן און איך נישט. אַלנפֿאַלס נישט מער ווי 10 יאָר. צי בין איך דען בכלל אַן אויסנאַם? מער ווי 10 יאָר איז דאָך בכלל נישט פֿאַראַן, סיידן שיסן. לויט די באַשולדיקונגען, וועלכע מען האָט מיר „צוגעקלעפּט" — דאַרף איך באַקומען עטלעכע מאָל צו צען יאָר.

דער צוג גייט. די רעדער קלאַפּן צום טאַקט. פֿון צייט צו צייט ווערט אויף אַ רגע ליכטיק אין וואַגאָן, ווען דער צוג לויפֿט פֿאַרביי אַ סטאַנציע. אַנדערע כראָפּען שוין לאַנג. אַנדערע זענען „מעלה גרה" און פֿאַרענדיקן דאָס איבערבלייבעכץ פֿונעם זעקעלע, אויססמאַטשקנדיק דאָס קעפּל פֿון הערינג און אָרומלעקנדיק זיך. נישט אַלעמען איז גוט אויף דער נשמה. מען מאַסטיעט זיך איין. אַ טייל זיצן אויפֿן ברעג פֿון די נאַרעס און דרעמלען.

איך זיץ מיט כאַלופּטשאַקן און נעיקאַ דעם איטאַליענער (ער רעדט אַ שוואַכן רוסיש, אָבער מע קען אים גרינג פֿאַרשטיין.) נאָך אַ מאָל. וווהין פֿאָרן מיר? לויט אַלע סימנים פֿאָרן מיר אין דער ריכטונג פֿון צפֿון, ד. ה. אין מאָסקווער ריכטונג, אָבער ווער וועט אונדז גיין פֿירן דורך מאָסקווע? מע זאָל אונדז זען? מיר וועלן זיכער אויסמיידן מאָסקווע — האָבן מיר געקלערט. וואָס טוט זיך איצטער אין דער היים? ווי אַזוי וועלן די מאַמע און פֿרוי רעאַגירן (אָדער שוין רעאַגירט) נאָכן ענטפֿער פֿון דער נקווד, אַז איך בין שוין דאָרטן נישטאָ און אַז מ'האָט מיך שוין אָפּגעפֿירט? זיי וועלן דאָך אַפֿילו נישט זאָגן וווהין מ'האָט מיך אָפּגעפֿירט און צי וועלן זיי בכלל ענטפֿערן? זיי זאָגן דאָך קיין מאָל נישט אויס, ווו זייער קרבן געפֿינט זיך און וויפֿל יאָר ער האָט באַקומען. זיי האָבן שוין זייער סטאַנדאַרט־ענטפֿער:
— ער איז פֿאַרמשפּט, געפֿינט זיך אין לאַגער און פֿון דאָרט וועט ער אייך אַליין שרייבן, נישט דערמאָנענדיק אַפֿילו אַז ער איז פֿאַרמשפּט אָן רעכט

זיך איבערצושרייבן. כאָטש שריי חי וקיים צו גאָט אין הימל. צי וועט מעגלעך זיין זיי געבן צו וויסן ? ווי אַזוי ? און דער עיקר — וווהין פאָרן מיר ?

זייערליידנשאַפטלעך זענען מיינע בײדע מיטשמועסער אין וואַגאָן — סיי מיכאַיל פון איין זייט און סיי נעיקאָ טעאָדאָר — פון דער צווייטער זייט. דער לעצטער לעבט איבער שווער דאָס דורכגעמאַכטע. אין כערסאָנער נ.ק.וו.ד. האָט מען אים שטאַרק געפייניקט — געזעסן אַ נאַקעטער אויפן פראָסט אין שניי. ווען ער האָט שוין נישט געקענט איבערטראָגן און אָנגעהויבן הויך שרייען — האָט מען אים אַריינגענומען, אָנגעוואַרעמט און נאָך אַ מאָל אַרויסגעוואָרפן אויפן פראָסט. מען האָט אים אָנגעטאָן אַ „שינע" פון אַ ראָוער־ראָד (וועלאָסיפּעד) און מיט אַ שטעקלע געדרייט אַזוי לאַנג ביז אַ שרעקלעכן בלוט־־צופלוס אין קאָפּ. מען האָט פון אים געפאָדערט אַ קלייניקייט — ער זאָל אונטערשרייבן אַז ער איז אַן איטאַליענישער שפּיאָן און איז געקומען אין לאַנד מיט אַ ספּעציעלער שליחות.

פאַקטיש איז נעיקאָ געקומען פון רוים ווי אַ פּאָליט־עמיגראַנט, אַ קאָמוניסט, וועלכן מ'האָט דאָרט פאַרפאָלגט. פון פאַך איז ער געווען אַן אָגראָנאָם אין איינעם פון די סאָווכאָזן אין כערסאָנער געגנט. אַרעסטירט האָט מען אים טאַקע אין סאָווכאָז. געווען פריִער אַ הייסער סטאַליניסט און ממש פאַרגעטערט סטאַלינען. איך גלויב נישט — האָט ער געזאָגט — אַז סטאַלין ווייסט פון דעם, וואָס דאָ קומט פאָר.

נעיקאָ האָט שווער איבערגעלעבט: דאָס לייב צעהרגעט און די נשמה פאַרשפּיגן... געפילט זיך דערנידעריקט. ער האָט ענלעכס נישט געזען ביי זיין מוסאָליני אין די ערגסטע צייטן. איצטער זעט ער ביי סטאַלינען דאָס, וואָס מע קען זיך בכלל נישט פאָרשטעלן.

מיכאַיל איוואַנאָוויטש כאָלופּטשאַק לאָזט אַרויס יעדעס מאָל אַ קרעכץ. אַלע פּאָליאַקן — זאָגט ער — האָט מען ביי אונדז צוגענומען. אויך אים האָט מען געפייניקט, אָבער ער איז געווען אַ קנאַפּער דערציילער. ער האָט מורא געהאַט עפּעס אַרויסברענגען פון די „מעשים" אין זיין נ.ק.וו.ד.. ער לעבט איבער פון דעם, וואָס ס'זענען פאַרבליבן קליינע קינדער אין דער היים.

אויב אין אָנפאַנג האָט דער צוג געגעבן „גאַנג", האָט זיך שפּעטער אַרויסגעוויזן אַז ער איז ווייט נישט קיין „עקספּרעס"־צוג. ער האָט געצויגן צייט און די מענטשן... אַוודאי. פאַר די צען יאָר וועט מען נאָך באַווייזן אומעטום זיין. די צייט פון דער „נסיעה" ווערט דאָך אַלצאיינס אַריינגערעכנט אין באַקומענעם טערמין. דער עשעלאָן איז אָפּגעשטאַנען שעהענווייז אויף פאַרשידענע סטאַציעס און אויך אויף זייטיקע ליניעס.

אין אַ טאָג אַרום האָט שוין קיינער קיין ביסן ברויט נישט געהאַט. דאָס וואַסער האָט מען נאָך אין אָוונט אויסגעטרונקען, גלייך נאָכן געזעגענען זאַלצענעם הערינג. ברויט דאַרפֿן מיר באַקומען נאָר איבערמאָרגן. וואַסער קען מען, לויטן געזעץ, פֿאָדערן אויף יעדער סטאַציע. מען האָט אָנגעהויבן שטאַרק פּילן די פּאַראָומרייניקונג אין „טעפּלושקע"־וואַגאָן. דער באָרג פֿון השתנה און צואה וואַקסט כסדר און ווערט פֿאַרפֿרוירן. נישטאָ מיט וואָס צו רייניקן און נישטאָ ווּהין אַהינטאָן. קיין לאָפּעטע האָבן מיר נישט. דאָס איז שטרענג פֿאַרבאָטן. וואָס הייסט? מען קען דאָך מיט איר מאַכן אַ דורכברוך און... אַנטלויפֿן אין מיטן וועג. אַלץ איז אויסגערעכנט, פּלאַנירט און פּינקטלעך. שוין דריי מאָל האָט דער קאָנוואָי, אַריינקומענדיק אין וואַגאָן, אונדז געציילט, צולייכטנדיק מיט לאַמטערנעס, צי זענען אַלע אויפֿן אָרט, כאָטש דער וואַגאָן איז פֿאַרמאַכט „אויף 7 שלעסער" פֿון אויסווייניק און קיין דורכבראָך איז נישטאָ. קיין קוילן אויף אונטערלייגן אין אויוועלע איז נאָך פֿון ביי נאַכט נישטאָ. דער קאָנוואָי זאָגט צו, אַז ווען מיר וועלן שטיין אויף אַ סטאַציע ווי סע זענען פֿאַראַן קוילן — וועט ער פֿאַר אונדז נעמען אַ קעסטל.

ווען דער צוג שטעלט זיך אָפּ ערגעץ ווו, הערן זיך די געשרייען אויך פֿון אַנדערע וואַגאָנען — ברויט! וואַסער! קוילן! מען קלאַפּט אין די ווענט און טירן פֿון די וואַגאָנען, אָבער דאָס אַלץ איז ווי אַ קול קורא במדבר.

דער צוג האָט זיך אָפּגעשטעלט. ס'האָט זיך דערהערט דאָס קלימפּערן פֿון ריגלען, און די טיר האָט זיך געעפֿנט. דער קאָנוואָירער לייגט פֿאַר שנײ אָנשטאָט וואַסער. זאָל זיין שניי — הערן זיך קולות פֿון די אַרעסטירטע. ער פֿאָדערט כלים אויף שניי, אָבער מער ווי אַן עמער אויף וואַסער האָבן מיר נישט. אייניקע האָבן אים דערלאַנגט שיסעלעך, אָבער ער האָט זיך קאַטעגאָריש אָפּגעזאָגט צו ברענגען אין זיי. מען איז געבליבן דורשטיק, ווייל נאָר עטלעכע מענטשן האָבן אַ ביסל זייער דורשט געשטילט. די „טעפּלושקע" ווערט ווידער פֿאַרמאַכט, פֿאַרריגלט און פֿאַרשלאָסן.

מיר האָבן געבעטן דעם קאָנוואָי קויפֿן ברויט פֿאַר אונדזער געלט (ביי וועמען ס'איז נאָך געווען). זיי האָבן אַפֿילו וועגן דעם נישט געוואָלט הערן און אפשר האָט זיי דער שעף פֿון עשעלאָן נישט דערלויבט?

אונדזער אומגליק איז נאָך באַשטאַנען אין דעם, וואָס די עשעלאָנען מיט אַרעסטאַנטן האָבן זיך נישט אָפּגעשטעלט ביי דער סאַמע סטאַציע, ווו דער קאָנוואָי וואָלט נאָך אפשר, ווען ס'איז, עפּעס געקויפֿט אין געוועלב אָדער אין וואָקזאַל־בופֿעט מיט דער דערלויבעניש פֿון זיין שעף, און אויך אפשר געבראַכט אַן איבעריק מאָל הייסע אָדער קאַלטע וואַסער. אונדז האָט מען יעדעס מאָל פֿאַרטריבן אין „טופּיק" (אין טעמפּן ווינקל) אָדער

אויף אַ רעזערוו־ליניע, ווייט פון מענטשלעכע אויגן. דאָרט איז נישט מעגלעך געווען עפּעס קויפן מיט דער הילף פון קאַנוואַי.

דער פראָסט איז גרויס. מיר „טאַנצן“ און קענען זיך נישט דערוואַרעמען. מיר האָבן אָנגעהויבן אָפּרייסן ברעטער פון די נאַרעס, ברעכן זיי און שטופּן אין אויוועלע, נישט רעכענענדיק זיך מיט דעם, וואָס יעדע אָפּגעריסענע ברעט פאַרקלענערט דעם, אַזוי אויך, באַגרענעצטן פּלאַץ צום שלאָפן.

מיר האָבן שוין געוווּסט, אַז דער עשעלאָן פאָרט אין דער ריכטונג אויף צפון (שוין לאַנג דורכגעפאָרן די שטעט בעלגאָראָד און קורסק, ווו מיר זענען אַ גאַנצע נאַכט געשטאַנען, און מיר דערנענטערן זיך צו דער שטאָט אָריאָל). שוין 2 מעת לעת אין די וואַגאָנען. דער עיפּוש ווערט וואָס אַ מאָל שטאַרקער. גוט וואָס ס׳ווערט גלייך פאַרפרוירן... דער „באַרג“ וואַקסט. קיינער טוט זיך נישט אויס. פאַרקערט, מען שלעפּט נאָך אויף זיך אַרויף וואָס איינער פאַרמאָגט.

איך געדענק אַז אַ מאָל האָט מען געזאָגט „אַז יעדער שטעטל האָט זיך זיין משוגענעם“. איך בין נישט קיין פּסיכיאַטער און שטעל נישט פעסט צי איז ער טאַקע געווען משוגע אָדער נישט. מיר זענען אין אונדזער וואַגאָן אויך „באַגליקט“ געוואָרן מיט אַזאַ „טשודאַטשאַק“, אַ טראַגיש־קאָמישער פאַרשוין מיטן נאָמען פּטיוך — ערגעץ פון אַ דאָרף אין טשוגועווער ראַיאָן (כאַרקאָווער געגנט). געוויס האָט מען אין זיין דאָרף אים אָפּגעגעבן דער נקודה מיט גרויס פּערגעניגן. אפשר האָט ער אויך געפּעלט צום פּלאַן? פּטיוכן איז כסדר געווען קעלטער און ענגער פון אַנדערע. אויך מער הונגעריק ווי אַנדערע. שטענדיק פּעלט אים עפּעס. ער רוט נישט קיין איין מינוט. וואָרטשעט ווי אַ בייזע שוויגער. צלמט זיך כסדר און צו אַלעמען האָט ער טענות. ער האָט שוין אויך געכאַפּט פּעטש פון זיינעם אַ שכן אויף די נאַרעס, אָבער עס האָט ווייניק געהאָלפן.

— פאַר וואָס קומט מיר 10 יאָר? — שרייט ער כסדר — גאָט וועט זיי, די „באַסיאַקעס“ באַצאָלן דערפאַר.

— שווייג תיכף — הערט זיך אַ קול פון די נאַרעס — דער קאַנוואַי וועט דערהערן וועסטו נאָך 10 אַריינכאַפּן.

— כאַפּן זאָל זיי דער נישט גוטער — איז ער ממשיך וואָרטשען.

פּטיוך איז טאַקע פּטיוך. מינוטנווייז פאַרגעסן מיר אַז דער הונגער מאַטערט און דער דורשט — נאָך מער. אונדזער גוואַלד־געשריי צום קאַנוואַי דערגייט נישט. גלייך ווי אין די וואַגאָנען וואָלטן קיין לעבעדיקע מענטשן נישט געווען. מען מאַכט זיך נישט הערן. ווי נאָר דער עשעלאָן פאַרלאַנגזאָמט זיין גאַנג און דאָס קלאַפּעריי פון די רעדער ווערט אַ ביסל איינגעשטילט — אַזוי הערן מיר אויף די געוואַלדן און געשרייען פון די איבעריקע, נאָענט

צו אונדז, וואַגאָנעס: — ברויט! וואַסער! מערדער, וואָס איר זענט!.. קוילן אָדער האַלץ צום הייצן! מיר גייען אויס! און אַזוי ווייטער. נאָך מער שטאַרקן זיך די קולות אויף די סטאַציעס ווען דער צוג שטייט, כדי די דורכגייער זאָלן הערן און דאָס זאָל מער ווירקן, אַז די שמירה זאָל זיך צוהערן צו אונדזערע מינימאַלע פאָדערונגען — קויפן ברויט און געבן וואַסער ווען דער עשעלאָן שטייט אויפן אָרט.

איך וויל דערביי צוגעבן אַז אַזעלכע אויסגעשרייען אויף די סטאַציעס כדי צוציען די אויפמערקזאַמקייט פון מענטשן — קען מצד דעם קאָנוואָי באַטראַכט ווערן ווי אַ קאָנטררעוואָלוציאָנערע דעמאָנסטראַציע און דאָס איז אַ גרויסע ריזיקע: מע קען אונדז באַשטראָפן מיט נישט באַדינען בכלל און אַפילו מיט נישט עפענען דעם וואַגאָן אין משך פון אַ מעת לעת אָדער צוויי (שפּעטער פלעגן אַזעלכע פאַלן טרעפן גאַנץ אָפט). די לאַגע ביי אונדז אין וואַגאָן איז דערגאַנגען צו „אין ברירה" — מיר האָבן קיין אַנדער אויסוועג נישט געהאַט. געוויס איז אַזאַ לאַגע ווי ביי אונדז, אויך געווען און אין אַנדערע וואַגאָנעס. דאָך איז ביי אונדז אַדורך בשלום אָן סאַנקציעס מצד דעם קאָנוואָי.

ס'מאַכט זיך ווען דעם קאָנוואָי געלינגט נישט „איינצושטילן" דעם אַרעסטאַנטן־עולם פון דרויסן אין די געשלאָסענע וואַגאָנעס, דאַן ווערט דער עשעלאָן פריער אָפּגעשיקט אין ווייטערדיקן מאַרשרוט, און אויב דאָס איז נישט מעגלעך צוליב פאַרשידענע סיבות — ווערט ער אַריבערגעפירט ערגעץ אויף אַ פאַררוקטער רעזערוו־ליניע, און דאַן קען מען שוין שרייען ביז... צום הימל ביז מען ווערט מיד און אויסגעשעפּט.

די אומריינקייט אין וואַגאָן האָט שוין אונדז אין גאַנצן דערשלאָגן... דער „באַרג" איז געוואָרן אַלץ גרעסער און גרעסער. כאָטש דער פראָסט אין גאַס איז געווען אַ שטאַרקער, דאָך האָבן מיר געמוזט צעברעכן דאָס גלאָז פון די פאַרקראַטעוועטע פענצטערלעך, כדי נישט דערשטיקט צו ווערן פונעם געשטאַנק. צוליב דעם, וואָס מיר האָבן שוין פאַרברענט אַ סך ברעטער — איז שוין נישטאָ קיין אָרט, נישט נאָר צום ליגן, נאָר אויך נישט צו זיצן פאַר אַלעמען. אַ גרויס אָרט אין וואַגאָן איז שוין פאַרנומען מיט דעם פאַרפרוירענעם באַרג אומריינקייט. אוודאי האָט נאָך אַ ביסל געראַטעוועט דאָס פאַרפרוירנקייט פון דער מאַסע.

שוין צייט צו באַקומען אונדזער „פּאַיאָק"־עסן. עפּעס שווייגן די קאָנוואָירן. אויסגעהונגערט ביז גאָר ווי נאָך אַ לאַנגן תענית. שוין לאַנג דורכגעפאָרן די סטאַציע אַריאַל און דערנענטערן זיך צו דער שטאָט טולע. מיר פאָרן שוין דעם דריטן טאָג. פריער ווי מאָרגן אין דער פרי וועט מען אונדז קיין ברויט נישט געבן. די לאַגע ווערט וואָס אַ מאָל ערגער. כאָטש

שרייַ צו גאָט. פּטיוך איז איצט רויִק נאָך די לעצטע קלעפּ מיט וועלכע אייניקע אין וואַגאָן האָבן אים „מכבד" געווען. דער אַלטיטשקער בעלענקאָ פון טשערקאַסער ראַיאָן, וועלכער האָט באַקומען נאָר 5 יאָר ליגט אין ווינקל, ווו מיר האָבן אים געהאָלפן איינאָרדענען זיך, מען זאָל אים ווייניקער שטערן. ער מאָנט נישט קיין ברויט און קיין וואַסער. מען הערט אים נישט, גלייך ווי ער וואָלט שוין בכלל אויפגעהערט צו אָטעמען. ער וועט דאָך נישט מסוגל זיין אַפילו איין טאָג אַרבעטן אין לאַגער, און צי וועט ער כאָטש דערפירן אַהין אַ לעבעדיקער? מיר האָבן מיטלייד צו אים און זיין איבערגעבליבענער משפּחה.

ענדלעך האָבן מיר זיך דערוואַרט:

אויף איינער פון די סטאַציעס, ווען אונדזער עשעלאָן האָט זיך אָפּגעשטעלט, האָט דער קאָנוואָי אָנגעקלאַפּט אין טיר אַז מיר זאָלן זיך גרייטן באַקומען ברויט און „קיפּיאַטאָק" (געקאָכטע וואַסער). מיר האָבן אויפגעלעבט. וואָס פאַר אַ בעסערער בשורה קען מען דען איצטער דערוואַרטן?

ווען די טיר האָט זיך געעפנט, האָט מען אונדז צוגעטיילט צו אַנדערטהאַלבן ברויטלעך („קירפּיטשעקעס"), ד.ה. צו 500 גראַם אויף אַ טאָג און צוגעגעבן נאָך אַ מאָל צום ברויט געזאַלצענע הערינג. דער יונגער און פלינקער קאָנוואָיִרער האָט אונדז געבראַכט אַן עמער „קיפּיאַטאָק". יעדער פון אונדז האָט פונאַנדערגעגאָסן דאָס וואַסער אין טעפּעלעך, כדי געבן אים אַ מעגלעכקייט נאָך אַ מאָל ברענגען אַן עמער. מען האָט אונדז געבראַכט אַ קעסטל מיט קוילן אויף הייצן און אַ לאָפּעטע צום אָפּרייניקן דעם „באַרג" אומריינקייט.

נאָך דער פאַרמעלער פּראָגע פונעם קאָנוואָי־שעף צי זענען מיר אַלע צופרידן, און נישט וואַרטנדיק אויף קיין ענטפער, האָט ער צוגעזאָגט, אַז ער וועט זיך באַמיען קויפן פאַר אונדז ברויט מיט צוקער. נאָך דעם האָט ער אונדז געבעטן נישט קלאַפּן אין די טירן און נישט שרייען. די טירן זענען ווייטער פאַרהאַקט געוואָרן און אונדזער וואַגאָן־לעבן האָט זיך „באַנייט".

✡

עמעצן אין וואַגאָן האָט זיך פאַרוואָלט פאַרציען אַן אומעטיקע סיבירער קאַטאָרגע־ליד „די זון גייט אויף און פאַרגייט", אָבער די זעלבע מינוט האָט זיך דערהערט אַ קלאַפּן פון דרויסן און אַ באַפעל — „פּרעקראַטיע נעמעדלענאָ. באַקאָזשעם" (תיכף אויפהערן. מיר וועלן באַשטראָפן) מיט דראָונגען אַז פאַרן זינגען וועט מען פאַר אונדז גאָר נישט קויפן אויפן וועג. פאַרשטייט

זיך, אַז מער האָט קיין שום רייד נישט געקענט זיין וועגן זינגען. מיר האָבן דערצו נישט דערלאָזט.

שוין דעם צווייטן טאָג שטייען מיר ערגעץ־ווו. ס׳איז האַלבע נאַכט. חוץ כראָפּעניש און קרעכצעריי הערט מען גאָר נישט. דאָס אויוועלע איז שוין לאַנג אויסגעלאָשן און אָפילו אָפּגעקילט געוואָרן. קיין קוילן זענען שוין ווידער לאַנג נישטאָ. רייסן ברעטער קען מען שוין אויך נישט. ס׳איז שוין נישטאָ אויף וואָס צו זיצן. די מערסטע טייל זיצן און קוקן אין פענצ־טער. פון ערגעץ נישט ווייט פאַלט אויף אונדז אַ גרויסער ליכט־סנאָפּ און באַלייכט אונדזער אָפּקומעניש. מיר האָבן פאַרשטאַנען אַז מיר געפינען זיך היגטער מאָסקווע. סע זעען זיך פון דערווייטנס גרויסע געבײַדעס פול מיט ליכט. אָט דאָרט — טראַכט איך זיך — וווינען מענטשן אין געמיטלעכע דירות, זיי לעבן מיט זייערע משפּחות צוזאַמען. צי ווייסן זיי, אָדער פילן זיי דאָס גרויסע אומגליק, וואָס קומט פאָר אַרום זיי? צי קענען זיי וויסן אַז דאָ, נישט ווייט פון זיי, שטייען אַ גרויסע צאָל עשעלאָנען מיט אַרעסטאַנטן, אַנגעפּאַקט ווי הערינג אין אַ פאַס, געכאַפּטע, אָפּגענאַרטע, געפּייניקטע מענטשן, וועלכע מ׳האָט אויף אַן אומרחמנותדיקן אופן צוגענומען פון זייערע וואַרעמע נעסטן, פון פרויען און קינדער, וואָס באַוויינען זיי איצטער אין דער היים? אָט די מענטשן, צעשלאָגענע און צעממיתטע ווערן איצטער אָפּגעפירט (אויף אומקום?) אין די פאַרבאָרגענע ערגעץ־ווו לאַגערן.

אוודאי ווייסן נישט די מאָסקווער בירגער, אַז די עשעלאָנען, אַנגע־שטאָפּטע מיט די אומשולדיקע קרבנות רינגלען אַרום זייער קרוינשטאָט איצטער, אין די שעהען פון זייער זיסן שלאָף. צי אפשר זענען אויך צווישן זיי פאַראַן וויינענדיקע פרויען מיט קינדער, ביי וועלכע מען האָט צוגענומען זייערע אייגענע אַזוי ווי אונדז? נעיקאָ זאָגט מיר כסדר אַז ער וועט נאָך אַ ביסל וואַרטן און זען וווהין מען פירט אונדז, און אַז דערנאָך וועט ער זיך אַלץ איינס נעמען דאָס לעבן.

איך בין — צעוויינט ער זיך — אַ קאָמוניסט, געקעמפט אין אונטערערד אין איטאַליע, איבער אַ פאַררעטער דורכגעפאַלן און די פּאַרטיי האָט מיר געגעבן אַ מעגלעכקייט אַנטלויפן פון דער סכנה, וואָס האָט מיר געדראָט און ראַטעווען זיך אין רוסלאַנד. איז וווהין זשע האָט מען מיך געשיקט? צי האָב איך זיך אַזוי געראַטעוועט? צי וואָלט איך דען ביי מוסאָליני אַזוי געליטן? אָ, ווען מיינע קאַמפּס־חברים וואָלטן וועגן דעם געוווּסט?!

נישט קוקנדיק דערויף, וואָס איך בין קיין קאָמוניסט נישט געווען — האָב איך, נישט נאָר פאַרשטאַנען אים, נאָר אויך מיטגעפילט און מיטגעליטן מיט זיינע איבערלעבונגען. דער פאַל מיט נעיקאָ איז באמת געווען אַ טיפּישע אָפּשפּיגלונג פון דער טראַגעדיע, וואָס האָט זיך אָפּגעשפּילט אין יענעם

שרעקלעכן צייט־אַפּשניט. די פרייע וועלט איז געוויס נישט מסוגל געווען באַגרייפן די מאָס פון דעם, וואָס איז פּאַקטיש פּאָרגעקומען אויף די ענדלאָזע רוסלענדישע שטחים, אויף אַ זעקסט חלק פון דער ערד...

ס׳האָט זיך נישט געוואָלט גלויבן אַז די עפּאָפּעע איז שוין ביי איר שקיעה. אפשר וועט עפּעס אַ נס געשען און די וועלט וועט זיך אָפּרופן אויפן דאָזיקן קאָשמאַר, אויף אָט דעם מאָסן־אומגליק?

די נאַכט איז דורך אין דרעמל, שלעכטע מחשבות, אין ציטערניש פון קעלט, צייטנווייז אויך אין אַ אומרויִקן שלאָף... נישט ווייניק האָט די נאַכט אויף מיר געווירקט נעיקאָס ווידוי.

אונדזער אַרעסטאַנטן־עשעלאָן האָט זיך אָפּגעשטעלט. פון דרויסן הערן מיר אַ באַלעבטע באַוועגונג פון מענטשן. געוויס איז דאָס אַ גרויסע סטאַציע. מיר הויבן אָן קלאַפּן אין דער טיר און אין די ווענט, מיר שרייען מען זאָל אונדז געבן ברויט מיט וואַסער. גלייך איז געקומען די רעאַגירונג מצד דעם קאָנוואָי־שעף. ער האָט צוגעזאָגט אַז אין גיכן וועלן מיר באַקומען ברויט און אויך פאַרגעלייגט צוזאַמענגעמען געלט כדי קויפן באַזונדער ברויט און צוקער. דאָס איז אַ חוצן „פּאַיאָק״. מיר האָבן זיך איינגעשטילט.

ווען די טיר האָט זיך געעפנט, האָבן מיר דערזען פיל דורכגייער און ביי זיי געפרעגט ווו מיר געפינען זיך.

— אין דער שטאָט וואָלאָגדע — איז געקומען אַן ענטפער.

די שטאָט וואָלאָגדע איז מיר באַוווסט געווען אַ דאַנק איר רייכן פאָרש־אינסטיטוט פאַר מילך־פּראָדוקציע, אונטער דער אָנפירונג פון פּראָפעסאָר איניכאָוו, וועגן וועלכן מיר האָבן בשעתו געלערנט אויפן זאָאָ־פאַקולטעט אין לאַנדווירט־אינסטיטוט.

דאָ האָט מען אונדז ווידער געגעבן ברויט מיט הערינג אויף 2 טעג (אַ שטרענג פּלאַנירטע נאָרמע). פאַר אונדזער געלט האָט דער קאָנוואָי געקויפט ברויט און עטלעכע קעפּלעך האַרטן צוקער. מיר האָבן אויך באַקומען „קיפּיאַטאָק״ און אַפילו האָלץ צום הייצן (דאָ זענען קיין קוילן נישט געווען).

צוליב דער נאָענטקייט פון דער סטאַציע האָט מען אונדז נישט דערלויבט אַרויסוואַרפן דעם באַרג אומריינקייט, וואָס האָט זיך אָנגעקליבן פאַר די לעצטע טעג. מיר האָבן נישט קיין עצה. ספּעציעל צוליב דעם וועט מען דעם עשעלאָן נישט אָפּשטעלן אין מיטן פעלד. אפשר וועט שוין טאַקע אין גיכן נעמען אַ סוף אויך צו די ליידן?

און דאַך, וווהין פאָרן מיר? אַן ספק אויף צפון, אָבער אין וועלכן לאַגער?

די געקויפטע עטלעכע קעפּלעך צוקער האָבן געשטעלט אונדז פאַר אַ „האַרבן פּראָבלעם״ דורך דעם, וואָס מיר האָבן נישט געהאַט מיט וואָס צו

צעקלאַפּן און צעטיילן אויף מער גלייכערע פּאָרציעס ווי, למשל, ווען מען וואָלט עס געקויפט אין קלעצעלעך. ס'איז אַפילו דערגאַנגען צו אַ געשלעג אין וועלכן די גרעסטע „פּאָרציע" האָט באַקומען אונדזער, שוין באַוווּסטער, פּטיוך, וועלכער האָט זיך שוין באמת איינגעגעסן אין דער „לעבער" פון אַלעמען און איז אין די לעצטע טעג געלעגן אַ רויִקער, נאָך אַ פּריערדיקער „פּאָרציע", ביז ס'האָט זיך איצטער אָנגעהויבן דאָס צעטיילונג פון ברויט און צוקער, פונעם געקויפטן.

אויסנוצנדיק דאָס בלויע פּאַק־פּאַפּיר פון אַ צוקער־קעפּל, האָב איך אָנגעשריבן 3 קליינע בריוועלעך צו עטלעכע שורות: „איך לעב. פאָר אין דער ריכטונג אויף צפון. צפונדיקער פון וואָלאָגדע". אונטער די שורות האָב איך אָנגעשריבן צום אומבאַקאַנטן, וועלכער וועט דאָס בריוועלע געפינען מיט אַ ביטע ער זאָל דאָס איבערשיקן מיט דער פּאָסט, אָנגעבנדיק די אַדרעסן. איך האָב די בריוועלעך צונויפגעלייגט און יעדעס פון זיי צוגעבונדן צו אַ שטיקל האָלץ אָדער אַ שפּענדל דער ווינט זאָל עס נישט פאַרטראָגן. איך האָב געשריבן צו מיין אַרבעטס־חבר טשערנאָוו יעקב, צו אַ שכנה און צו דער פרוי. איך האָב די בריוועלעך אַרויסגעוואָרפן פון וואַגאָן, זייענדיק זיכער, מער ווייניקער, אַז זיי וועלן אפשר דערגרייכן מיין היים, אויב עס וועט זיי עמעצער געפינען און וועלן זיך מטריח זיין מיט פאַרשטאַנד. איך האָב קיין אַנדער אויסוועג נישט געקענט צוטראַכטן. אפשר האָבן שוין מיינע, מיך באַוויינט נאָכן גרוס, וועלכן ס'האָט מעגלעך איבערגעגעבן דער משפּחה דער אַדוואָקאַט יעקב גראָנבערג, נאָך דעם ווי ער האָט מיך געזען אַרויספירן פון קאַמער 51 אין טויטן־קאָרידאָר, מיינענדיק אַז איך בין שוין אַ פאַרמשפּטער צום טויט?

אויף מיר קוקנדיק, האָבן אויך אַנדערע צענומען דאָס צוקער־פּאַפּיר און נאָכגעטאָן דאָס זעלבע וואָס איך.

(ווי עס האָט זיך מיט יאָרן שפּעטער אַרויסגעוויזן, האָט מיין אַרבעטס־חבר טשערנאָוו, דאָס געשיקטע דורך עמעצן בריוועלע באַקומען און איבער־געגעבן צו מיין פרוי. די איבעריקע בריוועלעך זענען מעגלעך דורכן ווינט פאַרטראָגן געוואָרן). איך האָב נאָך דעמאָלט נישט געוווּסט אַז איך וועל אַריינפאַלן אין אַ לאַגער און נישט האָבן קיין רעכט אויף קאָרעספּאָנדענץ.

דער טויט פון איינעם אַ קאַלכאָזניק פון לובני (פּאָלטאַווער געגנט) ביי אונדז אין „טעפּלושקע", האָט אַרויסגערופן ביי אַלעמען פאַרביטערונג. ער האָט זיך כמעט נישט פאַרקלאָגט פאַר קיינעם. געווען אַ שטילער און באַשיידענער, געלעגן אומבאַוועגלעך און קיינעם נישט באַאומרויִקט (אַזוי ווי בעלענקאָ פון טשערקאַסער ראַיאָן). מיר האָבן זיך מער געריכט אַז

אַזעלכעס קען פאַרקומען מיט בעלענקאַ. דער קאַנוואַי האָט באַפוילן דעם בר־מנן אַרונטערלייגן אונטער די נאַרעס (ער באַדאַרף דאָך זיך אָפּרעכענען פאַר דער צאָל „קעפּ"). מיר האָבן אים צוגעדעקט מיט זיינע בגדים און כמעט שוין וועגן אים פאַרגעסן... צוליב דעם פראָסט האָט ער נישט געגעבן קיין שלעכטן ריח. קיינער האָט נישט געוווּסט זיין גענויען אַדרעס פון דער היים. גענויס איז דער אַדרעס געווען אין די פאַרמולאַרן. יעדער פון אונדז האָט זיך געזען אין זיין צושטאַנד... אויב נישט היינט, איז מאָרגן.

די אייזנבאַן־ליניע פון וואָלאָגדע אויף צפון איז געגאַנגען דורך אַ געדיכטן פראַסטיקן וואַלד מיט שניי באַדעקט. קיין שום לאַנדשאַפט האָט זיך אונדז אויפן וועג נישט איינגעגעבן זען. אַלץ איז ווייס. ווו נישט ווו, ביינאַכט פלעגט זיך אויף אַ סעקונדע באַווייזן אַ שוואַך ליכט, ווען מיר זענען פאַרבייגעפאָרן אַ וועלכע ס'איז נישט גרויסע סטאַציע אָדער „ראַזיעזד". דער רויש פון די רעדער פאַרטויבט די אויערן. גוט איז די, וואָס ליגן און כראָפּען ביי אַזעלכע אומשטענדן און פילן נישט די קעלט אין די פיס. מיר שטייען כסדר אויף פון די ערטער און „טאַנצן" אויפן אָרט כדי דער־וואַרעמען די פיס. וועגן וואָס צו ריידן האָבן מיר שוין לאַנג נישט. אַלץ איז אויסגעשעפּט.

קיין שום פאַרשטעלונג וועגן אָרט און אויך וואָס ס'דערוואַרט אונדז. אַלץ איז „בסדר". מיר זענען נישט אין שטאַנד מאַכן אַ וועלכע ס'איז פּלענער פאַר זיך. מען מוז זיך פאַרלאָזן אויף „זייער יושר", וועלכער איז אונדז שוין פון לאַנג באַקאַנט. קאַלאַסניקאָוו, דער אַגראָנאָם פון פּאָלטאַווער געגנט, טרוימט און איז גרייט זיין גאַנץ לעבן אָפּזיין אין לאַגער, ווען ער וואָלט דאָרט געאַרבעט ווי אַן אַגראָנאָם. ס'איז צו זען אַז ער האָט ליב געהאַט זיין פאַך און איז גרייט עס אָפּגעבן פאַר דער לאַנדווירטשאַפט. ער האָט איבערגעלאָזט אַ פרוי מיט 3 קינדער. די פרוי איז אַ לערערין. ער האָט זיך געטרייסט דערמיט, וואָס ער האָט נישט געהערט אַז אויך לערער אַרעסטירט מען, סיידן אפשר דערפאַר, וואָס זי איז אַ פרוי פון אַ „פאָלקס־פיינד" וועמען מען האָט פאַרמשפּט פאַר „קלעשטש" *) פאַר „וועלן" שעדיקן די סאָציאַליסטישע ווירטשאַפט. יאָ, אַ גוואַלדיקע צאָל אַגראָנאָמען זענען דעמאָלט דערשאָסן און פאַרשיקט געוואָרן פאַר אַזאַ באַשולדיקונג (קיינער וועט קיין מאָל נישט וויסן די צאָל אַגראָנאָמען אומגעבראַכטע פאַר „קלעשטש". ס'איז געווען אַ ביטערער שפּאַס, ווען מען האָט געזאָגט אַז דער „קלעשטש" האָט מער געשעדיקט די אַגראָנאָמען, ווי די תבואה־קערנער וועלכע ער פרעסט. ווען דער באַשולדיקטער פלעגט זאָגן אַז ער איז אַן אַגראָנאָם — האָט מען שוין

---

*) קלעמער־וואַנץ אויפן בעל־חי.

געוווסט אַז ער איז באַשולדיקט אין „קלעשטש", און פאַרקערט — אויב ער האָט געזאָגט אַז ער זיצט פאַר „קלעשטש", האָט מען שוין געוווסט אַז ער איז אַן אַגראַנאָם.

ווען נעיקאַ וואָלט נישט געווען קיין פּאָליט־עמיגראַנט — וואָלט ער אויך באַשולדיקט געוואָרן אין „קלעשטש" ווי אַן אַגראַנאָם. אין דעם פּרט איז „זיי" לוינבאַרער געווען אים „מאָכן" פאַר אַן איטאַליענישן שפּיאָן.

צי האָבן נעיקאַ און קאָלעסניקאָוו געוווסט (זיי האָט מען דאָך דעם פּסק געמאָלדן) אַז זיי אויך, אַזוי ווי מיר, איז פאַרבאָטן אַרבעטן אין לאַגער לויטן פאַך ? ווען אַ לאַגער־לעבן האָבן מיר דערווייל נישט געוווסט. מיר וועלן נאָך דאַרפן פיל אויסדויער און מוט. ס'איז פון אונדז גאַרנישט אָפּהענגיק.

מיר האָבן פאַרשטאַנען אַז דאָס צוטיילן אונדז ברויט נאָר אויף 2 טעג און נישט אויף 3, איז אַ סימן אַז מיר דערנענטערן זיך צו אונדזער רייזע־פּיניש און לאַנג וועט שוין אונדזער אויסמאַטערנדיקער און פיינלעכער וועג נישט דויערן. —

# „ניאַנדאָם"

צום סוף פון 9־טן טאָג פון אונדזער עטאַפּ־נסיעה האָט זיך אין אַ פּראַסטיקן אָוונט אָפּגעשטעלט אונדזער לאַנגער אַרעסטאַנטן־עשעלאָן. ס׳האָט זיך אין דרויסן געהערט אַ געוויש און באַפעלערישע קאָמאַנדעס פון די קאָנוואַי־שעפן איבער דער גאַנצער לענג עשעלאָן. דער גאַנצער שטח איז באַלויכטן געוואָרן מיט פּראָזשעקטאָרן. עפּעס איז געשען. צי זענען מיר שוין טאַקע אויפן אָרט?

יאָ, מיר האָבן זיך געפינען אויף דער סטאַציע „ניאַנדאָם", וועלכע ליגט דרומדיקער פון דער צפון־שטאָט אַרכאַנגעלסק.

בערך אַ הונדערט קילאָמעטער אויף מערב געפינט זיך דער ראַיאָן קאַרגאָפּאָל, וועלכער איז געווען באַרימט ווי אַ פאַרשיקונגס־פּונקט נאָך אין די אַלטע צאַרישע צייטן. אויף אַ שטח פון הונדערטער קוואַדראַט־קילאָמעטער אין דער לענג און אין דער ברייט שפּרייטן זיך אויס אוראַלטע, ווילד פאַרוואַקסענע וועלדער, וווּ ס׳האָט נאָך קיין מענטשלעכער פוס נישט געטראָטן. און טאַקע אין אָט דעם צפון־שטעטל קאַרגאָפּאָל האָט זיך געפונען דער צענטער און אויך די אָנפירונג פון אַ געדיכטער נעץ לאַגערן, וואָס האָבן זיך געגרענעצט איינע מיט די אַנדערע. דער צענטער האָט געטראָגן דעם נאָמען „קאַרגאָפּאָל־לאַג".

אויף דער סטאַציע „ניאַנדאָם" האָט מען אויסגעלאָדן נאָר עטלעכע וואַגאָנעס פונעם עשעלאָן (ביי אַ 300 מענטשן). די איבעריקע וואַגאָנעס זענען אָוועק אין די ווייטערדיקע טיפענישן פון דעם ברייטן „צפון־ווינקל".

די אויסלאָדונג האָט זיך פאַרענדיקט און מיר זענען באַלד אַרומגע־רינגלט געוואָרן מיט אַ שטאַרקער שמירה פון זעלנער מיט הינט. דעם טויטן קאַלכאָזניק פון לובני האָט מען אַרויסגעשלעפּט און אָפּגעפירט ערגעץ באַזונדער.

נאָענט פון דער סטאַציע האָט זיך געפונען אַ טראַנזיט־פּונקט פאַר אַרעסטאַנטן, ווי מען האָט קאָנצענטרירט אַלע אָנגעקומענע, און פון וואַנען זיי זענען פונאַנדערגעטיילט און פונאַנדערגעשיקט געוואָרן אין די אַרו־מיקע לאַגערן, צווישן וועלכע ס׳זענען אויך געווען ניי־אָרגאַניזירטע,

ספעציעל צום „יעזשאָוו־אויפנעם". אין דעם טראַנזיט־פּונקט זענען מיר אַריינגעפירט געוואָרן. די גרופּע פון אונדזער וואַגאָן האָט זיך געפּרוווט האַלטן באַזונדער, אויף וויפל דאָס האָט זיך אונדז איינגעגעבן.

ווי נאָר מען האָט אונדז אַריינגעלאָזט אין טויער — זענען מיר אַרום־גערינגלט געוואָרן פון אַ גרויסער צאָל לאַגערניקעס, וואָס האָבן געבעטן ביי די נײַ אָנגעקומענע ציבעלעס און קנאָבל. מיר האָבן אין אָנהויב נישט פאַרשטאַנען די סיבה פון דעם, אָבער גלייך איז מען געוואויר געוואָרן אַז דאָ איז פאַרשפּרייט די צינגאַ־קראַנקהייט, און אַז אַ גרויסע צאָל לאַגער־ניקעס ליידן דערפון און אַז די וויטאַמינען, וואָס ציבעלעס און קנאָבל אַנטהאַלטן — איז פאַר זיי די איינציקע רפואה.

צוויי באַראַקן מיט האַרטע נאַרעס, אָן שעניקעס, אָן קאָלדרעס, מיט צעשאָטענעם זעגעכץ אויף דער הוילער ערד זענען געווען ספּעציעל צו־געגרייט פאַר די נײַ אָנגעקומענע. מע האָט אָנגעהויבן פאַרכאַפּן ערטער. דאָ האָבן מיר גלייכצייטיק געפאָדערט מען זאָל אונדז אָפּגעבן פאַר איין טאָג ברויט, ווייל מיר זענען געווען 9 טעג אין וועג, און באַקומען ברויט האָבן מיר נאָר פאַר 8 טעג. מיר זענען געווען שטאַרק אויסגעהונגערט. דער קאָמענדאַנט האָט באַפוילן גלייך זיך אײַנקלייגן אויף די ערטער און צוגעזאָגט אַז מאָרגן גאַנץ פרי וועט אונדז געגעבן ווערן ברויט. ער האָט פאַרגעלייגט אַז יעדע 10 מענטשן זאָלן אויסטיילן אַ „דעסיאַטניק" אויף באַקומען ברויט, האָבנדיק ביי זיך די רשימה פון זײַן צענדליק (צו דעם צוועק האָט מען אונדז געגעבן פּאַפּיר).

צווישן מיר און קאָלעסניקאָוון האָט זיך אַריינגעשטופּט אַן אַלטיטש־קער מיטן נאָמען פעדיאַיעוו (אַזוי איז ער פאַרשריבן אין רשימה פאַר ברויט). ער איז נישט געווען פון אונדזער וואַגאָן. ער האָט גערעדט שוואַך און געזאָגט אַז ער איז קראַנק. דער נײַ אָנגעקומענער אַרעסטאַנטן־עולם האָט זיך איינגעשטילט, אָבער די קנאָבלען און ציבעלעס־בעטלער האָבן אונדז נישט געלאָזט רוען, פאַרלייגנדיק גאַנצע פּייקעס ברויט פאַר אַ ציבעלע אָדער עטלעכע ציינדלעך קנאָבל.

אַרום 4 אַ זייגער פאַר טאָג האָבן שוין די „דעסיאַטניקעס" באַקומען ברויט און עס צעטיילט לויט די רשימות און אויסגערופענע נעמען. ווען מ'האָט אויסגערופן אונדזער שכנס פאַמיליע פעדיאַיעוו, האָט ער זיך נישט אויפגעהויבן. איך האָב די פאַרציע ברויט באַקומען פאַר זײַנעט וועגן און גלייך אים געוועקט אויף איבערגעבן, אָבער ער האָט קיין אַכט נישט גע־לייגט אויף מײַן שטורכען אים אין דער זייט. איך האָב אָנגענומען זײַן האַנט, אָבער קיין פּולס איז שוין נישט געווען. איך האָב וועגן דעם גלייך

איבערגעגעבן מיין שכן קאַלעסניקאָוו, און אויך ער האָט פעסטגעשטעלט אַז פּעדיאַיעוו איז טויט. ער איז געווען וואָרעם פון דער ענגשאַפט ווי מיר האָבן אים געוואָרעמט פוןביידע זייטן. קאַלעסניקאָוו האָט פאָרגעלייגט אַז מיר זאָלן אויפעסן די באַקומענע פּייקע ברויט. איך האָב דעם פאָרשלאָג מיט פאַרגעניגן אָנגענומען, איבערגעבראָכן דאָס ברויט און אין דער שטיל זיך „געקוויקט", נישט אָנרירנדיק די אייגענע פּייקעס.

אין אַ שעה אַרום איז געווען דער „פּאָדיאָם" (אויפשטיי) און ווען ער איז נישט אויפגעשטאַנען, זענען געקומען צו לויפן די וואָכלייט, און צווישן זיי דער, וועלכער האָט געהאָלפן צעטיילן דאָס ברויט. זיי האָבן ביי מיר געפרעגט וווהין איך האָב אַהינגעטאָן דאָס ברויט. איך האָב זיי געזאָגט אַז די פּייקע ברויט איז אים איבערגעגעבן געוואָרן בשעת ער האָט נאָך געלעבט און באַוויזן זי אויפעסן, אָבער זיי האָבן פאַרשטאַנען אַז איך זאָג אַ ליגן און, מיך גלייך „מכבד" געווען מיט פּעטש און אויך צוגענומען מיין פּייקע ברויט, וועלכע איך האָב נאָך נישט באַוויזן אויפעסן. דאָס איז געווען מיין ערשטע „מתנה" ביים איבערטרעטן די שוועל פונעם ערשטן לאַגער. קאַלעסניקאָוו האָט מיר אָפּגעגעבן האַלב פון זיין ברויט און אַזוי האָט זיך אַלץ געענדיקט „בשלום", אַ חוץ די באַקומענע פּעטש מיט וועלכע איך האָב זיך געהאַלטן.

די אינעווייניקסטע זאָנע אין דעם איבערגאַנגס-לאַגער „טראַנזיט-פּונקט" איז געווען פריי צום באַוועגן זיך. עפּעס האָב איך דערפילט ווי אַ שטיקל „פרייהייט" נאָכן אָפּזיצן כמעט 3 חדשים אין דער 51-טער און נאָך דעם אויך אין גיהנום פון דער 63-טער. ס'האָט זיך דאָ אַנדערש גע־אָטעמט צוליב דער פרייער באַוועגונג אין דער זאָנע.

אַ סך באַראַקן, אָנגעשטאָפּטע מיט מענטשן פון פאַרשידענע עטאַפּן פונעם גאַנצן לאַנד און פון פיל נאַציאָנאַליטעטן. אין דער זאָנע איז פריי און מען זעט ווייניק מענטשן, מסתמא צוליבן גרויסן און שטאַרקן פראָסט. דאָרט האָט מען געזען פאַרביילויפנדיקע מענטשן און צווישן זיי — אוזבעקן. אויסגעוואָקסענע אין אַ וואָרעמען קלימאַט, האָבן זיי געציטערט פון קעלט אין זייערע קאָלירטע כאַלאַטן.

פאַר אַ פּאָר שעה אין זאָנע האָב איך געשמועסט מיט עטלעכע „תושבים", וועלכע האָבן שוין דאָ געהאַט אַ שטיקל „סטאַזש", און געוווּיר וואָרן, וואָס עס שטעלט מיט זיך פאָר דער איבערגאַנגס-לאַגער און אַז אַ חוץ אויף וואַלד-אַרבעט, ווערט מען פונעם צענטער אין ערגעץ נישט געשיקט. איך האָב אויך באַקומען אַ פאָרשטעלונג אין וועלכן לאַגער פון דעם ראַיאָן איז בעסער אָדער ערגער. מען האָט מיר אויך געגעבן צו פאַר־

שטיין אַז פון דאָנען אַנטלויפן איז אוממעגלעך (כאָטש איך האָב זיך נישט געקליבן אַזעלכעס טאָן) צוליב דעם, וואָס די לאַגערן גרענעצן זיך צווישן זיך (פון איינעם אַנטלויפסטו און אין צווייטן פאַלסטו אַריין). אומעטום האָט דאָ געהערשט די „שטאַרקע האַנט" פון יענער שרעקלעכער צייט.

די „תושבים" האָבן מיר אויך אויפגעקלערט אַז בעסער איז אַריינ־צופאַלן אין אַ לאַגער, וועלכער איז געגרינדעט געוואָרן נאָך פאַר דעם יאָר 1937, פאַר דעם „יעזשאָווס־אויפנעם", הייסט עס, ווייל זיי זענען שוין מער אָדער ווייניקער איינגעאָרדנט און דאָרט זענען שוין פאַראַנען גרייטע באַראַקן. זיי האָבן צוגעגעבן אַז אַלע לאַגערן אין דעם ראַיאָן זענען גע־גרינדעט געוואָרן אין די לעצטע 2—3 יאָר אויף „גיך". פריִער האָבן די לאַגערניקעס געוווינט אין פּאַלאַטקעס אויפן אָרט, אין וואַלד. די אַרעס־טאַנטן האָבן אַליין געמוזט בויען פאַר זיך באַראַקן, און נאָר דאַן, ווען די באַראַקן זענען פאַרטיק געוואָרן — האָט מען אין זיי אַריבערגעפירט די אַרעסטאַנטן.

פאַרן אָפּשיקן אויף אַרבעט אין דער אַרומיקער געגנט מוז מען ווידער אַ מאָל דורכגיין אַ מעדיצינישע קאָמיסיע. דער אומגליק באַשטייט אין דעם, וואָס דער אָפּקלייב ווערט געמאַכט ריין פאָרמעל. קיינער ווערט נישט באַפרייט פון וואַלד־אַרבעט, אַ חוץ קראַנקע מיט הויכער טעמפּעראַטור און זקנים אין הויכן עלטער.

אַ חוץ וואַלד־אַרבעט, זענען אין דעם ראַיאָן אויך פאַראַן פּאַפּיר און צעלולאָיד־אונטערנעמונגען (קאָמבינאַטן), אָבער דאָרט זענען די אַרבעטער סטאַבילע (אויך אַרעסטאַנטן, אָבער נישט מיטן אַרטיקל פונעם 58־טן פּאַראַגראַף).

די מאַסע אַרעסטאַנטן מיט וועלכע די באַראַקן זענען געווען אָנגע־שטאָפּט, זענען געקומען פון אַלע טיילן לאַנד, אין פאַרשידענעם עלטער און מיט פאַרשידענע פאַכן. אַ גרעסערע צאָל זענען געווען אינטעלעקטועלע פּראָפעסיאָנאַלן. געווען אויך דאָקטוירים און אינזשעניערן, פּעדאַגאָגן און אויך מיליטערישע אָנפירער פונעם העכערן ראַנג. ס'האָבן זיך דאָרט אויך געפונען נישט ווייניק פּאַרטיי־אָנפירער פון וועלכע אַ טייל האָט, צוליב פאַרשטענדלעכע טעמים, אויסבאַהאַלטן פאַר אונדז זייער פּאַרטיי־אָנגעהער־יקייט. די מערסטע טייל נייע זענען געקומען פון די תפיסות נאָך שווערע פּייניקונגען און יעדער מיט זיין „צענערל". זייער זעלטן ווער מיט ווייניקער.

צווישן די לאַגערניקעס אין „טראַנזיט־פּונקט" האָט מען אויך געקענט טרעפן אַזעלכע, וועלכע זענען שוין געווען אין די אַרומיקע לאַגערן, געוואָרן אָפּגעשוואַכט, אינוואַלידן און איצטער פירט מען זיי אַריבער פון איין לאַגער

אין צווייטן דורכן „טראַנזיט־פּונקט״. אַט די מענטשן האָבן שוין געהאַט וואָס צו דערציילן וועגן די שרעקלעכע באַדינגונגען, אין וועלכע זיי זענען געווען. דער עיקר האָבן זיי דערציילט וועגן דער גרויסער שטערבלעכקייט דאָרטן. מער שוואַכערע האַלטן נישט אויס, באַזונדערס פון די ניי אָנגעקומענע. זיי ווערן גלייך פאַרמאַטערט. די נאָרמעס זענען גרויסע ביי יעדער מין וואַלד־אַרבעט.

אונדזער גרופּע האָט פאַר דער צייט אויף אַזוי פיל זיך דערנענטערט, באַפריינדעט, אַז דאָס צעשיידן אונדז ביים אַפּשיקן אויף אַרבעט וואָלט באמת געווען אַ גרויסע איבערלעבונג, אָבער דאָ קען מען גאָר נישט מאַכן. קיין מיטלייד. קיין מענטשלעכע געפילן. קיין פּראָטעקציע — קיין „בלאַט״.

ביים פאַרבייגיין די זאָנען האָבן זיך געוואָרפן אין די אויגן אַ צאָל „בלאַנדזשנדיקע״, אויסגעמאַטערטע, וואָס האָבן זיך קוים באַוועגט. באַזונדערס האָט מען געזען אַרום דער קיך, ביים ברויט־קאַמערל („כליעבאָרעזקע״) און ביים מעדיצינישן פּונקט, זוכנדיק כלערליי הילף. אייניקע האָבן אויך געבעטלט. בלויז אַ גאַר שטאַרקער הונגער האָט געקענט אַרויסיאָגן אַ טייל פון די אַרעסטאַנטן פון די וואַרעמע באַראַקן אין דרויסן אויפן ברענענדיקן פראָסט.

אין איינעם פון די באַראַקן האָבן מיר זיך אָנגעשטויסן אויף אַ גרויסער צאָל אַרעסטאַנטן פון די מיטלאַזיאַטישע פעלקער, ווי אוזבעקן, קאַזאַכן אין זייערע נאַציאָנאַלע און פיל־פאַרביקע קליידער, קענטיק ערשט נישט לאַנג פאַרשלעפּטע אַהער פון זייערע ווייטע, הייסע מקומות...

מיר זענען דערשטוינט געוואָרן זעענדיק ווי ס׳האָט זיך קוים געשלעפּט, אַ כמעט בלינדער אַלטיטשקער מולאַ (גייסטלעכער פירער פון די טאַטערן). די ערד איז געווען געפרוירן און גליטשיק און ער האָט זיך נישט געקענט האַלטן אויף די פיס. דאָס איז ער געגאַנגען אין קלאָזעט. מיר האָבן אים צוגעפירט, צוגעוואַרט און אים אָפּגעפירט צוריק אין באַראַק פון וואַנען ער איז געקומען. וואָס טוט ער דאָ, דער בלינדער ? נאָך וואָס האָט מען אים געבראַכט ? וואָס פאַר אַ נוצן וועט ער געבן די לייט, וואָס האָבן באַשלאָסן אויך אים פאַרשלעפּן פון זיין ווייטער היים ? אפשר איז ער זיי נייטיק געווען צו דער צאָל, אַ ציפער צום אויספילן דעם פּלאַן ? וואָלט מען אים דען נישט באַדאַרפט לאָזן אין דער היים אין טאַטערלאַנד ? ווי אַזוי האָט מען אים געבראַכט פון אַזאַ ווייטקייט און וואָס האָבן געטראַכט די, וואָס האָבן אים אַרעסטירט ? דער קאָנוואָי האָט דאָך געהאַט רעכט זיך אָפּצוזאָגן צו נעמען אים מיט זיך. ווער וואָלט געקענט ענטפערן אויף אַזעלכע פראַגן ?

אַט דער „שפּאַציר" אין זאַנע פון ניאַנדאַמער „טראַנזיט־פּונקט" האָט אונדז באַרייכערט מיט „וויסן" פון וואָס מיר האָבן קיין אַנונג נישט געהאַט. מיר האָבן געהאַט פון וואָס צו מאַכן גענוגיסע אויספירן, וואָס שייך אונדזער אייגענעם ווייטערדיקן גורל. דאָ האָט מען געקענט זען דאָס גרויסע אומגליק. עס שטייט דאָך אונדז פאַר אָפּצוקומען דאָ גאַנצע צען יאָר (אויב איך האָב אויך 10 יאָר) און דאָ זעען מיר אָפּגעשוואַכטע פון שווערער אַרבעט און אויסגעהונגערטע דיסטראָפיקעס שוין ביים ערשטן און צווייטן יאָר פון זייער טערמין.

גייענדיק צוריק אין אונדזער באַראַק האָב איך דערזען אַן אַלטיטשקן, אַ קליין מענטשעלע, מיט אַ יידישן אויסזען, אָנגעטאָן איז ער געווען אין אַ דעמיסעזאָנעם פּאַלטן מיט אַ שיין און הויך ווינטער־היטל איבער די אויערן און אַרומגעוויקלט דעם האַלדז מיט אַ גרויסן שאַל, אַדער עטלעכע שאַלן. ער איז געשטאַנען ביים באַראַק מיט אַ שטעקעלע אין האַנט. אויך ער האָט פון מיר קיין אויג נישט אַראָפּגעלאָזט. איך בין צו אים צוגעגאַנגען.

— ווער זענט איר ?

— אַן אַרעסטאַנט. דאָ זענען דאָך אַלע אַרעסטאַנטן.

— וואָס טוט איר דאָ ?

— דאָס וואָס אַלע טוען.

— פאַר וואָס שטייט איר אין דרויסן ביי אַזאַ מין פראָסט ?

— איך בין אַרויסגעגאַנגען פון באַראַק כאַפּן אַ ביסל לופט.

איך האָב אים איינגעלאַדן צו זיך אין באַראַק און דאָרט האָבן מיר ממשיך געווען אונדזער שמועס ביז מיטאָג.

דער אַלטיטשקער האָט מיך פאַראינטערעסירט מיט זיין ניכטערקייט און שכל. ער האָט אויך דערציילט וועגן דעם, וואָס אים האָט געבראַכט אַהער.

זיין נאָמען וואָלף יאַקאָוולעוויטש מילנער. אַן אַלטער וויטבעסקער תושב. געוווינט אויף קרילאָוו־גאַס נומער 10. פון פאַך אַ בוכהאַלטער. זיין פרוי איז אַ קינדער־דאָקטערין. מע האָט אים אַרעסטירט און נאָך אַ לענגערער פאַרשונג האָט ער באַקומען 10 יאָר פאַר געהערן אַ מאָל צום „בונד". זיין עיקר־פאַרברעכן איז באַשטאַנען אין דעם, וואָס באַלד נאָך דער רעוואָלוציע האָט ער אויף אַן אַנקעטע, אויף דער פראַגע פון פּאַרטיי־אַנגעהעריקייט, געענטפערט אַז ער איז אַן אומפּאַרטייער, אָבער אַ מיט־פילנדיקער דעם „בונד". פון דעמאָלט אָן — זאָגט ער — איז שוין פאַרביי 20 יאָר. ער איז די גאַנצע צייט געווען אַן אומפּאַרטייער און געאַרבעט אַלס בוכהאַלטער. איצטער איז ער באַשולדיקט געוואָרן אין געהערן צו

אַן אומלעגאַלער אָרגאַניזאַציע „בונד" און ער האָט באַקומען אַ „צענערל".

פון וויטעבסקער תפיסה איז ער געבראַכט געוואָרן אין „ניאַנדאַם" מיטן עטאַפּ. דאָ האָבן אים די דאָקטוירים „פאַרבראַקירט" און אויסגעפונען אַז ער איז נישט פעיִק צו קיין וואַלד־אַרבעט.

נעמענדיק אין אַכט אַז „ווער עס אַרבעט נישט — האָט נישט קיין רעכט אויף עסן" און בפרט אַן אַרעסטאַנט — האָט די לאַגער אַדמיניס־טראַציע, דאָ טאַקע אין ניאַנדאָמער „טראַנזיט־פּונקט" באַשלאָסן אים אויס־נוצן אַלס בוכהאַלטער אין דער באַזע ביי דער באַן־סטאַציע. (אויסער דער פאַרמאַכטער זאָנע) יעדן טאָג האָט מען זייער גרופּע, אונטער אַ וואַך, אָפּגעפירט אין ביוראָ פון דער באַזע, ווו זיי האָבן געאַרבעט. דאָס איז זיכער געווען פאַר אים אַ באַזונדער גליק. אַ גרינגע אַרבעט. נישט יעדער איז זוכה.

צום סוף יאָר, ווען מען האָט באַדאַרפט מאַכן דעם בוכהאַלטערישן באַלאַנס — האָט דערציילט וויטער מילנער מיט פאַרביטערונג — האָט זיך געפאָדערט אַרבעטן אויך אין די נעכט, האָט דאַן די לאַגער־אַדמיניסטראַציע גנעדיק דערלויבט צו בלייבן אויפן אַרבעטס־פּלאַץ. מען האָט זייער גרופּע צוגעטיילט אַ באַזונדער צימער אויף עסן און שלאָפן. איז דאָס נישט געווען אַ גליק?

צו יענער צייט האָבן די אַרעסטאַנטן מיט אונדזער 58־טן פּאַראַגראַף נישט געהאַט קיין רעכט אויף זעעניש מיט קרובים. יעדע ביטע אויף אַזעלכע דערלויבענישן איז קאַטעגאָריש אָפּגעוואָרפן געוואָרן. אין די אומ־שטענדן, ביי וועלכע דער אַלטיטשקער וואָלף יאַקאָוולעוויטש האָט זיך איצטער געפונען אַ שטיקל צייט אין דער בוכהאַלטעריע, אויסער די גרע־נעצן פון דער פאַרמאַכטער זאָנע פונעם „טראַנזיט־פּונקט", האָט ער געהאַט אַ געלעגנהייט צו זעען זיך „אומלעגאַל" מיט זיין פרוי, די קינדער־דאָקטערין פון וויטעבסק. זי איז געקומען, נישט בעטנדיק קיין דערלויבעניש ביי דער נ.ק.וו.ד.־אַדמיניסטראַציע. עמעצער האָט אים געמסרט, מ'האָט אים פאַרבאָטן צו אַרבעטן אַלס בוכהאַלטער, איבערגעפירט צוריק אין דער פאַרמאַכטער זאָנע און שפּעטער, מיטן ערשטן עטאַפּ, אָפּ־געפירט אין וואַלד אויף אַרבעט ביי די האָלץ־פאַרגרייטונגען. דעמאָלט טאַקע, האָבן מיר זיך באַגעגנט. ער האָט דאָס דערציילט מיט אַ צעבראָכן האַרץ. ער האָט גוט פאַרשטאַנען אַז דאָס איז פאַקטיש אַ טויט־שטראָף פאַר אים. ער האָט כסדר געקרעכצט. איך האָב אים באַקענט מיט מיינע אַחים לצרה און זיי האָבן אים אויך אַרויסגעוויזן מיטליד. דער אַלטיטש־קער מילנער איז געווען גערירט וואָס ער האָט געפונען ביי אונדז אַ שטיקעלע טרייסט.

דער גורל האָט געוואָלט אַז איך זאָל דאָרט מיך טרעפן מיטן פריינד פּעטרושקאַ — אַ געוועזענעם מיטאַרבעטער פון דער יידישער צייטונג „שטערן״ אין כאַרקאָוו. ער איז שוין געווען אויסגעשעפּט און אַפּאַטיש צו אַלץ. ער איז פריִער פון מיר אַרעסטירט געוואָרן און שוין געהאַט אַ שטיקל „סטאַזש״. ער איז געווען אָפּגעלאָזט, שטאַרק אויסגעהונגערט און שטענדיק געזוכט ווו עפּעס צו עסן. דאָס איז די ערשטע סטאַדיע פון אַ שפּעטערדיקער ירידה און אומקום. ער איז אויך צוגעשטאַנען צו אונדזער גרופּע.

לאַנג איז אונדז נישט אויסגעקומען צו זיין אין ניאַנדאָמער „טראַנזיט־פּונקט״. די „יעזשאָוו־מאַשין האָט געאַרבעט ווי אַ קאָנווייער. לאַנג פאַרזיצט מען זיך נישט. אַרבעט פאַר יעדן אַרעסטירטן איז שוין לאַנג פאַרפּלאַנירט געוואָרן (גאַנץ מעגלעך אַז נאָך ביזן אַרעסט) נעמענדיק אין אַכט אַז ער, דער אַרעסטאַנט, קען אַ פולן יאָר אַרבעטן מיטן כלל אַז „אומזיסט עסט מען נישט״.

אין אַ וואָך אַרום נאָך אונדזער אָנקומען האָט מען שוין אָנגעהויבן גרייטן זיך צו אַן עטאַפּ. וווּהין מע וועט אונדז שיקן און ווו וועלן מיר אַרבעטן ? — דאָס פאַרבלייבט אַ סוד ביז מיר וועלן קומען אויפן געהעריקן אָרט. אַלץ איז פאַרנעפּלט. קיינער וועט אויף קיין קשיות קיין ענטפער נישט געבן.

# דער צווייטער עטאַפּ

בעת דער מעדיציניִשער קאָמיסיע האָבן מיר זיך שוין אָנגעשטויסן אַז אונדז שטייט פאָר אַן עטאַפּ. אַרעסטאַנטן זענען תמיד גרייט צו דעם. אין צוויי טעג אַרום, אין אָוונט, בשעת דעם „אַפּעל" האָט מען אונדז פאָרגעלייענט אַ רשימה מיט די באַשטימטע צום עטאַפּ און געמאָלדן, אַז מאָרגן אין דער פרי וועט יעדער פון זיי באַקומען זיין „צידה לדרך" אין דער „קאַפּטיאָרקע".

וווּהין וועט מען אונדז פירן? אַרעסטאַנטן מיט אַ „סטאַזש" וואָס האָבן שוין באַוויזן צו זיין אין אייניקע לאַגערן פון דער געגנט, האָבן באַשטעטיקט, אַז די אײנציקע באַשעפטיקונג אין אַלע לאַגערן פון דעם ראַיאָן, וואָס ציט זיך אויף שטחים פון פיל הונדערטער קוואַדראַט־קילאָמעטער — איז וואַלד־אַרבעט. און נאָר דאָס. אויף קיין שום אַנדערע אַרבעטן איז נישטאָ זיך וואָס צו ריכטן. די נאַכט איז געווען אַ טומלדיקע אין באַראַק. עס האָט געהודיעט ווי אין אַ בינשטאָק. מיר האָבן נאָך נישט געוווּסט צי וועלן מיר פאָרן מיט דער באַן אָדער גיין צו פוס.

דאָס רוב פונעם עטאַפּ זענען געווען „נייינקע" — נישט לאַנג צוריק אַרויסגעכאַפּטע פון זייערע היימען. זיי האָבן געהאַט מיט זיך שווערע קלומיקעס, קעסטלעך, פּעקלעך, וואַליזקעס אָנגעפּאַקטע מיט בגדים, און דאָס טאַקע וואָלט אונדז זייער פאַרשווערט, ווען ס'וואָלט אויסגעקומען גיין צופוס. מיר האָבן אַ טייל זאַכן אָנגעפּרענדיעט אויף זיך. אַ טייל צעגעבן צווישן די, וואָס האָבן קיין „באַגאַזש" נישט געהאַט און אַ ביסל גענומען מיט זיך.

אויף דער אַלטיטשקער וואָלף יאַקאָוולעוויטש איז אַריין אין דער רשימה פון די עטאַפּניקעס. ער האָט זיך דערשראָקן און קיין אָרט זיך נישט געקענט געפונען. ער האָט ממש געפילט אַז דאָס איז זיין סוף. אָך האָב אים גענומען אונטער מיין השגחה און צוגעזאָגט ווי ווייט מעגלעך, פאַרגרינגערן, אַרוסהעלפן אים.

גלייך אין דער פרי נאָכן אָפּעסן די „באַלאַנדע" און נאָכן באַקומען ברויט, געזאַלצענע פיש און צו עטלעכע קלעצעלעך צוקער (לויט דער

נאָרמע — אויף 3 טעג) האָט מען אונדז צונויפגעזאַמלט ביי אַ 400 מענטשן, צווישן וועלכע ס'האָבן זיך געפונען „פאַרשטייער" כמעט פון אַלע סאָוועטישע רעפובלקן און מענטשן פון פאַרשידענע פאַכן. באַזונדערס האָבן זיך געוואָרפן אין די אויגן יענע פון די מיטל־מיזרחדיקע רעפובליקן — אוזבעקן, טאַדזשיקן, קאַזאַכן מיט זייערע פילפאַרביקע בגדים. אין אונדזער עטאַפּ האָבן זיך געפונען אויך איבער 20 פרויען, און צווישן זיי אויך יונגע סטודענטקעס. ווי מיר האָבן זיך שפּעטער דערוווּסט — זענען דאָס געווען משפחה־מיטגלידער פון אַרעסטירטע קרבנות.

מ'האָט אונדז איבערגעציילט און אַרויסגעלאָזט דורכן וואַך־טירל ביים טויער אויפן פּלאַץ, ווו ס'האָט שוין געוואַרט אַ שטאַרקע שמירה מיט הינט און עטלעכע, מיט פערד געשפּאַנטע פורלעך, כדי אויפצולאָדן די שווערע זאַכן. מע האָט אונדז ווידער איבערגעלייענט די שוין צוגעגעסענע „תפילה", ווי אַזוי מיר דאַרפן זיך פירן אין וועג, און אין וועלכע פאַלן דער קאָנוואָי האָט רעכט צו שיסן אָן אַ וואָרענונג. דער נאַטשאַלניק פון קאָנוואָי האָט אונדז געמאָלדן, אַז די עטלעכע פורלעך זענען פאַר אונדזערע שווערע זאַכן, וואָס מיר האָבן תיכף אָנגעלאָדן. ער האָט אונדז אויך געמאָלדן אַז יעדע 5 קילאָמעטער וועט מען מאַכן אַ „פּריוואַל", זיך פאַר־האַלטן אויף אָפּרוען זיך. דאָס געבן אונדז די פורלעך איז טאַקע באמת געווען אַ גרויסע פאַרגרינגערונג פאַר אַ סך פון אונדז. אָבער ווי דער־שטויגט זענען מיר געוואָרן, ווען מיר האָבן דערזען צווישן די עטאַפּניקעס דעם אַלטן כמעט אין גאַנצן בלינדן מולא. פאַר וואָס האָט אים גענומען דער קאָנוואָי? ווי אַזוי וועט ער דערגיין? (אפשר איז דאָס פאַרויסגעזען צוליב אומברענגען אים?) צווישן די עטאַפּירטע זענען געווען עטלעכע צענדליק אַלטע און אָפּגעשוואַכטע מענטשן, וועלכע האָבן געוויס פאַר־שטאַנען און געפילט, מיט וואָס דער עטאַפּ קען זיך ענדיקן פאַר זיי. גיי זוך יושר! פאַר וועמען באַקלאָגן זיך?

איינער פון די קאָנוואָירן האָט צוגעפירט דעם בלינדן מולאַ צו צוויי פון די יינגערע עטאַפּניקעס און באַפוילן, אַז זיי זאָלן אים פירן. זיי האָבן געפּרוּווט זיך קעגנשטעלן, אָבער אַ באַפעל בלייבט אַ באַפעל. מיט „זיי" טאָר מען זיך נישט שפּאַרן און בפרט נאָך אין וועג ווען זיי האַלטן ביקסן אין די הענט.

איבערחזרנדיק נאָך אַ מאָל די „תפילה" האָבן זיי אונדז אָנגעהויבן צו טרייבן. אין אָנהויב איז אַלץ צוגעגאַנגען בסדר און קיין איבעריקע פאַראָרדענונגען זענען מער נישט געקומען. שטיל. אַלץ ווי אויף אַ לוויה. מיר, די באַקאַנטע נאָך פון כאַרקאָווער תפיסה, האָבן זיך געהאַלטן צוזאַמען, דעם אַלטיטשקן מילנער האָב איך שוין פון זיך נישט אָפּגעלאָזט.

איך האָב אַלץ ביי אים איבערגענומען, כדי אים באַפרייען פון וועלכער ס׳איז משא. מיר האָבן אין וועג די גאַנצע צייט געשמועסט צווישן זיך. אונדז האָט כסדר געמאַטערט די פראַגע וווהין מיר גייען ? די ריכטונג פון ניאַנדאָם איז געווען אויף מערב. די, וועלכע זענען שוין אויף דעם וועג געגאַנגען, האָבן באַשטעטיקט אַז דאָס איז די ריכטונג צו קאַרגאָפּאָל. די פורלעך מיטן באַגאַזש זענען נאָכגעפאָרן פון הינטן. ס׳האָבן זיך אָנ־געהויבן הערן פאַראַרדענונגען פון די קאָנוואָיִרן — „פּאַדטיאַנוט״ (אונ־טערציִען זיך), „ניע אָטסטאַוואַט״ (נישט אָפּשטיין). אָפּשטיין האָבן אָנ־געהויבן די מער עלטערע מענטשן און די שוואַכערע. די רייען האָבן זיך שוין צונויפגעמישט און ס׳איז געוואָרן אַ שטיקל כאַאָס. אַ טייל פון די פאַרויסגייענדיקע האָבן שוין אויך אָנגעהויבן אָפּשטיין אָדער פאַרלאַנג־זאַמערן זייער גאַנג. מיר הערן הינטער זיך געשרייען. דאָס האָבן די יינגע חברה אָוועקגעוואָרפן דעם בלינדן מולאַ, זיך אָפּגעזאָגט אים פירן און דער קאָנוואָי פאָדערט אַז אַנדערע זאָלן אים פירן.

מיר הערן שוין אַ קאָמאַנדע „אָסטאַנאָוויס״ (אָפּשטעלן זיך). וואָס איז דאָס ? מיר זענען דאָך נאָך קיין 5 קיליאָמעטער נישט דורכגעגאַנגען. מיר האָבן זיך אָפּגעשטעלט. ווי ס׳האָט זיך אַרויסגעוויזן, איז איינער פון די עלטערע מענטשן געפאַלן אָן כוחות און האָט ווייטער נישט געקענט גיין. האָט מען אַראָפּגעוואָרפן פון אַ פורל אַ טייל זאַכן און געמאַכט פּלאַץ פאַר אים. די זידלערייען פון די קאָנוואָיִרן זענען געוואָרן וואָס אַ מאָל העכער און אָפטער און אַלץ בייזער האָבן געבילן די גרויסע צעפּאַטלטע הינט.

— פּריוואַל — האָט זיך דערהערט אַ קאָמאַנדע. מיר האָבן זיך אָפּ־געשטעלט איבעצוכאַפּן דעם אָטעם, אָבער די הינטערשטעליקע האָבן אַזאַ מעגלעכקייט נישט געהאַט. דער קאָנוואָי האָט זיי אונטערגעיאָגט און גע־זידלט. וואָס וועט זיין ווייטער ? ווען די שוואַכע וועלן זיך דערנענטערן ביזן „קאָפּ״, וועט מען ווייטער דאַרפן גיין אָן אָפּרו פאַר זיי. דער רעכטער וועג הויבט זיך ערשט אָן. לויט די פּראָדוקטן — דאַרף מען זיין אין וועג 3 טעג. איך שטעל זיך נישט פאָר ווי אַזוי וועלן די עלטערע און אָפּגע־שוואַכטע פאַרזעצן גיין ביזן סוף !...

דער עטאַפּ האָט ווייטער געריירט. דער בלינדער מולאַ גייט שוין נאָך אַ פורל צוהאַלטנדיק זיך מיט די הענט. פאַר וואָס האָבן זיי אים בעסער נישט אַרויפגעזעצט אויף אַ פורל, ווי מען האָט אויפגעזעצט דעם פריִערדיקן פאַרמאַטערטן אַלטיטשקן ? אָבער ווער האָט רעכט אונ־טערצוזאָגן ?

מיין אַלטיטשקער מילנער שטייט נישט אָפּ. ער האַלט זיך פעסט.

מיר זעען אַז אים איז שווער, אָבער ער האָט זיך נישט געקלאָגט, ווייל ער האָט אונדז נישט געוואָלט מצער זיין. אונדזער גרופּע פילט זיך גוט — מיר גייען פאַרויס און שטייען נישט אָפּ. צוליבן אַלטיטשקן וואָלטן מיר געוואָלט פאַרלאַנגזאַמערן דעם גאַנג, אָבער ס׳איז נישט אין אונדז גע־ווענדט, כאָטש מיר גייען צווישן די פאָדערשטע פון „קאָפּ״.

מ׳האָט ווידער געמוזט פאַרהאַלטן דעם מאַרש צוליב דעם, וואָס נאָך עטלעכע פון די אָפּגעשוואַכטע זענען שוין געפאַלן פון די פיס. ס׳האָבן שוין נישט געהאָלפן די געשרייען און זידלערייען פון די קאַנוואָירן. פּלוצעם האָבן מיר געהערט אַ שאָס. שוין. ווייזט אויס, אַז איינער פון אונדז איז שוין נישטאָ. ס׳איז קיין טעות נישט געווען. דער בלינדער מולאָ איז שוין טויט. ס׳ליגן אויפן וועג נאָך אייניקע וואָס קענען זיך נישט אויפהייבן.

דער נאַטשאַלניק פון דער באַגלייטנדיקער וואָך, מלא רציחה האָט באַפוילן אַראָפּצוואַרפן אַלע זאַכן פון די פורלעך, אויף איין פורל אַרויפ־לייגן דעם טויטן מולאָ און אויף די איבעריקע פורלעך אַרויפזעצן די אָפּ־געשוואַכטע, וואָס קענען ווייטער נישט גיין. ס׳איז געוואָרן אַ טומל. איטלעכער האָט געכאַפּט זיינע זאַכן, וויפל ער איז בכוח צו דערטראָגן. די איבעריקע זאַכן זענען פאַרבליבן אויפן וועג. דער נאַטשאַלניק האָט געוואָרנט, אַז מ׳זאָל קיין זאַכן נישט נעמען מיט זיך, ווייל אַלץ איינס, וועט מען, פריִער אָדער שפּעטער, זיי מוזן אַוועקוואַרפן. ס׳איז נאָך געווען ווייט און מיט די פּעק וועט מען צום אָרט זיך נישט דערשלעפּן.

צווישן די קולות פון אומצופרידענע, וועלכע דאַרפן זיך שיידן מיט זייער פאַרמעגן, האָט זיך בולטער געהערט דאָס קרייענדיקע קול פון אונ־דזער, שוין באַקאַנטן פּטיוך. ער האָט פאַרמאָגט אַ קוואַדראַט און גאַנץ גרויס קעסטל, וואָס איז פריִער געווען אַרומגעבינדן מיט אַ שטריק און ס׳איז געווען באַקוועמער צו טראָגן עס אויף די פּלייצעס, אָבער ערב דעם עטאַפּ בעת דער רעוויזיע, זענען ביי אים אַלע שטריק צוגענומען געוואָרן. ער האָט זיין קעסטל נישט געלאָזט און מיטגענומען עס מיט זיך. ער האָט זיך שטאַרק געמאַטערט מיט זיין קעסטל, באַגיסנדיק זיך מיט שווייס. פון צייט צו צייט, ביי אַ „פּריוואַל״ האָט ער דאָס קעסטל געעפנט און עפּעס אַרויסגעוואָרפן מיט אַן עכט רוסישער „ברכה״ אויפן קאָפּ פון די „שולדיקע״ אין זיין גורל, ביז ס׳איז דערגאַנגען דערצו, אַז ווען דער קאַנוואָי האָט פאַר נאַכט אָנגעהויבן שנעלער צו יאָגן — האָט ער דאָס קעסטל אויך אַוועקגעוואָרפן, און דערביי אויפן קול ביטער זיך צעוויינט. דער אַרעס־טאַנטן־עולם, וואָס האָט זיך צוגעקוקט — האָט זיך, נישט ווילנדיק צעלאַכט, כאָטש קיינעם איז נישט גרינג געווען אויפן האַרצן.

ביים צווייטן און דריטן „פּריוואַל״ האָט די צאָל אָפּגעשוואַכטע אַלץ

מער און מער געשטיגן. זיי האָבן געשטערט אין גאַנג. די צייט איז דאָך ביי „זיי" אויסגערעכנט, וויפל קילאָמעטער מען דאַרף דורכגיין אין טאָג, כּדי באַוויין צו דערגיין צום „נאַכטלעגער", משטיינס געזאָגט.

נאָכן דריטן „פּריוואַל" ווערט אונדז געמאָלדן אַז מער וועט שוין היינט קיין „פּריוואַלן" נישט זיין, ווייל מע מוז באַווייזן אָנצוקומען צו דער צייט אויפן פּלאַץ. מע פאַרגיכערט דעם מאַרש. די, וואָס האָבן נישט געפאָלגט דעם קאָנוואָי־נאַטשאַלניק, האָבן שוין איצטער מיט ווייטיק אַליין אַוועקגע־וואָרפן זייערע זאַכן. מיר האָבן שוין 3 טויטע אויפן פורל (נאָך 2 זענען פּשוט געפאַלן). די איבעריקע שוואַכע זענען אָנגעפּאַקט אויף די פורלעך. מע איילט זיך און מע יאָגט אונטער. מע לאָזט נישט אָפּשטעלן זיך אַפילו פאַר נאַטירלעכע באַדערפעניִשן. פון די פערדלעך שלאָגט אַ פּאַרע. דער אָוונט דערנענטערט זיך מיט גרויס שנעלקייט. סע דאַכט זיך אַז אויך די הינט אויף די צוימלעך פון די קאָנוואָיִרן „ערגערן" זיך. זיי בילן אַלץ בייזער און ווילדער. ווו וועלן מיר נעכטיקן און ווו וועלן מיר זיך אָפּ־רוען? דאָס איז נאָך דערווייל אַ סוד. ס'קען דאָך נישט זיין אַז מיר זאָלן נאָך היינט אָנקומען אין לאַגער, ווייל אַנדערש וואָלט מען דאָך אונדז גע־געבן שפּייז נאָר אויף איין טאָג.

מיין אַלטיטשקער וואָלף יאַקאָוולעוויטש פילט זיך „אויסגעצייכנט" (אַזוי זאָגט ער). ער וויל נישט און ער האָט מורא אָפּשטיין פון אונדז. איך לאָז אים טאַקע נישט אָפּ פון זיך. צוליב דער יאָגעניש און צוליב דעם, וואָס די נאַכט פאַלט צו, וואַקסט די געפאַר סע זאָלן פאַלן נייע קרבנות מצד דעם קאָנוואָי: דאָס קען געשען יעדע מינוט, ווייל זיי האָבן רעכט ביי יעדן אָפּנויג חושד צו זיין אין וועלן אַנטלויפן און צוליב דעם, טאַקע אויך שיסן.

איך וויל צוגעבן, אַז אין אונדזער עטאַפּ פון ניאַנדאָם אין אַרבעטס־לאַגער האָט מען „אַריינגעמישט" אַ טייל אַרעסטאַנטן פון דער אונטער־וועלט, רעצידיוויסטן, וועלכע האָבן כּסדר אַרויסגערופן סקאַנדאַלן, און אפשר האָט מען זיי חושד געווען נישט אומזיסט אין וועלן מאַכן אַ ויברח ביי יעדער געלעגנהייט (בשעת מ'איז דורכגעגאַנגען אַ וואַלד־שטח האָט זיך באַזונדערס געשטאַרקט דער אומרו פון אונדזערע באַוואַכער, וועלכע האָבן געהאַלטן זייערע הינט אין פולער גרייטקייט). די זעלבע גרופּע איז אפשר געווען די סיבה דערפון, וואָס די וואַך האָט אַזוי מורא געהאַט פאַר דער צופאַלנדיקער נאַכט, אויב מיר וועלן צום ציל נישט דערגיין.

מיר האָבן זיך געסטאַרעט גיין מער קאָמפּאַקטער און אַפילו האַלטן זיך ביי די הענט. פּלוצעם — אַ שאָס. אַ וואָרענונגס־שאָס אָדער נאָך אַ טויטער איז געפאַלן? ערגעץ גאָר ווייט, אין הינטערשטן טייל פונעם

צעצויגענעם עטאָפּ, טומלט מען און מען פּאַרהאַלט זיך. באַלד זענען מיר ממשיך דעם וועג און — נאָך אַ שאָס... וואָס איז דאָס? שוין וויפל טויטע? מיר זענען שפּעטער געוווּיר געוואָרן אַז דער צווייטער שאָס איז געווען אין זעלבן קרבן, ווייל נאָכן ערשטן שאָס האָט ער נאָך עטוואָס געזיפּעט... (ווען מען האָט דעם געשאָסענעם אַרויפגעלייגט אויפן פורל איז ער נאָך אָפּגעגאַנגען מיט בלוט, אָנגעהויבן שרייען און קרעכצן און דאַן טאַקע האָט אים דער צווייטער שאָס איינגעשטילט).

דאָס בילן פון די הינט ווערט נאָך שטאַרקער. פון ערגעץ האָוקען זיך אָפּ אַנדערע כלבים — אַ סימן אַז מיר זענען נישט ווייט איז אַ ישוב. עמעצער האָט שוין דערזען פייערלעך. געוויס איז עס דאָס אָרט, ווו מיר וועלן זיך פאַרהאַלטן. דאָס איבערהאַוקען זיך פון אונדזערע הינט מיט די הינט פונעם ישוב דויערט. פינצטער. מע זעט שוין נישט ווו צו גיין. מ׳האַלט זיך פעסט איינער ביים צווייטן. די פייערלעך פינקלען שוין בולט, אָט אָט דערנעענטערן מיר זיך צום ציל.

ס׳הערן זיך באַפעלן פון די קאָנוואָיִרן: „נישט אַרויס פון די רייען״, „מיר וועלן שיסן אָן וואָרענונג״. ערגעץ הינטן פילט זיך אַ צערודערונג. די אָפּגעשטאַנענע קענען שוין נישט דערציִען. אויף די פורלעך איז מער פאַר זיי קיין אָרט נישטאָ. אפשר נאָך אין פורל פאַר די טויטע? כמעט קיינער פון די שוואַכע טראָגן שוין מער נישט קיין פּעקלעך. מען פילט נישט דעם פראָסט. ביי אַ טייל פון די אָפּגעשוואַכטע, וואָס טראָגן נאָך עפּעס אין די הענט — האָבן שוין די וועכטער אַליין אָנגעהויבן ביי זיי אַרויסרייסן פון די הענט און אַוועקוואַרפן די קלימעקלעך, כדי פאַר־גרינגערן זיי.

ס׳איז אויסגעוואַקסן פאַר אונדז אַ געביידע און גלייך טאַקע האָבן מיר דערהערט אַ פאַראָרדענונג: „אָסטאַנאַווים״ (אָפּשטעלן זיך). מיר שטייען און וואַרטן ביז די אָפּגעשטאַנענע וועלן זיך דערנענטערן. אַ טייל פון די קאָנוואָיִרן רינגלען אונדז אַרום. אין די פענצטערלעך פון דער געביידע האָט זיך אָנגעצונדן שיין.

מע האָט אונדז אָנגעהויבן אַריינלאָזן ווי דורך אַ בראַנד־טויער פון קאָנוואָיִרן. יעדער קאָנוואָיִר באַזונדער ציילט אונדז. איך האַלט פעסט ביי דער האַנט מיין אַלטיטשקן מילנער. די געביידע האָט זיך אַרויסגעוויזן אַ גרויסע פי־שטאַל מיט פאַרקראַטעוועטע פענצטערלעך. זי איז, ווייזט אויס, געווען צוגעגרייט ספּעציעל פאַר די אַרעסטאַנטן־עטאַפּן צום נעכ־טיקן, אויסגערייניקט און אויסגעשפּרייט מיט זעגעכץ און אָן נאַרעס (פּריטשעס) צום לייגן זיך. דאָ איז נישט נייטיק געווען צו יאָגן זיך כדי פאַרכאַפּן ערטער. ווי איינער האָט זיך געשטעלט אָדער געזעצט — איז

דאָ געווען זיין פּלאַץ. מיר האָבן זיך אַלע געהאַלטן צוזאַמען מיט דער גרופּע פון כאַרקאָווער תפיסה און נאָך עטלעכע מיט וועלכע מיר האָבן זיך באַקענט און דערנענטערט אין וועג.

מיר זענען שוין אינעווייניק. אין דרויסן הערן זיך נאָך געשרייען. מען יאָגט אונטער. אייניקע פּירט מען שוין אַריין ביי די הענט. מען זעצט זיך. מען לייגט זיך אויף דער ערד. מען פּרוווט דערמאָנען זיך וועגן ס׳זענען די דערשאָסענע און געפאַלענע אויפן וועג (אויסער דעם בלינדן מולאַ, וועלכן מיר אַלע האָבן געקענט). די שטאַל ווערט וואָס אַ מאָל אַלץ מער אָנגעפּילט. די עלטערע און אָפּגעשוואַכטע פאַרנעמען ערטער האַרט ביי דער טיר און דאַנקען גאָט, אַז זיי קענען שוין אַוועק־פאַלן און זיך אָפּרוען. אַ טייל זיצן און זענען שוין „מעלה גרה״. עמעצער לאָזט אַ קלאַנג וועגן אַ צאָל טויטע. וויפל — ווייסט קיינער נישט גענוי (אָדער מ׳האָט מורא צו באַשטעטיקן?). דאָס ענגשאַפט אין שטאַל הייבט מען שוין אָן פילן. נישט אַלע קענען שוין ליגן אָדער אַפילו זיצן. וואָס וועט זיין ווייטער? מיר זענען דאָך נאָך אין מיטן וועג. די פרויען האָט מען אַריינגעטריבן אין אַן אַנדער געביידע. עס מאַטערט די פראַגע צי וועט זיך נישט פאַרגליסטן אונדזער קאָנוואָי נאָך אַ מאָל אונדז איבער־ציילן? כאָטש זיי האָבן אונדז געציילטביים אַריינגאַנג. ווי נאָר די צאָל „קעפּ״ אָדער דער „באַלאַנס״ וועט ביי זיי נישט שטימען — איז ביי זיי קיין נייעס נישט נאָך אַ מאָל אַרויסטרייבן און נאָך אַ מאָל איבערציילן, ביז עס וועט נישט שטימען דער חשבון. די אמתע חשבון־פירער. וואָס אונדז האָט אַ ביסל באַרויִקט איז דאָס, וואָס ביינאַכט וועלן זיי נישט ריזיקירן אונדז אַרויסטרייבן פונעם שטאַל, ווו אַרום איז נאָך וואַלד און וואַלד. ווי שטאַרק מען זאָל נישט היטן קען זיך עמעצן פון די אונטער־וועלטניקעס פאַרגלוסטן צו מאַכן אַ ויברח, און דערנאָך גיי זוך אים אין די טיפענישן פון געדיכטן וואַלד, כאָטש מיט די הינט.

מ׳האָט פאַר אונדז געבראַכט הייס וואַסער און אָנגעגאָסן אין פּוסטן פאַס (טשאַן), וואָס איז געשטאַנען אין אַ ווינקל. ס׳האָט זיך אָנגעהויבן אַ גייעניש צום פאַס נאָך וואַסער. אויך אַ שטיקל מאַטערניש פאַר די, וואָס האָבן קוים באַוויזן צומאַכן אַן אויג (אַ ביסל זיך דערמאָנט די 63־טע קאַמער אין דער „היימישער״ תפיסה, אָבער דאָך — להבדיל). מ׳האָט אונדז געמאָלדן אַז פאַר די לייכטע באַדערפעניש איז אַוועק־געשטעלט געוואָרן אַ „טשאַן״ (אַ גרויסער מעטאַלענער קעסל), וועלכן מ׳האָט פריִער באַנוצט אויף וואַסער פאַר בהמות, און פאַר די איבעריקע באַדערפעניש — ווענדן זיך צום קאָנוואָיִרער, וועלכער שטייט ביי דער טיר פון דער צווייטער זייט (ער האָט אין זיין רשות עטלעכע זעלנער).

זיי פירן אַפּ אַ ביסל ווייטער, באַוואַכנדיק מיט געווער און מיט הינט.

שפּעטער איז די זשומעריי און דאָס געטומל אין דער אַנגעשטאָפּטער שטאַל מיט מענטשנוואַרג פול געוואָרן מיט כראָפּעניש, קרעכצעניש און אַנדערע נישט אַנשטענדיקע קלאַנגען. ס'איז געוואָרן שווער צו אָטעמען. אין שטאַל האָבן געברענט דריי, פיר קעראָסינקעס (נאַפּט־לעמפּלעך). ווען בהמות, חזרים צי אַנדערע בעלי חיים וואָלטן זיך געפונען אין אַזעלכע באַדינגונגען, וואָלטן נישט איינער פון די אַנפירערס באַשולדיקט געוואָרן ווי פאָלקס־פיינד אין שעדיקער וואָס האָבן ספּעציעל געשאַפן די באַדינגונגען, כדי צו דערפירן צו דער פגירה פון די בעלי חיים...

מיר, לאַנדווירטשאַפטלעכע אַרבעטער — אַגראָנאָמען, זאָאָטעכניקער, אַ מעדיצין־פעלדשער פון לעניגראַד, אַ וועטערינאַר פון וואָלאָגאָדער מילך־אינסטיטוט — האָבן טאַקע געמאַכט אַזאַ פאַרגלייך, וויסנדיק דאָס פון דער אייגענער דערפאַרונג, כאָטש אין דער מגיפה אויף בהמות איז מען גאָט שולדיק געווען די נשמה. ווען זיך אַ מאָל געפינען קינסטלער, וועלכע וועלן קענען שילדערן יענץ בילד אין שטאַל, ווו יעדער מענטש, צעוואַלגערטער אויף דער ערד ווי אַ פּגר — איז אַ טראַגעדיע פון אַ גאַנצער משפחה, פאַראומגליקלעכט און פאַריתומט פון אַ מאַן, אַ טאַטן, אַ ברויט־געבער פאַר דער משפחה, און פאַר וואָס? נאָך אַ מאָל פאַר וואָס? ווער וועט איבערגעבן דעם צושטאַנד פון די פרויען און קינדער, וועלכע זענען אין דער היים, וועמעס לעבן איז פאַרסמט געוואָרן און פאַרהעצט ווי משפחות פון „פאַררעטער"?

צווישן אונדז זענען געווען באַוווּסטע פּערזענלעכקייטן, הויך געבילדעטע מענטשן, וויסנשאַפטלער, וועלכע האָבן פאַרנומען גרויסע און פאַראַנטוואָרטלעכע פאַרטיי־ און ווירטשאַפטלעכע פאָסטנס אין די נאַרקאָמאַטן (איצטער מיניסטעריומס) און אין וויסנשאַפטלעכע אַנשטאַלטן, דאָקטוירים און מיליטער־לייט. צי האָבן זיי זיך אַזעלכעס געקענט פאַרשטעלן? האָט מען דעמאָלט געקענט פאַרשטיין, אַז דער טערמין פון צען יאָר תפיסה, וואָס איז אַרויסגעטראָגן געוואָרן דורך פאַרשידענע נישט געזעצלעכע אָרגאַנען, ספּעציאַליזירטע קינסטלעכע געריכטס־אינסצעניזירונגען, וועט באַדייטן פאַר דער גרויסער מערהייט אַן אומפאַרמידלעכן טויט? צי וועט די טראַגישע תקופה ריכטיק אָפּגעשאַצט ווערן דורך היסטאָריקער, ווען זיי וועלן אפשר אַ מאָל פאַרשן די תקופה? דער אמת טאָר בשום אופן נישט אַראָפּגיין אין די קברים אין איינעם מיט די אומגליקלעכע.

אויב דאָס דורכגיין (ביי אַ צוואַנציק קילאָמעטער אָדער אפשר אַ ביסל מער) אין יענעם טאָג איז פאַר אַ טייל אַרעסטאַנטן נישט געווען

אַזוי שווער, איז עס פּאָר אַ סך עלטערע און שוואַכע, געווען אַ שרעק־לעך אַפּקומעניש. זיי ליגן איצטער ווי טויטע ביי דער טיר, און שפּירן אַפילו נישט ווען די, וואָס איילן זיך צום פּאַראַשע־קעסל, טרעטן אויף זיי. ווי אַזוי וועלן זיי מאָרגן ממשיך זיין זייער וועג ? דער מאָרגנדיקער טאָג וועט זיכער נישט זיין „קורצער" פון דעם הייַנטיקן. וויפל וועלן מאָרגן זיין טויטע און פּאַרמאַטערטע ? איך קוק זיך צו צו מיין אַלטיטשקן מיל־נער און ס'דאַכט זיך מיר אַז ער וויינט (דאָס האָט באַשטעטיקט אין דער פּרי קאַלעסניקאָוו, וועלכער איז געלעגן בשכנות). נעיקאָ טעאָדער פּעט־רין — דער איטאַליענישער קאָמוניסט און פּאָליט־עמיגראַנט, קען זיך נישט באַרויִקן און ס'קאַכט אין אים דער צאָרן. מיר האָבן אים זייער גוט פּאַרשטאַנען. מיר האָבן זיך באַמיט אַ ביסעלע איינשטילן זיין אומצופרידנ־קייט. ער איז דאָך געווען אַ לויטער־ערלעכער קאָמוניסט. ער האָט איצ־טער געזען מיט זיינע אייגענע אויגן ווי עס זעט אויס זיין חלום אין דער ווירקלעכקייט. ער האָט שוין געפילט אויף דעם אייגענעם לייב און לעבן דעם גרויזאַמען ספּרוט וואָס זיינע אידעאַלן האָבן געבאָרן. אויך מיר זענען געווען אויסגעמאַטערט פונעם וועג און אויב מיר זענען נאָך לאַנג נישט אַנטשלאָפן געוואָרן, איז דאָס נאָר דערפאַר, ווייל מיר האָבן שטיל געשמועסט וועגן די אַלע זאַכן וואָס האָבן געפּלאָגט און אונדז נישט געלאָזט רוען.

דער „פּאַדיאָם" האָט אונדז אויפגעהויבן אויף די פיס. די, וואָס זענען ביינאַכט אַרויסגעגאַנגען אין דרויסן, האָבן געזען די אויסגעשפּאַנטע פּערד. איינס פון די פורלעך איז געווען צוגעדעקט מיט אַ ברעזענט, און לויט זייער אָפּשאַצונג, זענען אויפן פורל געווען מער ווי 4 טויטע.

ווידער האָט מען געבראַכט הייסע וואַסער. מ'האָט איבערגעביסן. ווער ס'האָט נאָך עפּעס געהאַט פונעם נעכטיקן „פּאַיאָק".

ביזן אָנהויב פונעם מאַרש האָט מען אונדז פונעם שטאַל נישט אַרויס־געלאָזט. אין דרויסן איז געווען אַ מילדער פראָסט אָבער אינעווייניק האָבן מיר אים נישט געפילט. איבער 20 עלטערע און שוואַכע מענטשן האָבן זיך נישט געקענט אויפהייבן. די איבעריקע זענען כמעט אַלע גרייט געווען צום מאַרש. וואָס וועט ווייטער זיין ? אַן די ליגנדיקע וועט די מחנה זיך נישט רירן פון אָרט. אונדזער אַלטיטשקער איז גרייט געווען ווייטער צו גיין, נישט געקלאָגט זיך אויף מידקייט. ס'האָט אים באמת געפרייט אונדזער השגחה איבער אים.

מיר האָבן ווייטער געהערט די קאָמאַנדע „וויכאָדיטע" (גייט אַרויס). קיינער האָט זיך ביים אַרויסגאַנג נישט געשטופּט. צו וואָס איילן זיך ? מיר זענען ווידער אַדורך דעם „בראַנד־טויער" פון קאָנוואָירן און יעדער

האָט אונדז געציילט, כאָטש ביי נאַכט איז קיינער נישט אַנטלאָפן. דאָס פורל מיט די טויטע האָבן מיר שוין מער נישט געזען. מ׳האָט זיי, ווייזט אויס, ביי נאַכט ערגעץ אָפּגעפירט אויף „קבורה״. אין אונדזער רשות איז איצטער אָפּגעגעבן געוואָרן אַ לאַסט־אויטאָ, אינעווייניק אויסגע־שפּרייט מיט שטרוי פאַר די מער שוואַכערע, וועלכע מ׳האָט אַרויסגעפירט פון שטאַל און אַרויפגעזעצט.

מיר האָבן צווישן זיך באַשלאָסן, אַז אונדזער וואָלף יאַקאָוולעוויטש דאַרף אויך פאָרן מיטן אויטאָ, אָבער ער האָט זיך צעוויינט און נישט געוואָלט זיך שיידן מיט אונדז. עפּעס איז אויף אים אָנגעפאַלן אַ באַזונ־דערער פּחד. אפשר פאָרט דער אויטאָ נישט אַהין וווּ אַלע גייען?... ער האָט אונדז פאַרזיכערט אַז ער פילט זיך גוט און וועט פון אונדז נישט אָפּשטיין.

מיר שטייען און וואַרטן. ס׳איז זייער קאַלט. דער נאַטשאַלניק מיטן קאָנוואָי מיט זיינע געהילפן פירן שטילערהייט אַדורך זייער „בוכהאַל־טעריע״ צי שטימט די איבערגעציילטע צאָל עטאַפּניקעס, נאָך דעם ווי דער „באַלאַנס״ איז פעסטגעשטעלט געוואָרן, און נאָך דער „תפילה״ וועגן די רעכט פונעם קאָנוואָי, האָבן מיר גערירט פון אָרט.

אַ דאַנק דעם געגעבענעם לאַסט־אויטאָ האָבן מיר איצטער די מעג־לעכקייט, די נאָך פאַרבליבענע ביי עמעצן קלומיקעס — אַרויפלייגן אויף די פורלעך און דאָס האָט טאַקע פאַרגיכערט אונדזער גאַנג.

אונדזער „צידה לדרך״ האָט זיך געענדיקט און מ׳האָט אָנגעהויבן פילן דעם הונגער. דער עטאַפּ האָט זיך געצויגן מער־ווייניקער נאָרמאַל, אַ חוץ באַזונדערע אויסנאַמען, ווען אַ טייל פון די שוואַכע האָבן געפּאָדערט אָפּשטעלן דעם אויטאָ, כדי אַנוואַרעמען זיך אָדער צוליב אַנדערע באַ־דערפענישן.

נאָכן צווייטן „פּריוואַל״ האָבן מיר זיך אָפּגענויגט פונעם הויפּט־וועג און פאַרקערעוועט אין אַ געדיכטן וואַלד. דאָ איז שוין דער מאַרש גע־וואָרן פיל שווערער. מיר האָבן די רייען נישט געקענט האַלטן. ביז צו דער צייט זענען נאָך אַ טייל מענטשן אָפּגעשוואַכט געוואָרן. די וואָס זענען געזעסן אין אויטאָ האָבן געשריגן אַז זיי איז קאַלט, זיי ווערן געפרוירן און ווילן אָפּטער אַראָפּגיין דערוואַרעמען זיך. ס׳האָט זיך גע־שאַפן אַ נישט פאַרויסגעזעענער מצב פאַרן קאָנוואָי (ערגער ווי ס׳איז געווען נעכטן אויפן שאָסיי־וועג). מיר זענען זיכער געווען אַז היינט וועלן אויך זיין קרבנות און אַ חוץ אַלעמען, האָט שוין גוט אָנגעהויבן צו מאַטערן דער הונגער. אַפילו מיר, די מער יונגערע, האָבן געפילט אַז די פיס טראָגן שוין נישט מער.

מיר זענען איצטער געגאַנגען דורך אַ וועג אויסגעלייגט מיט קלעצער, וואָס זענען ערטערווייז געווען אַרויסגעריסן. מיר האָבן שוין געזען אַז נישט קוקנדיק דערויף, וואָס אונדזער עטאַפּ איז היינט אַרויס אַ סך פריִער ווי נעכטן, וועלן מיר דורכמאַכן ווייניקער וועג, אָבער אַלץ איז דאָך פאַר אונדז בלינד. וווּהין גייען מיר? אין וועלכן לאַגער? ווי ווייט איז נאָך? אונדזער אַלטיטשקער גייט שוין מיט די לעצטע כּוחות. וואָס טוט מען מיט אים? אויך דער צווייטער אַלטיטשקער, וואָס איז צו אונדז צוגעשטאַנען אויפן וועג און האַלט זיך כּסדר נעבן אונדז, פאַלט שוין פון די פיס. גאַנץ מעגלעך אַז אָן אונדזער השגחה וואָלטן זיי שוין ביידע דערשאָסן געוואָרן. קאַלעסניקאָוו מיינט, אַז אויב מיר וועלן ביז אָוונט נישט דערגיין צום אָרט, וועלן היינט זיין אַ סך קרבנות — דערשאָסענע, דערפראָרענע, געפאַלענע פון אויסגעמאַטערטקייט.

בעת דעם „פּריוואַל" נאָך מיטאָג, האָבן מיר באַמערקט, ווי דער קאָנוואָי־שעף באַראַט זיך מיט זיינע געהילפן, און נאָך דעם זענען זיי אַרויף אויפן לאַסט־אויטאָ מיט די אָפּגעשוואַכטע (און אפשר זענען שוין צווישן זיי אויך געווען טויטע?), איבערגעציילט, צוויי פון זיי האָבן זיך אַוועקגעזעצט אין אונטערשטן טייל פון אויטאָ און זענען אַוועקגעפאָרן (ווייזט אויס אין לאַגער).

מ'האָט ווייטער אָנגעהויבן אונטעריאָגן. מיר האָבן זייער באַדויערט פאַר וואָס מיר האָבן אויפן אויטאָ נישט אויפגעזעצט אונדזער אַלטיטשקן מילנער. פּלוצעם — אַ באַפעל: „אָסטאַנאָוויס"! — (אָפּשטעלן זיך). וואָס איז ווייטער געשען? אַן עלטערע פון דער גרופּע פרויען האָט זיך אַוועקגעזעצט אין שניי און געבעטן זיך ביים קאָנוואָי ער זאָל זי איבערלאָזן ליגן אויפן וועג. ווייטער האָט זי געזאָגט — קען זי נישט גיין. בעסער זאָל מען זי דערשיסן. די סאָלדאָטן האָבן געפּרוּווט זי אויפהייבן, אָבער זי איז ווייטער געפאַלן. מ'האָט זי אויפגעזעצט אויף אַ פורל, ווו ס'זענען אויך געווען אַנדערע אָפּגעשוואַכטע.

צי וועלן מיר היינט אָנקומען אין לאַגער? די פרויען שטייען נישט אָפּ פון אונדז און אַפילו עלטערע, חוץ די, וואָס זיצן אין פורל. זיי באַקלאָגן זיך נישט. ס'האָט זיך אונדז אויסגעדאַכט אַז אויך די קאָנוואָירן זענען אויסגעמאַטערט. ס'איז קיין וועג נישטאָ. אָבער ווער קלערט וועגן זיי? מ'האָט שוין אָנגעהויבן זיך אָפּשטעלן אָן אַ „פּריוואַל" כּדי אונטערציִען די אָפּשטייענדיקע. מע שרייט. מע דראָט, אָבער דאָס העלפט שוין נישט. ס'האָבן זיך צוזאַמענגעמישט מידקייט מיט הונגער. די קאָנוואָירן וואָרענען, אַז אויב מע וועט אַזוי ווייטער אָפּשטיין וועלן זיי אַראָפּ־

וואָרפן די לעצטע זאַכן פון די פורלעך און אויפן אָרט פון די זאַכן — אויפזעצן די אָפּשטייענדיקע.

ס'איז ביי אונדז קיין ספק נישט געווען אַז עס רוקט זיך אָן אַ געפאַר. אויב מיר וועלן ביז נאַכט נישט דערגרייכן דעם לאַגער, וועט די נאַכט אין וואַלד זיין אַ פּיל ערגערע ווי די פאַריקע נאַכט אין שטאַל. און די נאַכט פאַלט צו גיך.

דער קאָנוואָי האָט אונדז אָפּגעשטעלט. דער לאַסט־אויטאָ האָט זיך צוריקגעקערט (ווייזט אויס אַז דער לאַגער איז נישט ווייט). מ'האָט אָפּגעשיקט נאָך אַ גרופּע אָפּשטייענדיקע. מיר האָבן לייכטער אָפּגעאָטעמט. עמעצער וואָס איז געווען נעענטער צום אויטאָ האָט געהערט אַז צום לאַגער איז פאַרבליבן 6 — 7 קילאָמעטער. פאַר אונדז איז דאָס אַ מהלך רב. דעם צווייטן אַלטישקן האָבן מיר אָפּגעשיקט מיטן אויטאָ. אונדזער וואָלף יאַקאָוולעוויטש האָט זיך ווייטער אָפּגעזאָגט אַריינצוזעצן זיך, נישט קוקנדיק דערויף, וואָס מיר האָבן דאָס קאַטעגאָריש געפאָדערט. ער האָט ווייטער אָנגעהויבן וויינען. ער האָט, ווייזט אויס, אונדז חושד געווען אַז מיר ווילן פון אים פּטור ווערן. מיר האָבן געפילט אַז מיר וועלן נאָך האָבן צרות מיט אים.

דער אויטאָ איז שוין צום צווייטן מאָל אַוועק אָנגעשטאָפּט מיט אָפּשטייענדיקע און אָפּגעשוואַכטע און מיר האָבן נאָך מער פאַרגיכערט דעם מאַרש. די באַוואַכטע וועכטער האָבן כסדר אונטערגעיאָגט, כאָטש מיר האָבן אַליין מיט די לעצטע כוחות געאיילט.

ס'איז שוין גוט פינצטער. דער קאָנוואָי שרייט אַז מיר זאָלן זיך האַלטן אין די רייען, ווייל ער וועט שיסן אָן וואָרענונג. פיל פון אונדז האָבן זיך שוין געהאַלטן איינער ביים צווייטן. מיינע פריינד האָבן מיך פעסט געהאַלטן (צוליב מיין קורצזיכטיקייט) צוזאַמען מיטן אַלטישקן. דער קאָנוואָירער, וואָס איז געגאַנגען פאָרויס מיט אַן עלעקטרישן לאָמפּ, האָט די גאַנצע צייט געוואָרנט ווי מען זאָל זיך אָפּנייגן אויף רעכטס אָדער לינקס און ווי אויסמיידן גריבער. אַלץ איז געווען אָנגעשטרענגט ביז גאָר. בולטער פון אַלעמען האָבן דאָס אַרויסגעוויזן די הינט, וועלכע די קאָנ־וואָירן האָבן פעסט געהאַלטן ביי די קייטן. דער קלענסטער אָפּנייג טאָקע, האָט געקענט אַרויסרופן אַ טויט־שאָס אָן וואָרענונג מצד די אָנגעשטרענגטע קאָנוואָירן.

פלוצעם האָט אַ בלענד געטאָן אַן אָפּשיין פון אַ פּראָזשעקטאָר. זאָל דאָס טאָקע זיין דער לאַגער? ס'האָט זיך ווידער באַוויזן די שיין פון אַן אויטאָ. דאָס האָט אונדזער לאַסט־אויטאָ זיך באַוויזן שוין צום דריטן מאָל,

עטלעכע שוואַכע האָט מען ערגעץ הינטער אונדז אויפגעזעצט אין דער פינצטער און דער אויטאָ איז פאַרשווונדן.

אָט, דער לאַסט־אויטאָ (דער מזלדיקער פאַר אונדז קרבנות) האָט אין יענעם אָוונט פיל עטאַפּניקעס אָפּגעראַטעוועט פון אַן אומפאַרמיידלעכן טויט. אין גיכן האָבן מיר דערגרייכט דעם לאַגער „לייבושע".

אויפן פלאַץ ביים טויער־אַריינגאַנג, באַלויכטן מיט פּראָזשעקטאָרן דעם אַרום, איז נישט געווען אָנגעשריבן אַז „אַרבעט מאַכט פריי"...

אונדזע האָט באַגעגנט דער נאַטשאַלניק פון לאַגער. נאָך אַ קורצן שמועס מיטן שעף פון קאָנוואָי, האָט זיך אָנגעהויבן די פּראָצעדור פון איבערנעמען דעם „טראַנספּאָרט". אַלע פריִער־געבראַכטע מיטן אויטאָ, האָבן זיך געפונען דאָ אונטער אַ באַזונדערע שמירה, „טאַנצנדיק" פון קעלט (אייניקע זענען שוין נישט בכח געווען צו „טאַנצן"). נישט קוקנדיק אויפן איצטער שטאַרקן פראָסט — האָט פון אונדז אַלעמען זיך געגאָסן שווייס. דער לעצטער שטיק וועג האָט אפילו די געזונטסטע פאַרמאַטערט. אונדזער אַלטיטשקער האָט זיך גלייך אַוועקגעלייגט אויפן שניי אָן כוחות. מיר האָבן אים אונטערגעלייגט אַ פּאָר קלימעקלעך ער זאָל זיך נישט פאַרקילן אין די לעצטע מינוטן. מיר האָבן אין וועג זיך פריִער געהאַט אָפּגערעדט, אַז ווען אין לעצטן מאָמענט וועט עפּעס מיט אים געשען און ער וועט ווייטער שוין נישט קענען גיין — וועלן מיר אים דערטראָגן, ווייל אַנדערש וועלן אים די קאָנוואָירן דערשיסן. ער איז געווען קליין־וווקסיק און אויסגעדאַרט. דאָס איז, צום גליק, נישט געשען אַ דאַנק זיינע אָנשטרענגונגען ביים סוף.

לאַנג האָט געדויערט די פּראָצעדור פון אויפנעמען דעם עטאַפּ. מ'האָט אונדז דורכגעלאָזט איינציקווייז דורכן טירל פון דער וואַכטע. די לעצטע פּאָר שעה האָבן אונדז נאָך שטאַרקער אויסגעמאַטערט, און דעריבער האָט זיך שוין געוואָלט וואָס גיכער זיין אינעווייניק און אָוועקלייגן זיך אויף אַן „אייגן אָרט" ווו ס'זאָל נישט זיין.

# אין „לייבושע"־לאַגער

## (אַרכאַנגעלסקער געגנט)

די אינעווייניקסטע זאַנע איז באַשטאַנען פון איין לאַנגער גאַס אַן אויסגעלייגטע מיט קלעצער און מיט ביי אויפגעשטעלטע (אויף גיך) באַראַקן פון ביידע זייטן. אינעווייניק אין די באַראַקן האָבן זיך אויך פון ביידע זייטן געפונען איין און צוויי־שטאָקיקע נאַרעס (פּריטשעס). חוץ די באַראַקן זענען נאָך געשטאַנען עטלעכע ברעזענטענע פּאַלאַטקעס, וווּ ס'האָבן באַדאַרפט שטיין באַראַקן, אָבער מ'האָט זיי ביזן ווינטער נישט באַוויזן אויפצושטעלן. אין די באַראַקן און פּאַלאַטקעס זענען געשטאַנען אייזערנע אייוועלעך, וועלכע האָבן זיך געהייצט אין דער ווינטערדיקער צייט אַ גאַנצן מעת לעת.

אַ טייל באַראַקן זענען אויסגענוצט געוואָרן פאַר באַדינונגס־צוועקן (קיך, באָד, „קאַפּטיאַרקע" — (שפּייכלער), מעדיצינישער פּונקט, שפּיטאָל־באַראַק, קאַנצעלאַריע (ביוראָ) אאז"וו.

ביי דער זייט פון דער וואַכטע, ביים אַריינגאַנג אין זאָנע האָט זיך געפונען דער קאַרצער (אינערלעכע תפיסה), וועלכער האָט זיך קונה שם געווען ווי אַ פּייניקונגס־אָרט פאַר די לאַגערניקעס, וואָס פאַלן אַהין אַריין טעגלעך.

איינע פון די פּאַלאַטקעס האָבן געטראָגן דעם נאָמען „קלוב" (אַזוי־גערופענער קולטור־צענטער). ווי אין אַלע באַראַקן, זענען אויך אין „קלוב" געשטאַנען צוויי־שטאָקיקע נאַרעס. דאָס אָרט פון דער „בינע" איז געווען פאַרהאָנגען מיט ברעזענט און האָט געדינט פאַר די וואַכלייט. אויך דאָרט זענען געשטאַנען נאַרעס.

אָט, אין דעם, אַזוי גערופענעם „קלוב"־באַראַק, בין איך אַריינגעפאַלן פאַרנעמענדיק אַן אָרט אויפן צווייטן „שטאָק" צוזאַמען מיט מיינע גע־טרייעסטע חברים ביי די זייטן — קאַלעסניקאָוו און נעיקאַ טעאָדער. אַלע איבעריקע חברים פון אונדזער עטאַפּ־גרופּע זענען פונאַנדערגעשיקט גע־וואָרן אין פאַרשידענע אַנדערע באַראַקן פון לאַגער.

דעם אַלטיטשקן וואָלף יאַקאָוולעוויטש מילנער האָט מען באַזעצט אין אַ ספּעציעלן באַראַק ווו ס'האָבן זיך געפונען אַלטע, אָפּגעשוואַכטע און אויסגעשריבענע פון שפּיטאָל, וועלכע האָבן נאָך באַדאַרפט „קומען צו די כּוחות". דער באַראַק האָט געטראָגן דעם נאָמען „באַראַק־סלאַבאָסילניך" — (פאַר אָפּגעשוואַכטע). די מענטשן פון דעם באַראַק זענען שוין מער נישט בכוח געווען צו אַרבעטן און זענען אָפּטמאָל אויסגענוצט געוואָרן אויף פאַרשידענע גרינגערע אַרבעטן אינעווייניק אין זאָנע (אין קיך, ווי היטערס, רוימערס און אַנדערע). אַ טייל פון זיי האָבן שוין אויסגעזען ממש ווי לעבעדיקע מתים.

אויך אין דעם לאַגער, ווי אין פריִערדיקן, זענען מיר פון סאַמע אָנהייב „באַפאַלן" געוואָרן פון ציבעלע־ און קנאַבל־בעטלערס. פון דער צינגאַ־קרענק האָבן דאָ געליטן אַ היפּשע צאָל לאַגערניקעס. נישט געקוקט אויף אונדזער אויסגעמאַטערטקייט נאָכן עטאַפּ — האָבן אונדז די לאַגערניקעס נישט אָפּגעלאָזט. מע האָט אונדז כּסדר באַזוכט און אויסגעפרעגט, צי זענען צווישן אונדז נישטאָ אויך זייערע אייגענע, וועלכע מען האָט אויך אין יענער צייט צוגענומען פון דער היים און מע ווייסט נישט ווו זייער געביין איז אַהינגעקומען.

מיר האָבן זיך דערוווּסט אַז דער לאַגער עקזיסטירט ערשט דאָס צווייטע אָדער דריטער יאָר, אַז אונדזער עטאַפּ אין דעם לאַגער איז געווען דער פינפטער אָדער זעקסטער, זינט מע האָט אים אויפגעשטעלט, אַז אַרום געפינען זיך פילצאָליקע אַנדערע לאַגערן פון דער סיסטעם „קאַרגאָפּאָל־לאַג". דאָס שרעקלעכסטע אין די דערציילונגען פון די „וועטעראַנען" איז געווען אַז די שטערבלעכקייט איז דאָ זייער גרויס: מער ווי אַ העלפט מענטשן פון די ערשטע עטאַפּן זענען אויסגעשטאָרבן. פיל פון די פאַר־בליבענע האַלטן שוין אויך דערביי... אָבער די צאָל מענטשן ווערן באַ־שטענדיק דערגאַנצט מיט אַלץ נייע עטאַפּן, וועלכע דער „גולאַג" שיקט צו. אַז דאָ איז נאָר וואַלד־אַרבעט, אַז די וואַלד־אַרבעט צייכנט זיך אויס מיט איר פּרימיטיווקייט, אָן וועלכער ס'איז טעכניק. די נאָרמעס זענען געוואַלדיק הויכע און כּדי זיי אויספילן, באַדאַרף מען זיין אַ גיבור...

די איינציקע הילף אין „טעכניק" ביי דער אַרבעט זענען געווען עטלעכע צענדליק פערד, אָבער נישט אַלע אַרבעטן קענען דורך זיי דורכ־געפירט ווערן. מיר האָבן בפועל ממש געגלייבט אַז אַלע דערציילונגען פון די „וועטעראַנען" וועגן היגן לעבן איז נישט איבערגעטריבן און אַז מיר זענען טאַקע אַריין אין אַ דאַנטע־גיהנום, און ווער ווייסט צו וועלן מיר פון דאַנען ווען ס'ניט איז אַרויסקראַבקען זיך.

## דאָס לאַגער־לעבן הייבט זיך אָן

די לאַגער־אַדמיניסטראַציע, אָן אונדזער וויסן, האָט אונדז אָרגאַניזירט אין בריגאַדעס לויט די רשימות, נישט דורכלאָזנדיק קיינעם. אין דערפרי זענען געקומען אונדזערע נייע בריגאַדירן, אונדז געגעבן טאָלאָנען אויף ברויט און אין עס־באַראַק, ווו מיר האָבן באַדאַרפט גלייך אין דער פרי נאָכן „פּאַדיאָם" (אויפשטיין) באַקומען אונדזער פרישטיק און לויפן צום „ראַזוואָד"ביים טויער, ווו מען פירט פונאַנדער אויף אַרבעט. מ'האָט אונדז אָפּגעפירט אין וואַלד אונטער אַ שטרענגער שמירה אַ דרעסירטע אין האַס צו אונדז די פאָלקס־שונאים.

פאַרשטייט זיך, אַז פון די עטלעכע שמועסן ביי נאַכט מיט די אַלטע לאַגערניקעס האָבן מיר נישט באַקומען קיין פולן באַגריף וועגן דעם לאַגער, וואָס וואָלט געקענט אָן אַ גוזמא אָנגערופן ווערן טויט־לאַגער, נישט אַרבעטס־לאַגער.

דער שוידער איז באַשטאַנען נישט אַזוי אין די גרי ־ע נאָרמעס, נישט אין דער שווערער אַרבעט אין וואַלד, נישט אין לאַנגע אַרבעטס־טעג און דער ענגשאַפט אין די באַראַקן ווי אויך אין דעם ביטערן שווערן רעזשים.

מיר, פאַרמשפּטע לויט דעם 58־טן פּאַראַגראַף, האָבן געהאַט אויסצושטיין גרויסע צרות און געפּלאָגט ווערן פון פאַרברעכער־אונטערוועלטניקעס, וועלכע האָבן פאַרנומען די הויפּט־פּאָזיציעס אינעווייניק אין לאַגער און זיי האָבן זיך באַצויגן צו אונדז מיט דער גרעסטער אַכזריות. זיי זענען געווען בריגאַדירן, וואַך־לייט, פאַרוואַלטעט מיט דער קיך און אַנדערע וויכטיקע ערטער פון דער ווירטשאַפטלעכער באַדינונג. זיי האָבן געטריבן און געשלעפּט אויף אַרבעט, אויף זיי האָט זיך אָנגעשפּאַרט די לאַגער־אַדמיניסטראַציע. אויב עס איז נאָך עפּעס פאַרבליבן ביי עמעצן פון דער היים — האָבן זיי דאָס צוגעגנבעט אין דער צייט ווען מיר זענען פאַרנומען געווען ביי דער וואַלד־אַרבעט. באַקלאָגן זיך האָט מען מורא געהאַט, זיי זאָלן זיך נישט נוקם זיין. די אַדמיניסטראַציע פונעם לאַגער האָט זיי שטענדיק פאַרטיידיקט און מ'האָט זיי מער געגלייבט ווי אונדז די קאָנטריקעס. זיי האָבן אָנגעוואָרפן אַ פּחד אויף אַלעמען און זיך איזדיעקעוועט, איבערהויפּט אויף די „פּאָליטישע". אמת, אין אַ געוויסער מאָס האָט זייער אָנפירער פון דער אינעווייניקסטער זאָנע — דער גרוזינער דעקאָנאָסידזע — אַ ביסעלע איינגעהאַלטן, נישט געבנדיק זיי צו פיל „פרייהייט" און דאָך נישט בכוח געווען זיי אָפּהאַלטן פון זייערע ווילדע מעשים.

מיר, די באַפריינדעטע פון פריִער און צעשיידטע אין פאַרשיידענע באַראַקן און בריגאַדעס, האָבן זיך אָפּגעזוכט און זיך ווידער געהאַלטן

צוזאַמען, געפינענדיק אויך נייע פריינד וואָס זענען אין יענע באַדינגונגען אַ דערמוטיקונג און אַ טרייסט.

איך בין אַריין אין אַ בריגאַדע פון שטאַבעלירער (צונויפלייגן קלעצער אין באַזונדערע שטאַבעלן) ווו די אַרבעט איז אויסערגעוויינלעך אַ שווערע. מיר האָבןביים ברעג פון טייך „לייבוש" (לויטן טייך איז אויך דער נאָמען פונעם לאַגער) שטאַבעלירט די צוגעגרייטע קלעצער פאַרן ווינטער. זיי איז אויסגעקומען נישט נאָר קייקלען אויף דער ערד, נאָר אויך מיט די הענט טאַסקען אויף זיך און אויפהויבן אויף אַ געוויסער הויך. מיט איין קלאָץ האָבן זיך מיט מאַטערנישן קוים געספּראַוועט ביז 10 און מער מענטשן. דאָרט ווי די פערד האָבן נישט געקענט שלעפּן די קלעצער צוליב די סטאַרטשנדיקע פּניאַקעס און וואָרצלען — האָבן מיר די מענטשן־קנעכט, דאָס געטאָן. ס'איז אויך אויסגעקומען שטענדיק איילן זיך כדי צו באַווייזן מאַכן די נאָרמע. טויט־מידע און אויסגעשעפּטע זענען מיר געגאַנגען צוריק פון דער אַרבעט און נאָך אונטערגעיאָגטע פונעם קאָנוואָי. מען האָט קוים געשלעפּט די פיס. אָפט איז נאָך אויסגעקומען פירן מיט זיך אָדער טראָגן אַ פאַרוווּנדעטן פון אַן אומגליקס־פאַל ביי דער אַרבעט אָדער גאָר אַ דערשאָסענעם דורכן קאָנוואָי, וואָס איז אויך געווען נישט קיין זעלטענע דערשיינונג.

מיר פּערזענלעך האָט די ערשטע צייט אַ ביסל אָפּגעגליקט. איך בין אַריינגעפאַלן צו אַ מענטשלעכן בריגאַדיר, וועלכער האָט געשעצט דאָס געזונט פון די לאַגערניקעס אין זיין בריגאַדע. דאָס איז געווען אַ לערער פון פאַך מיטן נאָמען כאַסאַנאַוו, פון קאַווקאַזער געגנט. אויף דער פריי איז ער געווען דירעקטאָר פון אַ מיטלשול. ער האָט אויך באַקומען 10 יאָר לויטן פּאַראַגראַף 58. ער האָט די גאַנצע צייט זיך צוגעקוקט צו דער אַרבעט פון יעדן באַזונדער אין זיין בריגאַדע און גוט געוווּסט וועמען צו מאַכן באַמערקונגען.

ווי אַ שטריך פון דער האַרציקייט און מענטשלעכקייט פון דעם לערער דערמאָן איך מיך אַן עפּיזאָד: ווען איך האָב אין דער ערשטער צייט, צוזאַמען מיט מיין „נאַפּאַרניק" (מיין בן־זוג אויף דער אַרבעט), נאָך נישט זייענדיק אַזוי אָפּגעשוואַכט, צוגעכאַפּט זיך צו דער אַרבעט און געסטאַרעט זיך אויסצופילן די נאָרמע אויף גאַנצע 100% און אפשר מער (כדי צו באַקומען אַ גרעסערע פּייקע ברויט) ביים שטאַבעלירן די קלעצער — האָב איך באַמערקט ווי ער, דער בריגאַדיר אָבסערווירט לאַנג מיין אַרבעט. דערנאָך האָט ער אָוועקגערופן מיך אין דער זייט און געפרעגט וויפל יאָר איך האָב באַקומען? ווען איך האָב אים געענטפערט אַז 10 יאָר — האָט ער מיך פּאַטערלעך „אויסגעזידלט" און געגעבן צו פאַרשטיין אַז

מיט אַזאַ אַרבעטן וועט מען מיך אין גיכן אָפּטראָגן אויפֿן „בית הקברות", אַנווייזנדיק מיט דער האַנט אויפֿן אָרט וווּהין די טויטע ווערן טעגלעך אַרויסגעפֿירט מאַסנווייז, און מיר געגעבן צו פֿאַרשטיין, אַז מיט אַזאַ אָנגעשטרענגטקייט וועל איך לאַנג נישט קענען ציִען און אַז דאָס לעבן איז אויך טייער. איך דאַרף — זאָגט ער — אויסהאַלטן אַ לענגערע צייט, און אַז ער וועט מיך נישט אונטעריאָגן ווען איך וועל אַ ביסעלע שאַנעווען מײַנע כוחות.

אין אָנפֿאַנג האָב איך אויפֿגענומען זײַנע רייד נישט ערנסט, אָבער מיט דער צייט האָט זיך אַרויסגעוויזן אַז ער איז גערעכט געווען און אַז ער איז איינער פֿון די זעלטענע פּערזענלעכקייטן וועמען ס'האָט זיך אײַנגעגעבן צו פֿאַרהיטן דאָס לעבן פֿון פֿיל פֿון זײַנע בריגאַדע־לײַט. גלײַכצײַטיק האָבן די מענטשן בײַ אים נישט שלעכט געאַרבעט.

אַ שטיקל צייט האָב איך געאַרבעט אין זײַן בריגאַדע, דערנאָך בין איך איבערגעפֿירט געוואָרן אין אַ צווייטער, וווּ מיר איז שוין געווען אַ סך ערגער, און דאָך האָבן מיר געאַרבעט ביזן ענדיקן ביים שטאַבעלירן און צוגרייטן דאָס געהילץ צום אָנהויב פֿונעם „האָלץ־גײַעג" אויפֿן טײַך.

געקאָרמעט האָט מען אַלע טאָג מיט שטאַרק געזאָלצענע פֿיש, נאָך וועלכער מע האָט געמוזט טרינקען אַ סך וואַסער. צוליב דעם נידעריקן און בלאָטיקן רעליעף, זענען די ברונעמס געווען נישט פֿיל טיפֿער פֿון דער פּלאַך, האָט דאָס וואַסער געשמעקט מיט בלאָטע, און אין ברונעם איז דער אויבערפֿלאַך פֿונעם וואַסער געווען באַדעקט מיט אַ גרינלעכן שליים... דאָס אָנטרינקען זיך מיט אַזאַ וואַסער נאָך די געזאָלצענע פֿיש „צו דער זעט" — האָט בײַ אַ גרויסער טייל לאַגערניקעס אַרויסגערופֿן דעזינטעריע. דעם קראַנקן האָט מען אָוועקגעלייגט אין שפּיטאָל־באַראַק און אין אַ פּאָר טעג אַרום האָט ער שוין אויסגעהויכט זײַן נשמה.

דער לאַגער־דאָקטער אַגאַרקאָוו אַלעקסיי פֿעדאָראָוויטש, אַן אָפּשטאַמיקער פֿון וואָראָניעזש (לעבט איצטער אויך דאָרט) האָט ביים אָקטירן די טויטע קיין מאָל נישט געשריבן אין אָקט די פֿאַקטישע סיבה פֿונעם טויט — דעזינטעריע אָדער דיסטראָפֿיע, ווייל דאָס וואָלט שוין אויך געווען אַ דירעקטע באַשולדיקונג פֿאַר דער לאַגער־אַדמיניסטראַציע און אויך אפֿשר, אין אַ געוויסער מאָס, פֿאַר אים אַליין אויך, ווייל ער פֿאָדערט נישט פֿון דער לאַגער־אַדמיניסטראַציע אָנצונעמען מיטלען. ער האָט באַשטענדיק צוגעטראַכט נישט געשטויגענע דיאַגנאָזן. אַזעלכע דערשײַנונגען האָבן אויך געהאַט אַן אָרט אין די אַנדערע לאַגערן, וווּ ס'איז מיר אויסגעקומען צו זײַן שפּעטער. דער דאָקטער אַגאַרקאָוו האָט אויך געהאַט אַ 10־יעריקן פּסק, לויט 58־טן פּאַראַגראַף.

די אויפגעשרויפטע נאָרמעס פון אַרבעט אין וואַלד האָבן דערפירט צו דעם, אַז אַ סך לאַגערניקעס זענען שוין נישט געווען בכוח אויסצופילן זייערע פּלענער און פאַר דעם פלעגט מען באַשטראָפן מיט פאַרקלענערן זייער שפּייז־נאָרמע; פון דאַנען אַ דראַסטישע אָפּשוואַכונג פון אָרגאַניזם. אַזעלכע לאַגערניקעס ווערן גיך פאַרוואַנדלט אין „דאָכאָדיאַגעס" (דער־גייענדיקע) און זיי ווערן שוין נישט פעיִק צו קיין שום אַרבעט.

אויב אַזאַ „דאָכאָדיאַגע" האָט נישט קיין טעמפּעראַטור — באַפרייט זיי דער דאָקטער נישט פון קיין שווערער אַרבעט און דאַן... ווערט ער פאַרוואַנדלט אין אַן „אַטקאַזטשיק" — (אָפּזאָגער אַרויסצוגיין אויף אַרבעט). אַזוי ווערן זיי קוואַליפיצירט דורך דער לאַגער־אַדמיניסטראַציע. לויט די שפּייז־נאָרמעס באַקומען זיי דאַן נאָר 300 גראַם ברויט אַ טאָג און ווערן נאָך דערצו אַריינגעזעצט אין קאַרצער ווו מ'איז דערמאַטערט זיי שוין ביזן סוף...

נישט גרינג איז צוקוקן זיך ווי סע שלעפּן זיך אַרום אין דער זאָנע הונגעריקע מענטשן, וואָס זאָג איך מענטשן... — שאָטנס פון מענטשן. זיי באַוועגן זיך קוים. זיי קלייבן זיך ביי דער קיך, ביים מיסטקאַסטן, זוכן און נישטערן עפּעס וואָס כדי אונטערצוהאַלטן דעם שלאַבעריקן גוף. די אויסגעשפּיגענע ביינער פון די געזאַלצענע פיש אין „סטאָלאָווע" (עס באַראַק) ווערן דורך די „דאָכאָדיאַגעס" אונטערגעכאַפּט מיט ווילדער זשעדנעקייט און גלייך אַראָפּגעשלינגען. דאָס זעלבע איז אויך מיט שאַ־לעכץ פון קאַרטאָפל ביים מיסטקאַסטן. ווער ס'איז נאָך אַ ביסל בכוח — פּרוּווט דאָס אויסוואַשן, אָפּקאָכן אין דרויסן אין אַ קעסעלע און עס אויפעסן.

דער באַראַק פון „סלאַבאָסילניך" (אָפּגעשוואַכטע) איז אָנגעשטאָפּט מיט „דאָכאָדיאַגעס". פון דאָרטן טראָגט מען אַרויס יעדן פרימאָרגן אַלץ נייע מתים, אויך פון שפּיטאָל־באַראַק דאָס זעלבע. חוץ די קראַנקהייטן פון דעזינטעריע און דיסטראָפיע — ליידט אויך אַ גרויסע צאָל לאַגער־ניקעס פון צינגאַ־קרענק.

## מען פירט אַ „קאַמף" מיט די דערמאָנטע קראַנקייטן

פירנדיק אַ קאַמף קעגן דעזינטעריע און אַנדערע קרענק, האָט די לאַגער־אַדמיניסטראַציע, צוזאַמען מיטן לאַגער־דאָקטער פאַראָרדנט אַז מ'זאָל נישט טרינקען קיין רויע וואַסער. כדי דאָס פאַרווירקלעכן האָט מען אַוועקגעשטעלט אַ ספּעציעלע הילצערנע „בודקע", דאָרטן האָט מען

אוועקגעשטעלט צוויי טיטאַנען, וועלכע האָבן באַדאַרפט באַזאָרגן מיט, אַזוי גערופענע, „געזאָטענע וואַסער". דער אומגליק איז אָבער באַשטאַנען דערין, וואָס פון די דאָזיקע טיטאַנען האָט בלויז געקאַפּעט און געטריפט און זיי האָבן בשום אופן נישט געקענט שטילן דעם גרויסן דורשט פון דער לאַגער־באַפעלקערונג.

אין דער בודקע־„קיפּיאַטילקע" האָט מען אַוועקגעשטעלט אַ ספּע־ציעלן מענטש, דעם קליינוואוקסיקן מאָסקווער אונטערוועלטניק „דיאַדיאַ גרישאַ", וועלכער האָט אויך דאָרט גלייכצייטיק „געשוסטערט" און האָט קיין נאָרמע נישט געהאַט וויפל „געזאָטענע" וואַסער ער באַדאַרף „פּראָ־דוצירן" אין זיין „אונטערנעמונג" און דערפאַר האָט מען געקענט זען ווי גליַיך נאָכן עסן איז מען געלאָפן מיט די קעסעלעך פאַרכאַפּן אַן „אָטשערעד" (רייע) ביי דער „קיפּיאַטילקע". מען פלעגט אָפּשטיין שעה־ענווייז נאָכן שווערן אַרבעטס־טאָג ביז די רייע דערגייט, און דער „דיאַדיאַ גרישאַ", נאָך דעם ווי ער פלעג אַ שאַרפן קוק טאָן אויף אייך, גיסט אין קעסעלע די אַנגעטריפטע וואַסער וויפל ער געפינט פאַר נייטיק. זייט אַזוי גוט און האָט נישט צו אים קיין טענות, ווייל ס'וועט זיין ערגער. ער קען נאָך, חלילה, אויף דיר וואַרפן אַן אומחן, וועסטו שוין באַקומען קרענק, און נישט קיין „געזאָטענע" וואַסער.

אויך דאָ, ביי דער „קיפּיאַטילקע" האָט געהערשט דער רוסישער פאַרשאָלטענער „בלאַט" (פּראָטעקציע). מ'האָט שוין געוווסט, אַז ווען מען גייט צום „דיאַדיאַ גרישאַ" מיט אַ שאַכטעלע מאַכאָרקע — קען מען שוין דאָס קעסעלע וואַסער באַקומען אָן אַ רייע און אויך אָ פולס. כדי קויפן פאַר אים דאָס שאַכטעלע (פון שוועבעלעך) מאַכאָרקע, דאַרף מען אָפּגעבן אַ האַלבע פּייקע ברויט (לויט דער דעמאָלטיקער לאַגער־קאָניוקטור"). וואָס האָט טאַקע געקענט טאָן דער, וואָס האָט זיך געהיטן נישט צו טרינקען די רויע בלאָטיקע וואַסער, וועלכע האָט אַרויסגערופן דעזינטעריע? האָט מען טאַקע געמוזט אָפּגעבן אַ טייל פון דער קאַרגער פּייקע ברויט, כדי מיט דעם באַצאָלן פאַר דעם וואַסער.

מען האָט אויך געקענט „קויפן" דעם „דיאַדיאַ גרישאַ" מיט איבער־לאָזן ביי אים דאָס קעסעלע, און קומען נאָך דער וואַסער אין מיטן דער נאַכט, ווען קיינער זעט נישט, אָפּנעמען עס מיטן געזאָטענעם וואַסער; אמת, מען קען אויך נישט זיכער זיין צי האָט ער דאָס אָנגענומען פון טיטאַן, אָדער צוגעגאָסן פון דעם שטייענדיקן דאָרט גרויסן „טשאַן" מיט דער גרינלעכער רויער וואַסער. אַזעלכע זאַכן האָבן זיך ביי אים אויך געטראָפן און נישט איין מאָל...

דעם געקויפטן אונטערוועלטניק „דיאַדיאַ גרישאַ" האָבן זיינע חברים

פון דער אינעווייניקסטער זאַגע־אַדמיניסטראַציע ספּעציעל אָוועקגעשטעלט, כּדי ער זאָל זיי באַזאָרגן מיט מאַכאָרקע צום רויכערן פאַר דער פאַר־קויפטער „געזאַטענער" וואַסער, וועלכע איז טאַקע שווער געווען צו קריגן.

מיר האָבן זיך איבערצייגט אַז נאָר אַ קלענערער טייל פון דער לאַגער־באַפעלקערונג האָט זיך באַנוצט נאָר מיטן טיטאַן־וואַסער. ס'איז נישט מעגלעך געווען אָפּצושטיין שעהען נאָך דעם, ווען מ'איז אויסגעמאַטערט פון דער קאַטאָרגע־אַרבעט אין וואַלד און אַזוי דורשטיק נאָכן עסן די געזאַלצענע פיש. די אַבסאָלוטע מערהייט איז געשטאַנען ביים „טשאַן" אַן איבעריקע מחיצות און געטרונקען פון דאָרט די רויע וואַסער „צו דער זעט" נישט קלערנדיק וואָס מאָרגן וועט זיין.

נישט זעלטן פלעגן זיך מאַכן גנבות פון דער „געזאַטענער" וואַסער, וועלכע מ'האָט נאָך באַדאַרפט היטן. איבערהויפּט אין די נאַכט־שעהען, ווען מע האָט באַדאַרפט אַרויסגיין אין גאַס צו נאַטירעלכע באַדערפעניש. דאַן האָט מען געמוזט וועקן דעם שכן פון די נאַרעס ער זאָל אַכטונג געבן ביזן צוריקקערן זיך, אָדער די וואַסער מיטנעמען מיט זיך.

מיר, נאָענטע חברים, פלעגן זיך אָפּט צונויפנעמען, אַרויפקלעטערן אויף די נאַרעס פון איינעם און באַהאַנדלען אונדזער לאַגע, און געמאַכט חשבונות, און געקומען צום אויספיר, אַז נעמענדיק אין אַכט די שווערע און נישט מענטשלעכע באַדינגונגען, די גרויסע שטערבלעכקייט אין לאַגער, און די סיבות, וועלכע ברענגען דערצו (דאָס איז דאָך נאָר דער אָנהויב פון אונדזערע באַקומענע 10 יאָר) — וועט פון דאַנען קיינער פון אונדז נישט אַרויס. נאָר צופעליק און על פּי נס קען מען דערווייל אויסהאַלטן. קיין שום רייד קען נישט זיין וועגן אויסהאַלטן דעם גאַנצן 10 יעריקן טערמין. מיר האָבן פּשוט אויסגערעכנט אַריפמעטיש, נעמענדיק אין אַכט די צאָל אַרעסטאַנטן אין לאַגער און די צאָל טעגלעך־שטאַרבנדיקע. אָפילו ווען מיר וועלן שטאַרבן ממש די לעצטע, נאָך אַנדערע — איז געבליבן לעבן נאָך געציילטע חדשים. אמת, מיר האָבן וויניקער געגומען אין אַכט די צאָל נייע עטאַפּן, וואָס קומען אָן כּדי פאַרבייטן די „אָוועקגייענדיקע" אַרבעטס־כּוחות.

אונדזער אַלטיטשקער וואָלף יאַקאָוולעוויטש מילנער, וועלכן מיר האָבן בשום אופן נישט פאַרלאָזט האָט זיך נישט שלעכט געהאַלטן אין זיין באַראַק פון די אָפּגעשאַכטע. פון צייט צו צייט האָט אים די אינע־ווייניקסטע אַדמיניסטראַציע אויסגענוצט ביי פאַרשידענע אַרבעטן אין ביוראָ, פאַר וואָס ער האָט באַקומען אַ ביסעלע מער ווי אַנדערע אָפּגע־שוואַכטע אין זיין באַראַק. מיר פלעגן אים אויך אַריינטראָגן אַן איבעריקן ביסן, אויב ס'פעלגט זיך מאַכן אַזאַ מעגלעכקייט.

ווי שוין דערמאָנט, איז אין אונדזער עטאַפּ געווען דאָס שניידערל ווייסמאַן (פאַרגעסן זיין נאָמען) פון שטעטל ציורופינסק (ביי כערסאָן), וועלכער האָט אויך מיט אונדז געאַרבעט אין וואַלד און גיך געוואָרן אויסגעמאַטערט ביז גאָר. איין מאָל, קומענדיק פון דער אַרבעט איז ער אַרויסגערופן געוואָרן אין לאַגער־שטאַב, וווּ מ׳האָט אים פאַרגעלייגט אַרבעטן ביי שניידעריי אויף באַדינען די וואַכלייט מיט זייערע משפחות. דאָס איז באמת פאַר אים געווען אַ רעטונג מן השמים. יעדן פרימאָרגן ווערט ער אַרויסגעפירט פון דער זאָנע אין אַ ספּעציעל צימערל פון זיין שניידער־וואַרשטאַט ביים שטאַב, דאָרטן — אַ זעלטן גליק — האָט ער אויך באַקומען דאָס זעלבע עסן, וואָס מ׳האָט פאַרטיילט פאַר דער וואַך־מאַנשאַפט. פון דעמאָלט אָן פלעגט מיר אַ מאָל אויך עפּעס אַריינפּאַלן פון די איבערבלייבעכצן אויפן טיש ביי זיי. דאָס האָט מיר זייער געהאָלפן, ווייל צו יענער צייט בין איך שוין אויך דערפירט געוואָרן צו אַן אויס־שעפּונג פון די כוחות.

אונדזער דערמאָנטער שוין, פריינד פּעטרושקע, דער אַמאָליקער מיט־אַרבעטער פון כאַרקאָווער יידישער צייטונג „שטערן" איז שוין אין גאַנצן דערפירט געוואָרן צו דיסטראָפיע, ממש אַ צאַנקנדיקער שאָטן. ער האָט קוים געשלעפּט די פיס. אויך אים האָט אונטערגעהאַלטן מיט „איבער־בלייבעכצן" פון דעם פרייען טיש אונדזער גוטער מלאך — דאָס שניידערל ווייסמאַן.

אין יענער צייט האָב איך שוין געאַרבעט אין אַ בריגאַדע ביים אָפּ־רייניקן אַ פאַרבלאָטיקטן שטח מיט אָנגעוואָרפענע קלעצער. די קלעצער האָט מען באַדאַרפט איבערטראָגן אויף די פּלייצעס אין אַן אַנדער אָרט. פאַר עטלעכע טעג האָט אַ העלפט מענטשן פון אונדזער בריגאַדע אָפּ־געקוועטשט די אַקסלען ביז בלוט־ווונדן. מיר האָבן שוין נישט געקאָנט אויסהאַלטן די אַרבעט ביים איבערטראָגן די קלעצער, נישט קוקנדיק דערויף, וואָס מיר האָבן שוין געמאַכט ספּעציעלע „קישעלעך" אויף די אַקסלען פון זעגעכץ און שטרוי.

דער, שוין דערמאָנטער, היגטישער דאָקטער אַגאַרקאָוו האָט קיין שום באַפרייונג נישט געגעבן פון דער אומדערטרעגלעכער אַרבעט ווייל... עס איז קיין טעמפּעראַטור נישט געווען. פאַרקערט, מע האָט נאָך חושד געווען (נישט אָן דעם דאָקטערס עצה) אַז מיר האָבן ספּעציעל אָפּגעקוועטשט די אַקסלען, כדי נישט אַרבעטן און אַרונטעררייסן דעם פּלאַן פון האָלץ־פאַרגרייטונג. דער דאָקטער האָט פאַרגעלייגט דער אַדמיניסטראַציע אי־בערפירן אונדז אויף אַן אַנדער אַרבעט (נישט ביים איבערטראָגן קלעצער אויף די אַקסלען) און דאַן האָט מען אונדז אַ „טובה" געטאָן און איבער־

געפירט אויף אַרבעטביים אויסוואָרצלען דעם שטח, נאָך די אָפּגעזעגטע ביימער. די אַרבעט האָט אונדז אין גאַנצן שוין אַוועקגעלייגט. ס'איז נישט געווען קיין שום מעגלעכקייט אויסצופּילן די נאָרמעס. אויף פיר מענטשן האָט מען אונדז געגעבן אַ נאָרמע פון 16 וואָרצלען אָן שום טעכניק. מיר האָבן ביי אונדזער אַרבעט קיין טראַקטאָר נישט געהאַט און אַפילו אים נישט געזען. אונדזערע אַרבעטס-מכשירים זענען באַשטאַנען פון אַ לאָפּעטע, אַ קירקע, אַ זעגל, אַ האַק און דרענגלעך אויף אונטערצושפּאַרן.

וויפל מיר האָבן זיך נישט געסטאַרעט, געהאָרעוועט אָן אָפּרו דעם גאַנצן טאָג — האָט זיך נישט איינגעגעבן אויסצופּילן די נאָרמע. זעלטן זענען מיר דערגאַנגען צו אַ האַלבער נאָרמע און אַפילו ווייניקער. די וואָרצלען פון אויסגעהאַקטן געדיכטן וואַלד זענען געווען צווישן זיך איבערגעפלאָכטן. ס'איז געווען נישט קיין אַרבעט, נאָר אַן אמת אָפּקומעניש.

גייענדיק פון דער אַרבעט האָבן מיר זיך קוים געשלעפּט, און דערצו נאָך אויסגעשטעלט אויף דעם, אַז אַנשטאָט אין באַראַק — פאַרקערעווען אין קאַרצער פאַר נישט אויספילן דעם פּלאַן און פאַרקלענערטער, די אַזוי אויך בצמצומדיקע פּייקע ברויט. דאָ האָבן מיר זיך איבערצייגט, אַז ווי שווער ס'איז נישט געווען ביים שטאָבעלירן די קלעצער — איז עס אין פאַרגלייך מיטן אויסוואָרצלען, געווען איינע פון די מער גרינגערע אַר־בעטן אין וואַלד. אונדזער איטאַליענער נעיקאָ האָט געזאָגט, אַז דאָס דער־קלערט זיך דערמיט, וואָס אין אָנהויב זענען נאָך די כוחות געווען פרישער און איצטער זענען מיר שוין אויסגעשעפּטע.

פאַר אונדזער אָנקומען אין לאַגער זענען דאָ געווען זייער אַ סך פאַלן פון זעלבסט-קאַליטשעריי — („סאַמאָרוב״) : מ'מנאַכט זיך פעלערן דורך אָפּהאַקן די פינגער, אָדער אַנדערע ספּעציעל אַרויסגערופענע צרות, כדי פּטור צו ווערן פון די פאַראַסטע און אוממענטשלעכע קאַטאָרגע־אַרבעטן. די אַדמיניסטראַציע פון לאַגער האָט דעמאָלט אַנגענומען די שטרענגסטע מיטלען צו פאַרמיידן אַזעלכע פאַלן. אויב עס איז פעסט־געשטעלט געוואָרן אַז דער לאַגערניק האָט דאָס געטאָן באַוווּסטזיניק און ס'איז נישט קיין אומגליקס-פאַל — האָט דעם דאָזיקן „פאַרברעכער״ גע־משפּט אַ ספּעציעלער לאַגער-געריכט, וועלכער האָט צוגעגעבן נאָך אַ טערמין פון 5 — 10 יאָר. דער לאַגער-דאָקטער האָט באַקומען אַ ספּעציעלע אָנווייזונג, ווי אַזוי „פעסטצושטעלן״ אַזעלכע פאַקטן. נעיקאָ האָט, ווי שטענדיק, געזאָגט אַז דער איינציקער אויסוועג צו באַפרייען זיך פון די ליידן, איז אויפהענגען זיך אויף אַ בוים. ער האָט כסדר איבערגעחזרט:

— „ווען מיינע חברים-קאָמוניסטן אין איטאַליע וואָלטן געוווּסט ווי אַזוי זיי האָבן מיך געראַטעוועט פון אַ מעגלעכער תפיסה ביי מוסאָליני ?״

אַ שאָד — זאָגט ער ווייטער, וואָס איך קען זיי נישט דערציילן. געוויס זענען זיי מיך מקנא געווען, ווען מיר האָט זיך איינגעגעבן דערגרייכן דעם ראַטנפאַרבאַנד...

וועלנדיק כאַטש אַ ביסל באַרויקן דעם איטאַליענער נעיקאַ האָב איך אים דערציילט וועגן גורל פון אַן אַנדער פּאָליטישן עמיגראַנט מעלני־טשענקאָ מיכאַיל וואַסיליעוויטש פון דאָרף טערפּעניע (מעליטאָפּאָליער ראַיאָן) מיט וועלכן איך בין געזעסן צוזאַמען אין דער 51־טער קאַמער פונעם טויטן־קאָרידאָר און אים געקענט פון דער פרייַ (מיר האָבן גע־אַרבעט אין איין טרעסט), ער איז דערנאָך דערשאָסן געוואָרן דאָרט, ווי אַ פּוילישער „שפּיאָן", און אַז ער, נעיקאַ, האָט נישט געטיילט דעם גורל פון מעלניטשענקאָ און קען נאָך איבערלעבן דעם לאַגער. ער אָבער האָט נישט אָנגענומען אַזאַ מין טרייסט.

ביים שטאַבעלירן די קלעצער, ביים אָפּרייניקן דעם שטח און אַנדערע אַרבעטן אין וואַלד, האָב איך זיך נאָך געהאַלטן, אמת, מיט די לעצטע כוחות. איצטער פיל איך אַז דאָס לעצטע ביסל געזונט רינט אויס. איך קום פון דער אַרבעט קוים אַ לעבעדיקער און האַלטנדיק זיך ביי די הענט פון חברים, וועלכע האָבן מיר אַרויסגעוויזן געטריישאַפט. דאָס נוצן אויסשליסלעך „געזאָטענע" וואַסער איז אַ צוגאָב צו מיינע ליידן.

איך האָב געפונען פּראַקטיקציע צום אוסוווּרף „דיאַדיאַ גרישאַ" פון דער „קיפּיאַטילקע" אויף באַקומען וואַסער פון די טיטאַנען אַן אַ רייע". דאָס קאָסט מיר יעדע וואָך אַ פּייקע ברויט. מיינע פּייקעס זענען איצטער געוואָרן אַ סך קלענער ווי פריער. איך בין תמיד הונגעריק. איך האָב שוין אויך דעם זייגער אויסגעביטן אויף ברויט (דאָ קען מען לעבן אָן אַ זייגער אויך). איך בין שוין געזעסן אין קאַרצער אויך פאַר נישט אויספילן דעם „פּלאַן" און אַרונטערגערייסן אים, ווען מיר האָבן אַנשטאָט 16 — אויסגע־וואָרצלט נאָר... 6 פּניאַקעס. מ'האָט איינגעזעצט די גאַנצע „זווענאָ" (רינג) פון 4 מענטשן. איך ציטער נישט אַריינצופאַלן נאָך אַ מאָל. די וואַנצן עסן דאָרט אויף לעבעדיקערהייט. מען קען נישט זיצן און נישט ליגן דאָרט. דאָס לייב ווערט אַכזריותדיק צעביסן און צעקראַצט ביז בלוט. דאָרט איז אויך קיין רעטונג נישטאָ. צום פּייניקן זענען די וואַנצן נישט קיין שלעכטע געהילפן פאַר דער לאַגער־אַדמיניסטראַציע. מיין רעטונג איז נאָך אַ ביסעלע באַשטאַנען אין דעם, וואָס דאָס שניידערל ווייסמאַן ברענגט מיר אונטער שטיקלעך ברויט פון די איבערבלייבעכצן ביי זיי. ער ברענגט דאָס אין געהיים און צעטיילט דאָס אויך פאַר אַנדערע אַזעלכע אָפּגעשוואַכטע ווי איך. וואָס וועט זיין מיט מיר ווייטער? עס מאַטערט כסדר דער געדאַנק, צי ווייסט מען אויף דער פרייַ וועגן אונדזערע ליידן? איך וויל נישט וואַר־

וואַנדלט ווערן אין אַ „דאַכאַדיאַגע", נאָר איך פיל אַז אַט, אַט ווער איך עס שוין. איך בין נאָך ביים פולן געדאַנק. איך זיץ נאָך נישט קיין גאַנצע צוויי יאָר. צום סוף פון די צען יאָר איז נאָך ווייט, ווייט.

כמעט יעדן אָוונט קומען אַריין פריינד אין אונדזער פּאַלאַטקע. אַלע רייד און אַלע טעמעס דרייען זיך אַרום איינעם — וואָס וועט ווייטער זיין און ווי וועט מען קענען פון דאַנען אַרויסרייסן זיך? דאָס איז דאָך ממש אַ טויטן־לאַגער אין פולן זין פון וואָרט. מיר האָבן פאַרשטאַנען אַז אַן ערגער גהינום איז אַפילו שווער זיך פאַרצושטעלן.

אָפט באַזוכן מיר אונדזערע פריינד אין זייערע באַראַקן ווייל, ווי שוין דערמאָנט, איז די „בינע" פון אונדזער פּאַלאַטקע־„קלוב" פאַרנומען דורך די וואַכטיאַרן, וועלכע זענען אין דער מערהייט אויך „באַזוכער" פון „דריטער טייל" (לאַגער־נקודה) און צו פיל גלויבן קען מען זיי אויך נישט. ווען אונדזערע פריינד קומען און קריכן אַרויף אויף די נאַרעס, ווו עס ליגן אויך אומבאַקאַנטע — קען מען אַ סך נישט אַרומרעדן. ס'פּאַלט גלייך אַ חשד און בפרט נאָך ווען אונדזערע שמועסן זענען ווייט נישט קיין לויב־געזאַנגען פאַרן „אַלמעכטיקן פאָטער פון אַלע פעלקער" — סטאַלין. נישט ווייניק פאַרשטייער פון די פעלקער זענען דאָ טאַקע אין „לייבושע" און נישט נאָר זיי זענען, נאָר אויך פילן זיך זיין חסד. איצטער איז שוין אַ ביסל וואַרעמער געוואָרן און מ'קען זיך דורכשמועסן אין דרויסן.

פאַר דער צייט, וואָס מיר זענען דאָ, זענען אָנגעקומען דריי עטאַפּן. קיינער איז פאַר דער צייט נישט באַפרייט געוואָרן. דער „בית הקברות" נעמט אַלעמען צו אָן ספּעציעלע לוויות, אָן יללות און אָן הספּדים.

נאָך אַ צרה אויף אונדזער קאָפּ —קאָמאַרן. זיי לאָזן נישט לעבן, זיי פרעסן דאָס לייב און בייסן אָן רחמנות. נישטאָ ווו אַהינטאָן זיך. ווי אַזוי מען זאָל זיך נישט אַרומבינדן, קריכן זיי אַריין און בייסן. ווען איך וואָלט געקענט כאָטש עטלעכע טעג אויסרוען זיך. מיר אַרבעטן 10 שעה אין טאָג. כמעט 2 חדשים ווי מען האָט אונדז קיין אָפּרו־טאָג נישט געגעבן. שטענדיק ווערט דאָס דערקלערט מיט אונדזער אָפּשטיין אין אויספילן די פּלענער. דער פּלאַן פון האָלץ־פאַרגרייטונג מוז אויסגעפילט ווערן צו דער צייט — אַזוי זאָגט דער נאַטשאַלניק פונעם לאַגער. ס'איז דאָך אַ לאַנד פון סאַמע פּלענער. יעדן שבת אין אָוונט וואַרטן מיר אויף אַ באַפעל פון נאַטשאַלטיק אַז מאָרגן וועט זיין אַן אָפּרו־טאָג. כדי אים באַקומען — דאַרף זיין אַ ספּעציעלער באַפעל, וועגן וועלכן מען מעלדעט בשעת דעם „אַפּעל". איך טרוים קראַנק צו ווערן, און באַקומען הויכע טעמפּעראַטור, אָבער זי קומט נישט ווען מען וויל.

ווינטער, ווען די פרעסט זענען געווען גרויס, פלעג איך בייניאַכט,

צוזאַמען מיט נעיקאַ, אַרויסגיין צו נאַטירלעכע באַדערפעענישן אין דרויסן מיט באַרוועסע פיס אויפן אייז, ספּעציעל צו פאַרקילן זיך, אָבער אויף להכעיס איז דאָס קיין איין מאָל נישט געשען. איצטער, ווען ס'איז שוין וואַרעם — קען אַזעלכעס זיכער נישט פּאַסירן. אַנטרינקען זיך מיט רויע וואַסער „צו דער זעט" ? דאָס איז דאָך טויט דורך דעזינטעריע. פון דעם האַלט איך זיך אַנטשיידן אָפּ. ווי שווער מיר זאָל נישט אָנקומען — מייד איך אויס טרינקען רויע וואַסער. קאַלעסניקאָוו באַגיטיקט מיין שטאַרקן ווילן. צייטנווייז העלפט ער מיר מיט „געזאַטענער" וואַסער. ער איז מיר אויסערגעוויינלעך געטריי. ער האַלט זיך גוט מיט זיין געזונט און אַרבעט אין וואַלד אַלס „פּאַוואַלשט-שיק", ער וואַלגערט די ביימער. נעיקאַ איז אויך געוואָרן זייער אָפּגעשוואַכט נאָך אונדזער אַרבעט ביים אויסוואָרצלען דעם שטח. איצטער אַרבעט ער ביי פאַרשידענע אַרבעטן אין זאָנע. פון מיין היים ווייס איך גאָר נישט. די סאָוועטישע לאַגער-סיסטעם האָט אפשר אויך פאַרפלאַנירט אויסוואָרצלען פון האַרץ און פון געדאַנק די ליבע צו עלטערן, פרוי און קינדער ? מיר .ענען אָפּגעריסן ממש פון דער וועלט. ווען ס'קומט אָן אַ נייער עטאַפּ וועוס אַ ביסעלע לעבעדיקער. מען באַקומט גרוסן. אויב נישט פון אייגענע, איז כאָטש פון דער, אַזוי גערופענער, פרייער וועלט. אַזאַ אויפלעבונג געדויערט נאָר עטלעכע טעג. די נייאַנגעקומענע ווערן גיך פאַרוואַנדלט אין טיפּישע „זע-קאַ", איינגעשפּאַנט אין אומדערטרעגלעכן יאָך פון דער לאַגער-וועלט אין דעם פאַרוואָרפענעם, פאַרשאָלטענעם ווינקל פון אַרכאַנגעלסקער געגנט.

איך האָב שוין אויך פאַרקויפט, אַ חוצן דערמאָנטן זייגער, דאָס איבעריקע ביסל „גוטס" וואָס די פרוי האָט מיר איבערגעגעבן אין דער 51-טער קאַמער. איך האָב דאָך אַ ביסעלע געהאַלטן אויף „קעסט" מיין אַלטיטשקן וואָלף יאַקאָוולעוויטשן, וועלכער איז ביי מיר געוועזן ווי אַ טאַטע און וועמען מען מוז, כאָטש מיט עפּעס פאַרגרינגערן זיין לאַגע. מיט אים פלעג איך זיך טיילן ביי יעדער מעגלעכקייט, כאָטש ער איז כסדר געען קעגן מיין הילף, ווייסנדיק אַז אויך איך לייד הונגער. די לעצטע צייט האָבן אים אָנגעהויבן צווואַרפן אַביסל עסן די „קאַנטאַרשטשיקעס" פון דער אינעוויניקסטער זאָנע פאַר העלפן זיי שרייבן זייערע „שפּאַרגאַלקעס" (שרייבונגען).

די ענגשאַפט אין די באַראַקן איז זייער גרויס (איבערהויפּט ווען ס'קומען אָן נייע עטאַפּן. מע ליגט צונויפגעפּרעסט אויף די הוילע נאַרעס נאָכן שווערן טאָג האַרעוואַניע אין וואַלד. אַנשטאָט קישעלעך אונטערן קאָפּ — די קלומ-קעס און אויך די נאָסע און פאַרבלאָטיקטע שיך. ס'איז פאַר די שיך קיין אַנדער אָרט נישטאָ. אונטער די נאַרעס גנבעט מען זיי צו. אָפט מוז מען שלאָפן מיט אָנגעטוענע שיך אויף די פיס. קיינער יאָגט נישט אין באָד אַריין. מען איז פאַרברודיקט און מען ווערט פאַרלייזיקט. מען שטייט נאַקעטערהייט

אויף דער קעלט ביי דער באָד און מע וואַרט ביז די דעזינפעקציע וועט זיך ענדיקן. ווי אַזוי מען זאָל נישט פּרוּוון זיך האַלטן ריינער — ווערט מען סיזוי פאַרלייזיקט ביי אַזעלכע באַדינגונגען. קיין הילף פון קיינעם. קיינער אינטערעסירט זיך נישט מיטן גורל פון דער מענטשן מחנה. אַפילו ווען מיר זאָלן וועלן ערגעץ־ווּ אָנשרייבן — האָבן מיר אויך נישט קיין מעג־לעכקייטן. אַז עמעצער שרייבט שוין יאָ אָן, איז עס אויך ווי אַ קול קורא במדבר, אָדער עס קומט צוריק צו דעם אויף וועמען מען באַקלאָגט זיך. אונדזערע וויי־געשרייען שטיקן מיר אין זיך. מען טאָר נישט, נישט נאָר שרייען, נאָר אויך רעדן.

די פּילצאָליקע „שאַטנס”, וואָס שלייכן זיך איבערן לאַגער, זענען שוין, דאַכט זיך, אַראָפּ פון זינען. זיי זענען נישט מסוגל צו פאַרשטייען זייער אייגנעם צושטאַנד. אפשר איז דאָס פאַר זיי שוין טאָקע בעסער? אין אַזעלכע פאַלן האָבן שוין אפשר אונדזערע פייניקער דערגרייכט זייער ציל — אויסראָטן און אויסוואָרצלען דאָס מענטשלעכע אין זייערע קרבנות? די מענטשן־שאַטנס קלערן שוין פון גאָרנישט, חוץ געפינען און אַריינכאַפּן עפּעס אין מויל אַריין ביים מיסטקאַסטן אָדער ביי דער קיך. —

## מיר טרייבן געהילץ מיטן טייך

היינט האָט מען אונדז אָוועקגעטריבן אויף נאַכט־אַרבעט. די ביינאַכטיקע אַרבעט רופט ביי מיר שטענדיק אַרויס אַ ציטערניש. צוליב מיין קורצזיכ־טיקייט קען איך נאָך, חלילה, אָפּנויגן זיך פון וועג און דאַן וועט דער קאָנוואָי האָבן אַ גוטן תירוץ אַריינצושיסן אין מיר אַ קויל...

די אַרבעט איצטער איז אין פולן ברען. ס׳איז אַ „האָלץ־גאַנג”. מען טרייבט איבערן טייך דאָס צוגעגרייטע געהילץ פאַרן פאַרגאַנגענעם ווינטער. אויף די ברעגן פלאַקערן גרויסע און ליכטיקע שייטערס. אונדזער בריגאַדע געפינט זיך אויפן לינקן ברעג טייך. פון שייטער טאָרן מיר זיך נישט דער־ווייטערן מער, ווי עס איז אָנגעוויזן. אין קעגנפאַל קען מען דערשאָסן ווערן. די שייטערס לייכטן צוליב דעם, אַז דער קאָנוואָי זאָל קענען פון זיין אָרט, ערגעץ־ווּ, אָבסערווירן יעדן פון די אָגערניקעס, וועלכע אַרבעטן דאָ ביי נאַכט. מיר זענען נישט די קאָנוואָירער

דאָס ערגסטע אָרט ביים טרייבן געהילץ אין נישט־ברייטע טייך־פּליוסן — איז דאָס שטיין ביי „קניען” און שאַרפֿע אויסבויגן, ווייל אויף די ערטער טרעפן זיך אָפטער „זאַטאָרן” (פאַרשטאָפּונגען). כדי זיי אויסמיידן — פאָדערט זיך גרויס אָנשטרענגונג און אויך אַ גוטע ראיה (איבערהויפּט ביי

נאַכט). דער אײַזגאַנג אויפֿן טײַך „לײַבושע" האָט זיך דאָס יאָר פֿאַרהאַלטן, דעריבער איז נישט געלאָזט געוואָרן אין גאַנג צום טערמין דאָס פֿאַרגרייטע האָלץ. די אַדמיניסטראַציע לאַגער האָט געצווונגען אונדז, לאַגערניקעס, אין פֿאַרשידענע ערטער פֿון טײַך אויפֿרײַסן דאָס אײַז, כּדי אַרויסרופֿן דעם אײַזגאַנג, נשט דערוואַרטנדיק זיך ביז דער טײַך וועט אַליין זיך באַפֿרײַען פֿון אײַז.

נאָך אײדער דער טײַך איז אָפּגערײניקט געוואָרן — האָבן שוין, ערגעץ־ווו העכער, אַנדערע בריגאַדעס אָנגעהויבן וואַרפֿן דאָס שטאַבעלירטע געהילץ אין טײַך, גלײַכצײַטיק האָבן מיר אויך אָנגעהויבן אונדזער אַרבעט, אונטער־געיאָגטע דורך די בריגאַדירן, קאָנוואָירן און ספּעציעלע שליחים פֿון דער לאַגער־אַדמיניסטראַציע.

דאָס נישט אין גאַנצן אָפּגערײניקטע אײַז האָט די ערשטע צײַט געבראַכט צו גרויסע „זאַטאָרן". סע זענען אויך געווען פֿאַלן ווען מענטשן זענען צעקוועטשט געוואָרן צווישן די קלעצער, אָבער דער טויט פֿון לאַגערניק אָדער עטלעכע מאַכט גאַרנישט אויס ביי דער אַדמיניסטראַציע. בעיקר איז וויכטיק געווען דאָס ליקווידירן דעם „זאַטאָר" און אויספּילן דעם פּלאַן.

אויף ליקווידירן „זאַטאָרן" מאָביליזירט מען בריגאַדעס אויך פֿון אַנדערע אַרבעטס־פּלעצער. ס׳ווערט געמאָלדן אַן „אַווראַל" (אויסנאַם־צושטאַנד). פֿון אַלע זײַטן יאָגט מען אין וואַלד די לאַגערניקעס ווי צו אַ שׂרפֿה. מען שלײַדערט אײַניקע אין אײַז־קאַלטן וואַסער זיי זאָלן אַרוסשלעפּן דעם אָדער יענעם גורם־קלאָץ פֿון אונטער דער געוואַלדיקער געהילץ־משא. ווען די נאַטשאַלסטוואָ, וועכטער און שליחים איבערצײַגן זיך, אַז נישט געקוקט אויף די געוואַלדיקע אָנשטרענגונגען און אויך מענטשלעכע קרבנות איז מען נישט אומשטאַנד ליקווידירן דעם „זאַטאָר" — ווערט אונטער די קלעצער אונטערגעלייגט אויפֿרײַס־מאַטעריאַל, אײן מאָל און דאָס צווייטע מאָל אויפֿגעריסן ביז דאָס געהילץ רירט זיך און דאָס טרײַבן גייט ווײַטער אָן נאָרמאַל, פֿאַרשטייט זיך, אַז דאָס אַלץ ווערט אויסגעפֿירט אויפֿן חשבון פֿונעם געזונט און אויך דעם לעבן פֿון די לאַגער־מענטשן.

מיטן פֿאַרשווינדן פֿון דער אײַז־משא און דעם „זאַטאָר" ווערט די אַרבעט אַלץ גרינגער; אָבער מיט דעם האָט זיך די פּרשה „זאַטאָר" נישט געענדיקט. ס׳הויבט זיך שפּעטער אָן אַן אויספֿאָרשונג. מען זוכט שולדיקע. וועלכע בריגאַדע און ווער פֿון זײַנע מיטגלידער איז געשטאַנען דעמאָלט אויף דעם אָרט, ווו דער גורם־קלאָץ האָט פֿאַרשטאָפּט דעם טײַך־אויסבויג, פֿאַר וואָס האָט מען יענעם קלאָץ צו דער צײַט „נישט געוואָלט אָפּשטופּן ? מען פֿרעגט אַ צווייטן, אַ דריטן, מען דראָט אַזוי לאַנג און אַזוי ברייט ביז וואַנען עס ווערן געפֿונען די „שולדיקע" ווײַל זיי „מוזן אומבאַדינגט זײַן", בפֿרט ווען

כמעט אַלע זענען געמשפּט ווי שולדיקע אין קאָנטררעוואָלוציאָנערער טעטי־קייט, שעדיקערײַ און „שונאים פון פאָלק". מען פאַרשט, מען מאַטערט, מען גיט פּעטש, מען טשעפּעט זיך, מען סטאַרעט זיך אַרויסבאַקומען אַ „באַשטע־טיקונג" צו נייע באַשולדיקונגען. אַך, ווי שווער עס איז אַלץ איבערצוטראָגן. דאָס איז אַ צוגאָב צו דער שווערער אַרבעט, צו די לײַדן, פון קעלט, הונגער, און דער הפקרות פון די לאַגער־מושלים.

כדי אויף ווייטער אויסמײַדן „זאַטאָרן" האָט מען אַנגעהויבן שטעלן צו 2 פּערזאָן אויף די „שאַרפע קניִען" און איבערהויפּט אין די נאַכט־שעהען. דאָס איז פאַרבינדן מיט גרויס אָנגעשטרענגקייט און סכנה צוליב דעם, וואָס מע איז באַגרענעצט אין די באַוועגונגען. אין פאַל פון אַ נויט קען מען ניט קומען צו הילף ווו מע לויפט ביים טאָג־ליכט ווען מע באַמערקט אַז ביים חבר האַלט „שמאַל".

ביי מיין „קני" שטיי איך אַליין און אַרבעט מיטן „באַגאַר" — (אַ דראַנג מיט אַ מעטאַלענעם שפּיץ און האַטשעק) זייער אַנגעשטרענגט אויך צוליב מיין קורצזיכטיקייט. מע וויל מיר נישט צוליב אַזאַ „קלייניקייט" באַפרייען פון דער נאַכטשיכט און איבערפירן אין דער בייטאָגיקער. דער לאַגער־דאָקטער אַגאַרקאָוו, אַ „זעקאַ" ווי מיר אַלע, זאָגט אַז ער נאָר צוליב „מער ערנסטע סיבות" באַפרייטער פון דער נאַכט־אַרבעט. אַלע יידן האָבן זיך אויף אים באַקלאָגט. (ער האָט זיך שפּעטער אַרויסגעוויזן ווי אַ פאַרביסענער אַנטי־סעמיט) דער שווייס גיסט זיך פון מיין פּנים, נישט קוקנדיק אויפן ביינאַכטיקן פראָסטל. דאָס העמד איז שוין אויסצודרייען. איך האָב נישט קיין מעגלעכקייט אַפילו אונטערלייגן האַלץ צום שייטער. אַרום הערן זיך געשרייען און באַפעלן פון די באַוואָפנטע וועכטער (וועלכע מיר זעען נישט) אַז מען זאָל אונטער־לייגן מער האָלץ, זיי זאָלן ביי די פלאַמען אונדז קענען זען. ס'איז דערווייל נאָר האַלבע נאַכט. מע דאַרף שטיין ביז 6 אין דער פרי. מיינע פיס האַלטן שוין נישט דעם קערפּער, וואָלט איך נישט געשטאַנען ביי אַ „קני", אָדער מיר וואָלטן געווען אין צווייען — וואָלט איך אַזוי פון די פיס נישט געפאַלן. די מורא צו דערלאָזן אַ „זאַטאַר" איז אין לשער. ווען אַזעלכעס וואָלט מאָרד, כאָטש איך האָב כסדר נעיקאָ אָפּגערעדט און אים אָפּגעהאַלטן פון איצטער געשען — וואָלט שוין, דאַכט זיך, גאָרנישט אָפּגעהאַלטן פון זעלבסט־דעם.

צום קאַנוואָיִרער טאָר מען נישט רעדן. ווער זעט אים דען? דעם אמת זאָגנדיק, ווער וויל אים דען זען? דער בריגאַדיר האָט באַדאַרפט צוגיין אַהער, אָבער אויך אים זעט מען נישט. ער איז אויך באַגרענעצט אין באַוועגן זיך. ער וואָלט זיכער געזען מיין פאַרצווייפלטע לאַגע, וועלכע קען גרינג ברענגען צו אַ פאַרשטאָפּונג. איך ווייס נישט צי וואָלט ער געקענט עפּעס אויפטאָן אַן

דער הילף פון קאַנוואַירער אַליין, וועלכער וועט זיין לויערפונקט נישט פאַרלאָזן און ער דאַרף עס נישט געוויס.

טראַכטן און קלערן איז נישטאָ קיין צייט. די שווימענדיקע קלעצער וואַרטן נישט. זיי דערנענטערן זיך שטילערהייט, ווי זיי וואָלטן זיך ספּעציעל אונטערגעגנבעט אין „קני" אַריין און ווילן בשום אופן זיך אַליין נישט אויסדרייען מיטן שטראָם. מען מוז זיי כסדר „דערמאָנען" מיטן „באַגאָר" און מיט גרויס מאַטערניש אָפּשטופּן. צווישן זיי איז פאַראַן גוואַלדיק גרויסע. ספּעציעלע בריגאַדעס וואַרפן אין וואַסער אַריין די, דורך אונדז צוגעגרייטע גרויסע שטאַבלען מיט קלעצער. זיי, די וואַרפערס, רעכענען זיך מיט גאָרנישט. זיי גייט נישט אָן אונדזער אַרבעט ביים טרייבן. זיי האָבן אויך נאָרמעס.

אין די נאַכט-שעהען איז בכלל שווערער רעגולירן צווישן וואַרפן און טרייבן, ווייל דאָס איז אויך פאַרבינדן מיטן קאַנוואַי, וועלכן מ'האָט אויסגעלערנט שיסן ביי „פאַרשידענע אומשטענדן". מ'האָט אין זיי איינגעוואָרצלט אַ גוואַלדיקע שנאה און אומגלויבן צו די פאַראורטיילטע. זיי נוצן טאַקע אויס יעדע געלעגנהייט כדי צו באַווייזן סיי דאָס ערשטע און סיי דאָס צווייטע. זיי זידלען. זיי דערנידעריקן. ביי זיי עקזיסטירט נישט קיין טאַטע, זיידע און פרוי. אַלע באַקומען אין דער מאַמעס מאַמען אַריין ביזן וויטסטן דור און אויך אין דער זייט אַריין מיט דער ביקס. אַנו, פּרוווט נישט שווייגן! מיר האָבן ביז דעמאָלט נישט געוווּסט אַפילו פון אַן איינציקן פאַל, אַז אַ קאַנוואַירער זאָל צוגעצויגן ווערן צו פאַראַנטוואָרטלעכקייט פאַר באַלייִדיקן, שלאָגן אָדער אַפילו דערשיסן אַ לאַגערניק. דאָס איז שוין געווען אַ סיסטעם. זיי זענען שטענדיק געווען גערעכט און דער פאַראורטיילטער — שולדיק.

שטיין ביים שייטער און וואַרעמען זיך האָט מען נישט געטאָרט. אין דער צייט פון אַרבעט פעלט עס נישט. און טאָמער גייט מען יאָ צו זיך וואַרעמען, אַזוי הערט זיך תיכף אַ געשריי פון דער פינצטערניש אַרויס: „אַוועק פון שייטער, דו ביסט געקומען אַרבעטן און נישט וואַרעמען זיך ביים שייטער"... און פאַרשטייט זיך מיט אַ צוגאָב פון ברכות אין דער מאַמעס מאַמען אַריין. סע פעלט טאַקע נישט דאָס וואַרעמען זיך ביים שייטער ווען דאָס שווייס גיסט זיך פונעם פּנים און פונעם גאַנצן לייב. וועל איך אויסהאַלטן ביז 6 אין דער פרי? צי וועט מיין הייַנטיקע אַרבעט פאַרביי אָן אַ „זאַטאָר"? איך וואַרט מיט אומגעדולד ביז די פאַרבייט אַרבעטער וועלן קומען, איך זאָל זיי איבערגעבן מיין באַגאָר און גיין „אַ היים". אַפילו אָן עסן וועל איך זיך אַוועקוואַרפן אין פּאַלאַטקע אויף די

האַרטע נאַרעס און רוען, רוען. אָבער ביז דעם גליק איז נאָך געבליבן 4—5 שעה שווערע און אָנגעשטרענגטע אַרבעט.

כ'האָב דערהערט הינטער מיר שווערע און גיכע טריט. אײדער איך האָב באַנעמען וואָס ס'איז געשען — האָב איך דערהערט אַ שרעקלעך זידלערײ פונעם וואַכמאַן און דערפילט אַ שטאַרקן זעץ אין פלײצעס מיט דער ביקס. ער האָט מיך אַרײנגעשטופּט אין טײך, ביזן האַלדז אין אײַז־קאַלטן וואַסער. בײם שײַן פון שײַטער האָב איך דערזען דעם קאָנוואָירער אויפן ברעג.

— איך זע — שרײַט ער מיט צאָרן — פאַרשאָלטענער קאָנטריק, אַז דו ווילסט מאַכן ספּעציעל אַ „זאַטאָר". איך וועל דיך דאָ אויפן אָרט דערשיסן. פאַר וואָס שטופּסטו פלײסיקער נישט אָפּ די קלעצער? דיר געפעלט נישט טרײַבן דאָס געהילץ? שאַכער־מאַכער איז בעסער? אויב — ריטשעט ער ווײַטער — האָסט נישט געוואָלט קומען אַהער, האָסטו נישט באַדאַרפט אויף דער פרײַ זיך פאַרנעמען מיט קאָנטררעוואָלוציע אא"וו, שטעט ווי פון אַ זאַק.

איך באַמי זיך אַרויסקאַראַבקען אויפן ברעג. דאָס קאַלטע וואַסער האָט שוין דערגרייכט מײַן פאַרשוויצט לײַב, אָבער דער אַכזר לאָזט נישט אַרויס און באַפעלט שטײן אין וואַסער און אָפּשטופּן די קלעצער, וועלכע דער־נעענטערן זיך כסדר, אָן אויפהער, צום ברעג. נאָך עטלעכע מינוטן שטײן אין וואַסער, ווען איך האָב אָנגעהויבן ווײנען און שרײַען אויפן קול — האָט ער מיר דערלויבט אַרויסקריכן פון וואַסער, אָבער בשום אופן נישט צו־געלאָזט צום שײַטער זיך דערוואַרעמען און צו טריקענען זיך. ס'האָט מיך געוואָרפן ווי אין פיבער. געקלאַפּט אַ צאָן אין אַ צאָן.

— דערוואַרעם זיך מיטן „באַגאָר" — האָט ער געשריגן ווײַטער — ווען איך וועל דיך דערזען נעבן שײַטער, שיס איך אויס גלײַך אין דײַן „מאָרדע".

איך האָב פאַרשאָלטן די מינוט פון מײַן געבוירן. ס'איז מיר דאָס לעבן נישט ניחא געוואָרן. פון אַ סך לויער־פונקטן הערן זיך כסדר באַפעלן: „לײגט אונטער האַלץ אויפן שײַטער", „דערלאָזט נישט קײן זאַטאָרן"! און אַנדערע קולות צו וועלכע מיר זענען שוין צוגעוווינט.

די אָנגעשטרענגטע אַרבעט האָט ווײַטער אָנגעהויבן דערוואַרעמען, אָבער די פיס האַלטן נישט אויס. אָנגעקוועטשט זיך איז פאַרבאָטן און אַ חוץ אַלעמען בין איך אַזוי אָנגעשראָקן, אַז איך האָב אויפגעהערט באַגרײַפן, צי די באַפעלן האָבן אַ שײַכות צו מיר אָדער גאָר צו אַנדערע. דער דורכ־גענעצטער וואַטענער בושלאַט און די וואַטענע הויזן האָבן נאָך מער באַשווערט מײַן קערפּער. נאָר דעם באַגאָר לאָז איך נישט אַרויס פון די

הענט, כדי נישט פאַרקילט ווערן פון דער אייז־קאַלטער וואַסער אויפן פאַרשוויצטן קערפּער. די קלעצער רוקן זיך צום ברעג. און מען מוז זיי אָפּשטופּן אָן אויפהער.

די גליקלעכע מינוט איז ענדלעך געקומען. די טאָג־בריגאַדע האָט זיך באַוויזן און איינער פון זיי האָט איבערגענומען מיין „באַגאַר" אין פולער אָרדענונג. אַ מידער און אויסגעווייקטער (וואָס האָט נאָך מער באַשווערט מיין גאַנג) האָב איך זיך דערקליבן צום לאַגער־טויער. איינ־צייטיק האָט מיך אויך געפּיבערט פון פּחד, אַז דער קאָנוואָיער זאָל זיך נישט באַקלאָגן פאַרן נאַטשאַלניק אַז אויף מיין אָרט איז „שיער נישט געווען קיין זאַטאָר". כ'וואָלט דאַן ווידער אַריינגעפאַלן אין קאַרצער מיט די וואַנצן, מיט די 300 גראַם ברויט און אַ קווערטל הייס וואַסער. און דאָס וואָלט געווען דאָס ערגסטע ווייל אין קאַרצער וואָלט איך נישט געהאָט די מעגלעכקייט אויסצוטרוקענען ביז אָונט מיינע פּיטש־נאַסע טראַנטעס, אײדער מען וועט מיך ווידער אָוועקטרייבן אויף ביינאַכטיקער אַרבעט. דאָס וואָלט איך שוין זיכער נישט אויסגעהאַלטן.

די וואָך זענען מיר דורך בשלום. אין משך פון דער נאַכט זענען בכלל קיין „זאַטאָרן" נישט געווען. ביים אויוועלע האָב איך געטריקנט די נאַסע טראַנטעס און נישט געדענקט ווען כ'בין אָוועקגעפאַלן אויף די נאַרעס.

## די „קאַטשקע" אין לאַגער

היינט האָבן זיך פאַרשפּרייט אַנגענעמע קלאַנגען. עמעצער האָט דער־ציילט אַז איינער פון די קאָנוואָירער, פירנדיק די בריגאַדע לאַגערניקעס צו דער אַרבעט, האָט געזאָגט צו איינעם פון דער בריגאַדע אַז „אין גיכן וועט איר זיך אַלע דערפרייען". וואָס קען דאָס באַדייטן? — האָט איינער דעם צווייטן געפרעגט. צי דאַרף מען זיך צו דער „קאַטשקע" צוהערן? צו מעג מען אויף עפּעס האָפן?

ווי אַ בליץ האָט זיך די בשורה פונאַנדערגעטראָגן און אַרומגעכאַפּט אַלע ווינקעלעך, פונעם לאַגער. אין יעדן באַראַק האָט מען שוין געקענט זען גרופּקעלעך מענטשן, וועלכע האָבן זיך אַרויסגעזאָגט וועגן דעם גע־הערטן, געטוישט זיך מיט מיינונגען און קאָמענטירט אויף אַלע אופנים. מער פּעסימיסטישע האָבן געזאָגט „קיין גוטס האָבן מיר נישט וואָס צו דערוואַרטן" און אַז עס איז נאָר „חלשות־טראָפּן" און אַנדערע ענלעכע אַרויסזאָגונגען, וועלכע האָבן נאָך מער פאַרשווערט אונדזערע הערצער.

אָבער ווער האָט געהערט די פּעסימיסטיש־געשטימטע „פּאַניק־מאַכער ? די מערהייט האָט געוואָלט גלויבן אַז אָט קומט שוין טאַקע די גאולה.

פאַרשטייט זיך, אַז גלייכצייטיק האָט מען געוואָלט וויסן מער גע־נויערע פּרטים און צי איז טאַקע פאַראַן אַ גרונד פאַר גוטע אויספירן ? די מענטשן פון דער בריגאַדע, וועלכע האָבן אַליין דאָס געהערט פונעם קאַנוואָירער, זענען פשוט „באַלאַגערט" געוואָרן און האָבן קיין רו נישט געהאַט. יעדער האָט געוואָלט וויסן פּינקטלעך, ווען און ביי וואָסערע אומשטענדן איז דאָס געזאָגט געוואָרן און צי איז דאָס טאַקע נישט קיין שפּאַס ?

לאַנג איז מען יענע נאַכט נישט געשלאָפן, אַרומרעדנדיק די הייניטיקע ידיעה, וואָס האָט טאַקע אויפגעוועקט פיל פאַרלוירענע האָפענונגען. אין דער פרי האָבן זיך די קלאַנגען באַרייכערט מיט נאָך מער „באַשטע־טיקונגען" דורך אַנדערע קאַנוואָירן, וועלכע האָבן מיט מער „דרייסטקייט" געזאָגט אַז דער שעף פון לאַגער האָט באַקומען אַ באַפעל „וואָס וועט אַרויסרופן ביי די לאַגערניקעס אַ סך פרייד", נישט דערציילנדיק, פאַר־שטייט זיך, דעם אינהאַלט פון יענעם באַפעל.

אויף וויפל דאָס איז געווען אומגעפער אַ וואָך צייט פאַרן ערשטן מיי, צו וועלכן מ'האָט זיך געגרייט אין לאַגער, איז מען געווען זיכער, אַז דעם באַפעל וועט מען אונדז אונטערטראָגן ווי אַ מתנה צום גרויסן יום טוב.

מיר זענען אַרומגעגאַנגען ווי פאַרכישופט. אונדזערע דערוואַרטונגען און האָפענונגען אויף דער פריילעכער בשורה זענען געווען זייער גרויסע. מ'איז געווען כמעט זיכער, אַז אונדזערע פּילצאַליקע ביטעס, ווענדונגען, אַנקלאַגעס האָבן דורכגעבראָכן די „אייזערנע וואַנט" און זענען דערגאַנגען קיין מאָסקווע, און אַ דאַנק דעם איז, ווייזט אויס, אַנגעקומען אַ רשימה פון מענטשן, וואָס באַדאַרפן באַפרייט ווערן, אָדער לכל הפחות, וועלן זייערע ענינים מיט גערעכטיקייט איבערגעקוקט ווערן. מער זיכערקייט איז געווען ביי די, וועלכע האָבן פאַר דער צייט סיסטעמאַטיש געשריבן אין די צענטראַלע מלוכה־ און פאַרטיי־אָרגאַנען וועגן זייערע נישט־באַגרינדעטע אַרעסטן, באַשולדיקונגען און פאַרשיקונגען אין די לאַגערן אויף לאַנגע יאָרן אָן אַ שום גערעכטס.

און טאַקע זיי, אָט די מענטשן ,זענען געווען זיכער, אַז אַלץ וועגן וואָס זיי האָבן געשריבן איז „דערגאַנגען" צום אַדרעסאַט און אָט די בשורה וואָס ווערט זיי אַנגעזאָגט אין דעם פאַרשפּרייטן קלאַנג איז בפירוש אַן ענטפער אויף זייערע „זשאַלאָבעס". אין דער זעלבער צייט איז געווען אַ געדריקטע שטימונג ביי יענע, וואָס האָבן ביז דעמאָלט, צוליב פאַר־

שידענע סיבות, צו קיינעם נישט געשריבן און קיין צדק נישט געזוכט...

יעדן טאָג האָבן זיך די קלאַנגען פאַרשפּרייט אַלץ מער, און יעדעס מאָל דערגאַנצט מיט נייע פּרטים. מ׳האָט געפּרוּווט נושא חן זיין ביי די קאָנ־וואָירן, די איינציקע פרייע מענטשן אין אונדזער וואַלד־עדיכגטעניש, און כאָטש רעדן מיט זיי האָט מען נישט געטאָרט, דאָך זיך באַמיט אַרויס־באַקומען פון זיי אַן איבעריק וואָרט, און אַ שייכות מיט דעם קלאַנג. די אַלגעמיינע גוטע שטימונג אין די בריגאַדעס האָט אין יענע טעג אויך אויסגעווירקט זיך אויפן שטייגן פון דער אַרבעט־פּראָדוקטיווקייט.

ביים לאַגער־טויער בעת דעם אַרויספירן צו דער אַרבעט האָט מען שוין היינט געהערט מילדערע ווערטער פונעם לאַגער־שעף (בכבודו ועצמו). באַגלייטנדיק די בריגאַדע אין וואַלד האָט ער געוווּנטשן איבערצופילן די פּלענער פונעם „ספּלאַוו״ — (האָלץ־טרייב), נישט דערלאָזן קיין זאַטאָרן, און דאָס וועט זיין אַ מתנה פון די אַרעסטאַנטן דעם לאַנד צו מיי־יום טוב און „אייער אַרבעט וועט באַלוינט ווערן מיט אַ באַפעל, וואָס געפינט זיך ביי מיר און וועט אייך דערפרייען״.

די ווערטער פון שעף אַליין האָבן אָנגעפילט אונדזערע הערצער מיט פריידיקע האָפענונגען. ס׳איז שוין כמעט קיין ספק נישט געווען אַז עס קומט אין גיכן אַן אמתע אויסלייזונג פון אונדזער וויסטן לאַגער־לעבן, און מ׳האָט שוין געחלומט אַז מיר פאַרלאָזן אָט די מקומות וווּ דער טויט פאַרפאָלגט דיך ווי אַ שאָטן. מ׳האָט זיך פאַרגעשטעלט ווי אַזוי וועט אויסזען דאָס געזעגעניש מיט חברים, די באַגעגעניש אין דער היים מיט דער משפחה. מ׳האָט איבערגעשריבן אַדרעסן. מ׳האָט באַדויערט די, וואָס האָבן, ממש אין די לעצטע טעג אויסגעהויכט זייערע נשמות און נישט דערוואַרט זיך די באַפרייונג.

מ׳האָט זיך פיבערדיק געגרייט, רעמאַנטירט וואַליזקעס, קעסטלעך, געלאַטעט רוקזעק און געמאָסטיעט זיי צו די פּלייצעס. וווּ איז אַהינגע־קומען די דערשלאָגנקייט, די מרה שחורה פון די מענטשן? אַ גרויס רחמנות אויף די קראַנקע לאַגערניקעס אין שפּיטאָל־באַראַק, וועלכע האָבן שטום אוןליידנשאַפטלעך צו אַלץ זיך צוגעקוקט און צוגעהערט און נישט גע־קענט זיך רירן פון אָרט.

מיט אַ טאָג, צוויי פאַרן ערשטן מיי איז אין דער לאַגער־זאָנע אויפ־געשטעלט געוואָרן אַ טריבונע. צווישן די לאַגערניקעס האָט זיך אָפּגעזוכט אַ מאָלער, וואָס האָט געמאַכט אַ ריזיקן פּאָרטרעט פון סטאַלינס „שטעכיקן נאַבקאָם״ ניקאָליי איוואַנאָוויטש יעזשאָוו, אַרומגעפּוצט מיט אָרנאַמענטן. אונדזער שאַפונג איז געוואַקסן פון שעה צו שעה. זי איז געווען אומגע־

הויער און פריידיק. וועגן באַפעל איז שוין קיין צווייפל נישט געווען. מען האָט נאָר געוואַרט מיט גרויס אומגעדולד.

דעם 30־טן אַפּריל אין אָוונט. נאָך דעם ווי די נאַכט־בריגאַדעס זענען אָוועק אויף אַרבעט צום טייך, איז אין די באַראַקן געמאָלדן געוואָרן, אַז דער מאָרגנדיקער טאָג, דער ערשטער מיי, איז אַן אַפּרו־טאָג (נאָך אַ לאַנגער צייט) און אַלע דאַרפן מאָרגן זיין אויפן מיטינג, געווידמעט דעם ערשטן מיי אויף וועלכן ס׳וועט ווערן באַקאַנט געמאַכט אַ ספּעציעלער באַפעל פאַר אונדז, אונטערגעשריבן דורך סטאַלינס נאָרקאָם כאַוועך יעזשאָוו.

נאָך דעם איז שוין קיינער נישט געשלאָפן. אַלע האָבן געוואַכט. נעיקאַ האָט מיר דערציילט (אין יענער נאַכט בין איך אויך געווען אויף אַרבעט ביים טייך) אַז אין דער נאַכט האָבן אייניקע אָנגעהויבן זינגען, ברוד־מענדיק שטיל, כאָטש ביז איצטער האָט זיך אין באַראַק קיין מאָל, קיין געזאַנג נישט געהערט.

אָפּגעפּאַרטיקט זיך מיטן פרימאָרגן פריִער ווי אַלע מאָל — האָט זיך יעדער באַמיט, ווי ווייט מעגלעך, אויסזען יום טובדיק, איבערטאָן די קליי־דער, אויב עס איז נאָך ביי עמעצן עפּעס נאָך פאַרבליבן פון דער היים. איינער באַגריסט דעם צווייטן מיטן גרויסן יום טוב און, פאַרשטייט זיך, נישט אַזוי מיטן יום טוב, ווי מיט דער פאַרשטייענדיקער גאולה. קוקנדיק אויפן גרויסן בילד פון יעזשאָוון, דאַכט זיך, אַז ער איז לגמרי „נישט אַזוי שלעכט און מערדעריש" ווי אונדז האָט זיך געדאַכט. אַ סימן איז דאָך דער היינטיקער באַפעל, דורך אים אונטערגעשריבן „וועלכער וועט אונדז אַלעמען דערפרייען.

10 אַ זייגער אין דער פרי. אַלע זענען ביי דער טריבונע פול מיט אַ פריידיקן אומרו. אין דורכגאַנגס־טירל ביי דער וואַכטע באַווייזן זיך דער שעף פון לאַגער, שעף פון קאָנוואָירן־אָפּטייל, פאַרשטייער פון די העכערע אָרגאַנען און נאָך אייניקע באַאַמטע פון מער נידעריקערע ראַנגען, וועלכע האָבן זיי באַגלייט.

דער מיטינג האָט זיך אָנגעהויבן מיט אַ קורצן אַריינפיר וועגן באַטייט פונעם ערשטן מיי און מער גרינטלעכער — וועגן דער וויכטיקייט פון האַלץ־פאַרגרייטונג פאַר דער ווירטשאַפט, וועגן דעם אַז מען מוז פאַרן טערמין אויספילן דעם פּלאַן פון אַראָפּוואַרפן אין טייך דאָס צוגעגרייטע געהילץ און אויסמיידן „זאַטאָרן" און אַוואַריעס. ענדלעך האָט מען אָנ־געהויבן לייענען דעם לאַנג־דערוואַרטן באַפעל, צו וועלכן אונדזערע הער־צער און דאָס גאַנצע וועזן אונדזערס האָט געלעכצט.

אין באַפעל איז בפירוש געזאָגט געוואָרן, אַז אין אייניקע לאַגערן אויף צפון־מזרח פון לאַנד (אָנגעוויזן אין וועלכע) זענען אַ טייל לאַגער־

ניקעס, פאַר גוטער אַרבעט און איבערפילן די פּלענער, באַלוינט געוואָרן מיט באַפרייען פאַרן טערמין. אין זעלבן באַפעל איז אויך אָנגעוויזן געוואָרן אַז יעדער שעף פון לאַגער, האָט רעכט פון איצטער אָן, אויף זיין אייגענעם איינזען צוצושטעלן אין די אינסטאַנצן פון די זיכערהייטס־אָרגאַנען (נ.ק. וו.ד.) די נעמען פון באַזונדערע לאַגערניקעס, וועלכע טיילן זיך אויס מיט זייער איבערגעגעבנקייט צו דער אַרבעט, און פילן אויס זייערע אַרבעטס־נאָרמעס, מיט אַ „כאַדאַטייסטוואַ" (שתדלנות) וועגן פאַרקירצן די שטראָף־טערמינען, און אין באַזונדערע פאַלן אויך אַפילו באַפרייען פון לאַגער.

מיט דער פראַגע צו די פאַרזאַמלטע, צי האָבן אַלע געהערט און פאַר־שטאַנען דעם אינהאַלט פונעם באַפעל פון נאַרקאָם יעזשאָוו? און מיטן עטנפּער — יאָ, פאַרשטאַנען! — האָט זיך דער מיטינג, צוזאַמען מיט אַלע אונדזערע שיינע חלומות, פאַרענדיקט.

מיט אַ שווער האַרץ דערדריקטע, ווי אָפּגעשמיסענע, מיט אויסגע־לאָשענע האָפענונגען, אָן ווערטער, שעמעוודיק זיך איינער פאַרן צווייטן, האָט מען ביסלעכוויז פאַרלאָזט דאָס פּלאַץ, צוריק אַוועק אין די פינצטערע און קלאָגעדיקע באַראַקן, כאַפנדיק אַ בליק אויפן מערדערישן פּרצוף פונעם באַפעל־מחבר. איצטער האָט זיך שוין געדאַכט אַז ער לאַכט אָפּ פון אונדז דערפאַר, וואָס אים האָט זיך איינגעגעבן אונדז אַלעמען אָפּצונאַרן.

אויך אין דער נאַכט נאָכן מיטינג איז קיינער נישט געשלאָפן. ס'האָט געמאַטערט די אומזיכערקייט. וואָס וועט זיין ווייטער? די אַרבעט איז אומדערטרעגלעך שווער. די נאָרמעס — גרויס. מע הונגערט. די צאָל „דאָכאָדיאַגעס" ווערט פון טאָג צו טאָג גרעסער. יעדן טאָג אין צייט פון „אַפּעל" ווערן אויף וועגענער אַרויסגעפירט צענדליקער באַפרייטע צו זייער אייביקער רו און קיינער זאָגט נישט נאָך „ברוך מתיר אסירים". צי וועט מען דאָס אויסהאַלטן? ס'איז דאָך נאָר אָן אָנהויב פון די באַקומענע 10 יאָר. צי וועלן טאַקע אונדזערע שטילע ווײ־געשרייען דורך קיינעם נישט דערהערט ווערן? און אַז מיר וועלן שוין אַלע אויסגעמאָרדעוועט ווערן, אָדער שטיל אויסצאַנקען ווי ליכט, איז ווער האָט דאָס באַדאַרפט און ווער וועט פון דעם האָבן אַ נוץ?

אָט די פראַגן האָבן געמאַטערט, נישט געלאָזט שלאָפן און נישט גע־לאָזט רוען. מ'האָט זיך אָפּגעגעבן אַ דין וחשבון, אַז ביי אַזעלכע באַדינ־גונגען פון אַרבעט, דערנידערונג, שטענדיקן הונגער, פון שלאָפן פאַרוווג־דיקטע אויף די האַרטע נאַרעס, איבערן האַלדז אין שמוץ, פאַרלייזיקטע און צו דעם נאָך די בלאָטיקע וואַסער, וואָס רופט אַרויס אַ טויט־דעזינ־טעריע — וועט מען נישט אויסהאַלטן.

## מאַאַס גוסטאַוו קאַרלאָוויטש

איך וואָלט באַגאַנגען אַן עוולה קעגן אמת און יענער גרויזאַמער ווירקלעכקייט, ווען איך זאָל נישט דערמאָנען דאָס געשטאַלט פון איינעם פון די מענטשן־שאַטנס, וועמען איך האָב דאָרטן געקענט. מיט וועמען ס'איז מיר אויסגעקומען אין אָנפאַנג צו אַרבעטן ביים שטאַבעלירן די קלעצער אין וואַלד ביים טייך. ער איז געווען פון אַ פריִערדיקן עטאַפּ און שוין באַוויזן צו אַרבעטן ווי אַ „פּאַוואַלשטשיק" (ביים אונטערזעגן און וואַלגערן ביימער). ער איז געווען באַשיידן, איידל און האָט שטענדיק ביי יעדן אַרויסגערופן סימפּאַטיע. ער האָט גערעדט אַן „אויסלענדישן" רוסיש, אָבער זייער קאָרעקט און פאַרשטענדלעך. זיין נאָמען איז געווען מאַאַס גוסטאַוו קאַרלאָוויטש אָדער קאַזימיראָוויטש (כ'געדענק נישט גענוי). אויף דער פריי איז ער געווען איינער פון די קאָמאַנדירן אין פּאָליטישן אָפּטייל פון דער לעטישער דיוויזיע בעתן בירגערקריג.

ער האָט נאָך געטראָגן זיין, טיילווייז שוין אויסגעריבענעם טונקל־גרינעם מונדיר, ווי מ'האָט נאָך געזען, דאָס נישט אין גאַנצן אויסגעבליאַ־קעוועטע אָרט פונעם 5 עקיקן אָרדן „רויטער שטערן". דער אויספאָרשער האָט פון אים, ווי ער האָט דערציילט, אַראָפּגעריסן דעם אָרדן „מיטן פליייש". טעגלעך פלעגט ער מיך באַגעגענען אין זאָנע מיט אַ העפלעכער באַגריסונג (ער האָט שוין דעמאָלט מיט מיר נישט געאַרבעט). אַ שמייכלענדיקער האָט ער שטענדיק געהאַט וואָס צו דערציילן אינטערעסאַנטס, באַזונדערס מלחמה־עפּיזאָדן. מיר האָבן אים געהערט גערן און מיט פאַרגעניגן.

די לעצטע צייט איז ער שוין נישט מסוגל געווען צו שווערער אַרבעט. ער האָט שוין אַרומגעבלאָנדזשעט אין זאָנע, זוכנדיק עפּעס וואָס צו עסן. ער האָט זיך געשעמט צו בעטלען. אויב ער האָט עפּעס געפונען ביים מיסט־קאַסטן אָדער ביי דער קיך, האָט ער דאָס אויסגעוווישט אין זייַנע הויזן אָדער מונדיר און גלייך געגומען אין מויל אַריין. ער פלעגט צונויפנעמען שאָלעכץ פון קאַרטאָפל, אויסוואַשן, צוגעברענט אויפן פייער אין אויוועלע און מיט אַפּעטיט אויפגעגעסן. דאָס האַרץ האָט געוויייטיקט צוזעענדיק צו וואָס מען קען פאַרוואַנדלען אַ מענטש מיט אַ ווונדערלעכער ביאָגראַפיע.

לויט זיין דערציילונג, האָט ער געשטאַמט פון אַ לעטישער מיליטע־רישער משפּחה. געווען אויף דער פריי אַ געטרייער קאָמוניסט און, אַלס קאָמאַנדיר פון אַ פּאָליט־אָפּטייל אין דער דיוויזיע, איז ער אַרעסטירט געוואָרן און באַקומען 10 יאָר פאַר „פאַראַט" לטובת דעם בורזשואַזן לעטלאַנד.

די לעצטע צייט איז ער שוין געווען „נישט מיט אַלעמען". ער האָט

היציק גערעדט צו זיך אַליין און צייטנווייז פּלעגט ער פּלוצעם אַרויס־שיסן מיט אַ געלעכטער. אין באַראַק ווו ער האָט געוווינט, איז זיין אויפ־פירונג געווען דיסציפּלינירט (מיט מיליטערישער אויסשולונג), אײדל זיך געווענדעט צו חברים און כסדר זיך אַנטשולדיקט, גלייך ווי ער וואָלט מיט זיין אַנוועזנהייט יעדן געשטערט.

ער איז געוואָרן אַן אמתער „דאַכאַדיאַגע", אַרומגעבלאָנדזשעט שטענ־דיק אַרום דער קיך און ביים מיסטקאַסטן. אין „סטאַלאָווע" אַפּילו געפּרוווט עמעצן „באַדינען", צונויפגענומען ביינדלעך פון די פאַרבליבענע אויפגעג־געסענע געזאַלצענע פיש. פון צייט צו צייט פלעג אים עמעצער פון די קיך־אַרבעטער אויס רחמנות געבן אַ ביסל „באַלאַנדע" אין זיין קעסעלע און דעמאָלט פלעג ער לויפן אַ דערפרייטער אין באַראַק אריין, דאָס אויפ־עסן און אַפּילו אויסלעקן דאָס שיסעלע.

ביי אַלעמען האָט ער אַרויסגערופן מיטלייד.

טאַקע אויף מאַאַסן, דעם אײדעלן מאַן האָט מען געקענט זען אָפּגע־שפּיגלט דאָס גאַרע גרויזאַמע פּנים פון דער סיסטעם פון מענטש־פאַרניכטונג, ניט רעכענענדיק זיך מיט זייערע פאַרדינסטן אין דער געשיכטע פון דער מדינה.

איך בין זיכער אַז זיין משפחה, ערגעץ אין לעטלאַנד, ווייסט עד היום נישט און וועט זיכער קיין מאָל נישט וויסן, ווו זיין געביין איז אַהינ־געקומען און ביי וועלכע אומשטענדן ער האָט אויסגעהויכט זיי אײדעלע נשמה.

## און וואָס ווייטער?

חוץ מיינע פיזישע ליידן, האָט מיך כסדר געמאַטערט די פראַגע ווי אַזוי קען איך איבערגעבן דער מוטער, דער פרוי און די קינדער, אַז איך לעב און בין נישט דערשאָסן געוואָרן? איך האָב אַלץ מורא געהאַט אַז דער אַדוואָקאַט יאַקאָוו גראַנבערג זאָל נישט האָבן איבערגעגעבן מיין משפחה, אַז ער האָט מיך געזען אַרויספירן פון דער טויט־קאַמער נומער 51, בשעת ער האָט באַזוכט דעם, צום טויט־פאַרמשפּטן לעווין און זיינע 2 חברים, וועלכע זענען געזעסן אין דער טויט־קאַמער 49. איך האָב, דעם אמת זאָגנדיק, ווינציק געגלויבט אַז מיינע געשיקטע פּאַפּירלעך־בריוועלעך אויף צוקער־פּאַפּיר וואָס כ'האָב אַרויסגעוואָרפן דורכן פאָדלאָגע־לאָך פון „טעפּלושקע"־וואַגאָן זענען דערגאַנגען. ווען די בריוועלעך וואָלטן צו זיי דערגרייכט וואָלטן זיי זיכער געגלויבט אַז איך בין דאָ ערגעץ אויף צפון פון לאַנד (ווי איך האָב זיי געשריבן, אַז דער עטאַפּ גייט אין דער ריכטונג אויף צפון).

איך וויל אַז די משפחה זאָל האָבן כאָטש אַ שטיקעלע סימן פון מיין לעבן. ווי אַזוי וואָלט אַזעלכעס מעגלעך געווען? מיר זענען פולקום אָפּגעשניטן פון דער אויסערלעכער וועלט. די איינציקע פרייע מענטשן וועלכע מיר זעען זענען די קאָנוואָירן, נאַטשאַלסטוואָ (שעף פון לאַגער און זיין געהילף פון פּאָליט־אָפּטייל), וועלכע קומען כסדר נאָר מוסרן און אין וועלכע מען האָט איינגעפּלאַנצט אַ פאַרביסענע שנאה צו אונדז, ווי צו שונאים פון פאָלק און אוממענטשן.

צי וואָלט כאָטש איינער פון אונדז, זיך איינגעשטעלט צו בעטן עמעצן פון די קאָנוואָירער אַריינצוואַרפן אַ „דרייעק״־בריוועלע אין אַ פּאָסט־קעסטל אויף דער פריי, נאָר מיט 2 ווערטער: „איך לעב״? חס וחלילה. דאָס איז דאָך אַ שרעקלעך פאַרברעכן. וואָס וואָלט געבראַכט אַן אומגליק סיי פאַר מיר און סיי פאַרן קאָנוואָירער, ווען ער וואָלט איינגעגאַנגען אויף אַזאַ מענטשלעכער טאַט.

שרעקלעך. דער טויט שוועבט פאַר די אויגן אויף טריט און שריט. ס׳דאַכט זיך אָפּט, אַז ווען נישט די געטרייע אחים לצרה וואָלט מיין ביסעלע מוט און שטאַרקער ווילן צו לעבן, אויך אויסגערינען און איך וואָלט אַריין אין דער „וועלט״ פון די בלאַנדזשנדיקע שאָטנס אין לאַגער, וועמענס גורל און סוף מיר זענען טעגלעך. מיט וואָס זענען מיר בעסער פון זיי? ביז איצטער האָבן מיר נאָך נישט געזען אַז עמעצער פון זיי זאָל צוריק אַריין אין זיין פריערדיקן נאָרמאַלן צושטאַנד און אויף ס׳ניי אָנגעהויבן אַרבעטן ווי פריער. מיר, נאָענטע, בשעת אונדזערע שמועסן, האָבן נאָר איין טעמע ווען מיר באַגעגענען זיך — וואָס וועט זיין ווייטער? —

## דער „אומגליק־פאַל״

איך האָב זיך אויפגעכאַפּט אין מיטן דער נאַכט און געוואָלט אַרויסגיין אין דרויסן צוליב מיינע באַדערפענישן. צוליב דער גרויסער ענגשאַפט האָב איך פון דער אויבערשטער נאַרע מיטן פנים צו דער וואַנט געדוקט זיך און נישט געקענט זען, וואָס הינטער דער פּלייצע טוט זיך. אונטן איז דאָרט פונקט אַנטקעגן געשטאַנען אַן עמער מיט זודיקער וואַסער, מיט וואָס דער אויפּרוימער („דניעוואַלניע״) האָט באַדאַרפט וואַשן די פּאַדלאָגע. איך האָב זיך געדוקט אויפן בויך אויף צוריק. עפּעס האָט דער דניעוואַלניע אַ בורטשע געטאָן צו מיר. איך האָב באַמערקט דעם עמער מיט זודיקן וואַסער. אין איין אויגנבליק האָט אַ בליץ געטאָן אַ געדאַנק, וואָס קיינער וואָלט נישט געקענט ספּעציעל צוטראַכטן. איך האָב דעם „דניעוואַלניע״ מער נישט געהערט.

איך בין אַריין מיטן פוס אין עמער מיט זודיקן וואַסער. איך האָב פון שטאַרקן ווייטיק אָנגעהויבן שרייען. מיין שכן קאַלעסניקאָוו איז אַראָפּ פון די נאַרעס, געכאַפּט מיך אויף די פּלייצעס (ער איז געווען אַ געזונטער און געאַרבעט ווי אַ „פּאָוואַלשטשיק" אין וואַלד) און מיך אָפּגעטראָגן אויף גיך אין אַמבולאַטאָריע־באַראַק, וועלכער האָט זיך געפונען נישט ווייט פון אונדזער פּאַלאַטקע.

ס'האָט דאָרט דיזשורירט דער פעלדשער טאַראַקאַנאָוו (אַן אָפּשטאַמיקער פון דער שטאַט קאַלאָמני (אונטער מאָסקווע), אַ קליינטשיקער, אַ באָוועג־לעכער און, ווייזט אויס, ווייט פון מעדיצינישער תורה. ער האָט אויך געהאַט אַ 10 יעריקן פּסק. איך שריי פון ווייטיק. ס'האָט זיך שוין געמאַכט אַ גרויסער פּוכיר אויפן פוס. דער „פעלדשער" טאַראַקאַנאָוו האָט זיך אָנגעהויבן מטפּל זיין און נישט געוווּסט וואָס ווייטער צו טאָן. ער האָט אויפגעוועקט דעם שלאָפנדיקן אין זיין אָפּגעזונדערט צימערל, דאָקטער אגארקאָוו. דער לעצטער האָט מיך „אָפּגעמאָסטן" מיט אַ רוצחישן בליק פון זיינע פאַרשלאָפענע און פאַרשיכורטע אויגן, און באַפוילן אָנשטאָט תיכּפדיקער הילף שרייבן אַן אַקט, אַז איך האָב אומיסטן זיך געמאַכט אַ פּעלער כדי צו באַפרייען זיך פון וואַלד־אַרבעט. קאַלעסניקאָוו האָט זיך אַריינגעמישט און קאַטעגאָריש געפאָ־דערט באַלדיקע מעדיצינישע הילף, אָנשטאָט אַן אַקט.

חוץ די ווייטיקן האָב איך אָנגעהויבן ציטערן פון שרעק אויס מורא פאַר אַזאַ מין אַקט. פאַר דעם וועט מען נאָך זיכער צוגעבן מינימום 5 יאָר צום טערמין. קיין שום פאַרטיידיקונג איז נישט גילטיק ביי אַזעלכע פאַלן. דאָס לאַגער־געריכט רעכנט זיך בלויז מיט דעם „מעדיצינישן" אַקט פון דאָקטער.

די נייטיקע מעדיצינישע הילף איז מיר געגעבן געוואָרן. דער פוס איז שוין פאַרבאַנדאַזשירט, אָבער דער דאָקטער האָט מיר קיין בעטל נישט געוואָלט געבן אין שפּיטאָל, כאָטש ליידיקע פּלעצער זענען געווען. ער האָט געהייסן קאַלעסניקאָוון מיך צוריק אָפּטראָגן אין באַראַק־פּאַלאַטקע אויף מיין אָרט. דער ווייטיק איז שרעקלעך גרויס. איך וויין. קיין שום רייד וועגן שלאָף. מיינע ביידע חברים ביי די זייטן (נעיקאָ און קאַלעסניקאָוו) האָבן מיר געהאָלפן מיטן געלעגער און אַרויסגעוויזן גרויס מיטגעפיל.

— ביסט איצטער אַ גליקלעכער מענטש — האָט נעיקאָ שטילערהייט מיר איינגערוימט אַ סוד אין אויער — האַלעוואַי וואָלט מיט מיר דאָס געשען. איך וואָלט ביידע פּיס אַריינגעשטעקט אין עמער. דאָס גרעסטע גליק פּטור ווערן אויף אַ לענגערער צייט די שרעקלעכע קאַטאָרגע־אַרבעט אין וואַלד. אפשר וועט פאַר דער צייט עפּעס געשען אַזוינס, וואָס וועט כאָטש אַ ביסל

פאַרגרינגערן אונדזער לעבן? איך האָב אים נישט געענטפערט אויף דעם. מורא געהאַט זיך אַרויסכאַפּן מיט אַ וואָרט.

— יאָ, אָבער דער דאָקטער האָט באַפוילן זיין „פעלדשער" טאַראַקאַנאָוון צונויפשטעלן אַן אַקט אַז דאָס איז געווען אַ באַוווסטזיניקער טאָט פון זעלבסט־שעדיקעריי — האָב איך שעפּטשנדיק אים געענטפערט. וואָס טוט מען? ווי אַזוי קען דערוויזט מען דעם אמת? קיין שום דערקלערונג וועט נישט העלפן און נישט גענעמען ווערן אין אַכט און — אַ חוץ דעם — באַשטעטיקט דער „דניעוואַלניע" אַז ער האָט מיך געוואָרנט בשעת איך בין געקראָכן פון די נאַרעס.

ביים אַרויסטרייבן אין דער פרי צו דער אַרבעט, האָבן מיך די וואַכטע־לייט שוין נישט געטשעפּעט. מיינע פריינד האָבן אין דער פרי מיר געבראַכט די „באַלאַנדע" פון קיך און ס'האָט זיך אָנגעהויבן מיין „אָפּרו־סעזאָן" מיט זייער גרויסע ווייטיקן. ווי ס'האָט זיך אַרויסגעוויזן, האָט מיין פריינד קאַ־לעסניקאָוו, באַלד אין דער פרי, נאָך פאַר דער אַרבעט, זיך צונויפגערעדט מיטן „פעלדשער" טאַראַקאַנאָוו, ער זאָל העלפן אַרויספּלאָנטערן מיטן אַקט וועגן „סאַמאָסטרעל", און צוווייטנס — ער זאָל אַליין קומען אין פּאַלאַטקע אויף איבערבינדן דעם פוס, אַנשטאָט ער זאָל דאַרפן מיך טראָגן אויף די פּלייצעס אין אַמבולאַטאָריע אַריין. איך האָב זיך זייער געמאַטערט מיטן אַרויסגיין אין דרויסן צו נאַטירלעכע באַדערפעניש.

צומאַרגנס איז שוין צו מיר געקומען טאַראַקאַנאָוו מיך איבערבינדן און מיר אויך געבראַכט אַ קוליע, כדי איך זאָל קענען לייכטער באַוועגן זיך (דער סימן אויפן פוס איז ביי מיר פאַרבליבן ביזן היינטיקן טאָג).

כמעט 2 חדשים האָב איך זיך געמאַטערט מיטן פוס ביז די וווּנד האָט זיך אָנגעהויבן פאַרציען. ווייזט אויס אַז די שווערע באַדינגונגען אין דעם אָרט, האָבן נישט דערלויבט קיין גיכערע פאַרהיילונג (אַזוי האָט מען מיר דאָ דערקלערט). די פאַרבעסערונג פונעם פוס האָט מיך לגמרי נישט זייער געפרייט. האַלעוואי וואָלט די קרענק וואָס לענגער זיך געצויגן.

פאַר דער צייט האָבן מיך באַזוכט אַ סך פריינד אין פּאַלאַטקע, צווישן וועלכע אויך דער אַלטיטשקער וואָלף יאַקאָוולעוויטש, וועלכער האָט זיך פאַר דער צייט אַ ביסעלע „אַרויסגעדראַפּעט" און געפילט זיך שוין פיל בעסער. אויך דאָס שניידערל ווייסמאַן האָט אָפּט באַזוכט מיט שטיקלעך ברויט פון זיינע איבערבלייבעכצן, וואָס האָט פאַרגרינגערט מיין שטענדיקן הונגער. מיינע חברים קאַלעסניקאָוו און נעיקאָ האָבן סיסטעמאַטיש מיך באַזאָרגט מיט „קיפּיאַטאָק" פון „דיאַדיאַ גרישעס" פּראָדוציר־אַנשטאַלט, מיט וועלכען זיי האָבן געפונען אַ געמיינזאַמע שפּראַך. די מעגלעכקייטן

דערוויל נישט צו טרינקען די רויע, בלאָטיקע וואַסער האָט מיך זייער געפּרייט.

אַ גרויס פאַרגעניגן האָבן מיר פאַרשאַפט די באַזוכן פון מיין נייעם פריינד, דעם „סובאָטניק" מיכאַיל קאַלינאָוויטש ד—ק מיט וועלכן איך האָב זיך דאָ באַקענט און פון צייט צו צייט מיט אים געפירט האַרציקע שמועסן, וועלכע האָבן מיך, ווי אַ ייד, אַפּט געשטעלט אין אַ פאַרלעגנהייט מיט דעם, וואָס ער, נישט קיין ייד, האָט אויסגעצייכנט געוווסט די יידישע היסטאָריע פון שמעון דובנאָוו און די רייד פון אונדזערע נביאים, פון תנ"ך וועגן וועלכן איך האָב געהאַט אַ גאַנץ נעפּלדיקע פאַרשטעלונג.

דערציילט האָט ער פיל פון זיינע איבערלעבונגען, וועגן זיין משפּחה און אַלע זייערע נאָענטע, וואָס זענען, זינט דעם סאָוועטישן רעזשים, פאַרפאַלגט, קריכן נישט אַרויס פון אַרעסטן און צוואַנגס־לאַגערן. אויך דאָ האָט ער צרות יעדן שבת, ווען מ'דאַרף גיין צום „ראַזוואָד" ביים טויער אויף אַרבעט. ער ווערט אַפּט מאָל געשלעפּט מיט כוח און מע שלאָגט דערביי אים מכות רצח, ווייל ער וויל נישט מחלל שבת זיין.

— איך האָב, זאָגט ער, קיין מאָל אום שבת נישט געאַרבעט און כ'וועל נישט אַרבעטן אויך דאָ. זאָלן זיי אַפילו מיך שיסן אויפן אָרט. ער פלעגט שטענדיק דערציילן וועגן זיין גרויסער און פאַרצווייגטער משפּחה (אַלע „סובאָטניקעס"). ער האָט איבערגעלאָזט אַ פרוי מיט 5 קינדער און ווייסט גאָרנישט פון זיי. מיט אַ באַזונדער אינטערעס האָב איך אויסגעהערט ווי אַזוי זיין מחותן י. ש., אויך נישט קיין ייד, האָט זיך אין די צוואַנציקער יאָרן אונטערגענומען צו פאָרן קיין ארץ־ישראל אומלעגאַל מיט פערד און וואָגן. ער איז ביי דער רומענישער גרענעץ געכאַפּט געוואָרן און באַקומען דערפאַר אַ שטראָף פון 5 יאָר תּפיסה. נאָכן אָפּזיצן דעם תּפיסה־טערמין, האָט ער זיך אַריינגעכאַפּט (אַריינגעגנבעט) אין אַ „קאָטשעגאַרקע" (הייץ־אָפּטייל) פון אַ סאָוועטישער שיף, וועלכע איז געשוווּמען קיין ביירוט. ביים פאַרלאָזן די שיף האָט מען אים נאָך אַ מאָל „געפּאַקט", געבראַכט צוריק אין לאַנד און נאָך אַ מאָל אים „מכבד" געווען מיט נייע 10 יאָר תּפיסה.

מיר האָט זיך איינגעגעבן פאַר דער צייט, וואָס איך בין געלעגן מיטן פאַרווונדעטן פוס אַ ביסל זיך אויסרוען און אָנקלייבן פרישע כוחות פאַר מיין ווייטערדיקע אַרבעט אין וואַלד. איך האָב זיך שוין געפילט בעסער. שוין אַ ביסל וויניקער געליטן הונגער. אויך דער אַלטיטשקער וואָלף יאַקאָוו־לעוויטש האָט שוין אָנגעהויבן מיר אַריינטראָגן אַ ביסל איבערבלייבעכצן פון דעם, וואָס די אונטערוועלטניקעס פון דער אינעווייניקסטער אַדמיני־סטראַציע האָבן אים „צוגעוואָרפן" פאַר זיין העלפן זיי שרייבן. פאַרשטייט זיך אַז אַלץ, וואָס מען האָט מיר געבראַכט, האָב איך תּיכף „ליקווידירט"

צוליב מיין שטענדיקן הונגער. דאָס טאַקע, ווי שוין דערמאָנט, האָט מיך צוריקגעשטעלט צייטווייליק אויף די פיס.

בשעת דער „פעלדשער" טאַראַקאַנאָוו פלעגט מיר איבערבאַנדאַזשירן דעם פוס, האָט ער מיר דערציילט זיין טראַגעדיע און ווי אַזוי מע האָט אים אַרעסטירט און געפּאַרשט (אומעטום די זעלבע מעטאָדן פון פּייניקן אין יענער מאַרד־תקופה). ער האָט באַקומען אַ פּסק פון 10 יאָר. איבערגעבליבן אַ משפחה אין דער היים. ער האָט מיך געבעטן אַנשרייבן אין די געהעריקע אָרגאַנען אַ ביטע מע זאָל רעווידירן זיין „ענין", דערווייזנדיק זיין אַבסאָלוטע אומשולדיקייט. איך האָב דאָס געטאָן פאַר אים מיט פאַרגעניגן, נישט געקוקט אויף מיינע באַגרענעצטע מעגלעכקייטן ליגנדיק אויף די נאַרעס. (ער האָט דאָך פּאַקטיש מיך אָפּגעראַטעוועט פון באַשולדיקונג אין „סאַמאָסטרעל", וועלכע האָט אויף מיר געקענט ברענגען אַ נייע צרה).

אויך זיין טראַגעדיע טיילט זיך נישט אויס באַזונדערס פון פיל אַנדערע אין יענער צייט. ער האָט געאַרבעט אין לאַקאָמאָטיוו־זאַוואָד, געהאַט אַ משפּחה מיט קליינע קינדער. בשעת דעם אַרעסט געוואָרן געפּאַרשט מיט פּייניקונגען אא"וו. אים אַליין האָט דאָ אין לאַגער געראַטעוועט פון אומקום, טאַקע דער זעלביקער ד"ר אַגאַרקאָוו מיט דעם, וואָס ער האָט אים צו זיך גענומען אַלס „געהילף" און טאַקע אויך צוגעלערנט אים דאָס פאַך.

מען האָט שוין צו ביסלעך מיך אָנגעהויבן נעמען צו אַרבעט אין דער אינעווייניקסטער זאָנע. אויף אַרבעט אין וואַלד בין איך נאָך נישט בכוח צו גיין. ס'איז אויסגעקומען אַרבעטן ביי פאַרשידנס לויט מיינע מעגלעכקייטן און צווישן, אויך ביי נעיקאַ אַליין, וועלכן מ'האָט אויסגענוצט אַלס אַגראָנאָם כדי „באַגרינען" די זאָנע און פלאַנצן בלומען, גלייך נאָר דאָס וואָלט דאָ אויסגעפעלט. דאָס איז אויך געווען עפּעס אַזאַ מין פאָרם פון איזדיעקעווען זיך איבער דער מאַסע שלייכנדיקע שאָטנס — „דאָכאָדיאַגעס" אין געשטאַלט פון מענטשן, וואָס האָבן באַדאַרפט האָבן וואָס צו עסן — נישט קיין בלומען. ווען די שטערבלעכקייט שטייגט פון טאָג צו טאָג בליען דאָ אַלץ שענער די בלומען. ווי מען האָט מיר שפּעטער דערציילט, זענען אויך אין די היטלער־לאַגערן, ביי די קרעמאַטאָריעס און קאַלך־אויוונס געציכטעט געוואָרן בלומען. צי האָט דאָס ביי אונדז פאַרגרינגערט די ליידן ביי די מענטשן ? איך האָב זיך באַמיט צו אַרבעטן נאָרמאַל. נעיקאַ האָט קיינעם נישט אונטערגעיאָגט ביי דער אַרבעט. ער האָט בעסער ווי אַלע געוווסט וועגן מיינע אָפּגעשוואַכטע כוחות.

איך האָב נישט פאַרגעסן אַז מיין פאַרבעסערטע לאַגע וועט לאַנג נישט דויערן. אַט, נאָך אַ ביסל און מע וועט מיך צוריק פאַרטרייבן אין וואַלד אויף נישט דערטרעגלעכער האָרעוואַניע. נישט אַלע בריגאַדירן זענען

אזעלכע ווי ס׳איז געווען כאסאנאוו, וועלכער האט זיך פאטערלעך באצויגן צו די ארבעטער פון זיין בריגאדע.

איך זע ווי די בריגאדעס קערן זיך אום פון דער ארבעט אויסגעמאטערטע, קוים שלעפנדיק די פיס און ווארפן זיך גלייך אויף זייערע געלעגערס, פארגעסנדיק אפילו דעם הונגער.

מיט עטלעכע טעג צוריק, גייענדיק „אהיים" פון דער ארבעט, האט די בריגאדע אויף זיך געטראגן נאך איין דערשאסענעם דורכן קאנוואי איינעם פון דער בריגאדע, א פריערדיקער בריגאדיר, וועלכן כ׳האב געקענט מיטן נאמען „מיטיע" (פון די אוקראינישע מערב־געביטן). מע האט אים געשאסן נאר דערפאר, וואס ער האט זיך דערלויבט צו מאכן א באמערקונג דעם קאנוואירער אז „זיין זאך איז נאר צו היטן אז ארעסטאנטן זאלן נישט אנטלויפן, און נישט מישן זיך אין דער ארבעט"... דאן האט דער קאנוואירער באפוילן מיטיען אליין אוועקגיין אין דער זייט און אין אים אויסגעשאסן. איצטער וועט ער מסתמא מאכן אן אקט אז ער „האט געוואלט אנטלויפן". כ׳שטעל זיך פאר, אז פונקט אזוי זענען זיך שפעטער נוהג געווען די וואכלייט פון דער ס.ס. כאטש זיי האבן קיין בארעכטיקונג פארן מארדן נישט געדארפט.

צי האט מען כאטש איין מאל געפרעגט די ארעסטאנטן, ביי וועלכע אומשטענדן דער קאנוואיר האט געשאסן? חלילה. זיי דארפן נישט אזעלכע עדות. זיי ווייסן אז קיינער פון דער בריגאדע וועט אזא באשטעטיקונג נישט געבן. אזוי געפינט זיך אונדזער גורל אויך אין די הענט פון די פארהאסטע קאנוואירן. מיר ווייסן נישט אפילו וועגן קיין איין פאל, ווען א קאנוואירער זאל צוגעצויגן ווערן צו פאראנטווארטלעכקייט פאר שיסן א „זע—קא", כאטש אזעלכע פאלן האבן זיך געטראפן גאנץ אפט.

טאראקאטאוו האט מיך געווארנט, אז אין די נאענסטע טעג וועל איך שוין קיין באפרייונג פון דער ארבעט נישט באקומען און וועל באשטימט ווערן אין א בריגאדע, כאטש איך בין נאך נישט געווען אין גאנצן אויסגעהיילט, און איך האב זיך באוועגט מיט דער הילף פון א שטעקן.

## „אטקאזטשיקעס"

יעדן פרימארגן בעת דעם „ראזוואד", קען מען זען ווי די וואכטיארן טרייבן אדער שלעפן מיט כוח, ביי הענט און פיס, צום טויער די „אטקאזטשיקעס", אט די, הייסט עס, וואס „ווילן נישט גיין אויף ארבעט". צווישן זיי

---

*) אפזאגער פון ארבעט.

זענען פֿאַראַן „דאַכאַדיאַגעס" (אַזעלכע וואָס צאַנקען צו ביסעלעך), קראַנקע, וואָס האָבן נישט קיין הויכע טעמפּעראַטור און דער דאָקטער וויל זיי נישט באַפֿרייען פֿון אַרבעט. אַלע זענען שוין געוווינט דערצו און קוקן זיך צו גלייכגילטיק צו אַזאַ „צערעמאָניע", וואָס ווערט באַגלייט מיט געשרייען, נידעריקסטע זידלערייען און אַפֿילו מיט קלעפּ.

גאַנץ מעגלעך אַז צווישן די געטריבענע זענען פֿאַראַן אויך געזונטערע, וואָס ווילן נישט גיין אויף דער שווערער וואַלד־אַרבעט, נאָר מייגסטנס ווערן געפּלאָגט די שוואַכע, וואָס האָבן באמת קיין כוח נישט און זיי ווערט צוגע־קלעפּט דער נאָמען „אָטקאַזטשיק", וואָס גיט דאָס רעכט דער לאַגער־אַדמיניסטראַציע פֿאַרקלענערן, די אַזוי אויך, בצימצומדיקע פּייקע ברויט ביז 300 גראַם אַ טאָג און אַ ביסל „באַלאַנדע" (שיטערער זופּ) און אויך דאָס „פֿאַרגעניגן" צו זיצן אין קאַרצער.

די אַלע מיטלען דערפֿירן דעם לאַגעריק צו אַ מצב, פֿון אַ לאַנגערער גסיסה פֿון וועלכער ס'איז שוין נישטאָ קיין מעגלעכקייט אַרויסצודראַפּען זיך.

מער רירנדיק זענען די סצענעס אין די שבתדיקע טעג, ווען צו דער גרופּע „אָטקאַזטשיקעס" ווערן אויך אַריינגערעכנט די שבתניקעס („סובאָט־ניקעס") וועלכע היטן אָפּ פֿאַנאַטיש דעם שבתדיקן טאָג און וועלן נישט אַרויסגיין אויף אַרבעט מע זאָל זיי אַפֿילו קרייציקן. אויך זיי זענען מאַסנווייז אַרעסטירט געוואָרן צוזאַמען מיט אַנדערע גייסטלעכע (גלחים, רעליגיעזע כלל־טוער פֿון פֿאַרשידענע נאַציאָנאַליטעטן). די פֿאָרם פֿון איזדיעקעווען זיך איבער די שבתניקעס איז באַזונדער אכזריותדיק, מחמת זיי זאָגן זיך דאָך בכלל נישט אָפּ פֿון קיין שום אַרבעט. זיי בעטן נאָר אַז אַנשטאָט שבת, זאָלן זיי אַרבעטן אין אַ זונטיקדיקן אָדער אַנדערן טאָג (אַפֿילו ביי דער ערגסטער און שווערסטער אַרבעט), כדי זיי זאָלן נישט פֿאַררעכנט ווערן צו דער גרופּע „אָטקאַזטשיקעס". די לאַגער־אָנפֿירונג וואָלט גרינג געקענט געפֿונען אַ פּשרה, נישט אָנרירנדיק די לאַגער־אינטערעסן, ווען זיי וואָלטן געווען אַ ביסל מענטשלעך־טאָלעראַנטער, אָבער ווער רעכנט זיך מיט אַזעלכע שבתדיקע קאַנטריקעס.

די לאַגער־מנהיגים נעמען אָן קעגן די שבתניקעס די זעלבע מיטלען ווי צו די אָפּזאָגנדיקע זיך פֿון אַרבעט בכלל, און נאָך מער — די וואַכטיאָרן ווערן באַזונדער אָנגערייצט קעגן זיי. ווען דער שבתניק זאָגט זיך קאַטע־גאָריש אָפּ שבת צו אַרבעטן און גייט נישט אַרויס צום „ראַזוואָד" ביים טויער — ווערט ער דורך די וואַכטיאָרן מיט כוח געבראַכט צום טויער, און איבערגעבנדיק דעם קאָנוואָי, לייגט מען אים אַוועק אויף דער ערד. דער קאָנוואָי האָט באַזונדערע רעכט צו שיסן ווען דער אַרעסטאַנט ליגט אין זייער רשות און וויל זיך נישט אויפֿהויבן צו גיין מיט זיי.

אַפּט צווינגט מען דעם „איינגעשפּאַרטן״ שבתניק גיין מיט אַלע צו־זאַמען צו דער אַרבעט, אָבער ווען ער קומט אויפן אָרט — אַרבעט ער סיהוי נישט, נישט קונדיק אַפילו אויפן גרעסטן פראָסט, ווען דאָס איינ־ציקע מיטל אַנצוּוואַרעמען זיך, איז די אַרבעט. פאַר נישט מחלל־שבת זיין, איז דער שבתניק גרייט מקריב זיין זיך ביז פאַרפרוירן ווערן, ווי דער פאַל מיטן שבתניק פאָמענקאָ (ווייטער). יעדע ביטע פונעם שבתניק, אָדער פון עמעצן פון דער בריגאַדע צוצולאָזן דעם פאַרפרוירענעם קרבן צום שייטער, ווערט מיט צאָרן אָפּגעוואָרפן פונעם קאָנוואָי. דער פאַרפרוירענער „טאָנצט״ כסדר אויפן אָרט, כדי זיך אַ ביסל צו דערוואַרעמען און דער קאָנוואָי לאַכט צוקוקנדיק זיך. (מיר האָבן נאָך דעמאָלט נישט געאָנט אַז אין עט־לעכע יאָר אַרום, וועלן יידן אַזוי געפּייניקט ווערן פון די דייטשן). קיין שום רחמנות צו אָט די עלטערע מענטשן (דאָס רוב שבתניקעס זענען געווען עלטערע מענטשן) מצד די קאָנוואָירן, וועלכע שטייען אַנגעטאָן אין וואַרעמע פעלצן ביים שייטער, צו וועלכן זיי לאָזן נישט צו דעם קרבן אַנצוּוואַרעמען זיך.

אויך אין אַנדערע לאַגערן, ווו איך בין שפּעטער געווען — זענען די סובאָטניקעס געווען אין אַ גרויסער צאָל און געליטן די זעלבע צרות ווי אין לאַגער. צי איז דאָס געווען אין איינקלאַנג מיט ספּעציעלע אָנווייזונגען?

ווען מ׳האָט אין איינעם אַ שבת מיט כוח געשלעפּט מיכאַיל קאַלינאָ־וויטשן צום טויער אויפן „ראַזוואָד״, האָט ער געפּרוּווט באַווייזן די טריי־בער־וואַכטיאָרן אַז זייער באַציונג צו אים איז נישט קיין אָנשטענדיקע, נישט קיין מענטשלעכע, אַז זיי באַדאַרפן פאַרשטיין, אַז מיט כוח וועט מען אים נישט צווינגען צו אַרבעטן שבת, און אַז ער איז גרייט צו גיין אויף דער שווערסטער אַרבעט אין אַ זונטיקדיקן טאָג, און אַפילו רייניקן דעם אָפּטריט, אָנשטאָט צו אַרבעטן שבת.

פאַרשטייט זיך, אַז די דערקלערונג פון דערמאָנטן עלטערן שבתניק איז געפאַלן אויף טויבע אויערן פון די אָנגערייצטע וואַכטיאָרן־אונטער־וועלטניקעס. זייער שמוציקע אַרבעט איז באַשטאַנען פון... צושטעלן אים אויף דער וואַכטע ביים טויער, און ווייטער וועט ער שוין גיין אונטער די אַנגעשטעלטע ביקסן.

איך פלעג אים אָפּט באַגעגענען מיט זיין באַזונדער „כשר״ קעסעלע ביי דער „קיפּיאַטילקע״ פון „דיאַדיאַ גרישאַ״ אָדער אין „סטאָלאָווע״. איך פלעג זיך מיט גרויסער סימפּאַטיע צוקוקן צו זיין דיקלעכן, אויסערלעך־געזונטן אויסזען, אָבער נישט אַריינגעלאָזט זיך צו פיל אין פאַרבינדונג מיט אים צוליב פחד.

פון צייט צו צייט פלעג איך אויך באַזוכן אין זיין באַראַק מיין לאַגער־

פריינד ראַגאָוו פון דער שטאָט וואָלאָגדע, וועלכער האָט זיך געפונען נישט ווייט פון אונדזער פּאַלאַטקע. ווען ראַגאָוו פלעגט אַ לענגערע צייט נישט קומען מיך באַזוכן, פלעג איך אַ הינקענדיקער מיט מיין קוליע און פאַר־באַנדאַזשירטן פוס אַריינטאַנצן צו אים. ראַגאָוו האָט מיט אַכטונג זיך באַצויגן צו דעם סובאָטניק, וועלכער איז געווען זיין נאַרע־שכן. ראַגאָוו האָט דערציילט אַז ער רעדט כסדר וועגן יידן, וועגן זייער היסטאָריע, וועגן ארץ ישראל. ער רעדט אָפן, אָן שום מורא. די שכנים פון די נאַרעס הערן אים אויס מיט נייגער און ער אַליין, ראַגאָוו, האָט נישט געוווסט וועגן פיל זאַכן, וואָס האָבן אַ שייכות צו יידן. די שכנים פון סובאָטניק האָבן אים חושד געווען אַז ער איז אַ ייד, אָבער ער איז נישט קיין ייד און דער פאַמיליענאָמען איז אויך נישט קיין יידישער, נאָר אַן אוקראַיִנישער. אויך אין רעדן איז ער מער אוקראַיִניש ווי רוסיש.

צוליב זיינע דערקלערונגען און דעמאָנסטראַטיון נישט וועלן גיין שבת אויף אַרבעט, פאַרגעסט נישט די „דריטע טייל" אים אַרויסצורופן אין די נאַכט־שעהען. ער קומט פון דאָרטן אַ שווייגנדיקער און לייגט זיך שטיל אויף זיין געלעגער, נישט אויסרעדנדיק מיט קיינעם קיין וואָרט...

די נקוודיסטן האָבן ביי אים, בעתן אַרעסט, צוגענומען דאָס טייערסטע פאַר אים, שמעון דובנאָווס „יידישע היסטאָריע" אין רער רוסישער שפּראַך. ווען זיי האָבן דאָס בוך אָוועקגעלייגט אין דער זייט צוזאַמען מיט נאָך רעקווירירטע ביכער, האָט עמעצער פון זיינע קינדער זיך אונטערגעגנבעט צו די אָפּגעלייגטע ביכער און צוריק אַרויסגעשלעפּט „די יידישע היס־טאָריע". ער איז באַמערקט געוואָרן דורך איינעם פון די אומגעוווּנטשענע געסט און דאָס בוך איז צוריק אַרויסגעריסן געוואָרן פון זיינע הענטעלעך. אָט דאָס פריִערדיקע קינד לעבט איצטער און געדענקט יענע סצענע מיט אַלע פּרטים.

נאָכן אויסהערן אַלץ, וואָס דער זעקאָ־שבתניק און זיין גאַנצע משפחה האָבן געהאַט אויסצושטיין פאַר זייער גלויבן, פאַר נישט וועלן אַרבעטן שבת, פאַר וועלן בשעתו עולה זיין קיין ארץ ישראל, זעט מען בולט אַז ס'זענען פאַראַן נישט ווייניק ענלעכע אוהבי ארץ ישראל צווישן נישט־יידן. זיי וואָלטן באמת געקענט דינען ווי אַ מוסטער אַפילו פאַר אַ טייל יידן.

אָט דער שטענדיק מונטערער און זיכערער מיכאַיל קאַלינאָוויטש האָט טאַקע ביי אַ טייל יידן אין לאַגער, מיט וועלכע ער האָט געהאַט אַ נעענטערן קאָנטאַקט — אַרויסגערופן גרויס יראת הכבוד.

ער פלעגט ליידן הונגער אויך דערפאַר, וואָס ער האָט אויסגעמיטן צו עסן פלייש. פאַר די שבתדיקע טעג פלעגט ער באַקומען נאָר 300 גראַם ברויט ווי אַן „אָטקאַזטשיק", כאָטש ער האָט די גאַנצע וואָך אויסגעפילט

אַלע זיינע נאַרמעס ביי דער אַרבעט. ער האָט געציטערט פאַר חזיר־פלייש. ער האָט זיך מער דערנערט מיט די געזאַלצענע פיש און כסדר אויסגעמיטן טרינקען רויע וואַסער. אויך טאַקע צוליב דעם, האָבן מיר זיך אָפּט באַ־געגנט ביי דער בודקע פון אונטערוועלטניק „דיאַדיאַ גרישאַ" מיט זיין „געזאָטענער" וואַסער.

מיכאַיל קאַלינאַוויטש האָט אויסגעהויכט זיין נשמה, ווי אַלע אַנדערע אין דעם פאַרשאָלטענעם טויט־לאַגער. איך האָב אים שטיל מספּיד געווען אין קעמערל פון די טויטע ביים שפּיטאָל־באַראַק ווי דעם סאַמע נאָענטסטן. איך האָב דעמאָלט פאַרקריצט אין מיין זכרון זיין נאָמען, זיין אָפּשטאַם־אָרט, כדי איך זאָל קענען, אויב איך וועל האָבן די זכיה איבערלעבן דאָס גיהנום, אָפּצוזוכן כאָטש עמעצן פון זיין משפּחה.

☆

מיט יאָרן שפּעטער נאָכן צוריקקערן זיך אַהיים האָב איך גוט געדענקט מיין אַמליקן לאַגער־מיטזיצער, דעם אַסיר מיכאַיל קאַלינאַוויטש, אָבער נישט געדענקט זיין אָפּשטאַם־אָרט. אַ חוץ שוועריקייטן מיט זוכן די משפּחות פון מיינע פריִערדיקע אחים לצרה, האָב איך געהאַט גענוג צרות אויסצושטיין פון די נאָכווייעניש אין צוזאַמענהאַנג מיט מיין „וואָלפישן בילעט", וואָס מען האָט מיר אַרויסגעגעבן ביים באַפרייען מיך. איך האָב נאָך דערצו באַדאַרפט זיך היטן מען זאָל מיך נאָך אַ מאָל נישט אַרעסטירן, ווי דאָס פלעג דעמאָלט געשען מיט אַ סך וועלכע זענען נאָכן אָפּזיצן זייערע טערמינען ווידער אַרעסטירט געוואָרן און פאַרשיקט אין די ווייטע מקומות אויף אומקום.

מיר האָט אָפּגעגליקט נישט אַריינצופאַלן אַ צווייט מאָל. איך האָב באַדאַרפט אַ געוויסע צייט באַהאַלטן זיך ביי קרובים אין פאַרשידענע שטעט. צוליב מיין, שוין אַנגעוויזענעם, וואָלפישן בילעט, האָט מען מיך אין ערגעץ נישט געוואָלט צונעמען אויף אַרבעט. מיין מאַטעריעלע לאַגע פון אַ 4 פּערזאָניקער משפּחה (די מוטער איז פריצייטיק געשטאָרבן אין סיביר) איז געווען אַן אויסערגעוויינלעך שווערע.

די דאָזיקע אומשטענדן האָבן מיר נישט געגעבן גענוג מעגלעכקייטן אַקטיווער זיך פאַרנעמען מיט זוכן די משפּחות פון מיינע אחים לצרה, כאָטש איך האָב שוין צענדליקער פון זיי ביז איצטער באַוויזן צו געפינען.

אין די זעכציקער יאָרן, גלייך נאָך דער רעהאַביליטאַציע, האָט זיך מיר איינגעגעבן דורך אַנדערע סובאָטניקעס אַנצושטויסן זיך אויף די שפּורן פון דער משפּחה פון אומגעקומענעם פריינד מיינעם, דעם אַסיר מיכאַיל

קאַלינאָוויטש. איך האָב זיך דערוווּסט אַז אַלע איבערגעבליבענע קינדער לעבן נאָך (אַ חוץ זיין פּרוי, וואָס איז פאַר דער צייט געשטאָרבן). איינער פון די קינדער איז נאָך פאַרבליבן אין תּפיסה אָדער אין לאַגער ערגעץ־ווו אין די ווייטע מקומות, נאָכן אָפּזיצן 10 יאָר פון די באַקומענע 25 און טאָקע פאַר... ציוניזם און... לויבן בן גוריונען.

איינער פון זיינע קינדער האָט מיר דערציילט וועגן דעם פיינלעכן וועג פון צער און ליידן, וואָס די גאַנצע משפּחה האָט געהאַט אויסצושטיין אַלע יאָרן נאָר דערפאַר, וואָס זיי האָבן נישט געוואָלט אַרבעטן אום שבת.

מעגלעך אַז עס לעבט נאָך דער זון פון אַסיר ציון יאַקאָוו, וועלכער האָט אויך דורכגעמאַכט אַ זייער פיינלעכן וועג אין זיין לעבן. ווען איך האָב זיך מיט אים געטראָפן איז ער געווען אַלט, קראַנק און צעבראָכן.

## דער „בית הקברות"

שרייבנדיק די זכרונות בין איך נישט איין מאָל געווען אין ספק, צי דאַרף איך אַלע פראַגן באַרירן, צי באַרירן בלויז וואָס סע לאָזט זיך פונעם אַלגעמיינעם לאַגער־לעבן אין יענעם גיהנום. מיר ווייסן אַלע, אַז ווו ס׳איז פאַראַן לעבן, איז אויך פאַראַן טויט, זיי גייען צוזאַמען. אָבער ביי אונדז איז דאָס אויסגעקומען אַנדערש. קיין „לעבן" איז נישט געווען און טויט — איבערגעגנוג.

ווי מיר ווייסן שוין איז די שטערבלעכקייט דאָ געווען אומגעהייער גרויס. אויב אין אָנהויב האָט נאָך די לאַגער־אַדמיניסטראַציע געפונען פאַר נייטיק צו מאַכן אַ טרומנע (קאַסטן) פון פאַרשידענע האָלץ־אָפּפאַלן פאַר די פילצאָליקע מתים, האָט מען מיט דער צייט זיך „געכאַפּט", אַז דאָס רופט אַרויס צו פיל דאגות: האָלץ, אַרבעטס־כּוחות, ביים מאַכן זיי און אויך ביים גראָבן באַזונדערע גריבער. האָט מען באַשלאָסן די דאגות „פאַרגרינגערן" און זיך אָפּגעזאָגט פון טרומנעס. נישט קשה. די ערד וועט זיי גרינג זיין אויך אָן דעם.

צווישן די פיל אָביעקטן אויף וועלכע מ׳האָט געשיקט יעדן פרימאָרגן, — האָט מען אויך געשיקט בריגאַדעס צו גראָבן קברים פאַר די טויטע. דאָס „בית הקברות" האָט זיך געפונען בערך 400 — 500 מעטער פון דער לאַגער־זאָנע. די לאַגער־אַדמיניסטראַציע האָט פאַראָרדנט, אַז די טויטע דאַרפן אומבאַדינגט דורכגעפירט ווערן אויף די וועגענער, פאַר אַלעמענס אויגן, בשעת דעם „אַפּעל" און מיר האָבן נישט געקאָנט פאַרשטיין דעם שׂכל דערפון. אויב מען האָט פאַר אַלעמענס אויגן דורכגעפירט אַנטלאָפענע

און צוריק געכאַפּטע אַרעסטאַנטן, צעשלאָגענע ביז צום נישט דערקענען זיי, האָבן מיר נאָך פאַרשטאַנען אַז דאָס איז, אַ לערע, כּדי דער חשק צו אַנטלויפן זאָל אָפּפאַלן, אָבער פאַר וואָס דאַרף מען די טויטע דורכפירן פונקט אין דער צייט פון „אַפּעל"? מיט וואָס קען מען אָנלערנען די לעבעדיקע אין דעם פאַל? וואָס פאַר אַן אויספיר קען מאַכן פון דעם דער אַרעסטאַנט?

אמת, דאָס האָט אונדז געגעבן אַ מעגלעכקייט צו ציילן יעדן טאָג די צאָל פאַרבייגעפירטע טויטע, אָבער — צוליב וואָס? שפּעטער, ווען זיי האָבן באַשלאָסן מער קיין טרומנעס נישט צו מאַכן פאַר יעדן טויטן באַזונדער, האָבן מיר שוין די צאָל טויטע, זיך אויסגעלערנט „פעסטשטעלן" לויט דער הויך פון דער צוגעדעקטער קופּע אויפן וואָגן...

די אַרבעט ביים גראָבן גריבער איז געווען זייער אַ שווערע, צוליב דער געדיכטקייט פון די איבערגעפלאָכטענע וואָרצלען. מען האָט זיך געסטאַרעט גראָבן דאָרט, ווי די ביימער זענען געווען שיטערער.

אין פאַרגאַנגענעם ווינטער זענען געווען מאָסן פאַלן, ווען אָנשטאָט שיקן בריגאַדעס צו גראָבן גריבער (לויט עקאָנאָמישע אויסרעכענונגען איז דאָס נישט געווען קיין „פּראָדוקטיווע" אַרבעט), האָט מען דעריבער באַפוילן, אַז די וואָס פירן אַרויס די מתים, די פורמאַנעס, וועלכע מען האָט „קאָמפּלעקטירט" פון די אָפּגעשוואַכטע לאַגערניקעס, זאָלן אַליין, אויפן אָרט, גראָבן די גריבער און באַהאַלטן די מתים. די אַרבעט זענען דאָס רוב פון זיי נישט געווען אין שטאַנד אויסצופילן. דאָ ווי זיי האָבן נישט געקענט גראָבן — האָבן זיי די מתים אַרונטערגערוקט אונטערן שניי. אַזוי האָט מען געטאָן פריִער מיט די טרומנעס אויך. אַלץ איז דערווייל געווען „בסוד". קיינער האָט נישט קאָנטראָלירט און דער טיפער שניי האָט אַלץ צוגעדעקט.

סוף מיי, אָנהויב יוני, ווען די זון האָט אָנגעהויבן טאָן אירס, דער שניי איז פאַרשוווּנדן און די ערד האָט אָנגעהויבן זיך „אָנוואַרעמען" — האָט זיך אַנטפּלעקט אַ שרעקלעך בילד אויף הונדערטער קוואַדראַט־מעטער. די לאַגער־נאַטשאַלסטוואָ האָט זיך געכאַפּט ערשט נאָך דעם ווי דאָס געשטאַנק איז געוואָרן אַזוי גרויס, אַז ס'איז שוין נישט געווען מיט וואָס צו אָטעמען. נישט אויסצואהלטן איז געווען, ווען דער ווינט האָט זיך אַ קער געטאָן פונעם „בית הקברות" אין דער ריכטונג צום לאַגער. ווען דאָס געשטאַנק וואָלט אויסגעמיטן די לאַגער־מנהיגים, וואָלטן זיי געוויס זיך נישט אַזוי צוגעאײַלט. זיי האָבן דאָך געוווינט דאָרט מיט זייערע משפּחות און האָבן נישט ערגער פון אונדז געפילט דאָס געשטאַנק. ערשט איצט האָט זיך אַנטפּלעקט די שוידערלעכע מתים־פאַרשוועכונג פון דער

ווינטערדיקער „קבורה" אונטערן שניי. דאָס געשטאַנק האָט אויפגערודערט די מושלים פון לאַגער.

ס׳זענען גלייך געשיקט געוואָרן ספּעציעלע בריגאַדעס פון וואַלד אויף צו גראָבן גריבער און אויף צונעמען און אָפּרוימען די צעלייגטע מתים־פּליישן און די פאַרפוילטע טרומנעס. אויף דער דאָזיקער אַרבעט פון אָפּ־רוימען האָט די לאַגער־אַדמיניסטראַציע באַשלאָסן אויסצונוצן די שוואַ־כערע מענטשן און „דאַכאַדיאַגעס", וואָס האָבן נישט געקענט אַרבעטן אין וואַלד, און זיי האָט מען געשיקט אויף דער „לייכטערער" אַרבעט פון אַפּרומיען די צעפוילטע גופים.

זייענדיק נאָכן אומגליקס־פאַל מיט מיין פוס אין דער בריגאַדע פון די אָפּגעשוואַכטע בין איך אויך אַריינגעפאַלן צווישן די קברנים. 3 טעג האָט געדויערט די אַרבעט. מיר זענען געווען „באַוואָפנט" מיט גומענע הענטשקעס, דעזינפעקציע־פליסיקייט, לאָפּעטעס, באַגאַרן (מיט וועלכע מען באַנוצט זיך ביים טרייבן געהילץ אויפן טייך) און אַנדערע מכשירים אויף אָפּצוטיילן די גופים פון די שוין פאַרפוילטע טרומנעס.

די גאַנצע שטינקענדיקע מענטשן־מאַסע איז אויסגעקומען צונויפצו־נעמען מיט די הענט (קעפּ, הענט און פיס) און איבערטראָגן אין גרוב אַריין. דאָס, וואָס האָט זיך מיט די הענט נישט איינגעגעבן איבערטראָגן — האָבן מיר די צעלייגטע ווייכע מאַסע צונויפגעשאַרט מיט די לאָפּעטעס אין די גריבער אַריין... פון אָט דער „גרינגער אַרבעט" האָט זיך געדרייט דער קאָפּ.

מ׳איז פאַרטשאַדעט געוואָרן ביזן ברעכן מיט דער גרינער גאַל. דאָס עסן וואָס מיר האָבן מיט זיך מיטגענומען, האָט מען נישט געקענט עסן. וווהין טוט מען זיך אַהין ? דער קאָנוואָי האָט געשריגן און נישט געלאָזט זיך דערווייטערן פון אָרט.

ריבונו של עולם! פאַר וועלכע זינד קומט אַזאַ מין שטראָף ? — האָב איך די גאַנצע צייט געטראַכט. כיבוד אב ואם האָב איך דאָך שטענדיק אָפּגעהיט, אויסער מיין זינד וואָס כ׳האָב די עלטערן נישט געפאָלגט און פאַרלאָזן די היים, כדי צו לעבן אין „גליקלעכן סאָציאַליסטישן לאַנד".

אין סוף פון 1934־טן יאָר האָב איך איבערגעריסן מיין בריוו־אויסטויש מיט די עלטערן און אויך מיט די קרובים אין ארץ־ישראל. אויך דער בריוו־אויסטויש ביז דעמאָלט האָט גורם געווען צרות און ליידן בעת די אויספאָרשונגען.

אויף די בריוו פון די עלטערן און קרובים האָב איך מורא געהאָט צו ענטפערן. געוויס האָט דאָס שווייגן מיינס זיי פאַרשאַפט ליידן. איצטער

— קיין בריוו, קיין גרוס פון זייער זון־בכור מיט זיין משפחה, קיין סימן פון די אייניקלעך, צו וועלכע זיי האָבן אַזוי פיל ליבע אַרויסגעוויזן.

צי ווייסט עפּעס די מערב־וועלט, טראַכט איך זיך, וועגן דעם אָרגאַניזירטן מענטשן־מאָרד אין סאָוועטישן רוסלאַנד, און צי איז וועגן דעם אויך עפּעס דערגאַנגען צו מיינע עלטערן? וואָס קלערן זיי איצטער, ווען איך שאַר צונויף מיט דער לאָפּאַטע צעלייגטע גופים פון אַזעלכע ווי איך?

מיר זענען דאָך אַליין געלאָפן אין דעם „פרייען לאַנד פון סאָציאַליזם", זיך געאײַלט צום טויט אין די קאַרגאָפּאָליער וועלדער, ווו מיר שטייען איצטער ביי דער אָפּאָקאַליפּסע־אַרבעט. ווען די זעלביקע וועלדער וואָלטן געקענט רעדן און דערציילן אַלץ וואָס עס קומט אין זיי פאַר מיט אומשולדיקע מענטשלעכע לעבנס.

דריי טעג. דריי אומבאַשרייבלעכע טעג.

די לאַגער־באַפעלקערונג האָט זיך פון אונדז דערוויטערט אין די טעג פון דער אַרבעט. מיר זענען געווען דורכגעזאַפּט מיט געשטאַנק, וואָס האָט זיך פון אונדז געטראָגן. מיר האָבן זיך קיין אָרט נישט געקענט געפינען. אונדז אַליין האָט דאָס געשטאַנק נאָכגעפאָלגט אַ זייער לאַנגע צייט.

אָט ווי עס זעט אויף אַן אמת אויס און וואָס פאַר אַ ווערט עס האָט סטאַלינס גועניאַלער זאָג אַז „דאָס טייערסטע און ווערטפולסטע אין דער מענטש".

## אין שאַדמאַנאָווס בריגאַדע

אונדזער לאַגער איז אַ פאַרשלאָסענע, אָפּגעזונדערטע וועלט מיט אַן אַרויפגעצוווּנגענעם לעבנס־שטייגער וואָס ווערט געהיט, און געריכטעט לויט די אָנווייזונגען פון אויבן און אויך דורך די אָרטיקע מושלים.

אַלץ איז דאָ אונטערגעוואָרפן די פּלענער ווי בעסער אויסצונוצן די מענטשן־קראַפט ביז צום לעצטן טראָפּן כוח. דאָ ווערט אַן רחמנות אָנגעווענדט דער אַלגעמיינער „סאָציאַליסטישער" געזעץ: „דער וואָס אַרבעט נישט — האָט נישט קיין רעכט אויף עסן". און דאָס כדי פּראָדוצירן וואָס מער פאַר דער אויסערלעכער וועלט, וועלכע איז גרויס און פאָדערט אַ סך. אַ חוץ געבן וואָס מער האָלץ פאַרן „היימלאַנד" — דאַרף אונדז גאָרנישט אינטערעסירן. אַלץ איז דערויף פּלאַנירט. אַרבעטס־כוחות? אָן אַ שיער. וויפל איר ווילט. די אויסערלעכע וועלט איז גרויס און וועט צושטעלן דעם „מאַטעריאַל". אַפילו אומזיסט. סטאַלינס מאָרד־אַגרעגאַט אַרבעט, ווייסט נישט קיין רו: די תפיסות זענען אָנגעפּאַקט. מען דאַרף דאָך ערגעץ

אָפּפירן די אַרעסטאַנטן און באַפרייען די ערטער פאַר אַנדערע. סטאַלינס מענטשן דאַרפן דאָך פאַרווירקלעכן דאָס נאַטירלעכע געזעץ „דור הולך ודור באָ”. מיר באַגראָבן און נייע עטאַפּן קומען ווייטער.

אויך מיר טראַכטן כסדר, איידער מיר ווערן פאַרוואַנדלט אין „דאָכאַ־דיאַגעס” — קאַנדידאַטן באַגראָבן צו ווערן היינט אָדער מאָרגן. צי ווייסט די פרייע וועלט פון אונדזער קאַשמאַר ? מיר זענען דאָך לעבעדיקע עדות און ווייסן וויפל עשעלאָנען זענען פאַר דער צייט אָנגעקומען און וויפל פון זיי זענען איבערגעבליבן לעבעדיקע מתים. ווי נאָר עס הויבט זיך אָן פילן אַ מאַנגל אין אַרבעטס־כוחות אויפן אָרט פון די באַגראָבענע, אַזוי קומען באַלד אָן נאָך און נאָך עטאַפּן.

אונדזער לאַגער איז דאָך איינער פון די פיל צענדליקער (אָדער אפשר הונדערטער) אין אַרכאַנגעלסקער געגנט. די אַריפמעטיק איז באַקאַנט יעדן איינעם. מיר גיבן זיך אָפּ אַ דין וחשבון אַז קיין ניסים זענען דאָ נישטאָ. מען מוז זיין רעאַל און זען די ווירקלעכקייט. מיר האָבן שוין נישט וועגן וואָס צו שמועסן צווישן זיך.

נאָך מיין אַרבעט אין פאַרשידענע בריגאַדעס אויף פאַרשידענע אַר־בעטן — בין איך ווידער אָפּגעשוואַכט געוואָרן. מען האָט מיך איבער־געפירט אין אַ בריגאַדע פון אוזבעקן, וועלכע האָט זיך גערעכנט פאַר אַ שוואַכער. בראש פון אָט דער בריגאַדע איז געשטאַנען אַ בריגאַדיר, אויך אַן אוזבעק מיטן נאָמען סאַיד־כאַן שאַדמאַנאָוו. די בריגאַדע האָט זיך דעמאָלט מיטן וואַלגערן אין וואַלד נישט פאַרנומען. זי איז געשיקט געוואָרן אויף פאַרשידענע אַרבעטן אין דער זאַנע גופא, אָדער אין אַנ־דערע ערטער, ווו די אַרבעט איז געווען גרינגער.

די 30 פערזאַניקע בריגאַדע איז באַשטאַנען פון איבער 20 אוזבעקן, די איבעריקע זענען געווען פון פאַרשידענע נאַציאָנאַליטעטן. צוליב דעם, וואָס די אוזבעקן האָבן נישט באַהערשט די רוסישע שפּראַך, איז די לאַגער־אַדמיניסטראַציע געווען געצווונגען אויסצוטיילן פון זיי אַ בריגאַדיר, וואָס באַהערשט די רוסישע שפּראַך און אויך זייערע מינהגים און דערצו זאָל ער אויך קענען אָנפירן מיט דער אַרבעט.

סאַיד־כאַן איז אויף דער פריי געווען אַ הויכער פאַרטיי־מנהיג (ער האָט מיר געזאָגט אַז ער איז געווען סעקרעטאַר פון אַ געגנטלעכן פאַרטיי־קאָמיטעט און אויך מיטגליד פון צ. ק. פון דער אוזבעקיסטאַנער קאָמוניס־טישער פאַרטיי). ער האָט פאַר דער בריגאַדע פיל געזאָרגט, פאַרטיידיקט אויך די בריגאַדע־מיטגלידער און דערפאַר איז ער אַרומגערינגלט געוואָרן מיט גרויס סימפּאַטיע מצד אַלע מענטשן פון דער בריגאַדע. די אוזבעקן

האָבן אים פֿאַררעכנט פֿאַר זייער אָנפֿירער, אים געפֿאָלגט און וואָקלונגען און באמת ליב געהאַט.

איך האָב זיך מיט מײַנע קלימעקלעך איבערגעטראָגן פֿון פּאַלאַטקע אין גרויסן באַראַק, ווו ס'האָבן געוווינט פֿיל בריגאַדעס. אונדזער אוזבעקן־בריגאַדע האָט זיך געפֿונען אין אַ באַזונדער ווינקל. איך האָב זיך אין דער אוזבעקישער שפּראַך נישט געניייטיקט, ווײַל סאַיד־כאַן האָט זייער גוט באַהערשט די רוסישע שפּראַך און מיט אונדז (נישט אוזבעקן) גערעדט נאָר רוסיש.

שאַדמאַנאַוו האָט מיר דערציילט וועגן די באַזונדערס שווערע באַדינגונגען פֿאַר די אוזבעקן דאָ אין לאַגער צוליב דעם, וואָס שטאַמענדיק פֿון אַ הייסן קאַנט איז זי שווער געווען צוגעוווינען זיך צו די קעלטן און פֿרעסט פֿונעם צפֿון און אויך צו דער שווערער וואַלד־אַרבעט. זיי פֿאַרקילן זיך גרינג. אַ טייל פֿון זיי זענען שוין געשטאָרבן און אַ דאַנק די באַמיונגען פֿון שאַדמאַנאַוון האָט זיך די בריגאַדע אַ ביסל סטאַביליזירט.

איך בין געווען אַזוי אָפּגעשוואַכט אַז די פֿיס האָבן מיך ממש נישט געטראָגן. צײַטנווײַז האָט מען באַדאַרפֿט גיין ווייטלעך אויף אַרבעט. דער בריגאַדיר האָט זיך גערעכנט מיט מיר און ווי ווײַט מעגלעך, מיך געשטעלט אויף אַ גרינגער אַרבעט. די בריגאַדע האָט געלעבט ווי איין משפּחה. קיין שום קאָנפֿליקטן און מיספֿאַרשטייענישן זענען בײַ אונדז קיין מאָל נישט געווען, ווי שווער די אַרבעט איז נישט געווען.

אָפֿט האָט מען אונדז געשיקט אויך אויף שווערער אַרבעט, נישט רעכנענדיק זיך מיט דעם, וואָס די בריגאַדע איז אַן אָפּגעשוואַכטע. דער בריגאַדיר האָט שטענדיק גענומען אין אַכט דעם צושטאַנד און עלטער פֿון דעם אָדער יענעם בריגאַדע מיטגליד און נישט דערלאָזט קיין פֿאַר־קלענערונג פֿון דער שפּײַז־נאָרמע. מיר אַלע האָבן געפֿילט זײַנע פֿאָטער־לעכע דאגות לטובת אונדז. איך האָב מיטן בריגאַדיר געהאַט אינטערע־סאַנטע געשפּרעכן, וועגן וועלכע מ'האָט מיט אַנדערע זיך נישט געקענט טיילן. איך האָב אים באַקענט מיט אייניקע חברים. אויך זיי האָבן אים ליב באַקומען.

אין בריגאַדע האָבן זיך געפֿונען אַ טייל שוין גאָר עלטערע מענטשן פֿון די אוזבעקן (כאַלימדשאַנאַוו און אַנד.) פֿאַר וועלכע די אַרבעט איז געווען גאָר שווער, אָבער אויך אין די פֿאַלן האָט דער בריגאַדיר רעגולירט אַזוי, אַז די מער ייִנגערע און מער געזונטערע האָבן טיילווײַז באַדינט און פֿאַרגרינגערט די עלטערע. יעדן אָוונט פֿלעגט שאַדמאַנאַוו ברענגען דעם „נאַריאַד" און מיר האָבן שוין געוווּסט וווּהין מיר גייען מאָרגן אויף אַרבעט

און וואָס מיר וועלן טאָן. נישט אַלע בריגאַדעס האָבן צו אַזעלכעס זוכה געווען.

„באַוואָפּענענדיק" זיך יעדן פרימאָרגן מיטן קעסעלע, טעפּעלע און אַנדערע נייטיקע זאַכן פאָרן לאַגערניק, גייען מיר אַוועק אויף אַרבעט. קומענדיק צוריק אויסגעמאַטערטע ,לויפן מיר נאָך טאַלאָנען אויף „באַ־לאַנדע" און ברויט לויט דער נאָרמע פון דער נעכטיקער אויסאַרבעטונג, און אויך נאָך דער פאַרשאַלטענער „גרזאַטענע" וואַסער פון „דיאַדיאַ גרישעס אונטערנעמונג". ווער סע דאַרף נאָך לויפן צום „פעלדשער" טראַקאַנאָוו אין אַמבולאַטאָריע־באַראַק נאָך אַ פּראָשעק אָדער פּיל, ווו ס'איז אויך אַן „אָטשערעד" (רייע) און דאַן איז שוין נישטאָ ווען אָפּצו־רוען זיך נאָכן שווערן אַרבעטס־טאָג. כדי באַווייזן אומעטום דאַרף מען לויפן.

די גנבים אין די באַראַקן זענען געוואָרן ממש אַ פּלאָג און דערקוטשען אונדז אַלעמען. אויב איך האָב דאָס נישט געפילט זייענדיק אין פּאַלאַטקע־„קלוב" ווייל דאָרטן זענען געווען דעזשורנע־היטער — האָב איך דאָס דערפילט, אַנקומענדיק שוין אין גרעסערן באַראַק ווי ס'האָבן געוווינט אַ סך בריגאַדעס. יעדן אָוונט ווען מיר קומען פון דער אַרבעט, זענען די קלימעקלעך איבערגענישטערט און פון דאָרטן ווערן צוגענומען די מער „ווערטפולע" זאַכן, אויב ס'איז ביי עמעצן עפּעס נאָך פאַרבליבן. פון ברויט אָדער צוקער איז שוין אָפּגערעדט. זיי טרינקען אויס אַפילו די „גרזאַטענע" וואַסער, וואָס ס'האָט עמעצער באַהאַלטן. אַלץ דאַרפן זיי, די זשוליקעס צוליב אויסבייטן אויף מאַכאָרקע צום רויכערן, דער גרוזינער דעקאַנאַסידזע (אָנפירער פון דער אינערלעכער בריגאַדע) האָט נישט גע־פירט קיין קאַמף מיט די גנבים. יעדע מער ווייניקער ווערטפולע שמאַטע איז פאַר זיי געווען אַ קערן. די אוזבעקן זענען צו אַזעלכעס ווייניקער געווען צוגעוווינט און פרעמד פאַר זיי.

דער בריגאַדיר שאַדמאַנאָוו איז געפאַלן אויף אַ המצאה, אַז אויב די מיטגלידער פון דער בריגאַדע זענען מסכים אָפּגעבן עטלעכע פּראָצענט פון זייער אַרבעטס־טאָג אַזוי, אַז ס'זאָל געשאַפן ווערן 100 פּראָצענט פאַר וועמען ס'איז — וועט ער איבערלאָזן איינעם פון דער בריגאַדע אין באַראַק, ספּעציעל צו היטן די זאַכן און אויך פאַרנעמען זיך מיט פליכטן פון צוגרייטן טאַלאָנען אין „סטאָלאָווע", אויף ברויט פאַר יעדן איינעם אַזוי, אַז קומענדיק פון דער אַרבעט, זאָל קיינער נישט באַדאַרפן אָפּגעבן צייט דערויף און אַלץ באַקומען אויפן אָרט אין באַראַק. אַלע אין בריגאַדע האָבן מיט פערגעניגן אָנגענומען דעם פאָרשלאָג פון בריגאַדיר און מסכים געווען. שאַדמאַנאָוו האָט מיר פאַרגעלייגט דעם „פּאָסטן", נעמענדיק אין אַכט מיין

אָפּגעשוואַכטקייט און אַז די פּיס האָבן מיך נישט געטראָגן, ווען ס'איז אויסגעקומען אָפּטמאָל גיין ווייט אויף דער אַרבעט און צוריק.

איך האָב מיין נייעם „פּאָסטן" אָנגענומען מיט פאַרגעניגן און מיין פּליכט אויסגעפילט פּינקטלעך מיט איבערגעגעבנקייט פאַר דער בריגאַדע. ס'איז מיר טאַקע געוואָרן גרינגער מיט דעם, וואָס אַלץ איז אויפן אָרט און נישט געווען פאַרבינדן מיט אַ סך גיין. אויך פאַר די מענטשן אין בריגאַדע איז דאָס געווען אַ גרויסע פאַרלייכטערונג. ווען די בריגאַדע קומט פון דער אַרבעט און יעדער באַקומט זיינס ווער איך פריי פון מיינע פליכטן.

כמעט טעגלעך באַזוך איך מיין אַלטיטשקן אין זיין באַראַק (ער איז אַ ביסל אויפגעלעבט געוואָרן) און אויך אַנדערע נאָענטע פריינד, מיט וועלכע מיר טיילן זיך וועגן אונדזער טרויעריקער לאַגע אָן שום אויס־זיכטן אויף בעסערע צייטן.

דאָ וויל איך צום ערשטן מאָל דערמאָנען איינעם פון מיינע געטריי־עסטע מיטזיצער מישע ג—וו, אַ רוס (שפּעטער, נאָך אונדזער באַפרייונג האָבן מיר אַ סך יאָרן זיך געחברט, אונדזערע קינדער האָבן זיך אַפילו געלערנט צוזאַמען). ער האָט אויך באַקומען 10 יאָר. ער איז געווען אַ באַן־אָנגעשטעלטער אין דער אָנפירונג פון דער מזרח־כינעזישער אייזנ־באַן, וועלכע איז פאַרקויפט געוואָרן די כינעזער אין יאָר 1934, און די גאַנצע מאַנשאַפט פון דער דערמאָנטער אייזנבאַן, ווי סאָוועטישע ביר־גער, האָט מען אומגעקערט אין ראַטנפאַרבאַנד, אַהיים. דאָ האָט מען זיי אין די טויזנטער באַגעגנט אויף דער סאָוועטיש־כינעזישער גרענעץ פייערלעך, ווי טייערע ברידער, מיט מוזיק, בלומען, אַלעמען אָפּגעפירט אין צוגעגרייטע פאַר זיי דירות און אויך איינגעאָרדנט אויף אַרבעט, זיי זאָלן אָנהויבן אַ ניי לעבן אין דער היים.

אין פאַרשאָלטענעם יאָר 1937, האָט דאָס ווילדע מכשפה־געיעג נאָך „פאָלקס־פיינד" זיי, די „קאַ־ווע־זשע־דינצעס" (ווי מען האָט זיי גערופן) אויך נישט אויסגעמיטן. אַלע, אָן אויסנאַם, ווי „פרעמדע" האָט מען אויך „פאַרבעטן", איינגעזעצט, געפאַרשט, געפייניקט, באַשולדיקט אין כל ערליי „זינד" (איבערהויפּט אין שפּיאָנאַזש לטובת יאַפּאַן). פיל פון זיי האָט מען געשאָסן און אַנדערע האָבן באַקומען צו צען יאָר תפיסה און אויף קאַטאָרגע־אַרבעט. זיי זענען פונאַנדערגעשיקט געוואָרן אין די פילצאָליקע לאַגערן פונעם גרויסן לאַנד ווו „דאָס טייערסטע איז דער מענטש". דאָרטן האָבן זיי געטיילט דעם זעלבן גורל ווי אַלע „שונאים פון פאָלק".

אָט, אַזאַ איינער פון די „קאַ־ווע־זשע־דינצעס" וואָס האָט באַטייט (קיטייסקאַ־וואָסטאָטשנאַיאַ־זשעלעזנאַיאַ דאָראָגאַ), מיטען נאָמען קאַרטש־

מאַריק, פון דער שטאָט אָריאָל, איז אויך געווען אין אונדזער בריגאַדע. אַ שטילער און באַשיידענער (ווי מען זאָגט „קיין פליג אויף דער וואַנט נישט געטשעפּעט"), אויסגעפירט אַלע אַרבעטן, וועלכע דער בריגאַדיר האָט געהייסן, רויִק, אָן דערווידערונג און געהאַלטן זיך מיט די איבעריקע בריגאַדע־מיטגלידער זייער חבריש. ער האָט, ווי אַלע, אויך באַקומען אַ „צענערל".

אין אַ געוויסן טאָג, ווען איך האָב אויסגעפילט מײַנע פליכטן פאַר דער בריגאַדע ביים באַקומען ברויט און טאַלאָנען פאַר אַלעמען, האָב איך געהערט אַז אויסער דער זאָנע, איז אין דער פרי געקומען אַ פרוי באַזוכן איר מאַן. איך האָב אין דעם בשום אופן נישט געגלויבט. איך בין געווען זיכער אַז דאָס איז אַ ווייטערדיקע „קאַטשקע". זי זיצט ביי דער וואַכטע פון יענער זייט און וואַרט ביז די בריגאַדעס וועלן זיך צוריקקערן פון דער אַרבעט און בתוכם, איר מאַן. אויב — טראַכט איך זיך — ס'איז טאַקע אמת, אַז זי איז געקומען זען זיך מיט איר מאַן, איז דאָס זיכער אַ פרוי פון די קרימינעלע פאַרברעכער, ווייל צו די „קאָנטריקעס" מיטן 58־טן פּאַראַגראַף, אין אַ לאַגער מיט אַזאַ רעזשים, איז אוממעגלעך ביים „שטעכיקן" יעזשאָוו.

ביז די בריגאַדעס זענען געקומען פון דער אַרבעט, האָב איך זיך שוין באַוויזן באַראַטן מיט נאָענטע חברים, וואָס האָבן זיך געפונען אין זאָנע. איך האָב זיך אויך וועגן דעם געוואַלט טיילן מיטן בריגאַדיר שאַדמאַנאָוו און טאַקע אויך אויף אים געוואַרט מיט אומגעדולד.

אָבער ווי דערשטוינט בין איך געוואָרן ווען שאַדמאַנאָוו איז אַריינ־געלאָפן אין באַראַק נאָכן צוריקקער פון דער אַרבעט מיט דער בריגאַדע און מיר געמאָלדן אַז ס'איז געקומען אַ „גאַסט פון דער פריי" — די פרוי פון אונדזער קאַרטשמאַריק — אויף אַ טרעפונג מיטן מאַן. זי האָט אַ דער־לויבעניש פון די העכערע נקווד־אינסטאַנצן אויף 24 שעה, אַז זי וועט זיך געפינען מיטן מאַן אין אַ באַזונדער אָפּגעטיילט אָרט און... אַז דאָס מוז דורך אונדז אויסגענוצט ווערן. ער האָט מיך גלייך באַפרייט פון אַלע מײַנע פליכטן און נישט געהייסן פאַרלאָזן דעם באַראַק. עפּעס — זאָגט ער — וועט צוגעטראַכט ווערן — און ער איז אַליין אַוועק.

וואָס קען אַזוינס צוגעטראַכט ווערן ? וועגן וואָס טרוימט ער ? — האָב איך זיך געוווּנדערט. צי זעט ער דען נישט דעם האָפענונגסלאָזן צושטאַנד פון יעדן ? צי וואַרט ער נאָך אַלץ אויף סטאַלינס יושר ? איך זיץ, וואַרט און טראַכט כסדר וועגן דעם. אָט קומט ער ווידער צו לויפן מיט אַ בשורה אַז מ'האָט קאַרטשמאַריקן מיט זיין פרוי אויסגעטיילט אַן אָרט אין „קלוב"־פּאַלאַטקע ווו איך האָב זיך געפונען פריִער און פון

וואַנען איך בין אַהער געקומען. דאָרטן אויף דער בינע ווו ס'זענען גע־שטאַנען נאָרעס פאַר די וואַכטיאָרן, איז אויך געווען אַ קליין קעמערל פאַר די „אַרטיסטן" און אין דעם קעמערל וועלן זיך טאַקע געפינען קאַרטשמאַריק מיט זיין פרוי ביז אין דער פרי.

— זיץ און גיי נישט אַוועק — איז געווען זיין פאָראָרדענונג. ס'איז געקומען צו לויפן קאַרטשמאַריק אַליין נאָכן ברויט. איך האָב אים באַ־



סאַיד־כאַן שאַדמאַנאָוו

גריסט מיטן גרויסן גליק, אָבער נישט געהאַט קיין ווערטער פאַר אים. איך בין ממש „פּאַראַליזירט" געוואָרן פון אַזאַ אויסערגעוויינלעכער דער־שיינונג.

ער האָט מיר באַוויזן איבערגעבן אַז נאָר וואָס איז זיין פרוי דורכ־געגאַנגען אַ שענדלעכע פערזענלעכע רעוויזיע און אַז זי פילט זיך דער־נידעריקט פון דער הפקרות, און אַז מ'האָט איר איבערגעלייענט אַ „לעקציע" און געסטראַשעט, אַז זי טאָר מיט קיינעם פון די לאַגערניקעס נישט רעדן, גאָרנישט איבערגעבן אא"וו. און אַז אין פאַל ווען זי וועט נישט אויספילן די געהעריקע אינסטרוקציע — וועט זי, דאָ אויפן אָרט, אַרעסטירט ווערן און מ'וועט זי משפטן לויטן געזעץ.

איך בין אָנגעשטרענגט ביז גאָר. איך האָב אָנגעהויבן גלויבן אַז עפּעס ממשותדיקס קען שאַדמאַנאָוו צוטראַכטן.

שאַדמאַנאָוו האָט זיך ווייטער באַוויזן, אַרויסגעשלעפּט פון אונטער

די פּאַלעס אַ פּעקעלע ווייס פּאַפּיר, געבעטן די אוזבעקן מיך מיט גאַרנישט באַומרויִקן, באַפוילן מיר זעצן זיך און שרייבן „פּאַר דער פּריי״ (אויס־נוצנדיק די צפונדיקע ווייסע נאַכט), שרייבן פּאַר אים אין צענטראַל־קאָמיטעט פון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי, וועגן איבערקוקן זיין „ענין״ וועגן וועלכן איך האָב פון פריִער געוווּסט זייער גוט. ער האָט פּאַרגע־לייגט אויך מיר שרייבן פּאַר זיך אין אויבער־ראַט, צום הויפּט־פּראָקוראָר און צו... יעזשאָוון אַליין, וועגן מיין אומשולד און איבערקוקן מיין „ענין״ (איך שעם זיך איצטער פּאַר דער אַרויסגעוויזענער נאַיִוקייט און גלויבן אין צדק פון אויבן), פּאַרגעלייגט אויך שרייבן אין אַנדערע אינסטאַנצן. איך האָב אויך געשריבן בריוו צו מיין פרוי, צום, שוין דערמאָנטן, אַר־בעטס־חבר יעקב טשערנאָוו און צו אַ פריינדין פון מיין פרוי (צו זיי האָב איך אויך געשריבן פון וואַגאָן בעת דעם עטאַפּ). איך האָב אויך געשריבן צו שאַדמאַנאָווס משפחה (ער האָט מיר איבערגעגעבן דעם אינהאַלט).

איך האָב אויך אויסגענוצט דעם מאָמענט און אָנגעשריבן אין „גולאַג״ (הויפּט־פאַרוואַלטונג פון די לאַגערן ביים נ.ק.וו.ד. אין מאָסקווע) ווו ס'איז אויך געווען אַ לאַנדווירטשאַפטלעכער אָפּטייל און געבעטן געבן מיר אַ מעגלעכקייט אַרבעטן אין אַ לאַנדווירטשאַפטלעכן לאַגער אַלס פאַכמאַן ווי אַ זאָאָטעכניקער, און ווי כ'וואָלט זיכער געקענט ברענגען מער נוצן פאַר דער מלוכה, איידער אויף וואַלד־אַרבעט מיט אַ שלעכטן געזונט־צושטאַנד.

איך זיץ און שוויץ ביי דער שיין פון דער ווייסער צפון־נאַכט. דאָס „בערגל״ מיט די אָנגעשריבענע פאַפּירן ווערט העכער און העכער. צו יעדן אָנגעשריבענעם בריוו אָדער ביטע איז צוגעלייגט געוואָרן אַן אַדרעס וווּהין צו שיקן. איך האָב געשריבן ווי אַן אָנגעדרייטע מאַשין, נישט וויסנדיק נאָך, וואָס ווייטער וועט געשען מיטן אָנגעשריבענעם.

שאַדמאַנאָוו האָט זיך ווידער באַוויזן. געגעבן אָנווייזונגען, אונטער־געזאָגט, קאָרעקטירט, פאַרריכט אייניקע אויסדריקן פון אָנגעשריבענעם, ווו מען האָט באַדאַרפט און איז געווען צופרידן זעענדיק דאָס אויסגעוואַק־סענע בערגל מיט די אָנגעשריבענע פאַפּירן.

ווען איך האָב ביי אים געפרעגט, וואָס וועט ווייטער זיין און צי איז דאָס נישט קיין אומזיסטע טירחה? — האָט ער ביידלעך געענטפערט:

— דערווייל שרייב און גיי נישט אַוועק — איך וועל זיך נאָך דורכ־שמועסן מיט אייניקע מענטשן.

איך פיל אַז עפּעס „גראַנדיעזעס״ וויל ער פאַרווירקלעכן, אָבער וואָס? איך בין נישט אומשטאַנד באַגרייפן. ס'כאַפּט מיך אַרום אַ פּחד.

דאָס פּעקל פּאַפּירן איז שוין פאַרענדיקט. איך האָב דאָס אַרומגעביגדן מיט אַ פאָדעם אַזוי ווי שאַדמאַנאָוו האָט מיר געהייסן און וואַרט ווייטער אויף אים.

ער איז געקומען און מיטגעטיילט, אַז אים האָט זיך איינגעגעבן דורך קאַרטשמאַריקן באַקומען די הסכמה פון זיין פרוי (ריזיקירנדיק ממש מיטן לעבן) מיטצונעמען דאָס פּעקעלע אויף דער פריי און דערנאָך פונאַנדער־שיקן לויט די אָנגעוויזענע אַדרעסן, מיט דער פרייער פּאָסט, רעקאָמענדירט, און אַז איך דאַרף איר איבערגעבן איניקע „פּרטים" ווי אַזוי דאָס דורכ־צופירן (ווען, ווו האָט ער דאָס באַוויזן, און מיט וועמען אויסאַרבעטן דעם פּלאַן?). צו דעם צוועק האָט ער זיך צונויפגערעדט מיטן אַרבעטסגעבער, אַדער שעף פון פּראָצודיר־אָפּטיילונג אין לאַגער — מיכעיעוו (איך געדענק אים אויסגעצייכנט, אויך אַ פאַרמשפּטער אויף 10 יאָר און אַן אָפּשטאַמיקער פון הי טאַקע, פון אַרכאַנגעלסקער געגנט), אַז ער זאָל אונדזער אוזבעקן־בריגאַדע שיקן אויף מאָרגן אַרבעטן צו פאַרריכטן דעם איינציקן וועג, דורך וועלכן ס'וועט דאַרפן זיך אומקערן אַהיים שוין, די פרוי פון קאַרט־שמאַריק (מיר האָבן שוין פריער אויף דעם אָרט עטלעכע מאָל פאַרריכט דעם וועג, וועלכער איז געווען אויסגעלייגט מיט קלעצער אין וואַלד, און די דורכגייענדיקע טראַקטאָרן פלעגן זיי רויִנירן).

דער פּלאַן איז געווען אַזעלכער, אַז ווען זי וועט דורכגיין דאָס אָרט ווו די בריגאַדע אַרבעט זאָל זי ביים קאָנוואָיִרער בעטן אַ טרונק וואַסער (ביי דער בריגאַדע איז שטענדיק געשטאַנען אַן עמער מיט וואַסער צום טרינקען). אין אַזעלכע פאַלן, הייסט דער קאָנוואָירער, וואָס שטייט אויף זיין פּאָסטן, דעם בריגאַדיר געבן וואַסער צום טרינקען דעם פאַרבייגייער (ס'זענען פריער אַזעלכע פאַלן געווען). ווען דער קאָנוואָירער וועט דער־לויבן געבן אַ טרונק, וועט דער בריגאַדיר מיט זיין קעסעלע „אָנשעפּן" וואַסער פונעם עמער און צוטראָגן צום „טרינקען" און אָט דאַן דאַרף מען איר טאַקע איבערגעבן דאָס פּעקעלע.

שאַדמאַנאָוו האָט מיר געבראַכט אַ וואַכטיאַר, וואָס דאַרף מיך גלייך אָפּפירן צו דער פרוי קאַרטשמאַריק אין געהיים, כדי איר איבערגעבן פּרטימדיק דעם אויבנדערמאָנטן פּלאַן, און גלייכצייטיק האָב איך געוואָלט טאַקע איר איבערגעבן איניקע איינצלהייטן וועגן זיך בשייכות מיטן אָפּשיקן די בריוו צו מיר אַהיים און אויך וועגן מיין פרוי.

דאָס איז פאַר מיר געווען אַ שרעקלעכער מאָמענט מיט אַ גוואַלדיקער ריזיקע (און נישט נאָר פאַר מיר אַליין). איך האָב געפילט אַז דאָס האַרץ פּלאַצט. איך בין נישט געווען זיכער צי וועט דער וואַכטיאַר מיך אָפּפירן צו איר, אַדער גלייך אין דער „דריטער טייל", אָבער איך האָב זיך גלייכ־

צייטיק אָפּגעגעבן אַ דין וחשבון אַז דאָס איז אַן אַנטשיידענער מאָמענט, וואָס וועט אפשר קענען פאַרגרינגערן אונדזער גורל, ס'איז נישטאָ קיין אַנדער אויסוועג און אַז אַזאַ געלעגנהייט קען שוין מער קיין מאָל זיך נישט מאַכן. נו, און אין פאַל ווען דאָס וועט זיך נישט איינגעבן? — איז אַלץ איינס שוין נישטאָ וואָס צו פאַרלירן. די איבעריקע.. 8 יאָר, וואָס זענען מיר נאָך פאַרבליבן צו זיין אין לאַגער וועל איך סיי ווי נישט אויסהאַלטן.

דער וואַכטיאַר האָט מיך אַריינגעפירט אין דער „קאַבינע" פון פרוי קאַרטשמאַריק און אַליין אַוועק אויף אַ געוויסער צייט (איך האָב שוין טאָקע געציטערט צי איז ער נישט אַוועק אין דער „דריטער טייל" מעלדן אַז איך געפין זיך איצטער דאָ).

ווען איך האָב דערזען אַ מענטש פון דער פריי, נאָך אַזאַ לאַנגער צייט, מיט אַזאַ צערטלעך היימיש פּנים, וואָס האָט דערמאָנט מיין אייגענע פרוי, האָב איך נישט אויסגעהאַלטן און זיך ספּאַזמאַטיש צעוויינט. זי מיט איר מאַן האָבן מיך באַרויִקט ווי אַ קליין קינד. איך האָב איר „אַרויסגעלייגט" דעם פּלאַן (צוהערנדיק זיך גלייכצייטיק צי קומט מען נישט מיך „פאַר־בעטן".) די פרוי האָט מיט אַכטונג און פאַרשטענדעניש מיך אויסגעהערט, אַלץ באַנומען און מיר צוגעזאָגט אַלץ דערלידיקן. איך האָב איר איבער־געגעבן איניקע פּרטים וועגן מיין פרוי, צו וועלכער זי וועט באַדאַרפן באַזונדערס אָנשרייבן, און אויך געבעטן זי זאָל זי אינפאָרמירן וועגן די מעג־לעכקייטן, אַז אויך זי, די פרוי מיינע, זאָל אפשר קענען אַזעלכעס „דורכ־ברעכן" און קומען צו מיר. מיר האָבן זיך האַרציק געזעגנט. דער וואַכטיאַ איז געקומען מיך צוריק אָפּפירן.

שאַדמאַנאָוו האָט מיט אומגעדולד געוואַרט אויף מיר. אין גיכן דאַרף שוין זיין דער „פּאַדיאָם" און מען דאַרף צוגרייטן דאָס פּעקעלע צום דורכ־טראָגן דורך דער וואַכטע בעת דעם „ראַזוואָד" אויף אַרבעט. ביים טויער ווערט יעדער אַרעסטאַנט רעווידירט, אָבער אַ חוץ דעם קעסעלע, טעפּעלע און ברויט מיטן לעפל צום עסן, האָט קיינער נישט וואָס דורכצוטראָגן דורך דער וואַכטע. נישט אָפט זוכט מען ביי די בריגאַדירן, צוליב דעם, וואָס זיי זענען אין דעם מאָמענט פאַרנומען מיט העלפן ציילן די מענטשן פון זיין בריגאַדע ביים דורכפירן און איבערגעבן אין רשות פון קאָנוואָי, וואָס פירט אויף אַרבעט. אָט דעם מאָמענט האָט שאַדמאַנאָוו אויגערעכנט אויס־צונוצן.

איך האָב דאָס פּעקעלע מיט די פּאַפּירן־בריוו איינגעוויקלט אין אַ שמאַטקעלע, אַרומגעבינדן, צוזאַמען מיטן ברויט און אַנדערע זאַכן אַריינ־

געלייגט אין קעסעלע און איבערגעגעבן שאַדמאַנאַוון און שטיל געווונטשן הצלחה. איך בין אַליין אויך אַוועק מיט דער בריגאַדע צום טויער זען צי גייט ער דורך בשלום אויף דער צווייטער זייט.

יאָ, אַלץ איז דערווייל אַזוי ווי אונדזער פעיִקער בריגאַדיר סאַיד־כאַן האָט פּלאַנירט. צי וועט ווייטער אַזוי גיין? — האָב איך נישט אויפגעהערט טראַכטן און איבערלעבן. דערווייל האָט נאָך די פרוי קאַרטשמאַריק דעם לאַגער נישט פאַרלאָזט. איך האָב כסדר אַכטונג געגעבן. ווען ס'וועט זיך ענדיקן דער „ראַזוואַד" וועט זי מסתמא דאַרפן פאַרלאָזן דעם לאַגער, נאָך אַ מאָל, מסתמא, דורכגייענדיק די נעכטיקע שענדלעכע „פּראָצעדור" ביי דער רעוויזיע.

איך דריי זיך אין זאַנע, גיב אַכטונג און לאָז נישט אַראָפּ דאָס אויג פונעם וואַכטע־טירל. איך האָב אַלץ מורא אַז צוליב מיין שלעכטער ראיה קען איך נישט באַמערקן ווען זי וועט דעם לאַגער פאַרלאָזן. נעגטער קען איך זיך נישט שטעלן, ס'זאָל חלילה קיין חשד אויף מיר נישט פאַלן... עמעצער קען באַמערקן און גלייך „צוטראַגן" צו דער „דריטער טייל". איך בין כסדר אַנגעשטרענגט.

אָט איז זי אַרויס פון דער לאַגער־בודקע אין דער באַגלייטונג פון איינעם פון די דעזשורנדיקע אין וואַכטע ביז יענער זייט טויער. מיט האַרצקלאַפּעניש און שרעק, האָבן מיינע אויגן זי באַגלייט מיט שטילער ברכה און געבעטן אַז זי זאָל מצליח זיין אין איר שליחות.

דער לאַגער־טאָג, וואַרטנדיק ביזן צוריקקער פון דער בריגאַדע, האָט זיך געצויגן פיל לענגער פון אַלע שווערע לאַגער־טעג.

ווען שאַדמאַנאַוו האָט זיך אין אָוונט צוריקגעקערט מיט דער בריגאַדע און מיר דערציילט ווי אַזוי ער האָט מיט זיין קעסעלע „אַנגעשעפּט" וואַסער, אַליין זיך געשטעלט אין דער זייט, פאַרשטעלנדיק מיט זיך דעם קאַנוואָיִרער, אין דער צייט וואָס זי האָט „געטרונקען" האָט זי דאָס צוגעגרייטע פּעקעלע „אַראָפּגעלאָזט" אין בוזעם. מיר האָבן זיך אַרומגע־נומען מיט פרייד און האָפענונג, אַז אונדזערע געשיקטע בריוו וועלן אפשר דערגרייכן זייערע אַדרעסאַטן, אויב וועט זי נאָר נישט אָפּגעשטעלט ווערן אין וועג כדי זי רעווידירן, ווייל דער גאַנצער שטח ביזן אַרויסגיין אויפן שאָסיי איז אַ לאַבירינט פון פיל לאַגערן און איז אָנגעשטאָפּט מיט שומרים און פאַרשידענע נקוודיסטישע אַגענטן, וועלכע שפּירן נאָך יעדן דורכ־גייענדיקן — וועלן מיר שוין טאַקע האָבן אַ שטיקעלע ישועה.

וועגן דער „אָפּעראַציע" האָבן מיר נאָר אין דרייען געוווּסט — איך,

שאַדמאַנאָוו און קאַרטשמאַריק. דער לעצטער האָט אונדז כסדר פאַרזיכערט אַז זיין פרוי וועט אומבאַדינגט אַלץ פונאַנדערשיקן. —

ווי איך האָב זיך שפּעטער דערוווּסט דורך די בריוו פון מיין פרוי, שוין זייענדיק אין די סיבירער לאַגערן — האָט פרוי קאַרטשמאַריק באמת אַלץ דערליידיקט מיט פיל איבערגעגעבנקייט און מסירת נפש. עס זענען אויך געווען ממשותדיקע רעזולטאַטן, און צווישן זיי — דאָס, וואָס איך בין געבליבן לעבן, אַרויסרייסנדיק זיך פונעם שרעקלעכן גהינום און טויט־לאַגער „לייבושע" (דער ערשטער פון אונדזערע גרופּע און אויך אפשר דער איינציקער) און אַ דאַנק דעם האָב איך באַקומען די מעגלעכקייט וועגן דעם דערציילן. —

## מיט יאָרן שפּעטער...

נאָך מיין באַפרייונג און שפּעטער, רעהאַביליטאַציע אין 26 יאָר אַרום נאָך מיין אַרעסט (1963) האָב איך, ווי שוין דערמאָנט, מער אַקטיוו און אָן פּחד, אָנגעהויבן זוכן מיינע אַמאָליקע פריינד פון די פיין און אַפּקומעניש־יאָרן.

וואָס שייך סאַיד־כאַן־שאַדמאַנאָוו, האָב איך נאָר געדענקט דעם נאָמען און אַז געוווינט האָט ער אין טאַשקענט אויף אָקטאָבער־פּלאַץ (דעם נומער נישט געדענקט). איך האָב באַשלאָסן ווענדן זיך צום אומבאַקאַנטן מיט־אַרבעטער פון טאַשקענטער אַדרעס־ביוראָ מיט אַ ביטע העלפן מיר אים געפינען, אויב ער לעבט.

איך בין ממש איבערראַשט געוואָרן ווען מ׳האָט מיר פון דאָרט געענט־פערט אַז שאַדמאַנאָוו לעבט און וווינט אין דער שטאָט פּסקענט (טאַשקענ־טער געגנט) און מע האָט מיר געשיקט זיין אַדרעס. איך האָב זיך מיט אים פאַרבונדן. נישט קוקנדיק אויף דעם, וואָס זינט אונדזער צעשיידונג זענען דורך מער ווי 25 יאָר, געדענקט ער מיך אויסגעצייכנט.

אין איינער פון זיינע בריוו שרייבט ער צו מיר: „טייערער פריינד! כדי באַשרייבן כאָטש טיילוויז, איינצלהייטן פון נאָך אונדזער צעשיידונג אין יענע באַדינגונגען פון סטאַלינס קולט אין יאָר 1939 און אויך די שווידערלעכע איבערלעבונגען — דאַרף מען האָבן אַ סך צייט. צי דאַרף מען זיך אומקערן צו יענע צייטן? (אַן אויסדרוק פון אַ מענטש, וואָס איז פאַרט פאַרבליבן אַ קאָמוניסט) און ווייטער שרייבט ער: „נאָך 19 יאָר

אומשולדיקע לײדן — האָט מען מיך אין יאָר 1956 רעהאַביליטירט". (די בריוו האָט זיך פאַרהיט און געפינט זיך אין מײַן אַרכיוו).

ווי ס'איז צו זען פון זײַנע בריוו צו מיר — האָט אים ווייניק געהאָלפן יענע בריוו־ביטע, וואָס איך האָב אים געשריבן אין „לײבושאַ"־לאַגער, און זי איז, דורך אים, איבערגעגעבן געוואָרן דורך פּרוי קאַרטשמאַריק צו זײַנע „כאַווײרים" פון צ.ק. אויף וועמענס רעאַגירונג ער האָט, ווי אַ געטרײַער קאָמוניסט און הייסער חסיד פונעם „אַלמעכטיקן פאָטער פון אַלע פעלקער" און בתוכם אויך פון דעם אוזבעקישן פאָלק, פיל האָפענונגען געלײגט (ווי אַ סך אַנדערע קאָמוניסטן) אַז זײערע ענינים וועלן טאַקע איבערגעקוקט ווערן און מע וועט זיי גלײך באַפרײַען.

און ווײַטער שרײַבט ער: „צוליב מײַן אונטערגעריסענעם געזונט נאָך אַזוי פיל יאָרן פיזישע לײדן — קרענק איך כסדר. איצטער בין איך געגנויט אַוועקוואַרפן די אַרבעט און איבערגיין אויף פענסיע.

פון זײַנע בריוו, ווו ער דערמאָנט וועגן 19 יאָר פיזישע לײדן, איז צו זען, אַז נאָכן אָפּקומען די ערשטע באַקומענע 10 יאָר, וועגן וועלכע איך האָב געוווּסט — האָט ער, ווײַזט אויס באַקומען אַ צווייטן פּסק, און נאָך דעם 20־טן פאַרטײ־צוזאַמענפאָר, האָט מען אים ענדלעך באַפרײַט.

איך באַשטעטיק מיט פולער זיכערקייט אַז אין זײַן איבערלעבן די ערשטע 10 יאָר ביי באַדינגונגען פון דעם שרעקלעכן „לײבושע"־לאַגער, וואָס קען מיט דער פולסטער רעכט אָנגערופן ווערן טויט־לאַגער, האָט געשפילט אַ ראָל דאָס, וואָס ער איז אַ געוויסע צייט געווען בריגאַדיר און נישט שטענדיק אָנטייל גענומען אין די שווערע אויסמאַטערונגס־אַרבעטן אין וואַלד מיט די זייער גרויסע אַרבעטס־נאָרמעס, וואָס האָבן אָפּגערויבט דאָס לעבן פון טויזנטער לאַגערניקעס.

מיר איז צום באַדויערן נישט אויסגעקומען מער צו זען שאַדמאַנאָוון צוליב פאַרשידענע סיבות (ווײַטער מהלך און שלעכטער ראיה). ער וואָלט זיכער מיר איבערגעגעבן וועגן גורל פון פיל נאָענטע און טײַערע לאַגער־חברים, וואָס האָבן אויך געטײלט דעם זעלבן גורל וואָס אַנדערע און דאָרט „פאַרבליבן" אויף אייביק.

ס'איז איבעריק צו דערמאָנען נאָך אַ מאָל שאַדמאַנאָווס ראָל אין דעם, וואָס איך בין געבליבן לעבן אַ דאַנק דאָס אויסנוצן דעם באַזוך פון דער טײַערער מסירות־נפשדיקער פּרוי קאַרטשמאַריק און מיט זײַן, שאַדמאַנאָווס, צוגעטראַכטן פּלאַן, וואָס האָט אויך דערמעגלעכט, אַז איך זאָל פון דאָרט, פון „לײבושאַ", איבערגעפירט ווערן אין איינעם פון די סיבירער לאַגערן,

טאַקע מיט דער הילף פונעם דערמאָנטן „גולאַג”, וווּהין ס׳איז דערגאַנגען מיין בריוו — דאָס אַלץ האָט מיך בפירוש געראַטעוועט פון אַ זיכערן טויט.

ווי אַ טייערן אָנדענק היט איך אָפּ דאָס געשטאַלט (פּאַטאַ), וואָס ס׳האָט מיר געשענקט מיין לאַגער־פריינד און רעטער — סאַיד־כאַן־שאַדמאַנאָוו.—

# אויס לייבושאַ, מען פירט מיך קיין סיביר

פון דער לעצטער נאָוואָסיבירסקער תפיסה זענען מיר היינט אָנגעקומען מיטן עטאַפּ אין אַ סטאָליפּין־וואַגאָן אויף דער סטאַציע מאַרינסק, וואָס ליגט אויף דער צענטראַלער טראַנס־סיבירער אייזנבאַן־מאַגיסטראַל, צווישן די שטעט נאָוואָסיבירסק און קראַסנאָיאַרסק (מזרח־סיביר). פון דער סטאַציע האָט מען אונדז געבראַכט אַהער אין אַ לאַגער־פּונקט פון וואַנען מע טיילט פונאַנדער די עטאַפּן צו פאַרשידענע לאַגערן, ענלעך צו ניאַנדאָמער צעטיילונגס־פּונקט לויט זייערע פונקציעס.

כמעט צוויי חדשים האָט געדויערט דער מאַרשרוט פון אונדזער עטאַפּ. פאַר דער צייט בין איך אויסגעזעסן נאָך אַ מאָל אין ניאַנדאָמער „טראַנזיט־פּונקט" אויף צוריקוועגס, אין וואָלאָגדער תפיסה (צפונדיק פון מאָסקווע), קיראָווער תפיסה (אַמאָליקע וויאַטקע), סווערדלאָווסקער און נאָוואָסיבירסקער תפיסות, פון וואַנען מיר זענען איצטער געקומען אויסגעמאַטערט ביז גאָר.

ווי נאָר איך בין היינט דורך דעם לאַגער־טויער, האָב איך אינסטינקטיוו דערפילט, ווי עפּעס אַ מין פאַרלייכטערונג. עפּעס האָט דאָ נישט אַזוי געשוועבט דער טויט פאַר די אויגן, ווי אין שרעקלעכן טויט־לאַגער „לייבושאַ".

דער אינסטינקט האָט מיך נישט אָפּגענאַרט. מ'האָט אונדז אָנגעוויזן אונדזערע ערטער אין די באַראַקן מיט צוויישטאָקיקע נאַרעס און מיר האָבן אָנגעהויבן אַ „ניי לעבן" אין אַ נייעם צייטווייליקן לאַגער. פאַר די עטלעכע שעה האָב איך זיך שוין באַקענט מיט אייניקע לאַגער־תושבים, וואָס האָבן דערציילט, אַז דאָ דערלויבט מען שרייבן בריוו אַהיים און אויך באַקומען פּעקלעך (אָבער דאָס האָט אַ שייכות נאָר צו די אַרעסטאַנטן, וועלכע זענען דאָ „שטענדיקע איינוווינער", ווייל מיר, צייטווייליקע, קענען דאָך צוריק נישט באַקומען קיין ענטפער, ווייל מיר ווייסן דאָך נישט, וווהין מע וועט אונדז ווייטער טרייבן. דאָ באַלעסטיקט מען אויך נישט מיט קיין שווערער אַרבעט ביז צום אָפּשקין אין אַ וועלכן ס'איז אַרבעטס־לאַגער. דאָ קען מען

זיך פריי באַוועגן איבערן לאַגער און מ׳קען באַזוכן אַנדערע באַראַקן אַן שטערונגען. עס זענען אויך דאָ וואַרשטאַטן, ווו פיל מענטשן אַרבעטן ביי זייער פאַך.

גאָט ליבער, — טראַכט איך זיך. דאָ איז דאָך באמת אַ גן עדן אין פאַרגלייך מיט „לייבושאַ״. כמעט אַ האַלבע פרייהייט. דאָ בין איך גרייט אָפּזיין מיינע גאַנצע צען יאָר, ווען מע וואָלט מיר דערלויבט. דורכגייענדיק זיך איבער דער זאָנע, גלייך ווי איך וואָלט טאַקע געווען אויף דער פריי, האָב איך נישט געזען די בלאַנדזשנדיקע שאָטנס לעבעדיקע מתים ווי אין „לייבושאַ״. פון וואַנען קומט צו מיר אַזאַ גליק, וואָס איך בין ניצל געוואָרן פון יענעם גהינום ? אפשר וועל איך שוין דאָ מיט מער זיכערקייט קענען אויסלעבן מיין 10 יעריקן טערמין ? דאָרט האָט דאָך וועגן דעם נישט געקענט זיין קיין שום רייד. איך בין אַריין אין באַראַק און ליג אויף מיין אָרט אויף דער אויבערשטער נאַרע און עס מאַטערט שוין דער הונגער. מיט צוויי טעג צוריק האָט מען אונדז געגעבן אין נאָוואָסיבירסק ברויט אויף 2 טעג און איך האָב דאָס גלייך אויפן אָרט, ווי נאָר מיר זענען אַריין אין וואַגאָן, אויפגעגעסן. אין 2 שעה אַרום נאָכן אָפּעסן די 2-טאָגיקע נאָרמע, האָט זיך ווידער געלאָזט פילן דער הונגער, און אַזוי איז שוין דורך צוויי מעת לעת. איך האָב נישט קיין רעכט צו פאָדערן. מ׳האָט אונדז צוגעזאָגט געבן ברויט נאָר מאָרגן אין אָוונט. אַזעלכע „געזעצן״ וויל דער מאָגן נישט פאַרשטיין. ער פאָדערט זיינס. עס קומען כסדר אַריין מענטשן באַקענען זיך מיטן נייעם עטאַפּ. יעדער פרעגט זיך אויס: פון וואַנען? וויפל יאָר? אין וואָס באַשטייט די באַשולדיקונג ? ווי הייסט מען ? און דער עיקר האָט מען געמיינט, צי האָט מען נישט באַגעגנט ערגעץ אָדער געהערט וועגן אַזעלכע און אַזעלכע פון זייערע באַקאַנטע אָדער קרובים, וואָס זענען אויך צוגענומען געוואָרן פון דער היים אין דער זעלבער צייט און זיי גיבן וועגן זיך נישט צו וויסן (אין לאַגער קלערט מען כסדר אַז אויך די קרובים זיצן אין תפיסה). מען פרעגט, אָבער ס׳איז מיר אַ פחד צו דערציילן וועגן דעם לאַגער „לייבושאַ״ פון וואַנען איך קום, און ס׳איז טאַקע אויך אַ ריזיקע, אַז ס׳זאָל נישט ווערן דורך „עמעצן״ פאַרטייטשט ווי אַגיטאַציע קעגן די מאַכט-אָרגאַנען. מיר האָבן שוין דעמאָלט גוט געוווּסט, אַז נישט מיט אַלץ קען מען זיך טיילן וועגן אַלץ. בפרט מיט נייע ווילד-פרעמדע מענטשן. אַלע לעבנגעבליבענע אַלטע פריינד זענען דאָך פאַרבליבן אין „לייבושאַ״-לאַגער. אַלע, מיט וועלכע איך בין היינט געקומען זענען נייע און באַגעגנטע אויפן וועג און אין די תפיסות. פון „לייבושאַ״-

לאַגער בין איך נאָר איינער — אַ מזלדיקער אַרויס (אפשר טאַקע כדי געדענקען און נישט פאַרגעסן דעם קאַשמאַר ?).

איך קלער פון מיינע נאָענטע, און דער עיקר — פון מיין אַלטיטשקן און האַרציקן וואָלף יאַקאָוולעוויטש מילנער פון וויטעבסק, וועלכער איז געלעגן אין אַ כמעט האָפענונגסלאָזן צושטאַנד אינעם באַראַק פון לאַגער־„שפּיטאָל״, אונטער דער השגחה פונעם דאָקטער, דעם הינטישן אַנטיסעמיט אַגאַרקאָוו אַלעקסיי.

ווי נאָר מ׳האָט מיר געמאָלדן אַז איך דאַרף זיך קלויבן „מיט די זאַכן״ אין עטאַפּ, האָב איך נאָך באַוויזן אַריינלויפן אין שפּיטאָל־באַראַק געזעגנען זיך מיט אים אויף שטענדיק... איך ווייס נישט צי האָט ער דאָן אין פולן זין באַנעמען, אַז איך געזעגן זיך טאַקע מיט אים אויף שטענדיק? אויב יאָ, וועט ער דעם ווייטיק פון אונדזער צעשיידונג זייער שווער איבערלעבן. ס׳איז געווען ביי טאָג, ווען אַלע מיינע נאָענטע חברים האָבן געהאָרעוועט אין וואַלד. איך האָב געבעטן אונדזער „רעטער״ — דעם שניידערל ווייסמאַן, וואָס האָט אין וואַלד נישט געאַרבעט, אַז ער זאָל איבערגעבן די חברים וועגן מיין פּלוצימדיקן אַרויסרוף אין עטאַפּ און אויך, אַז ער זאָל דעם אַלטיטשקן נישט פאַרלאָזן, און אַז טאַקע ער אַליין, זאָל ממשיך זיין אים אונטערהאַלטן מיט ברענגען עפּעס פון דער פרייער קיך, צו וועלכער ער האָט געהאַט אַ צוטריט.

איך ליג אויף דער אויבערשטער נאַרע און הער ווי עמעצער איז אַריינגעקומען אין באַראַק און רופט אויס, ווער עס וויל מיט אים גיין אָנהאַקן האָלץ פאַר דער קיך. איך האָב שוין געוווּסט אַז ביי אַזאַ אַרבעט, וועט מען שוין מיך פון דאָרט קיין הונגעריקן נישט אַרויסלאָזן. מאָמענטאַל שפּרינג איך אַראָפּ פון די נאַרעס, נישט פאַרגעסנדיק מיטכאַפּן מיין „לעבנס־באַגלייטער״ — דאָס 3 ליטערדיקע בלעכענע קעסעלע מיטן טעפּעלע, וואָס זענען שטענדיק געווען צוגעבונדן מיט אַ שטריקל צו מיין מלבוש פון דער רעכטער זייט, עלעהיי אַ רעוואָלווער, „נאַ וואָסיאַקי סלוטשיי״ (אויף יעדן פאַל) און לויף צום אַרויסרופער, אָבער ס׳האָבן זיך באַוויזן מער פלינקערע פון מיר און כמעט אַ צענדליק מענטשן שטייען שוין נעבן אים, בעטנדיק ער זאָל זיי נעמען מיט זיך. דערזעענדיק זיי, האָב איך גלייך מיין האָפענונג פאַרלוירן אויף דעם גליק פון אָנהאַקן האָלץ און אויפעסן אַ 3 לטערדיק קעסעלע באַלאַנדע וועגן וואָס ס׳האָט זיך מיר איצטער נאָר געקענט חלומען. איך ווייס נישט מיט וואָס איך האָב נושא חן געווען ביים אַרויסרופער, און ער האָט אָנגעוויזן אויף מיר, איך זאָל גיין מיט אים (איך האָב זיך דערמאָנט אַז מיין טאַטע פלעגט, דאַכט זיך,

אַזוי אַרום רופֿן אַן אורח אויף שבת, גייענדיק פּרייטיק צו נאַכטס אַהיים פֿון שול). עטלעכע זידל־ווערטער מיטן צוגאָב „זשיד" האָבן מיך באַגלייט. דאָס האָבן אַזוי רעאַגירט די פּאַרבליבענע. זיי האָבן אין מיר געזען אַ קאָנקורענט און אויסכאַפּער פֿון „זייער שטיקל ברויט".

אָנגעקומען צו דער קיך, האָט ער מיר אַרויסגעבראַכט אַ האַק און אָנגעוויזן אויף אַ גרויסער קופּע אויסגעוואָרצלטע פּניאַקעס, געהייסן צע־האַקן און לייגן באַזונדער דאָס אָנגעהאַקטע.

דאָרט האָב איך שוין געטראָפֿן איינעם אַזאַ „האָלצהעקער", ווו נעבן אים איז שוין געלעגן אַ היפּשע קופּע אָנגעהאַקט האָלץ. איך האָב זיך מיט אים באַקענט און זיך גענומען צו דער עבודה. נאָך אַ לענגערער צייט וואַלד־אַרבעט אין „לייבושאַ"־לאַגער, איז די האַק אין מיין האַנט נישט „פֿרעמד געווען" און איך בין טאַקע געווען אַ רעכט ביסל באַהאַוונט אין דער „תורה" פֿון האַקן האָלץ. אָנהאַקנדיק אַ ביסל, האָט מיר מיין נייער באַקאַנטער פֿאַרגעלייגט מאַכן אַ „פּערעקור" (איבעררייסן אויף רויכערן). איך האָב זיין פֿאָרשלאָג אָנגענומען.

כאָטש איך האָב נאָך ווינציק מיט אים גערעדט, האָט ער אינסטינקטיוו אַרויסגערופֿן ביי מיר אַ מיטגעפֿיל. ער איז געווען עלטער פֿון מיר מער ווי מיט אַ צענדליק יאָרן. גערעדט רוסיש מיט אַ ריינעם מאָסקווער אַק־צענט. געווען איז ער עטוואָס העכער פֿון מיר אין וווקס און אויך אַביסל איינגעהויקערט. ווי ער האָט מיר דערקלערט, איז דאָס הויקערן זיך אַ רעזולטאַט פֿון זייער שווערער אַרבעט אין פֿריִערדיקן אַרבעטס־לאַגער אויפֿן ווייטן מזרח, פֿון וואַנען ער איז געקומען מיט אַ פּאָר וואָכן צוריק. פֿון דאַנען דאַרף ער איבערגעפֿירט ווערן אין אַן אַנדער לאַגער, און אויף דעם וואַרט ער יעדן טאָג. ער האָט דערציילט אַז די גאַנצע צייט ליידט ער הונגער, און אָט איז ער אויך געקומען פֿאַרדינען אַ ביסל „באַלאַנדע", און אַז ער האָקט דאָ האָלץ עטלעכע טעג נאָך אַנאַנד.

ביים צווייטן „פּערעקור" (ער איז געווען אַ שטאַרקער רויכערער) האָט מיין אח לצרה ווייטער דערציילט, אַז ער שטאַמט פֿון אַ רוסישער וועבער־משפּחה שוין פֿון כמה וכמה דורות פֿון (אונטער מאָסקווע, אַרעכאָ־זויעווער ראַיאָן, ווו ס'געפֿינען זיך פֿיל וועבער־פֿאַבריקן) און אַז אַליין איז ער אַ געוועזענער קאָמוניסט. אַרעסטירט האָט מען אים, ווען ער איז שוין געווען דירעקטאָר פֿון דער וועבער־פֿאַבריק „טרוד" אין דער שטאָט פּעטושקי (אויף דער גרענעץ צווישן מאָסקווער און וולאַדימירער געגנטן). געווען אַ מיטגליד אין שטאָטישן פּאַרטיי־קאָמיטעט. זיין פֿאַבריק האָט

גוט געאַרבעט. אויפן דירעקטאָר־פּאָסטן האָט מען אים אַרויסגערוקט פֿאַר דערפֿאָלגרייכער אַרבעט אַלס וועבער. ער האָט זיך באַרימט מיט דעם, אַז זיינע שוועסטער (אויך וועבערינס) עלטערע פֿון אים, האָבן זוכה געווען צום סוף 1934 יאָר, באַלוינט צו ווערן דורך סטאַלינען מיט אָרדנס „רויטע אַרבעטעס־פֿאָן".

ווען מען האָט אים אַרעסטירט אין אָנהויב 1937, זענען אין דערהיים פֿאַרבליבן אַ פֿרוי מיט 5 קינדער. אין דער צייט פֿון אויספֿאָרשונג זענען זיינע אַמאָליקע חברים (איצטער שוין גרעסערע פּאַרטיי־אָנפֿירער) מיט אים „נישט גוט זיך באַגאַנגען". זיין נאָמען באַשמוצט און „באַשטעטיקט" פֿאַרשידענע „פֿאַרברעכנס", וועלכע מען האָט אים צוגעשריבן און בתוכם, פֿאַר „באַוווסטזיניק אונטערררייסן די פּראָדוציר־פּלענער פֿון זיין פֿאַבריק. מ'האָט אים אויך געמאַכט פֿאַר אַ טראָצקיסט, כאָטש ער פֿאַרשטייט נישט אין גאַנצן, וואָס באַטייט טראָצקיזם. ער האָט באַקומען 10 יאָר. מער האָט ער זיינע פֿרוי און קינדער נישט געזען. ער זיצט שוין דאָס דריטע יאָר. פֿאַר דער צייט איז ער געווען אין 2 לאַגערן, ווו ער האָט זיך געפּלאָגט ביי די שווערסטע אַרבעטן. דער פֿאַמיליע־נאָמען פֿון מיין נייעם באַקאַנטן איז פּאַלאָוואָוו וואַסילי דמיטריעוויטש.

איך האָב אין אים געוואָלט זען איינעם פֿון די ערלעכסטע רוסישע פּראָלעטאַריער, וואָס האָבן טאַקע געגלויבט אין דער גליקלעכער צוקונפֿט וואָס סע ברענגט דער קאָמוניזם. ער איז געווען אַן אמתער פּאַרטיי־מאַן וואָס האָט געגלויבט אין סטאַלינען ווי אַמאָל זיינע זיידעס אין פּראַוואָ־סלאַווונעם גאָט.

דער שמועס האָט אונדז זייער דערנענטערט, אָבער מיר זענען גע־קומען אָהער נישט שמועסן, נאָר האַקן האָלץ און פֿאַרדינען מיט שווייס אונדזער ביסל לאַגער־„באַלאַנדע". ס'איז שוין ביי מיר געווען אָנגעהאַקט אַ היפּשער באַרג האָלץ, ווען ס'איז אַרויסגעקומען מיין רופֿער (ווייזט אויס, דער הויפּט־קיכער אַליין). ער האָט געלויבט מיין אַרבעט, אַריינ־גערופֿן מיך אין קיך און באַפֿוילן זיין געהילף ער זאָל מיר געבן אָפּעסן. דער לעצטער, ווייזט אויס. אַ בלאַטער יונג פֿון דער אונטערוועלט, האָט גענומען מיין קעסעלע, בייז אַ קוק געגעבן אויף מיר, צוגעגאַנגען צום גרויסן קאָכענדיקן קעסל און זיך געווענדעט צום שעף־קוכער:

— דיאַדיאַ זשאַראַ! — דערלאַנגען אים דאָס געדיכטע פֿון אויבן און דאָס פֿעטע פֿון אונטן?

— אַן חכמות! — האָט באַפֿוילן מיין אַרויסרופֿער — גיב אים אָפּ־עסן ווי עס דאַרף צו זיין און גיב אים מיט אויך מיט זיך, דו זעסט דען

נישט נויפל האַלץ ער האָט אָנגעהאַקט ?... און מע האָט מיר אָנגעגאָסן אַ פּול קעסעלע מיט „באַלאַנדע". אויך מיין נייער באַקאַנטער האָט באַקומען אַ פּולע שיסל. מיר האָבן זיך געזעצט אין דרויסן אויפן האָלץ און זיך מחיה געווען, שטילנדיק דעם הונגער מיט דעם כשר־פאַרדינטן געדיכטן זופּ.

איך האָב געהאַט דאָס געפיל אַז פאַר מיין נייעם חבר קען מען זיך אפשר אויסריידן דאָס האַרץ. און ס'איז נישטאָ וואָס מורא צו האָבן. ער האָט מיר איבערגעגעבן אַז אין די נאָענטסטע טעג שטייט פאַר אַ גרויסער עטאַפּ, אָבער קיינער ווייסט נישט וווּהין מען וועט שיקן, און אַז ער וואָלט געוועןצופרידן, ווען מיר וואָלטן ביידע אַריינגעפאַלן אין איין לאַגער.

איך בין אויך געוווּיר געוואָרן, אַז דאָ אין דער אַרומיקער געגנט פון דעם „סיבלאַג" זענען פאַראַן אויך לאַנדווירטשאַפטלעכע לאַגערן, וווּ איך וואָלט געקענט אויסגענוצט ווערן אַלס פאַכמאַן מער ראַציאָנעל, סיי פאַר דער מלוכה און, פאַרשטייט זיך, פאַר מיר אויך (ווי איך האָב געשריבן אין מיין ביטע צום „גולאַג" און איבערגעגעבן דורך דער פרוי קאַרטשמאַריק). צו מיין גרויסן אומגליק האָט דאָס נאָר געקענט זיין אַ שיינער חלום. מיין באַשולדיקונג מיט דער פאַרמולירונג „ק. ר. ד." (קאָנטרעוואָלוציאָנערע טעטיקייט) האָט מיר פאַרוווערט צו אַרבעטן אַלס פאַכמאַן. ווי ס'האָט מיר אין אָנפאַנג דערקלערט דער נאַטשאַלניק פון „לייבושאַ"־לאַגער, „אַז נאָר מיט בלוט און שווייס קענסטו אויסקויפן דיינע זינד, אויב דו ביסט געגאַנגען אויפן וועג פון קאָנטררעוואָלוציאָנערער טעטיקייט".

אַט, ביזן עטאַפּ האָט מען יעדן טאָג אונדז אויסגענוצט ביי פאַרשידענע אַרבעטן. אין פאַרגלייך מיט לייבושאַ־לאַגער האָב איך זיך געפילט גליקלעך. דאָ האָב איך נישט געזען דאָס שרעקלעכע, וואָס ס'איז אויסגעקומען צו זען דאָרט.

יעדן טאָג האָב איך זיך באַגעגנט מיט מיין נייעם באַקאַנטן פּאַלאַוואַו און נאָך אייניקע, מיט וועלכע מיר האָבן זיך דאָ באַקענט. אין אַ פּאָר טעג אַרום האָט שוין וואַסילי דמיטריעוויטש איבערגעטראָגן זיינע קליי־מעקלעך נענטער צו מיר אויף דער אויבערשטער נאַרע. ווען מען קומט פון קיך צו אים ער זאָל גיין האַקן האָלץ, פלעגט ער בעטן אַז אויך מיך זאָל מען רופן, און דאָס טאַקע האָט אַ ביסל געשטילט מיין הונגער, וואָס האָט מיך די גאַנצע צייט פאַרפאָלגט.

צייטווייליקע, וועמען מע האָט נישט געפירט אויף „שטענדיקער" אַרבעט, האָבן מער ווי 500 גראַם ברויט נישט באַקומען. די פּייקע ברויט ווערט מאָמענטאַל אויפגעגעסן און די זופּן זענען נישט גענוג זעטיקנדיקע

אויף שטילן דעם הונגער, וואָס מאַטערט כּסדר, אויסער די טעג, ווען סע קומט אויס האַקן האָלץ פאַר דער קיך. אָבער נישט יעדן טאָג איז באַשערט אַזאַ גליק.

מיר האָבן געוווסט אַז דאָ זענען מיר צייטווייליק ביזן ערשטן עטאַפּ, אין אַן אַנדער לאַגער. מיר האָבן זיך אַליין נישט געאיילט. דער טערמין פון „זיצן" גייט דאָך דערווייל און איך וועל נאָך באַוויזן „אָפּזיצן" מיינע פאַרבליבענע 8 יאָר. פאַר דער צייט וועט נאָך אויסקומען זיין אין פיל ערטער. איך קען די גאַנצע צייט נישט פאַרשטיין צי איז מיין גליק טאַקע אַ דאַנק דער האַרציקער פרוי קאַרטשמאַריק, וואָס איך בין דער ערשטער אַרויס פונעם קאַשמאַר־לאַגער, ווי דער טויט איז געווען אומפאַרמיידלעך אין די נאָענטסטע וואָכן, אָדער מאַקסימום — חדשים?

איך האָב זיך דערמאָנט, אַז דער וואָס וועט זוכה זיין, דורך די זעלבע סטעזשקעס און וואַלד־וועגן גיין צוריק — דער וועט בלייבן לעבן. מיר האָבן שוין דעמאָלט געשפּירט און דאָס פאַרגעפיל האָט אונטערגעזאָגט, אַז דאָס איז אונדזער לעצטער וועג.

דאָס שווערע לאַגער־לעבן אין „לייבושאַ" מיט די, אַן אַ שיער טויטע, וועלכע מען האָט יעדן טאָג דורכגעפירט צו „קבורה" פאַר יעדן אין די אויגן, האָט נאָך מער באַשטעטיקט דאָס געזאָגטע. איך געדענק זייער גוט די חשבונות, וועלכע מיר האָבן געמאַכט אין דער שטיל אויף די נאַרעס צוזאַמען מיט קאַלעסניקאָוון, נעיקאַ, כאַלופּטשאַק, ראַגאָוון און אַנדערע. ציילנדיק די צאָל לאַגערניקעס, וועלכע שטאַרבן טעגלעך, גלייך נאָך עט־לעכע טעג קראַנק זיין אויף דעזינטעריע, און דערמאָנענדיק די אומשטענדן ביי וועלכע מיר האָבן זיך געפונען, זענען מיר געקומען צום אויספיר — אַז אויב אַלע וועלן פריִער אויסשטאַרבן און מיר וועלן בלייבן אַפילו די לעצטע, בלייבט אונדז לעבן נישט מער ווי אַ 2—3 חדשים.

סע גלויבט זיך נישט, אַז איך בין דער ערשטער אַרויס פון דאָרטן, און איך געפין זיך שוין מער נישט אין דעם וואַלד פון וויטן צפון. איך הער דאָ ווי סע פייפן די לאָקאָמאָטיוון פון די פאַרביילויפנדיקע צוגן (נישט ווייט פון אונדז) און ס'הילכט פאַר מיר אָפּ ווי שיינע מוזיק...

יעדן טאָג זע איך ווי ס'קומען דאָ אָן בריוו פאַר לאַגערניקעס און אויך פּעקלעך פון זייערע היימען. אין די „לייבושאַ" האָב איך דאָס כמעט ווי נישט געזען. אויב דאָרט איז שוין יאָ אָנגעקומען אַ מאָל אַ פּעקל פאַר עמעצן, זענען זיי שוין אויפן וועג געווען אויסגעליידיקט פון די אונטער־וועלטניקעס.

דאָס האַרץ ווייטיקט פאַר מיינע געטרייע פריינד, וואָס זענען דאָרט פאַרבליבן אויף אומקום.

וואָס פאַר אַן ענדערונג איז פאָרגעקומען דאָרט פאַר די 2 חדשים? צי לעבן זיי נאָך אַלע? אָן ספק זענען אַלע גוטע פריינד מיינע צופרידן געווען מיט מיין פלוצעמדיקן אָפּפאָר. זיי פאַרשטייען אַז דער פאַקט אַליין, וואָס איך בין פון דאָרט אַוועק — הייסט שוין אַ צייטווייליקע רעטונג, נישט קוקנדיק דערויף, וואָס איך דאַרף נאָך אָפּזיין גאַנצע 8 יאָר. עפּעס אַ געפיל פון שולדיקייט כאַפּט מיך אַרום פון דעם, וואָס איך טייל נישט צוזאַמען מיט זיי דעם ביטערן גורל. איך בין זיכער אַז מיין אַלטיטשקער און באַליבטער וואָלף יאַקאָוולעוויטיש איז שוין אַוועק אין דער אייביקייט. אפשר האָט מיין אָפּפאָר פאַרגיכערט זיין סוף?

בעת אונדזער געזעגענען זיך מיט 2 חדשים צוריק אין באַראַק־שפּיטאָל איז ער, דאַכט זיך, שוין נישט מסוגל געווען פאַרשטיין, וואָס סע קומט פאָר. און אפשר האָט ער יאָ פאַרשטאַנען, ווייל זיינע אויגן האָבן זיך אָנגעפילט מיט טרערן? פאַר וועלכע זינד קומט אים אַזאַ יסורימדיק לעבן ערגעץ אין די הרי חושך? ווער וועט צוזוויסן געבן זיין פּרוי, דער קינדער־דאָקטערין, וואָס האָט געוווינט אויף קרילאָוו־גאַס נומער 10 אין שטאָט וויטעבסק, וועגן זיין פּטירה? געוויס האָט אונדזער רעטער, שניידערל ווייסמאַן פון צורופינסק אים ווייטער אונטערגעהאַלטן מיט איבערבליי־בעכצן פון דער פרייער קיך. ער האָט דאָך דאָס מיר פאַרזיכערט. פאַר וועמען וועט איצטער נעיקאַ אויסגיסן זיין אָנגעווייטיקט האַרץ? ווער וועט אים אָפּהאַלטן פון זעלבסטמאָרד? און אפשר האָט ער זיך שוין אויפגעהאַנגען אויפן בוים, ווי ער האָט דאָס כסדר געוואָלט טאָן, און איך האָב אים אָפּגעהאַלטן? וואָס טוט איצטער מיין קאָלעסניקאָוו, וועלכער האָט ליב געהאַט יעדן אָוונט זיך טיילן מיט מיר אין דער שטיל און באַ־האַנדלען פאַרשידענע אָנגעווייטיקטע פראַגן? די אָנשטענדיקייט האָט קיין ערגעץ נישט געהאַט, פון אַט דעם פשוטן מענטשן אַן אָפּשטאַמיקער פון אַ דאָרף. אויך דעם האַרציקן ראַגאָוון האָבן מיר אַלע ליב געהאַט.

פאַר מיינע אויגן שוועבט דאָס געשטאַלט פון געוועזענעם מיטאַרבעטער פעטרושקאַ פון דער יידישער צייטונג „שטערן״, שטענדיק אַן אויסגעמאַ־טערטער און הונגעריקער. ווי מיד ער זאָל נישט זיין פון זיין אַרומ־בלאָנדזשען ווי אַ „דאָכאָדיאַגע״ — פלעגט ער יעדן אָוונט אַריינקומען אין אונדזער באַראַק הערן עפּעס אַ טרייסט־וואָרט. שווער צו פאַרגעסן דעם פאַרשטאַרבענעם סובאָטניק מיכאַיל קאָלינאָוויטש, וועלכן זיי האָבן מיט זייער איזדיעקעווען זיך איבער אים יעדן שבת, אויך דערפירט צום טויט. אַן אמתער אַסירי ציון, כאָטש ער איז קיין ייד נישט געווען. מען האָט אים גערופן „דיאַדיאַ מישאַ״. אַזאַ ליכטיקן מענטש איז שווער צו פאַר־

געסן. ער האָט געהאַט אַ סך סימפּאַטיקער. איבערהויפּט איז ער געווען באַליבט ביי יידן.

צי איז נאָך סאַיד־כאַן שאַדמאַנאָוו בריגאַדיר פון דער אָפּגעשוואַכטער אוזבעקישער בריגאַדע, אין וועלכער איך און קאַרטשמאַריק האָבן זיך גע־פונען? וויפל זענען שוין פאַר דער צייט אויסגעשטאָרבן פון דער ברי־גאַדע? אויב די פרוי קאַרטשמאַריק האָט אויסגעפילט איר צוזאָג — וועט עס אויך זיין פאַר סאַיד־כאַן אַ גליק. איך פאַרקריץ אַלץ אין מיין זכרון, כדי איך זאָל נישט דורכלאָזן קיין מינדסטן פּרט. אפשר וועט זיך נאָך פאַרט איינגעבן דערציילן וועגן דעם איבערגעלעבטן אין די לאַגערן וואָס זענען געווען פאַבריקן פון מאַסן־מאָרד אָרגאַניזירטע פון סטאַלין־יעזשאָוו און זייער רשעים־קליקע.

איך וויל גלויבן אַז ווען סאַיד־כאַן זאָל וויסן ווי איך בין איצטער און ווי גליקלעך איך פיל זיך — וואָלט ער, ווי אַנדערע לאַגער־פריינד, געווען זייער און זייער צופרידן. אוודאי וואָלט איך געוואָלט ער זאָל וועגן דעם וויסן. ער וואָלט זיכער געמאַכט דעם אויספיר, אַז דאָס איז אַ דאַנק דער פרוי קאַרטשמאַריק, וואָס האָט ערלעך אויסגעפירט איר היי־ליקן צוזאָג. דאָ האָב איך די מעגלעכקייט שרייבן צו אים, אָבער ער וועט מיין בריוו נישט באַקומען, ווייל איך קען דאָך נישט שרייבן דורך דער פרייער פּאָסט (ווען מען שרייבט פון לאַגער אין לאַגער, גייען די בריוו דורך אַ צווייענדיקע צענזור) און חוץ דעם, איז דאָך אין „לייבושאַ" נישטאָ אַזאַ מין „פרייהייט" ווי דאָ. די שטימונג איז ביי מיר געהויבן. איך שמועס אַלץ אָפטער מיט מיין נייעם פריינד וואַסילי פּאַלאָוואָוו, וועלכער ווייזט אַרויס פיל פאַרשטיין אין די ענינים, און ווייסט ווי אַזוי ריכטיק אָפּשאַצן יעדער דערשיינונג.

דאָ טאַקע, אין „מאַר־ראַספּרעד" האָב איך באַקומען די מעגלעכקייט אַ ביסל באַנייען מיינע פאַרצייכענונגען צוגעגרייטע פאַר די שפּעטערדיקע זכרונות און טאַקע דערגענצן די, וואָס מ'האָט שוין נישט איין מאָל צו־גענומען בעת די רעוויזיעס. די לעצטע פּילצאַליקע נאָטיצן, געשריבן אין יידיש, כדי זיי זאָלן נישט זיין פאַרשטענדלעך „פאַר זיי", צוזאַמען מיט פאָטאָגראַפיעס פון מיינע קינדערלעך און משפחה — האָבן צעפליקט און צעפּיצלט מיט אַ וואָך צוריק די רוצחישע קאָנוואָירן,ביים איבערנעמען אונדזער עטאַפּ אין דער סווערדלאָווסקער תפיסה. ס'האָט נישט געהאָלפן קיין בעטן און טרערן. די האַלטונג פון זיי צו אונדז איז געווען רשעותדיק אָן אַ מאָס.

יעדן טאָג האָבן מיר געוואָרט מע זאָל אונדז אָפּשיקן מיטן עטאַפּ אין איינעם פון די פּילצאַליקע לאַגערן פון „סיבלאַג" (הויפּט־פאַרוואַלטונג

פון אַלע לאַגערן אין סיביר), ווי די אָנפירונג האָט זיך טאַקע געפונען בשכנות מיט אונדז.

ווי ס'האָט זיך שפּעטער טאַקע אַרויסגעוויזן, איז דאָס צונעמען מיך פון „לייבושאַ"־לאַגער („קאַרגאָפּאָל־לאַג") קיין „סיב־לאַג" — געווען אַ רעזולטאַט פון אַרויסגעבן אַ פאַראָרדענונג דורכן „גולאַג" (אַ גאַריאַד) מע זאָל מיך אַלס זאַאָטעכניקער, איבערשיקן אין ראַיאָן פון לאַנדווירטשאַפטלעכע לאַגערן. אָבער דאָ, אויפן אָרט, האָבן זיי זיך אָנגעשטויסן אויפן פּסק, לויט וועלכן איך האָב נישט געהאַט קיין רעכט צו אַרבעטן אין מיין פאַך.

זייענדיק דאָ אין מאַרינסקער „ראַספּרעד" (אַזוי האָט געהייסן אונדזער לאַגער) האָב איך נאָך געטראַכט וועגן אַ מעגלעכקייט פון אַרבעטן אין איינעם פון די אויבנאָנגעוויזענע לאַנדווירטשאַפטלעכע לאַגערן, כאָטש איך האָב פאַרשטאַנען, אַז אַלע טירן זענען דאָ פאַר מיר פאַרמאַכט. דאָך בין איך אַריין אין „או. ר. ב." (אָפּטיילונגס־ביוראָ אין לאַגער, וואָס פאַרנעמט זיך מיט די עניינים פון לאַגערניקעס) און דערמאָנט וועגן מיין פאַך, ווי איך האָב געאַרבעט אויף דער פריי, און אַז איך וואָלט אין אַזאַ לאַגער געווען פיל פּראָדוקטיווער ווי אויף יעדער אַנדער אַרבעט — האָט דער נאַטשאַלניק פון ביוראָ אויף מיר אויסגעגלאָצט אַ פּאָר גאַזלאָוויסקע אויגן און אַ פרעג געטאָן:

— מער ווילסטו גאָרנישט? אפשר ווילסטו אויך אויף דער פריי?

ס'איז מיר פאַרבליבן נאָר אָנטשולדיקן זיך פאַר מיין „חוצפהדיקן" דערמאָנען אַזאַ זאַך. איך האָב זיך אפשר אויך גערעכט אויף אַזאַ „קבלת פנים" איידער כ'בין אַריין אין ביוראָ, אָבער אין אַ קלענערן „פאַרנעם". איך האָב עס געטאָן, כדי סע זאָל זיך מיר נישט דאַכטן קיין פוסטע חלומות.

12 טעג האָב איך זיך געפונען אין „מאַר־ראַספּרעד"־לאַגער. עטלעכע פון די טעג געהאַקט האָלץ פאַר דער קיך צוזאַמען מיט מיין וואַסילי פאַלאָוואָו. געווען זאַט. חוץ, וואָס מיר האָבן זיך דאָרט אָנגעגעסן — האָט מען נאָך מיטגעגעבן „אַהיים". איך בין טאַקע אַ דאַנק דעם, אַ ביסל צו זיך געקומען נאָך דער 2 חדשימדיקער אויסמאַטערנדיקער „רייזע" מיטן עטאַפּ. דאָ האָב איך אויסגענוצט די געלעגנהייט פון שרייבן מער בריוו אַהיים (כאָטש אַ טייל לאַגערניקעס האָבן געזאָגט אַז ווינטער הייצט מען די אויוונס מיט די ביטעס). דאָ טאַקע האָב איך באַנייט פיל פון מיינע פאַרניכטעטע פאַרצייכענונגען און געמאַכט נייע. דאָ איז נישט פאַרבאָטן געווען שרייבן. דאָ, ווי אומעטום, איז שטרענג געווען אָפּשיקן בריוו אויסער דער לאַגער־פּאָסט. מיר האָבן שטענדיק געוווּסט אַז יעדער

בריוו אין לאַגער ווערן שטרענג צענזורירט דורך דער „דריטער טייל״ און „איבעריקע ווערטער״ קענען גורם זיין די בריוו זאָלן נישט אָפּגע־שיקט ווערן.

די „דריטע טייל״ אין לאַגער איז שטענדיק ווי אַ „בלאָטער אויף דער מכה״. דאָ האָט מען אייניקע שעה אין טאָג געהערט ראַדיאָ. אמת, נאָר די אינערלעכע, ווי מ׳האָט דאָס ביי אונדז אָנגערופן „מען גיט ביינער אויסגעסמאָטשקעטע פונעם מאַרך״. מע האָט זיך אויסגעלערנט דאָס אויך פאַרשטיין און מאַכן די געהעריקע אויספירן. פאַר מיר פּערזענלעך איז אויך די ראַדיאָ געווען אַ באַזונדערע פרייד, ווייל פאַר דער גאַנצער צייט זינט מיין אַרעסט, האָב איך נאָר דאָ דערהערט צום ערשטן מאָל ראַדיאָ.

די צוועלף טעג האָבן מיך דערנענטערט מיט נאָך פיל, זייער אינ־טערעסאַנטע מענטשן פון פאַרשידענע קרייזן און פּראָפעסיעס, ווי — קאָ־סאַנאָווסקי איוואַן פון ליבוּאַשאָווקע (אָדעסער קרייז), לונגאַ יוסף — אַ קלוגער פויער און געשמאַקער מיטשמועסער. אין יאָר 1931, אין צייט פון דער קאָלעקטיוויזאַציע, האָט מען אים פאַרמשפּט אין אוקראַינע אויף 5 יאָר תפיסה. נאָכן באַפרייען זיך פון דאָרט, האָט מען אים פאַרשיקט אין מאָלאָטאָווער געגנט און איצטער האָט מען אים ווידער אַרעסטירט און אונטעראויגיק אים „מכבד״ געווען מיט נאָך אַ צענערל. זענוכין פעדאָר פון רובשצאָוועק (אַלטייער געגנט) אַ פּיזיש געזונטער פויער, וועלכער האָט שפּעטער מיר פיל געהאָלפן (ממשותדיק) אויספילן די שווערע נאָר־מעס ביי בוי־אַרבעט. אויך שטשערבאַקאָוו פּראָל (פון מאָלאָטאָווער געגנט) אַ פויער מיט זיין שיינער באָרד און ידישן אויסזען ,וואָס האָט כסדר מיר דערמאָנט מיין שיינעם זיידן ר׳ מאיר זאָרעך. אויך ער איז געווען פּיזיש אַ געזונטער און מיר שפּעטער געהאָלפן אויספילן מיינע נאָרמעס.

שווער אויך צו הערן די דערציילונגען פון אַלטייער פויער קאַלינין פעדאָר, וועמען די מערדערישע אויספאָרשער האָבן אַ לאַנגע צייט גע־מאַטערט פאַרן אָפּזאָג אונטערצושרייבן די אויסגעטראַכטע בילבולים. אַט די אויסגערעכנטע עטלעכע מענטשן, און נאָך אַנדערע, זענען שפּעטער געוואָרן מיינע געטרייעסטע און איבערגעגעבענע פריינד און טאָקע אויך מיר אַרויסגעהאָלפן אין פאַרשידענע קריטישע מאָמענטן, ווען זיי האָבן געזען ווי שווער מיר איז געווען ביי דער אַרבעט.

איך וואָלט מיך געפילט שולדיק, ווען איך וואָלט פאַרגעסן די אינ־טערעסאַנטע פּערזענלעכקייט פונעם גלח וואָזנעסענסקי מיכאַיל פּעטראָ־וויטש, אַ טשוואַש לויט דער נאַציאָנאַליטעט, מיט וועלכן איך בין שפּע־טער געוואָרן זייער און זייער נאָענט. מען האָט אים גערופן „פּאָטער

מיכאיל״ (מיר וועלן זיך נאָך מיט אים באַגעגענען ווייטער). יעדער פון די באַקאַנטע האָט דערציילט וועגן זיך און די אומשטענדן, וואָס האָבן אים געבראַכט אַהער. דאָס אַלץ וואָלט געקענט דינען ווי אַ רייכער מאַטעריאַל אויף באַרייכערן יענעם גרויזאַמען צייט־אָפּשניט.

כמעט אַלע זענען זיי געפּייניקט געוואָרן מיט די ראַפינירטסטע מעטאָדן פון יענער צייט און אויך פון די אַלטע אינקוויזיטאָרישע צייטן. צ. ב. ש. — אין נאָוואָראָסיסקער נקוד האָט מען אַנגעטאָן קייטלען אויף די הענט און דורכגעלאָזט עלעקטרישן שטראָם. אין באַרנאַול (אַלטיי) האָט מען אַרויסגעשטעלט נאַקעטערהייט אויפן פראָסט און אויך אונטערגעהאַנגען פאַר די פיס. דאָס האָט געטראָפן אין דניעפּראָפּעטראָווסק אויך מיט מיין פריינד גוראַרי (אין קאַפּיטל „פון קאַמער אין קאַמער״). אויך אין דער שטאָט ביסק (אַלטיי) האָט מען אַרויסגעשטעלט נאַקעט אויפן פראָסט, ווי דאָס האָט אויך געטראָפן מיטן איטאַליענישן קאָמוניסט און פּאָליטעמיגראַנט נעיקאָ טעאָדער אין כערסאָנער נקוד (מסתמא האָבן אַלע אויספאָרשער געלערנט פון איין פּראָגראַם, דורכגייענדיק דעם קורס). אין קריוואָי־ראָגער נקוד (דניעפּראָפּעטראָווסקער געגנט) האָט מען אַ טייל געפאָרשטע אַריינגעלייגט אין אַ „טרומנע״, פאַרמאַכט און „באַפוילן״ אָפּפירן אויפן צווינטער. צי נאָר דאָס אַנגעוויזענע? ווער קען עס אַלץ געדענקען? אַלץ איז געטאָן געוואָרן, כדי צו צווינגען זיך אונטערצושרייבן אונטער די „פּראָטאָקאָלן״ וועגן כלומרשט־באַגאַנגענע פאַרברעכנס.

זיי האָבן אויך דערציילט וועגן אַ גרעסערער צאָל זעלבסטמאָרדן צווישן די אַרעסטאַנטן אין דער צייט פון די אויספאָרשונגען. דאָס איז אויך געשען אין דער צייט פון מיין אויספאָרשונגס־פּעריאָד.

אין אַ גרויסער צאָל פאַלן איז די „עשקנות״ פון די געפאָרשטע געבראָכן געוואָרן אַ דאַנק די אָרגאַניזירטע „אָטשנע סטאַווקעס״ ווען אונטערגעשטעלטע ספּעציעלע מענטשן האָבן אָפּגעגעבן „עדות־דערקלערונגען״ און „באַשטעטיקט״ די „באַגאַנגענע״ פאַרברעכנס. ס׳פלעגט זיך אָפט טרעפן אַז די געפאָרשטע האָבן בכלל נישט געקענט די „עדות״ און זיי דאָס ערשטע מאָל געזען בשעת דער באַגעגעניש. די אורטיילן זענען אין אַזעלכע פאַלן אַרויסגעטראָגן געוואָרן, שטיצנדיק זיך טאַקע אויף די דאָזיקע „עדות־דערקלערונגען״.

לײדער איז ענדלעך געקומען די צייט און כ׳האָב זיך געמוזט שיידן מיט מיין „גן עדן״ אין מאַרינסקער איבערגאַנגס־לאַגער...

בערך 120 אַרעסטירטע האָט מען אָפּגעקליבן, אַריינגעטריבן אין 3 וואַגאָנען פאַר אַרעסטאַנטן („טעפּלושקעס״) און „היידאַ״ אין אַ לאַגער.

ווּ אַרבעט וואָרט אויף אונדז. דאָ גיט מען נישט קיין עסן אומזיסט. וואָס שייך אַרבעטען אומזיסט? — דאָס איז שוין אַן אַנדער פּראַגע. אַזעלכעס איז אונדז נישט דערלויבט באַהאַנדלען.

וווהין פאָרט מען? איך האָב זיך געפּרייט, וואָס כמעט אַלע, מיט וועמען איך האָב זיך דאָ באַקענט, זענען אַריין אין דער רשימה פונעם עטאַפּ, און בתוכם מיין ניי־באַליבטער וואַסילי פּאַלאַוואַוו. ס'איז געווען צו זען אַז דאָס איז אַ נישט ווייטער עטאַפּ און דאַך האָט מען געפּרוווט „טרעפן" אין וועלכן לאַגער מיר פאָרן. נאָך מיין לעצטן באַזוך אין או.ר.ב. בין איך שוין זיכער געווען, אַז מיר פאָרן נישט אין קיין לאַנדווירטשאַפט־לעכן לאַגער.

נאָך אַנדערטהאַלבן מעת לעת פאָרן זענען מיר אַנגעקומען אין אַ לאַגער, נישט ווייט פון דער שטאָט קעמעראָוואָ.

(סוף פון דער ערשטער טייל)

# אינהאַלט


7 הקדמה
12 פערעביעשטשיקעס
18 מיין נסיעה
21 מיר גנבנען די גרענעץ
25 די ערשטע טריט אויף דער נייער ערד
28 ס׳הויבט זיך אָן מיט עטאַפּן
31 דער באַריסאָווער לאַגער
36 נאָך איין עטאַפּ צו דער „פרייהייט״
40 צום צווייטן מאָל אין שפּיטאָל
44 און ווידער...
48 אַזוי האָט זיך אָנגעהויבן אונדזער פריי לעבן
52 דער יידישער קלוב „3־טער אינטערנאַציאָנאַל״
55 סטאַסאָווא זאָגט אָן די וויסטע בשורה
58 ביי די טויערן פון גיהנום
דריי אַ זייגער נאָך האַלבער נאַכט
64 דאָס דורכגאַנגס־צימער „וואָקזאַל״
68 אונדזער טורמע־טראַנספּאָרט
75 דער טויט־קאָרידאָר
80 קאַמער נומער 51
83 די נאַכט ביים אויספאָרשער
86 דער „אינקובאַטאָר״
89 דער מאָסקווער גאַסט — ראַגינסקי
100 ווי אַזוי מ׳האָט פאַרפייניקט ליאָניע גענין
109 פאַר נישט אויספילן דעם פּלאַן
דער שכן פון דער 50־טער טויט־קאַמער
115 די טויט־קאַמער נומער 49
118 אַ ביטערער טעות
123 די געבענטשטע רער
126 דער בלוטיקער ספּעקטאַקל
132 ווי אַזוי כ׳האָב געציילט די שטערן אין הימל ?
139 איך זוך גערעכטיקייט
25 יאָר נאָכן „ציילן די שטערן״
146 אויף די שעפּן העלפן
151 די נייע באַשולדיקונג
160 מיין באַגעגעניש מיטן אויגן־דאָקטער

163 ווענן דער שלעגער־בריגאַדע
166 ניקאָליי טראָפּימאָוו
176 אַלעקסאַנדער געאָרגיעוויטש סאַכנאָווסקי
183 דער לעצטער פאַרהער
190 פון קאַמער צו קאַמער
199 דער ערשטער עטאַפּ
223 דער צווייטער עטאַפּ
236 אין „לייבושע"־לאַגער
אַרכאַנגעלסקער געגנט
249 מיר טרייבן געהילץ מיטן טייך
254 די „קאַטשקע" אין לאַגער
259 מאַאַס גוסטאַוו קאַרלאָוויטש
260 און וואָס ווייטער ?
261 דער „אומגליק־פאַל"
266 „אַטקאַזטשיקעס"
271 דער „בית הקברות"
274 אין שאַדמאַנאָווס בריגאַדע
285 מיט יאָרן שפּעטער...
288 אויס לייבושאַ, מען פירט מיך קיין סיביר